STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01077

PERZENLEKHKAYTN

Nahum Sokolow

Permanent preservation of this book was made possible
by Ari & Lin Kresch
in honor of
Ben & Mollie Kresch

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1123

נחום סאָקאָלאָוו

פערזענלעכקייטן

די הכנסה פון דעם בוך איז באשטימט פאַר דער

קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 30

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

NAHUM SOCOLOW

"PERZENLECHKAITN"

(PERSONALIDADES)

Traducción del hebreo:

MOISES SENDEREY

Impreso en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

Buenos Aires 1948.

נחום סאָקאָלאָוו

פּערזענלעכקייטן

איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך

משה שענדעריי

★

bsequio para Sta. Besy Pupko,
ara uso particular
i valor comercial.
B.A. 2.6.54

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

(מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון דער יידישער פאָלקס-באַנק)

בוענאָס איירעס 1948

אינהאלט:

פון דער רעדאקציע	7
פארוואָרט פון איבערזעצער	9
י. ל. פּרץ	17
דוד פרישמאַן	65
חיים זעליק סלאָנימסקי	87
חיים יחיאל בארנשטיין	114
ד"ר שמואל גאָלדפלאַם	164
ד"ר שלמה מינץ	184
ד"ר מיכאל פרידלענדער	188
ר' צבי הירש קאַלישער	201
יוסף כהן־צדק	212
אַנרי בערגסאָן	228
צוגאָב־קאַפּיטל וועגן י. ל. פּרץ	247
רעגיסטער פון נעמען	255
ביכער-רשימה	259
פּרעסע-שטימען	261

פון דער רעדאַקציע

ביכער פונקט ווי מענטשן האָבן זייערע גורלות. איינִיקע פאַר־שווינדן אין דער פאַרגעסנקייט, אַנדערע גייען אַריין אין דער אייביקייט און לעבן אין צייכן פון אומשטערבלעכקייט.

די וועלט־ליטעראַטור קען אָן אַ צאָל ביישפּילן וואָס באַשטעטיקן דעם דאָזיקן כּלל. עס איז דערביי גאָרנישט וויכטיק דער פּרט וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די ליטעראַטור טראָגט. צי איז עס פּאָעזיע, בעלעטריסטיק אָדער זכרונות. אָפטמאָל זענען זכרונות שטאַרקער און איבערצייגנדיקער ווי די פאַנטאַזיע פון דעם גרעסטן קינסטלער.

צום דאָזיקן מין אייביקער ליטעראַטור געהערן בלי־ספק די זכרונות פון נחום סאָקאָלאָוו וועגן באַרימטע, טייל אויך שוין פאַר־געסענע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס אַן אויסקלויב פון זיי דער־שיינט איצט צום ערשטן מאָל אין בוכפאָרעם אין דער יידישער שפּראַך, איבערגעזעצט פון דעם העברעאישן אָריגינאַל דורך משה שענדעריי.

דאָס בוך אַנטהאַלט די אַרבעטן פון נחום סאָקאָלאָוו וועגן שרייבער און עסקנים, וועלכע זענען געווען טעטיק אין פּויליש־יידישן לעבן אָדער האָבן געשטאַמט פון פּוילן און האָבן זייער טעטיקייט אַנטוויקלט אין אַנדערע לענדער און צווישן אַנדערע פעלקער.

יעדעס קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן בוך איז אַ שטיק געשיכטע פון דעם אַמאָליקן פּויליש־יידישן לעבן. עס איז אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וויסנשאַפט, קולטור, פּאָליטיק און פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער אין פּוילן. עס איז די געשיכטע פון יחידים, פון משפחות גאַנצע, פון אַ סביבה און פון באַוועגונגען.

די קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך זענען ממש אַן אוצר פאַר דער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום, דאָס זענען שילדערונגען פון אַ פאַרשווונדענער עפּאָכע, וואָס ווערט אויפגעלעבט פאַר אונדזערע אויגן אַ דאַנק דער מייסטערהאַפטער פעדער פון נחום סאָקאָלאָוו.

די רעדאַקציע פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" האַלט, אַז זי דערפילט אַ וויכטיקע אַרבעט דורכן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך אין דער יידישער שפּראַך. דאָס איז אַ פליכט לגבי דעם זכר פון די דערמאָנטע פּערזענלעכקייטן, לגבי דעם יידישן לעבן אין פּוילן און גלייכצייטיק אויך לגבי דעם מחבר גופא, דעם גרויסן יידישן מנהיג, דעם גייסטרייכן שרייבער און דענקער, דעם אומדערמידלעכן קעמפער פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, פאַר דער באַפרייאונג פון דער יידישער מדינה, איינעם פון די גרעסטע זין פון דעם פּוילישן יידנטום — נחום סאָקאָלאָוו, וועמענס לייסטונגען און וועמענס ווערק זענען, ליידער, לעצטנס פאַרשוויגן און פאַרגעסן געוואָרן.

בוענאָס־איירעס, סעפּטעמבער 1948.

נחום סאָקאָלאָוו

☆ ☆
☆

וואָלט אונז די השכלה נישט געגעבן מער ווי דעם איינעם נחום סאָקאָלאָוו, וואָלט זי שוין געהאַט באַרעכטיקט איר ראָל אין דער יידישער געשיכטע.

ווייל וואָס אייגנטלעך איז די השכלה? די ברייט און גוט פֿאַרשטאַנענע השכלה, נישט די „קולטור" פֿון „קירפּיטשניקאָווס" גראַמאַטיקע? עס איז אַ שטרעבונג צו סינטעז, צונויפֿצוגיסן אין איין גאַנצעס, תורה מיט חכמה. לאַנגע יאָרן האָט מען געדענקט, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע, אפֿילו קעגנגעזעצטע באַגריפֿן, די השכלה האָט זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז אין תוך זענען עס גאָר צוויי זייטן פֿון איינער און דער זעלבער מטבע.

דער עכטער משכיל האָט געשטרעבט צו השלמה, צו פֿולקאָמענקייט; איינזאַפּן אין זיך סיי דעם אינטואיטיוון אַרט באַנעמען פֿון מזרח, סיי דעם לאָגישן דענקען פֿון מערב; סיי שכלדיקייט, סיי אינטואיציע וואָס איז העכער פֿון שכל; סיי די ווייטגייענדיקסטע מערבדיקע אַנאַליטישקייט, וואָס וויל דערגרונטעווען צום סאַמע תוך פֿון זאַכן, און סיי די אינספּירירטע מזרחדיקע סינטעטישקייט, וואָס וויל דורך די געוואַגסטע אַנאַלאָגיעס אַרומנעמען אַלץ פֿאַראַמאָל און ברענגען אַלץ צו איין אויסגאַנגס פּונקט, צום יידישן אחד, איין און איינציקייט, וואָס איז נישט נאָר אַ טעאָלאָגישער, נאָר אויך אַ פֿילאָזאָפֿישער באַגריף.

אין דער נישט-יידישער וועלט איז אַן ענלעכע גייסטיקע באַוועגונג געווען דער הומאַניזם, ווען אפֿילו אין אַ פֿיל קלענערן פֿאַר־

נעם. דער הומאַניזם האָט געלערנט: „אַלץ, וואָס איז מענטשלעך, דאַרף מיר נישט זיין פרעמד". אין די ערשטע צייטן פון הומאַניזם איז העברעאיש און די אַנדערע יידישע שאַפונגען געגעבן געוואָרן כמעט די זעלבע אויפמערקזאַמקייט ווי די שאַפונגען אויף די אַנדערע צוויי קולטור־שפּראַכן פון אַלטערטום: גריכיש און לאַטיין. דאָס שותפות האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. העברעאיש איז פאַררוקט געוואָרן אין אַ ווינקל, אין טעאָלאָגישן ווינקל, אַלס בלויז אַ שפּראַך פון רעליגיע; די „גרויסע" וועלט האָט געדענקט, אַז אין אַנדערע פעלדער פון דענקען קאָן זי זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן יידישן ביישטייער. האָט דער עם קשה עורף געענטפערט אויף דעם מיט נאָך מער איינשליסן זיך אין זיינע אייגענע ד' אמות, און מיט נישט וועלן וויסן וואָס עס קומט פאָר אויסער די ווענט פון זיין גייסטיקן געטאָ. יידישקייט און מענטשלעכקייט זענען געוואָרן נישט נאָר צוויי באַזונדערע קולטורן, נאָר צוויי אָפּגעזונדערטע וועלטן.

די השכלה האָט געזוכט צו פאַרריכטן, וואָס דער הומאַניזם האָט קאַליע געמאַכט. אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, פון עכט יידישן צום ברייט מענטשלעכן, האָט זיך די השכלה געוואָלט דערשלאָגן צום אַלץ אַרומנעמענדיקן הומאַניזם אין דער האָפענונג, אַז ער וועט מוזן ברענגען צו אַ פולקאָמערער הומאַניטעט.

נחום סאָקאָלאָוו איז געווען די פולקאָמע פאַרקערפּערונג פון די דערגרייכונגס מעגלעכקייטן פון אָט דער שיטה.

געבוירן אין אַ קליין פויליש־יידיש שטעטל, אַ חדר־יינגל, אַ ישיבה־בחור, אַ בית־מדרש באַלעבעסל, אָנגעזאַפּט מיט ש"ס און פוסקים, מיט שכלדיקע רלבג"ס און רמבמ"ס און מיט מיסטיק פון זוהר און אנדערע קבלה ספרים, נעמט ער זיך לסוף אויך צו וועלטלעכע לימודים אין הסכם מיט דער גוטער יידישער עצה פון — עשה את זה וגם מזה אל תנח ידך — טו דאָס צווייטע, אָבער לאָז נישט אָפּ דאָס ערשטע. און איבערטרעטנדיק די שוועל אין דער גרויסער וועלט אַריין, רייסט ער נישט איבער מיטן בית מדרש, נאָר ער נעמט אים מיט זיך און אין זיך. גאָר גיך ווערט ער אויך גרויס און פילזייטיק אויפן פעלד פון אַלגעמיינעם וויסן און

פון דער מאָדערנער יידישער געלערזאמקייט: דקדוק און שפּראַכן, פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע, מאַטעמאַטיק און נאַטור-וויסנשאַפט, און אַליץ אַליין פון זיך, אָן לערערס: בלע"ז רופט מען עס „אויטאָדידאַקט", אויף אידיש ט ו ט מען עס אין אַ גרויסן מאסשטאַב, נישט וויסנדיק אפילו ווי מען רופט עס.

דער סך-הכל פון אַט דעם גאַנצן סכום וויסן גיט אַ מערקוויר־דיקן עקזעמפּלאַר פון ייד און מענטש: אַ דענקער און אַ טוער, אַ גלענצנדער זשורנאַליסט אויף פאַרשידענע אַלטע און נייע שפּראַכן, אַ שרייבער פון אַ גאַר ברייטער ערודיציע, אַ רעדאַקטאָר, אַ סאַ־לאָן-מענטש און, שפּעטער, אַ פּאָליטיקער, אַ דיפּלאָמאַט, אַ שטאַטס-מאַן.

און עכטע יידישקייט מיט ברייטצוגיקער אַלוועלטלעכקייט גייען ביי אים האַנט ביי האַנט. אַ מאמר וועגן אונזערן אַ היימישן ענין, פון וועלכן פרומע און אפּיקורסים לעקן גאָר די פינגער; אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ פּאָליטישן ענין וואָס קאָן גוט צוניץ קומען, נישט נאָר אונזערע היימישע „חכמי לעזשאנקע" נאָר טאַקע די סאַמע קאַרפּן-קעפּ פון דער וועלט פּאָליטיק; אַ ווערק איבער ברוך שפּינאָזאַ מיט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג, וואָס פילאָזאָפן פון באַרוף מעגן מקנא זיין, די ערשטע היסטאָריע פון ציוניזם אויף ענגליש, אַן אייגנאַרטיקע קולטור-געשיכטע דורך אַ גאַלעריע פון פּערזענלעכ־קייטן, יידיש-מענטשלעכע טיפּן, ווו אַלע גייען אריין אין חשבון: די אויטאָדידאַקטן ה. ז. סלאָנימסקי און ה. י. באַרנשטיין און דער אנערקענטער וועלט-פילאָזאָף אנרי בערגסאָן; די אַריסטאָקראַטן ראָטשילד, שטרוים ראַטענוי און די יידישע יידן י. ל. פּרץ און ד. פרישמאַן; די מזרח-יידן אחד העם און ביאַליק און די מערבדיקע הערצל און נאָרדאו,, דער פרומער קאַלישער און דער וועלטלעכער זאַנגוויל, אַלעמען באַגרייפט און פאַרשטייען נחום סאָקאָלאָוו, ביי אַלעמען איז ער „אין דער היים".

אַזוי די טעמאַטיק — אַזוי דער סטיל. אַ פּסוק, אַ מאמר חז"ל און אַ ציטאַט פון אַ גריכישן פילאָזאָף אָדער לאַטיינישן גדול; אַ רבנישער טערמין פון פוסקים און אַ סענטענץ פון אַ טען, פּאַסקאַל און זייערס גלייכן; אַ משכליש-לומדישער געדריידלטער זאַץ און

אַ פֿיין אַרומגעשליפֿענע עכט מאָדערנע פּראָזע. און אין אָט דעם גאַנצן מיש־מאַש איז דאָך פֿאַראַן אַן אייגנאַרטיקע גאַנצקייט, אַ האַרמאָנישקייט, וואָס האָט אַן אייגענעם חן און צויבער. עס איז דער עסענץ פֿון צוויי קולטורן, דער תּמצית פֿון צוויי וועלטן — די ייִדישע און נישט־ייִדישע — דערפֿירט צו זייער תּוכיקער אייניקייט דורך דער נישט־געוועהנלעכער, כּמעט געניאַלער באַגאַבטקייט פֿון אַ פֿילזייטיקן ייִדישן גייסט.

און עס טרעפֿט, אַז דער מחבר גופֿא ווערט מיטגעשלעפּט מיטן פֿלייצנדיקן שטראָם פֿון זיין גוואַלדיקער ערודיציע, ער פֿאַרקריכט דוכט זיך אין אַ זייט און רעדט ווי בדרך אגב וועגן זאַכן און מענטשן וואָס האָבן אין פֿלוג נישט קיין דירעקטע שייכות מיט דער באַהאַנדלטער טעמע. מען הויבט זיך אָן טרייסטן דערמיט, אַז אָט אָט וועט ער אַרויסקומען מיט דער באַקאַנטער התנצלות, אַז „נישט דאָס אייגנטלעך איז ער אויסן", לאָזט זיך אויס גאָר דער היפּך, ער איז טאַקע דאָס אויסן געווען, און דער אָפּנויג אין א זייט האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַרייכערן דאָס בילד, וואָס ער האָלט אין מאָלן מיט שטריכן און ליכטער, אָן וועלכע עס וואָלט פֿיל אָרימער געווען.

סאָקאָלאָווס סטיל איז אַ האַרבער לייענען פֿאַר די, וואָס ווילן זיך צו שטרענג האַלטן ביי די אַלגעמיין אָנגענומענע כּללים און זוכן סימעטריע אינערהאַלב פֿעסט באַשטימטע ליניעס. וועלן איינשפּאַרן סאָקאָלאָוון אין באַגרענעצטן סדום־בעטל פֿון אָנגענומענע געזעצן און נאָרמען, וואָס זענען הייליק פֿאַר בעלי־מלאכות, אָבער נישט פֿאַר קיין אמתע קינסטלער, איז ווי פּרווון אַריינצוברענגען רעגלמעסיקייט און צירקול־אָרדענונג אין די מאַיעסטעטישע וועלדער, וואָס שטייען פֿון ששת ימי בראשית. אוודאי זענען זיי נישט אַזוי סימעטריש, אַזוי רעגלמעסיק ווי אַ שפּאַציר־גאָרטן אין אַ גרויסער שטאָט, אָדער אַן אָפּגעהיטער פּאַרק פֿון אַ רייכן לאָרד, אָבער דערפֿאַר פֿאַרמאָגן זיי אור־כּחות, אייגנאַרטיקייט און אומפֿאַרגלייכלעכע מאַיעסטעטישקייט, וואָס די ערשטע קאָן זיך אפֿילו ניט חלומען.

די אַלזייטיקע ייִדישע מענטשלעכקייט פֿון נחום סאָקאָלאָוו,

האָט אים פריער אָדער שפּעטער געמוזט ברענגען צום ציוניזם, אַ באַוועגונג צו וועלכער ער האָט זיך לכתחילה באַצויגן ווי אַ באַאָ־באַכטער, ווי אַ בכבודיקער מיטגליד פון דער זשורנאַליסטן טריבו־נע אויף די קאָנגרעסן. אָבער איינמאָל געקומען צום ציוניזם, פאַר־נעמט ער דאָרט גלייך אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע און לסוף גיט ער זיך אָפּ צו דער באַפרייאונגס באַוועגונג מיט לייב און לעבן, מיט אַלע זיינע כחות און טאַלאַנטן, מיטן גאַנצן ברען פון אַ יידישן ייד, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרנעמען וועלט־מענטש: אוי־סערלעך אַ קאַלטבלוטיקער דיפּלאָמאַט, אינערלעך אַ פלאַם־פייער־דיקער חסיד פון זיין אידעאַל.

סאָקאָלאָוו איז איינער פון די יורשים פון טעאָדאָר הערצל און חיים וויצמאַנס שותף אין אַרויסקריגן די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע און איר אנערקענונג מצד די פינף און פופציק מיטגלידער פון פעלקער־בונד. עס הייבט זיך פאַר אים אָן אַן ארומרייזן איבער אַ וועלט, אָנשפּאַרן צו די גרעסערע און קלענערע מאַכט־האָבער, צו קעניגן און פּרעזידענטן, צום פויפּסט; האָבן פאַר יעדן איינעם דאָס פּאַסיקע וואָרט, דעם פּאַרטיקן אַרגומענט, אין דעם תהו ובהו נאָכן ערשטן וועלט־קריג ווירקן מיט אַזעלכע איידעלע געצייג ווי אידעאַל און איבערצייגונג. דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס נאָר די אויסדערוויילטע, יחידי סגולה קאָנען זיך מיט איר ספּראַווען, סאָ־קאָלאָוו איז געווען אַזאַ איינער.

מיטן מאַנדאַט באַקומט דער ציוניזם אַ האַלב אָנערקענטע פּאָ־ליטישע פּאָזיציע, דער „שטאַט אונטער וועגס" דאַרף האָבן אַן אוי־סערן מיניסטער און נחום סאָקאָלאָוו איז דער מער צוגעפּאַסטער פאַר אַזאַ אויפגאַבע. ער קאָן נאָך נישט רעדן שטיצנדיק זיך אויפן כוח פון די, וואָס ער שטעלט פאָר, אָבער ער האָט גענוג יחוס עצמו, ערודיציע, פּרעסטיזש, באַנעמונג און מאַנירן, אַן עכט שטאַטמע־נישן צוגאַנג און קוק וואָס אימפּאָנירן. נישט איין אויסערן מיניס־טער נוצט אוים אַן אודיענץ, געגעבן צו סאָקאָלאָוון אויף זיך צו באַראַטן מיט אים וועגן ענינים פון זיין אייגענער מלוכה און נישט איין מיניסטער פון די נייע אנטשטאַנענע לענדער זוכט צו לערנען

פון זיין דערפאַרונג און קענטעניש. סאָקאָלאָוו איז געווען אַן אויסערן מיניסטער, אויף וועלכן מען האָט יידן מקנא געווען.

און „בין קונה לקונה״, צווישן איין דיפּלאָמאַטישער מיסיע און דער צווייטער, נישט אַוועקגעלייגט דעם טיטל פון אַ בן תורה וואָס קאָן נישט זיין קיין „פּאַרענדיקטער״, ווייל תורה האָט דאָך קיין ברעג נישט, איז ווי זשע קאָן מען פאַרענדיקן לערנען? אַליין געלערנט, אַנדערע געלערנט און געשריבן איבער אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום גייסטיקן לעבן פון ייד און מענטש. אַ משכיל אין העכסטן זין פון וואָרט.

אין די שווערע צייטן נאָכן פאַספילד ווייס-בוך האָט סאָקאָלאָוו אויף אַ צייט איבערגענומען די פּרעזידענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און יידישער אַגענץ. ברייט האָט זיך נאָכן ערשטן פאַררעאַט פון אַ לאַבאָריסטישער רעגירונג געעפנט דער תהום צווישן יידן און דער מאַנדאַטן-מאַכט, עס איז געווען אַן אָנזאָג פון דער גרויזאַמקייט, וואָס אַ צווייטע לאַבאָריסטישע רעגירונג וועט שפּעטער באַגיין קעגן דעם יידישן אויפבוי-ווערק אין ארץ ישראל; מען האָט געדאַרפט האָבן אויסערגעוויינלעכע געשיקטקייט אויף צו פירן די ציוניסטישע שיף איבער די אויפגעבראַזטע וואַסערן פון גרויסן פּאָליטישן ים. סאָקאָלאָוו האָט זיך אַן עצה געגעבן מיט זיין אויפגאַבע, אַפילו אין די אינערלעכע שטרייטיקייטן האָט ער געפונען אַ וועג צו לאַווירן, צו שווימען קעגן שטראָם, ווען אַלע מיינען, אַז ער ווערט מיטגעשלעפּט פון אים.

אין זיין בוך וועגן ברוך שפּינאָזא זאָגט סאָקאָלאָוו, אַז די אַמסטערדאַמער רבנים קומט אין אַ געוויסן זין אַ דאַנק, וואָס זיי האָבן שפּינאָזאַן אַריינגעלייגט אין חרם; אַן דעם וואָלט ער פאַרבליבן אין אונזער אייגענעם גבול, וואָלט געווען נאָך אַ גרויסער, טיפער יידישער דענקער, צו וועלכן די גרויסע וועלט וואָלט זיך אַזוי ווייניק צוגעהערט ווי צו אַלע אַנדערע אונדזערע גדולים, גרעסערע און עטוואָס קלענערע און גלייכע מיט שפּינאָזאַ.

אַן ענלעכע טובה האָט דער ציוניזם געטאָן סאָקאָלאָוון. וואָס וואָלט ער געווען אָן דעם ציוניזם? נאָך אַ נחמן קראָכמאַל, נאָך אַ חיים זעליק סלאָנימסקי, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג אויף

ביי געציילטע פרעמדע, אָבער זענען געבליבן אומבאַקאַנט דער גרויסער וועלט. רעדאַקטאָר פון „הצפירה", פון „האסיף", פאַרפאַסער פון ווערק פול מיט ערודיציע אויף העברעאיש; דאָס איז טאַקע וויכטיק, אָבער עס וואָלט נישט אַרויס פון אונזערע אייגענע ד' אמות. דער ציוניזם האָט באַקאַנט געמאַכט סאָקאָלאָוון אויף דער גרויסער וועלט, מיט זיין פערזענלעכקייט האָבן זיך פאַראינטערעסירט נישט נאָר אייגענע, נאָר אויך אויסדערוויילטע פון צווישן פרעמדע. סאָקאָלאָוו האָט געצאָלט דעם ציוניזם מיט דער זעלבער מטבע. ער האָט אים באַקאַנט און פּאָפּולער געמאַכט אין ברייטע דיפּלאָמאַטישע קרייזן, אין הויך אינטעלעקטועלע קרייזן, פאַר וועלכע ער האָט דעם ציוניזם פאַרגעשטעלט מיט אַ טאַקט און חשיבות וואָס רופן אַרויס דרך ארץ. דאָס איז אַ געוויסער מין קידוש השם: דערהויבן דעם יידישן נאָמען, וועקן צו אים רעספּעקט מצד פון די, וואָס מיינען אַז דאָס גרעסטע, אויף וואָס יידן מעגן אַרויסקוקן, איז אויף טאָלעראַנץ.

אָט דער אייגנאַרטיקער קידוש השם איז אפשר דער גרעסטער פאַרדינסט פון סאָקאָלאָוו, דער גרעסטער שבח וואָס מען דאַרף אים נאָכזאָגן.

בוענאָס־איירעס, יולי 1948.

משה שענדעריי

י. ל. פרץ

I

מיט א פערציק יאר צוריק — זענען שוין טאקע באמת אריבער פערציק יאר? — האבן זיך צווי יונגעלייט, משכילים, באגעגנט אין גן־עדן פון דער השכלה צו יענער צייט, אין קראשינסקיס גארטן פון ווארשע.

דארט איז געווען א קרייז פון באיארטע משכילים. דארט איז געווען א השכלה־באנק. „דער טרעף־פונקט פון שרייבער, אנפאנגער, און שטרעבער". ווער עס האט פארכאפט א פלאץ — איז געזעסן, און ווער עס האט עס נישט באוויזן, איז געשטאנען ארום די זיצנדיקע. די שמועסן זענען באשטאנען פון אפיקורסות, באזאלצן און באפעפערט מיט מליצה. די שפראך איז געווען יידיש, באווירצט מיט הויך־קלינגענדיקע דייטשישע טערמינען, ארויסגעלייענט פון שילער, היינע און בערנע. דארט איז געווען שמואל ראטוואנד, א מושלם, לאנג געקליידט, אבער געפוצט, מיט געקרייזלטע לאקן וואס האבן שוין אנגעהויבן צו זילבערן, געצערטלט אין זיינע רייד און באוועגונגען, אן אמתער ווארשעווער פון ר' איטשעלע עטינגערס חדר, וואס איז אביסל געכאפט געווארן; צוליב דער השכלה געגט זיך מיטן ווייב, א פריי פייגעלע, שטענדיק לוסטיק און אויפגעלייגט. געווען דארט א ייד, וואס מען האט גערופן וויינבערג. דוכט זיך א ווינקל־אדוואקאט, א ייד א ליטוואק, א רוסיפיצירטער און א פארנעמער אויפן אויסזען, פאזיטיווער און רעאליסטישער פון דער גאנצער חברה. געווען דארט א ייד, האכמאן, מיט א צילינדער אויפן קאפ און בלויע שפאקולן אויף דער נאז, מיט ווינער השכלה, וואס האט גערעדט דייטש לויטן נוסח פון דער אלטער „פרעססע", וואס ער פלעגט שטענדיק לייענען אין

גינאָטס קאָוויאַרניע אויף נאָוואָליפּקי, און ער פּלעגט קומען גלייך פון דאָרט אַן אָנגעפּוישטער און אָנגעפּאַליעטער פון פרישע דייטשישע מאַטעריאַלן אויס ווין. געווען דאָרט אַ בחורל האַלפּערין, וואָס איז נעבעך אָפּגעקומען, געפּלאָגט זיך און געגרייט זיך צו מאַטורע עקזאַמענעס (שפּעטער פּלעגט מען עם רופן עקסטערן). פון צייט צו צייט פּלעגט צום קרייז צושטיין אַ. ש. שטיין, אַ ביאַליסטאָקער, אַ בוכהאַלטער, וואָס איז געווען קלאָר אין הייגע ווי אַ ייד אין אשרי, און שפּעטער, ווען ער האָט געלעבט אין דינאַבורג, פּלעגט ער שרייבן העברעאישע דערציילונגען און פעליעטאָנען.

נישט ווייט פון דאָרט זענען געווען נאָך צוויי צענטראַל־פּונקטן פון העברעאישער השכלה: אליעזר יצחק שאַפּיראָ אויף שוו. יורסקע און אברהם צוקערמאַן אויף די נאַלעווקיס, פון פראַנציסקאַנער ביז גענשאַ און ווייטער. די קראָם פון אליעזר יצחק שאַפּיראָ איז געווען אַ מין אַקאַדעמיע. די פון צוקערמאַן איז געווען די אָפּאָזיציע. די ערשטע קוועלע (דער „המגיד" למשל) איז געווען ביי שאַפּיראָ, דער רעוואָלט, דאָס רעוואָלוציאָנערע, דאָס נייע, — ביי צוקערמאַנען, דעם אַגענט פון פּרץ סמאָלענסקין, וואָס איז געקומען פון דעם ליטווישן שטעטל אָשמינע און אויפגעשטעלט זיין הויפּט-קוואַרטיר אין אַ ווינקל פון אַ גרויסן הויף אויף די נאַלעווקיס. עס איז געווען נאָך אַ דריטער השכלה־טרעגער ר' נחמיה טשערנאָוויטש, אָבער דאָס איז געווען אַ בלאָנדזשענדער שטערן, וואָס וואַנדערט פון טיר צו טיר, אַ געמיש פון אַ מוכר־ספרימניק און משכיל, אַ גאָט־זוכער און אויך אַ שטיקל מחבר.

צווישן אָט די קראָמען, וואָס האָבן געדינט אַלס בירזשעס און „קלובן" פאַר קליינשטעטלדיקע משכילים, העברעאישע לערערס וואָס זוכן לעקציעס, פאַר אַלטע יידישע מחברים וואָס פלעגן קומען פעדלען מיט זייערע אייגענע ווערק און שרייבן נאָכהער אין די צייטונגען זייערע איינדריקן פון וואַרשע, פאַר יונגעלייטלעך, וואָס קויפן אַ העברעאיש בוך און זענען אויך אַליין שטיקלעך קאַנדידאַטן אויף שרייבער, איז דער קראַשינסקי־גאָרטן ממש געווען אַ מין גן־עדן התחתון. און אַז אַ משכילישער בחורל פון פּראָווינץ פּלעגט אַראָפּקומען און זען אויף איין באַנק אי ראָטוואַנדן,

אַי וויינבערגן, אי האָכמאַנען, און האָט זיך אין איין שעה אָנגעהערט מיט מער השכלה ווי ער האָט געקאָנט באַקומען אין זיין שטעטל אין אַ גאַנצן חודש — פלעגט ער זיך טאַקע דערפילן דערהויבן און אָנגעפּאַקט מיט אַלדאָס גוטס אויף אַ לענגערער צייט; און אַז דער מזל האָט צוגעשפּילט, אַז אַ באַרימטער משכיל פלעגט זיך ווי אַ קאָמעט באַווייזן אויף וואַרשע־ווער האָריזאָנטן, פלעגט אים חברה קליינוואַרג גלייך אַראָפּברענגען אין קראַשינסקים גאָרטן. און מען האָט דאָרט געקאָנט זען אברהם בער גאָט־לאָבער בכבודו ובעצמו, צי גאָר משה אהרן שאַצקעס, דעם פאַרפאַסער פון „המפתח”, און אַמאָל טאַקע אויך עמיצן פון די וואַרשעווער גדולים, אַ גבריאל יודל ליכטענפעלד למשל, וואָס האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַריינגע־כאַפּט אין יענעם ווינקל און מען האָט אים גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן. צי מרדכילע פּרייליך, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מקורב אין קאָצק און איז נאָכהער אַראָפּ פון וועג, געוואָרן אַן אַפּיקורס גמור און פאַרפאַסט דעם „המדריך”. און אַמאָל פלעגן דאָרט אַהין קומען שוין „פאָלנע דייטשן”, למשל, פלאַטין פון „איזראַעליטאַ”, צי גאָר משה אהרן צילקאָוו אַליין! אים זענען טאַקע די משכילים באַפאַלן ווי פליגן אַ האָניק־טייגל, איין קלייניקייט? ר' משה אהרן צילקאָוו, דער פאָטער פון פריידיקער ד"ר אי־זאַק צילקאָוו!...

אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט פון יאָר 1873 אָדער 1874 האָבן זיך אין יענעם גן־עדן געטראָפן צוויי יונגעליטלעך. איינער שוין אַ באַלע־בעסל מיט אַ בערדל, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן שיטן און דער צוויי־טער נאָך גאָר אַ קונדעס. זיי האָבן זיך ביידע געאיילט צו פאַרכאַפּן אַן אָרט אויף דער השכלה־באַנק. דער עלטערער האָט עפּעס געמאָלט צאַצ־קעלעך, עפּעס פאַרצייכנט אויף שטיקלעך פּאַפּיר. דער יינגערער האָט זיך צו אים צוגעקוקט, וואָס מאָלט ער דאָרטן? עס איז געווען די שעה פון רחמים, נאָענט צו זון פאַרגיין, ווען דער טאָג שטאַרבט מיתת נשיקה. די מערב זייט פון הימל איז געווען באַגאָסן מיט ראָזן שיין, דורך וועלכן עס האָבן זיך פון צייט צו צייט דורכגעריסן לייכטע וואָלקנדלעך, אָדער קליי־נע פלעמלעך, פייער־צונגען האָבן זיך געשטרעקט, און די טיפע רויטקייט האָט זיך געשטאַרקט, רויטלעכע וואָלקנדלעך האָבן פאַרשטעלט די זון. ביידע

יונגעלייטלעך האָבן זיך אײַנגעקוקט אין דער שקיעה, געזען װי ראָזעװע ליכט־סנאָפּעס, באַגילדעטע און בלױלעכע האָבן זיך שנעל געביטן... װי די זון האָט נעבעך געװאָלט דורכרײַסן די װאָלקנס און האָט נישט געקענט, האָבן זיך די װאָלקנס פֿאַררױטלט װי די כּלות, בעת זייער חתן — די זון — איז אַלץ געזונקען טיפֿער און טיפֿער. און דער ייִנגערער האָט באַמערקט: יאָ, דאָס איז אַ בילד װאָס קען באַגײַסטערן, אָבער נאָר אויף איין מינוט, װײַל אָט אין דער זעלבער רגע זענען די װאָלקנס פֿאַרגעלט געװאָרן און די געבראָכענע זון־שטראַלן און דער אויסבליק פֿון דער זון זענען פֿאַרענדערט געװאָרן. אויס מיטן פּאָעטישן בילד!

די דאָזיקע צװיי יונגעלײַטלעך זענען געװען דער פּאָטאָספּולער פּרץ פֿון זאַמאָשטש און איך, נאָר װאָס ארויס פֿון זיידנס ישיבה אין װישעגראַד, און פֿון די בתּי־מדרשים אין פּלאָצק, לאָװיטש, סאַמפּאַלנאַ, קויל, קוטנאָ א. א. װ. אַ פֿריש געבאַקענער משׂכּיל און אַ נײַגעריקער באַאָבאַכטער װאָס כאַפּט אויף יעדן אײַנדרוק, יעדן שטראַל פֿון ליכט, יעדן בת־קול.

פּרץ איז דאַן געװען אין דער ליבלינג, אין דאָס שרעקנס־קינד פֿון יענער משׂכּילים־געזעלשאַפֿט. אין איין אָטעם פֿלעגט מען װעגן אים זאָגן אַז „אַ שאַרפֿער מוח", אַז „אַ שטיק פּרא אדם", אָבער אַרױסרעדן פֿלעגט מען דאָס װאָרט פּרא אדם נישט מיט רוגזה און בכדי צו פֿאַרשעמען, נאָר אדרבא מיט אַ באַטאָנונג פֿון ליבשאַפֿט, אָט װי מען זאָגט אַמאָל אויף אַן עילוי, אַז ער איז אַ קליין ביסל משוגע, נישט אויף צו דערנידעריקן ח"ו, נאָר, פֿאַרקערט, בכדי צו באַשטעטיקן אַן איבעריקן מאָל, אַז ער איז טאַקע באמת אַן עילוי, און אַזאַ איינער מוז דאָך זײַן אַ קליין ביסל משוגע. דאָס איז שוין אַ מוז־זאַך. (אין זאַמאָשטש פֿלעגן זיך מענטשן װיצלען און אויך מיט ליבשאַפֿט: „דער משוגענער לײַבוש".)

עס איז געװען אין דער צײַט, װען פּרץ איז נאָך געװען דער איידעם פֿון גבֿריאל יודל ליכטנפֿעלד. שװער זיך פֿאַרצושטעלן אַ מער צוגעפּאַסט פּאָרל. אויך ליכטנפֿעלד האָט געשטאַמט פֿון יענע מקומות, אַ געבירטיקער פֿון אַפּט, אַ קליין און אַלט שטעטל אין לובלינער קרייז, איז ער אויך געקומען מיט יאָרן צוריק קיין װאַרשע װי אַ „שטרעבער", אויך ער איז געװען היים געבאָדן, געפּילפּול, אויך אין זײַן נשמה האָבן געקלונגען

די אָקאָרדן פון ליבע צום איינפאַכן, תמימותדיקן לעבן אין די אַמאָליקע אַלטע קהילות, אויך פון אים האָט געשלאָגן אַ קוואַל פון פרייד און גע־זאַנג, געמישט מיט אַביסל פּקחות און שפּאַס, אויך ער וואָלט געוועזן אַ גרויסער פּאָעט, ווען ער וואָלט נישט צעטרענצלט זיין טאַלאַנט אויף שפּראַך־פאָרשונג, ליטעראַטור, תלמוד, יוריספּרודענץ און מאַטעמאַטיק. מען האַלט, אַז אויטאָדידאַקטן זענען נישט סיסטעמאַטיש, אַז זייער וויסן איז נישט טיף נאָר אויבערפלעכלעך און צעוואָרפן אויף אַ סך קעגנ־שטאַנדן, אפשר איז עס אמת אין באַצוג צו די וואָס האָבן ג ע וו אָ ל ט לערנען און נישט געלערנט, אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט, אָדער פאַר די וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט אַ שאַרפן קאָפּ דאַרף מען שוין קיין מתמיד נישט זיין. אָבער צווישן די אויטאָדידאַקטן פון אַלטן דור זענען אויך געווען נישט נאָר טיפע און סיסטעמאַטישע געלערנטע, נאָר אַפילו פּינקטלעכערע און פּעדאַנטישערע פון די וואָס האָבן באַקומען אַ רעגלמע־סיקע דערציאונג אין שולעס. איינער פון זיי איז געווען גבריאל יודל ליכטנפעלד.

ליכטנפעלד איז הויפּטזעכלעך געווען אַ מאַטעמאַטיקער, אַ מענטש וואָס האָט זיך לאַנגע יאָרן אָפּגעגעבן מיט דער מאַטעמאַטישער וויסנ־שאַפט און צו דער זעלבער צייט געווען קלאָר אין יוריספּרודענץ, ווי אַן אַלטער פּראַקטישער אַדוואָקאַט. דערצו האָט ער געקענט פיין פּויליש און פראַנצויזיש, און אויך געקענט ציטירן פון האָראַץ און פון ווירגיל. חוץ דעם אַלעמען איז ליכטנפעלד געווען אַ ייד אַ פּקח. אַ ליבער מענטש, גע־האַלטן זיך קליין, שטענדיק מיט אַ וויץ, אַ קינסטלער פון נאַטור. געוויס איז ער נישט געווען דער באַלעבאַטישער מענטש, וואָס גייט זיך אַלע טאָג אין שול אַריין מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, אָדער וואָס טוט זיך אָן דעם גלאַנציקן צילינדער און גייט זיך אַרום פיינטשיק סטאַ־טעטשנע אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט־גאָרטן. ער איז געווען אַ פרייע נאַ־טור, זיך נישט אונטערגעוואָרפן די אָנגענומענע פירונגען, דערווייטערט פון דער מאַסע, אַ שטיקל קונדעס, אָדער ווי מען רופט עס אויף פּראָסט־יידיש — „אַ שטיפער", וואָס האָט זיך אַביסל באַרואיקט און געוואָרן סטאַטעטשנע אויף דער עלטער, און אַפילו דאַן, פלעגט ער צייטנווייז

שרייבן נישט נאָר שירים, נאָר ביי אַ גוטער שטימונג אויך וווּנדערבאַרע ליבע־לידער; זיין פעדער האָט געקענט זיין שאַרף ווי אַ שווערד, ווען זי האָט געשריבן אַפאָריזמען פול מיט פיינער, ביטערער און דעליקאַטער סאַטירע.

ווער עס וויל באמת פאַרשטיין די גייסטיקע וועלט פון די אַלטע יידישע שרייבער און פּאָעטן, דאַרף גוט קענען דעם טיף פון אַ ליכטנפעלד און פון אַ נטעלע שאַפּיראָ, וואָס איז אויך געווען אַן אַפּטער. וואָלטן מיר געהאַט אַ לאַטיינישן קוואַרטאַל, וואָלט איך זיי אַהין אַריינגעזעצט. דאָס איז די ריכטיקע יידישע באָהעמע. טייל האָבן געצויגן חיונה פון מלמדות. אַנדערע זענען געווען ווינקל־אַדוואָקאַטן, אַנדערע האָבן סתם קיין פּרנסה נישט געהאַט, ווייל זיי זענען געשטאַנען פיל העכער פון די פּראָזאַאישע פּרנסה־פּראַגן, פאַרטון אין כראָנישן פאַסטן און אַרומגעשוועבט אין העכערע גייסטיקע וועלטן.

איך גלויב, אַז עס איז דאָ אַן אָרט־מזל, אַן אָרט־חן, און ווען איך פאַרטיף זיך אין דעם פּראָבלעם פּרץ, פליט מיין געדאַנק צוריק צו יענע שטעטלעך און געסלעך, פון וואַנען עס זענען געקומען די ליכטנפעלדס און די נטעלע שאַפּיראָס: זאַמאָשטש. עס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע שטאָט, מיט פריילעכע, פּקחותדיקע יידן, מיט משכילים, וועגן וועלכע מען דערציילט זיך אַן מופתים ווי פון חסידישע רביים. פון דאָרט האָט געשטאַמט ר׳ דוד זאַמאָשץ, דער חבר פון משה מענדעלסאָן, פון דאָרט איז אַרויסגעקומען אייבענבוים, רייפמאַן, דער מלמד אין הויז פון מרגליות. פון דאָרטן האָבן געשטאַמט די געליבטערס, די אַלטבערגס. ווען דער גייסט פון פּוילישער אַסימילאַציע האָט פאַרכאַפּט די יידישע זאַמאָשטש, פלעגט מען פון דאָרט שרייבן זייער שאַרפע זאַכן אין „יוטזשענקאַ“. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער יידישער דראַנג צו ערד־אַרבעט, האָט מען דאָרט געגרינדעט אַ יידישע קאָלאָניע און פּייוול שיפער פלעגט מיטן פייערווערק פון זיינע העברעאישע מליצות מאָלן דעם שאַטנדיקן וואַלד און די שפּיצן ביימער.

אין גאַס פון זאַמאָשטש האָט מען געקענט באַגעגענען יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס שיטן מיט גראַמען, וויצן זענען געפלויגן אין דער לופט,

עס האָט געבלאָזן דער „רוח צפונית" וואָס באַלעבט די סטרונעס פון דעם משוררס לירע. ווער ווייסט, צי איז שוין עמיצן מיט פיינעם געשמאַק און טיפן וויסן איינגעפאַלן צו שטודירן די ענדערונגען פון קערנדיקן יידיש אין אירע סטיליסטישע ניואַנסן אין די פאַרשידענע געגנטן פון פוילן.

איך אַליין האָב נישט לאַנג פאַרבראַכט אין זאַמאָשטש, אָבער איך האָב געקענט אַ סך מענטשן וואָס שטאַמען פון דאָרט, געהאַט מיט זיי עסקים, זייער יידיש האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדער זאַפטיקייט און ווייכקייט, אַ באַזונדער בליציקן גלאַנץ. איך האָב בכיוון נישט דערמאַנט אַלעקסאַנדער צעדערבוים (אויך אַ זאַמאָשטשער), איך האַלט נישט, אַז ער זאָל האָבן געהאַט וועלכן ס'איז נישט ליטעראַרישן טאַלאַנט, אָבער ווי אַ כלל־טוער, אויך אויפן ליטעראַרישן געביט, איז ער נישט פון די, וואָס מען קויפט דריי פאַר אַ גראָשן. איך קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז עס זאָל קומען קיין אדעס אַ ייד פון מלאַווע, למשל, און ווערן אין פאַרלויף פון נעצייילטע יאָרן אַזוי אריינגעוואַקסן, איינגעוואָרצלט אין אָרטיקן באָדן, פאַרפלאָכטן און פאַרוויקלט אין לאָקאַלע ענינים, און גרינדן צוויי נייע צייטונגען. און דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס מלאַווע איז אַ שטעטל; וואַרשע איז הונדערט מאָל גרעסער, און דאָך קען איך זיך אַזעלכעס נישט פאָרשטעלן אַפילו אויף אַ ייד פון וואַרשע, אָבער איך קען זיך עס מיר פאָרשטעלן אויף אַ ייד פון זאַמאָשטש, אָנגעפּולט מיט זאַמאָשטשער זאַפטן: און בעיקר קען איך מיר פאָרשטעלן אַ זאַמאָשטשער ייד אַלס גרינדער פון „קול מבשר" מיט זיין שאַרפן יידיש. און דער רירעוודיקער צעדערבוים, אַ קלאָר אויסדריקלעכער און בולטער מענטשן־טיפּ, ווען אַפילו נישט קיין טאַלאַנט, איז געווען אַ זון פון אַ זאַמאָשטשער ייד פון יענע אַלטע „פילאָזאָפן", וואָס זענען באמת גרוים געווען. דער אַלטער צעדערבוים איז געווען אַן עניו, אַ נסתר, אָבער פול מיט וויסן, פונקט ווי דאָס איז געווען ר' חיים זאַק פון זגעזש. ווענן אים האָב איך געהערט פון די פאַרשטאָרבענע אַלטנבערג און לעאָן מאַרגאַלים בליציקע געדאַנקען, וואָס רייצן ווי אַלטער ווײַן, יידישע ווערטלעך, שפּילעוודיקע און טאַנצנדיקע, וואָס איך האָב אין ערגעץ נישט געהערט אַזעלכעס. נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען אַלע סיבות וואָס זענען פאַרוויקלט ווי אַ קנויל

פּאַדים, ווען איך וועל אַמאָל זוכה זיין צו שרייבן מער וועגן אַט דער פּוילן, צו וועלכער איך בין אַזוי צוגעבונדן, די פּוילן פון אונדזערע קליינע שטעטלעך, די פּוילן פון דער אַלטער שליאַכטע מיט זייער יחוס־שטאַם, און פון אונדזערע רבנים און משכילים, וועל איך אפשר דאַן קענען קלאָר מאַכן, וואָס איז דער אייגנטלעכער טעם פון אַ זאַמאָשטש, פון אַ פּלאָצק... נישטאָ אויף דער וועלט קיין זאַך אָן אַ סיבה. פאַראַן אויך דערצו פּאָלי־טישע און עקאָנאָמישע סיבות, וואָס זענען נישט באַגרעניצט נאָר אויפן יידישן לעבן, נאָר וואָס האָבן זייער אָרט אינעם אַלגעמיינעם לעבן. אָבער צוליב וואָסערע סיבות עס זאָל נישט זיין האָט די גרויסע נשמה פון זאַ־מאָשטש אויך באַזעלט פּרצן. איך זאָג עס נישט בכדי מקיים צו זיין די מצוה וואָס טען האָט פאַרזאָגט, צו זוכן די גרונדלאַגן, די נייגונגען און שאַטירונגען פון יעדן טאַלאַנט, נאָר אין די באַדינגונגען פון זיין סביבה. איך זאָג עס אויך אָן קיין שום שייכות צו די פּרינציפּן און כללים פון לי־טעראַרישער קריטיק, איך זאָג עס, פּשוט, ווייל אַזוי האָב איך געפילט פון דער ערשטער רגע, וואָס איך האָב דערזען פּרצן אין בלי פון זיין לעבנס־פּרילינג, אין דער שיינקייט פון זיין יוגנט־גלאַנץ.

מיר זענען געווינט צו באַטראַכטן פּרצן ווי אַן אייגנאַרטיקן פּאָעט, אויסטערליש אין זיין אָריגינאַליטעט, און דערפאַר פאַרקוקן מיר די מקור־רות, פון וואַנען עס האָט געקוועלט אָט די אָריגינאַליטעט. פאַראַן אַ פלאָנטער פון מיינונגען וועגן אָריגינאַליטעט און נישט־אָריגינאַליטעט. גוט פאַרשטאַנען, מיינט אָריגינאַליטעט — איינזאַמקייט, אָפּגעזונדערט־קייט. איך קען זיך פאָרשטעלן עפּעס אַ הייליקן, אַן איינגעשלאָסענעם אין זיינע ד' אמות, וואָס לעבט לויט זיין אייגענעם געמיט און נייגונגען, איינ־זאַם, אָריגינעל. איך האָב תמיד געהאַלטן, אַז די פאַדערונגען פון אבסאָ־לוטער אָריגינאַליטעט וואָס מען שטעלט אַ שרייבער, אַ פּאָעט, איז אַנטי־געזעלשאַפטלעך. אַזאַ אַבסאָלוטע אַנטי־געזעלשאַפטלעכע אייגנאַרטיקייט, קען מען זען נאָר ביי אַ הייליקן אָדער ביי אַן אַנאַרכיסט. אָבער ליטעראַטן זענען פון שטענדיק געזעלשאַפטלעכע מענטשן, און אַפילו ווען זיי זענען צוריקגעצויגן פון דער געזעלשאַפט, זענען זיי אַרומגערינגלט פון אַ געוויסן קרייז, און אַפילו דאַן, ווען זיי האַלטן זיך ווי פאַראיינזאַמטע אין זייער

י. ל. פּרץ

(איינס פון זיינע לעצטע בילדער)



סביבה, זעצן זיי דאָך פֿאַר אין תוך דאָס וואָס אַנדערע, פֿאַר זיי, האָבן אָנגעהויבן, זיי גיבן צו צו דעם, וואָס איז שוין פֿאַר זיי געשאַפֿן געוואָרן, זיי דריקן אויס אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער דאָס וואָס אַנדערע, פֿאַר זיי, האָבן שוין אויסגעדריקט. נישטאָ קיין אַבסאָלוט נייע ווערטן, אַבסאָלוטע אָריגינאַליטעט איז אַן אויסטראַכטעניש. די ביימער גיבן נישט אַרויס אַלע יאָר קיין נייע פּרוכטן פֿון איבערראַשנד נייער פֿאָרם. ניין, עס זענען די זעלבע פּירות וואָס פֿאַראַיאָרן, אין דער זעלבער פֿאָרם, דער עיקר איז די זאַפֿטיקייט, די שיינקייט, די פֿיינקייט פֿון דער אויסערלעכקייט און די טייערקייט פֿון אינהאַלט.

פֿאַראַן שרייבער און פּאָעטן, וואָס עס איז שווער צו געפֿינען זייערע פֿאָרגענגער. אויב איינער געפֿינט זיך אונטערן איינפֿלוס פֿון אַ גאָר באַוווסטן שרייבער, איז לייכט צו געפֿינען זיין מקור, אָבער אויב די השפּעה קומט פֿון ווייניקער באַוווסטע קוועלן, איז נויטיק אַ טיפֿערע בקיאות, בכדי צו אַנטדעקן זיי. ביי פּרצן איז נישט גרינג צו געפֿינען דיווירקנדע השפּעות. זיין עיקר־קוואַל איז נישט לייכט צו באַצייכענען, ווייל ער איז זאַמאָשטש. נישט פֿילע ווייסן וואָס מען האָט אַמאָל געשריבן, געזונגען און געטרוימט אין זאַמאָשטש! פּרץ איז דער אַפּשלום פֿאַר אַ געוויסער תּקופֿה. ער איז אַ ריזיקע פֿיגור, וואָס פֿאַרשאָטנט די אַלע וואָס געפֿינען זיך הינטער אים. חוץ דעם איז צוליב נאָך איין טעם באַזונדער שווער אָפּצוזוכן זיינע מקורות. ער גיסט צוזאַמען די אַלטע מאַטעריאַלן מיט אַנדערע וואָס זענען אַזוי ניי און באַנייט, אַז ער ענדערט פֿולשטענדיק דעם געבוי זייערן.

ווער געדענקט נאָך דעם זאַמאָשטשער ד״ר עטינגער, פּראָפֿעסער פֿון „סערקעלע“ און אַנדערע ווערק? איך קען נישט נאָך אַ צווייטן יידישן סטיל, מיט אַזוי פֿיל נאַאיווער פּשטות, אַזוי פֿיל זיסער ליבלעכקייט, אַזוי פֿיל לייכטקייט און פּקחותדיקע בנעימותדיקייט, אַזוי פֿיל ריכטיקע פֿאָלקסטימלעכקייט ווי דער סטיל פֿון ד״ר עטינגער. עס בלייבט פֿאַר מיר אַ סוד — ווייל ער איז זייער איינפֿאַך. נישטאָ קיין סוד אין קאָמפּליצירטע, קאָמבינירטע זאַכן, ווייל ווייבאַלד דו ווייסט, פֿון וואָס זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט, ווייסטו שוין ממילא, מער אָדער ווייניקער, ווי אַזוי מען מאַכט

זיי. אָבער דו ווייסט קיינמאָל נישט ווי אַזוי מען מאַכט דאָס אוממיטל־באַרע, איינפאַכע, און האָס בלייבט אַ סוד. ווי אַזוי די פאַרבאָרגענע מלאכים פון שטוב, פון קלייט און פון גאַס האָבן אונטערגעזאָגט עטינגערן אַט די אַלע שמועסן וואָס דריקן אויס דעם תמצית פון דעם, וואָס דאָרט ווערט געטראַכט און גערעדט? דאָס בלייבט אַ סוד. ווי אַזוי אַ מענטש מאַכט נאָך לאַפּאַנטען, בעראַנזשע, קראַשיצקי, כמעט יעדעס וואָרט איז אַ פרעמד וואָרט, איבערזעצט, און דאָך זענען זיי אַזוי אָריגינעל יידיש? דאָס בלייבט אַ סוד. ס'הייסט, עס איז אַ נאַטור-פונק, גאָטס גענאָד, טאַלאַנט. עטינגער האָט נישט געהאַט קיין צופיל משא. ווייל איז דעם, וואָס לאָזט זיך אַוועק איבערן ים פון ליטעראַטור אין אַ גרינג שיפל, נישט צו־פיל איבערגעלאָדן, אַביסל באַלאַסט, אַביסל באַשפּייזונג, דער זעגל פלאַטערט, אַ קליין ווינטעלע העלפט צו, מען פאָרט אַרויס און מען קומט צוריק בשלום אין האַפן.

עטינגער איז נאָך נישט געווען קיין „שרייבער", ער איז געווען אַ „פאַרשרייבער"; אַזוי זיך געגאַנגען באַזוכן זיינע קראַנקע און פלעגט לאָזן פאַלן פונקען; דאָ אויפגעהאַנגען אַ פערל, דאָרט אַ טראָפּן גאַל, און באַגעגנט זיך אין גאַס מיט צעדערבוימען, מיט בראַפּמאַנען אָדער יש־ראל-לייזער מיניץ; און עס פליען פונקען און גלי-קוילן פון פּאָעזיע און וויץ, פון אַ ווערטל און אַ משל; עס זשומעט אַזש אין דער לופטן. פון אים ביז פּרצן איז נאָך אַ גרויסער מהלך, אָבער די פאַרבערייטונגען און דער אַריינפיר צום זאַמאָשטשער פּרץ זענען שוין בלי ספק געווען סיי ביי עטינגערן, סיי ביי די אַנדערע פון דער חברה.

אַט אַזוי האָט זיך שפּאַצירט אין יענעם מאַרק דער אַלטער פּרץ, דער פאָטער פון יצחק לייבוש. אַ זאַמאָשטשער ייד, נישט גאָר רייך, נישט קיין איבעריקער למדן, אָבער לוסטיק און לעבעדיק, שטענדיק אויפגע־לייגט, אַ וואַרימער ייד, אַ זאַפטיקער, אַ וויצלינג, מיט אַביסל אומגע־װענלעכע פירעכצן, אַ ייד פון אַלטן דור, מיט עטוואָס פון אַ משכיל, וואָס רעדט אויך דעם זאַפטיקן יידיש וואָס אַלע רעדן; פון אים שטאַמט עס דער יונגער פּרץ, וואָס האָט אויך געלערנט און געדענקט און געזונ־

גען און געטרוימט נאָך פיל פריער, איידער ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע.

פאַרוואָס זענען זיך צעגאַנגען פרץ און גבריאל יודל (ליכטנפעלד)? אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט ענלעכע נייגונגען, אָבער דאָך: אַן אַלטער מאַן און אַ יונגערמאַנטשיק, אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס איז אויך אַ שטיקל פּאָעט און אַ פּאָלקאָמער פּאָעט וואָס איז גאָר קיין מאַטעמאַטיקער נישט. פרץ האָט שוין דאַן אָנגעהויבן שטעלן זיינע ערשטע טריט אין אַן אייגנאַרטיקן סטיל, אין העברעאיש, אַ ליד צו צוויי אין „השחר" סנדלפון, מטטרון, עפּעס אַ יידישע מיטאָלאָגיע.

אָבער נישט דאָס האָט באַוויזן די משכילים פון יענער צייט צו רעדן פון פרצן. דאָס איז געווען עפּעס אַזוי זיך, יאָ געדרוקט, נישט גע־דרוקט, עפּעס האָט מען גענאַשט פון אים, אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז וואָס ער האָט געהאַט אַ זייער גוטן קאָפּ, ווען אפילו נישט קיין שטאַרק פעסטן ווילן. עס האָט אים געפעלט התמדה, ווי מען פלעגט זאָגן. וואָלט געקאָנט זיין אַ מענטש: עס איז פאַרדראָסיק, וואָס ער איז זיך צעגאַנגען מיט ליכטענפעלדן. און ליב האָט מען אים געהאַט. אַ גוטער חבר, אַן אָפן האַרץ, אָבער אַ פלאַם־פייער! אי, ווען מען קאָן אים איינשטילן! די משכילים זענען נאָך דאַן געווען רוי אין פסיכאָלאָגיע. זיי האָבן נאָך נישט געוווסט, אַז אַ פלאַם־פייערדיקער טעמפּעראַמענט מוז שוין פאַרבלייבן אַזוי, נישטאָ קיין עצה אים איינצושטילן.

II

איך האָב שוין דאַן געזען פרצן דורך און דורך, ער האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, מיט אַלע כאַראַקטער־שטריכן, זייערע וואָרצלען האָבן זיך שוין דאַן אין אים צוזאַמענגעטראָפן, אָנגעשטויסן זיך איינער אין צווייטן, אָבער אַלץ איז נאָך געווען צונויפ־געמישט ווי אין אַ זודיקן טאָפּ; אָנגעהויפנטע ערד, אַ מינע וואָס דער גראָבאייזן האָט נאָך נישט באַרירט, אַ פאַרחתמעטער קוואַל. אַ דורכדרינ־גענדיק אויג האָט שוין געקאָנט באַמערקן גאָלד־פעדימלעך, עס האָבן זיך

שוין באוויזן שפריצלעך ווי טוי־טראָפּנס. אָבער דאָס איז שוין געווען פּרץ. זיינע געדאַנקען זענען שוין געפלויגן ווי פונקען, נישט מיד געוואָרן, נישט פאַרמאַטערט זיך, ער האָט זיך געבעסט מיט זיין אויפגעשטורעמטן גייסט, זיינע בליצן זענען שוין געווען פונקען, זיינע בליקן — פונקען פייער, זיין נשמה האָט שוין געוואָגט, געשטרעבט, פאַרלאַנגט, זיין בלוט האָט בליץ־שנעל צירקולירט.

וואָס איז דאַן אייגנטלעך געווען פּרץ? נישט קיין באַנק־קוועטשער און נישט קיין עילוי, ווי מען האָט עס דאַן פאַרשטאַנען, אויך נישט קיין אויסגעצייכנטער משכיל. אַ האַנטפול מיט ידיעות, אַביסל געלערנט, נאָך ווייניקער פאַרטיפט זיך, נישט צופיל פאַרבראַכט איבער ביכער, נישט געזעצן צופיל אין לעבן. כמעט נישט געקאָנט קיין דקדוק — און דקדוק איז דאָך געווען אַ מוז פאַר אַ משכיל! קיין תלמוד כמעט נישט געלערנט, אויך נישט געפּטרט קיין צייט אויף צו לערנען שפּראַכן און צופיל לעזן, אָבער ער איז שוין דאַן געווען שטאַרק־באַגאַבט, אַ פלאַם־פייער, אַ ברע־נענדיקער פאַקעל, אַ געטלעכער גלי. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס גאָט און מיידלעך האָבן ליב געהאַט. די מוזעס האָבן אים געקושט. ער איז געווען אַ פילנדיקער מענטש! דאָס איז אפשר די גרעסטע פון זיינע אייגנשאַפטן, אפשר דער חותם פון אַ וואונדערבאַרער נשמה. אַ פילנדיקער מענטש! שייך צו זאָגן! פאַראַן דען אַ מענטש וואָס פילט נישט? צו וואָס איז עס געגליכן? עס איז פונקט ווי איינער זאָגט, אַז יענער און יענער שפּילט פידל, דער צווייטער מאָלט; דערמיט איז נאָך גאָרנישט געזאָגט. דער עיקר איז ווי אַזוי ער שפּילט, ווי אַזוי ער מאָלט; אַלע פילן, אָבער נישט אַלע פילן גלייך. פאַראַן ווער עס פילט זיינע מאָגן־גרימעניש און פאַראַן ווער עס פילט דאָס זיפצן פון די בלומען, דעם צער פון גראָז, וואָס ווערט צעטראָטן. איינער פילט נאָר פאַר זיך אַליין, דער צווייטער פילט פאַרן גאַנצן דור, און אפילו פאַר די דורות, וואָס זענען נאָך נישט געבוירן געוואָרן; אָט דער איז אַ פּאָעט.

פּרץ האָט געהאַט אַ התלהבות וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרלאָשן געוואָרן, געפּילפּולע געדאַנקען, זיין בלוט און זיין גאַנצער איך האָבן גע־שטורעמט, געשריען, געמאָנט, געטענהט, צי עס איז יאָ, צי עס איז נישט

געוועזן דערויף קיין אויסערלעכע סיבה. די סיבה איז אַלע מאָל געוועזן אַן אינערלעכע, אַזוי איז געוועזן דער מענטש, ער איז נישט געגאַנגען לאַנגזאַם זיין לעבנסוועג, נישט דערווייטערט זיך פון גרויסע און וואונדערלעכע זאַכן, נישט געוועזן אַ מילדער עניו, וואָס זוכט נאָר שלום, ער האָט געטראָטן אויף דער ערד מיט שטורעם און דראַנג, אָדער ער איז הויך געפלויגן ווי אַ פונקען שפּליטער, אַזוי איז געוועזן דער מענטש! צומאָל פולגעלאָדן מיט קראַפט ווי טויזנט קאַנאָנען, געשטורעמט און געדונערט, געברומט און געכעסט זיך, מיט גיהנם שרעקן, מיט נאַכט-פּחדים, אָדער מיט אַ פלאַם-פייער פון גלוסטונג, אַ ברען פון אַ ליבע-פלאַם. און צייטנווייז פול מיט חן און צויבער ווי דאָס געזאַנג פון אַ קינד, אָבער קיינמאָל, אין קיין תקופה פון זיין לעבן — געשמאַקלאָז און באַנאַל, אין זיין גייסטיקן זיין איז נישט געוועזן קיין איין רגע פון טאָג-טעגלעכער וואָכעדיקייט. ער איז געוועזן געאיילט און האָט דורכגעמאַכט אַ סך פאַרוואַנדלונגען אין זיינע טאַלאַנטן און אין זיינע זעאונגען.

אַ קריטיקער, וואָס פאַרגרייט זיין קריטיק ווי אַ פּערפום-רעצעפּט, אַלץ געוויגן און געמאָסטן, צונויפגעגאָסן און געמישט, וואָלט געקאָנט פּסקנען: — פּרץ וואָלט געקאָנט זיין נאָך אַ גרעסערער העברעאישער משורר ווי ער איז געוועזן, ער וואָלט געקאָנט זיין אַן איין און איינציקער. אָבער ער האָט נישט באַוויזן זיך צו פאַרגרייטן און באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן, בכדי אַרויפצושטייגן אויף אַזאַ הויכן פאַרנאַס. ער איז געוועזן אַן אויסגעצייכנטער משורר, אָבער צו דערגרייכן די העכסטע הויכן מוז מען האָרעווען, מען דאַרף זיך אָנשטרענגען, צונויפזאַמלען און אַרומנעמען אַ סך, געוועלטיקן איבער די פאַרבאָרגענע אוצרות פון דער שפּראַך, און אויב דער קריטיקער וואָלט געוועזן אויך אַ שטיקל מלמד און מוסר-זאָגער, וואָלט ער אויך געקאָנט זאָגן אַזוי: — פאַרדראָסיק, וואָס פּרץ האָט נישט איינגעשלאָסן זיין מוזע אין העברעאיש און האָט אַ סך קרעפטן אָוועקגעגעבן יידיש. אָדער: — עס טוט באַנג, וואָס פּרץ האָט זיך צעוואָרפן איבער אַלע זיבן ימים: אַ פּאָעט און אַ דענקער, אַ פאַנטאַזיאָר און אַ דערציילער או"וו, או"וו.

אָבער — אָט אַזוי איז געוועזן דער מענטש, און נאָר אַזוי האָט

ער געקאָנט בלייבן געטריי זיך אַליין און — ווי זאָגט דאָרט שעקספּיר „זיין אייגענער קאַפּיטאַן, האָט ער גוט געפירט זיין שיף". זוכט נישט קיין אנדער פּרץ! פּרץ איז געווען אַ צעפּיצלטער, אַ פּיל-פאַרביקער, אַ ניואַנסירטער, און עס איז גוט, וואָס מיר האָבן געזען פּרצן אַט ווי ער איז געווען, ווייל נאָר אַט אַזוי איז ער געווען אַ וווּנדערבאַרע, צוציענדיקע דערשיינונג. פאַרשידן איז געווען פּרץ, אינעם פרימאָרגן און אין אָוונט פון זיין לעבן. פאַראַן אין וואַלד פלאַנצן און ביימער, וואָס זייערע בלעטער און נאָדלען זענען פריש, גרין אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, סיי זומער, סיי ווינטער. נישטאָ קיין סך אַזעלכע מענטשן, אָבער פאַראַן. זיי זענען שטאַרקער פון צייט, זיי זענען שטאַרקער פון לעבן וואָס פאַרצערט אַלץ, נאָר דער טויט קאָן זיי בייקומען, אָבער שטאַרבן לעבעדיקערהייט קאָנען זיי נישט. איינער פון אָט די ווייניקע איז געווען פּרץ.

מיר האָבן זיך ביידע צעשיידט. יעדער איינער איז אָוועק זיין וועג. יונגע און פרישע, בלאָנדזשענדיקע און וואַנדלענדיקע, יעדער איינער האָט געזוכט צו פערפעקציאָנירן זיך, צו שטודירן. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט אַרויסגעקומען. אפשר וואָלט צו דער דאָקטוירים מחנה צוגעקומען נאָך אַ דאָקטער? לאָמיר נישט זיין קיין קאָרעקטאָרן פון לעבן! אַזוי האָט זיך עס אָפּגעדרוקט, זוכן טעותים האָט קיין זין נישט.

פּרץ איז צוריקגעפאָרן קיין זאַמאָשטש, זיין גוטמוט האָט אים געפירט אהין. אַ שאָק מיט יאָרן האָבן מיר זיך נישט געזען, נאָר פון צייט צו צייט, געפרייט זיך מיט יעדער בשורה פון דער וויטן. צווישן אונדז איז נישט געווען קיין איבעריקע צוגעבונדנקייט, נישט נאָר צוליב פאַרשידנהייט אין כאַראַקטער און דערציאונג, נאָר אויך דערפאַר, ווייל די פּערזענלעכע צוגעבונדנקייט אויף לאַנגע יאָרן איז נישט געווען אין פּרצעס כאַראַקטער. ער האָט דווקא ליב געהאַט פרייַנטשאַפט, אָבער דער קלענסטער ריר, אַ פליג אויפן נאָז, איז גענוג געווען אויף דערווייטערן אים. ער איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרערער, ווי אַ רבי מיט חסידים, יעדער איינער פון זיי האָט תמימותדיק געגלויבט, אַז פּרץ איז אין גאַנצן זיינער, ער פלעגט אָבער בכיוון בייטן זיין סביבה, ווי שוועבנדיקע מזלות, פון וועלכע ער איז דער צענטער. ער פלעגט זיך

אָנברוגזן און זיך איבערבעטן, זיך איבערבעטן און צוריק ברוגז ווערן. אָבער אין דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין קליינלעכקייט; פּרץ האָט פאַרמאָגט אַ רייכע נאַטור, אַ סך ענדערונגען, אַ סך געשמאַקן, אָבער געבליבן שטענדיק דער זעלבער. זיינע געדאַנקען האָבן שטענדיק געשוועבט ווי פליענדיקע פייגל, אַ סך מחשבות האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין זיין נשמה.

לויט מיין חשבון האָט ער אָפּגעלעבט אין זאַמאָשטש אַ יאָר פופצן, איך האָב אים דאָרט קיינמאָל נישט באַזוכט, אָבער איך האָב געוווסט וועגן זיין לעבן, סיי פון אים גופא, סיי דורך אַנדערע. ער האָט דאָרט אויסגעהאַלטן עקזאַמען און געוואָרן אַ פריוואַטער אַדוואָקאַט. אפשר האָט באַווירקט דעם אויסוואַל פון דער פּראָפעסיע די השפעה פון ליכטנפעלד. אָבער איין שייכות האָט געהאַט אַדוואָקאַטור צום אַלטן ליכטנפעלד אין וואַרשע, און אַ צווייטע צום יונגן פּרץ אין זאַמאָשטש. ליכטנפעלד איז געווען אַ יוריסקאָנסולט אויטאָדידאַקט, אַ ספּעציאַליסט, מיט וועלכן מען פלעגט קאָנסולטירן, ווי מיט איטשעלע ראָזענבלאַט, יוסף ראָזענטאַל, ש. אַדעלבערג, דאָס איז געווען אַ טיפּ פון דער יידישער גאַס. די זיילן פון דער וואַרשעווער אַדוואָקאַטור: אַנדזשעי וואָלף, דאָמיניק זשעלינסקי פלעגן, לויט לייט האָבן געזאָגט, קאָנסולטירן די שווערע ענינים מיטן ייד, וואָס אויב ער האָט זיך נישט געקליידט לאַנג ביז די פּיאַטעס, האָט ער זיך לכל הפּחות געטראָגן לאַנגלעך ביז די קני. אַזאַ איינער איז געווען ליכטענפעלד, וועלכער האָט געקאָנט דעם „קאָרפּוס יורים" (קאָדעקס) נישט ווי אַן אוניווערזיטעט סטודענט, נאָר ווי אַ בית־מדרש בחור, ווי אַ למדן קאָן דעם חשן משפּט. אָבער נישט דערצו האָט געפּאַסט, און נישט דאָס האָט געוואָלט פּרץ. ער איז געוואָרן אַ פריוואַטער אַדוואָקאַט, געהאַט צו טאָן מיט מענטשן, געטומלט זיך, געווען באַשעפטיקט, אַריין אין די פאַרבאָרגנסטע באַהעלטענישן פון דער גאַס, צווישן די צונויפגעדריקטע, צונויפגעפּרעסטע קרעמלעך אָדער משפּחה־צימערן. אין דער קליינער שטאָט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ גאַנצע וועלט, פול מיט דערשיינונגען פון טרויער און יאוש, פון ציטער און פרייד, פון מילדקייט און צאָרן, פון פרייד און פאַרוויילונג. טעגלעך

פלעגן די יידישע קרעמער און בעלי מלאכות, די אלטע ווייבער וואס שטריקן זאקן, די שיינע ווייבלעך פון שטעטל, ווי אויך חברה קליינוואַרג דורכקרייצן זיין האריזאנט. דער גאנצער אוצר פון פאלקס-ווערטלעך, וויצן, שארפזין, איז פאר אים געשטאנען אפן, יארן לאנג האט ער זיך געבאדן אין דעם קוואל, און ער, א גייסטרייכער קינסטלער, וואס פאטאָ־גראפירט אלץ אין זיין געדאנק, ער מיט זיין כישוף־פעדער, האט זיך אפ־געגעבן מיט די שאטנס און עס זענען ארויסגעקומען לעבעדיקע נפשות. וואלט אן איינפאכער מענטש זיך אפגעגעבן הונדערט יאר מיט אדוואָ־קאטור, וואלט ער אפשר צונויפגעשלאגן א שטיקל פארמעגן און אביסל דערפארונג, אבער פאר פרצן האט עס אלץ געדינט ווי א גרויסע צו־גרייטונג צו ווערן א גרויסער פאלקס־שרייבער.

אין יענעם זאמאשטשער פעריאד איז פרץ געווען שוין ווי שטענ־דיק, אן אקטיווער, דינאמישער, גלענצנדיקער מענטש. נישט געקוקט אויף פארדינסט, נישט געזארגט פארן מארגן, נישט קיין אסקעט, וואס דער־ווייטערט זיך פון לעבן, נאר דווקא, פארקערט, א לעבנסלוסטיקער. א קוועקזילבער, פריילעך, לאבענדיק, אויפגערוימט, נישט קיין קמצן, נישט געלט גייציק, אן צופיל חשבונות. זיין קליינער צימער איז שוין געווען א זאמל־פונקט, וווהין ער פלעגט פאררופן די אנפאנגער פון אלע קאטע־גאריעס, ער האט זיי אין גארנישט אפגעזאגט, ער האט אלעמאל ליב געהאט א פארבייפארער, ארימע האבן געגעסן זיין ברויט, נאקעטע האבן געטראגן זיינע קליידער, און נישט עפעס ווי א נדבה, מעשה פילאנטראפ, נאר פריי: עס איז דא — נעם, וועט עס וועט נישט זיין — וועט מען זען. מער ווי א גאסט־געבער איז ער געווען א קינסטלער, א מין אייבי־קער סטודענט. ער איז נישט געווען קיין חסיד, אבער אין זיין נשמה האט געלעבט א חסידישער גלגול: לעבן, געפיל, התפעלות, מענטשן. און ווי שטענדיק, ווען די זון פון דערפאלג האט אים באשיינט, האט ער געהאט א סך פריינט, און ווען די זון איז פארגאנגען, זענען זיי שפור־לאז פארשוווּנדן. אבער פרץ האט נישט אראפגעלאזט דעם קאפ, נישט געבויגן דעם רוקן, נישט פארלארן דעם גלייכגעוויכט.

און ער איז טאקע געווען מער ווי סתם אן אדוואקאט, ביי אלעמען

באַליבט, אַ גרויסער מכניס־אורח, האָט ליב צו טאָן אַ טובה, אָן אויפטוער אין זאַמלען באַאָבאַכטונגען פון פאָלקס־לעבן, וואָס הערט זיך גוט איין צו דעם וואָס מענטשן שמועסן. ער האָט אַ סך געלייענט, פיל געלערנט. אָט בעט ער ביי מיר, איך זאָל אים שיקן די פּאַריזער אויסגאַבע פון מיצקעוויטש, און אָט פאַרלאַנגט ער גרעצס געשיכטע. ער האָט דאָן אַ סך געלייענט די רוסישע און די פּוילישע ליטעראַטור. פאַראינטערעסירט זיך מיט סאָציאָלאָגיע. עס וועט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט, עס איז אויך פלאַפּלעריי צו זאָגן, אַז ער האָט געהאַט פעסטע ראַדיקאַלע פּרינציפּן. זיין ראַדיקאַלישקייט איז געווען מער נייגונג ווי סיסטעם, מער ווי אַ תורה איז עס געווען אַ געוויסע באַציאונג צו מענטשן און זאַכן. אָבער אָן איבערטרייבונג קאָן מען זאָגן, אַז לויט זיין כאַראַקטער איז ער שטענדיק געווען פאָלקסטימלעך און פריי־געזינען, שטענדיקער ציטער און פלאַטער, פּראָטעסט און שנאה צו אַלץ, וואָס איז פאַרעלטערט און פאַרדאַרט, צו יעדער הערשאַפט און קנעכטשאַפט, צו יעדער פאַלשקייט און קרומקייט, צו יעדער אונטערדריקונג. גרויס איז געווען זיין ליבע צו אַלץ און צו אַלעמען, וואָס ווערט געדריקט און געשטיקט. צום אמת האָט ער געהאַט מער ווי סתם אַ נייגונג, עס איז געווען אַ מין תאווה, אַ מין פאַנאַטיזם. אויב קאָנסערוואַטיזם הייסט נישט נאָר ווי דער טייטש פון וואָרט מיינט צו זאָגן, אָפּהיטן דאָס אַלטע, נאָר אויך ווי דער אינערלעכער מיין, זיין צופרידן, זיין רואיק, איז אין פּרצן נישט געווען אפילו קיין סימן פון אָט דער איינשטעלונג.

איך ווייס, אַז פּרץ האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין זאַמאָשטש. ער פלעגט מיר צושיקן שאַרפע עפּיגראַמען, וואָס פלעגן גיין איבער די הענט און פלעגן אים אָפּטמאָל פאַרשאַפן אומאָנגענעמלעכקייטן מיט נאַטשאַלסטווא, וואָס האָט אין זיי איינגעזען סימנים פון רעוואָלוציאָנערישקייט. ער האָט אויך געשריבן שירים, וואָס פלעגן בלייבן פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער, אָדער איבערגעגעבן ווערן צו אַ גאָר באַגרעניצטן קרייז פון יענע, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען צו פּרצן אין שטוב, אָפּטמאָל אויף פאַרלעזונגען. איך האָב זיך דערמאָנט אין פּרצן מיט אַ יאָר

30 צוריק, ווען איך האָב רעדאַגירט דעם „האסיף". זייער ווייניקע האָבן דאַן געדענקט פּרצן. זיין נאָמען האָט נאָך נישט געקלונגען אויף אַ וועלט, פון דער העברעאישער ליטעראַטור איז ער פאַרשוווּנדן, קיין יידישע לי־טעראַטור איז נאָך כמעט נישט געווען. די ערשטע גרופּע איז זיך צע־פאַלן. ליכטענפעלד איז געשטאָרבן אין אָרימקייט, ווי דיאָגענעס, צווישן זיינע ביכער און כתבים, ערגעץ אויף די נאַלעווקעס אין אַ קליין אויבער־שטיבל אין הויף פון קאַשער אָדער ווילדער. אין דער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל: נאַציאָנאַליזם, נייער סטיל, אַ סך שריי־בער און נישט ווי אַמאָל שטיל און בנעימות, ווי אַ קליינער שטראָם, נאָר דווקא מיט אַ ירגזון און הויך אויפן קול. מיר דוכט, אַז דער „האסיף" איז געווען די ערשטע אויסגאַבע פון אָט דער באַוועגונג, זיין דערפאָלג האָט אַרויסגערופן בעסערע און ערגערע נאָכמאַכונגען, וואָס האָבן אויך געהאַט דערפאָלג. עס איז נאָך געווען פ א ר די טעגלעכע צייטונגען, מען האָט ערשט אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר זיי.

עס זענען פאַריבער נאָך עטלעכע יאָר. איך האַלט אין איין שרייבן און אונטעריאָגן פּרצן, און אָט שיקט ער מיר צו אין אַ געוויסן טאָג אַ פּעקל כתבים: „אָט האָסטו די קינדער פון מיין געדאַנק, מיינע פּען־שפּי־לערייען, אויב זיי געפעלן דיר — דרוק זיי אָפּ, ווען נישט, פאַרברען זיי לעבעדיקערהייט און צעשפּרייט זייער אַש, ווי דאָס אַש פון עגל". איך געדענק נישט געננוי די ווערטער, אָבער דער אינהאַלט פון זיין בריוו איז מער ווייניקער אַזוי. ער האָט מיר דאַן געשיקט זיין שיר „דאָס שטעטל", איינע פון זיינע יונגנט שאַפונגען, און איך האָב גלייך אָנערקענט פּרצן. איך האָב גערעדט מיט פריינט, געשמועסט מיט מבינים — זיי האָבן קיינער נישט געפילט און געדאַכט דאָס, וואָס איך האָב געפילט. עס איז אינטערעסאַנט אַ קוק טאָן אויף צוריק מיט אַ האַלבן דור און זען די ענ־דערונג אין געשמאַק, דעם שפּרונג פון דער קריטיק און פון דער געזעל־שאַפטלעכער מיינונג, וואָס שלעפּט זיך איר נאָך, און די ענדערונג אין דער מאָדע סיי אין לעבן ווי אין דער ליטעראַטור. אַ טייל פון די מענטשן, וואָס האָבן שוין פאַרלייקנט פּרצן און זיך פאַרעקשנט נישט צו אנערקע־נען ביי אים אפילו קיין סימן פון טאַלאַנט, ווייל אָט דער זאַמאָשטשער

ייִד איז זיי געווען לחלוטין פרעמד, אָן פאַרבינדונג מיט קיין שולע, אָן סמיכה פון קיין גרופּע, עפּעס אַ זעלבסט-געקרוינטער טאַלאַנט; אַט די זעלבע האָבן אים אין עטלעכע יאָר אַרום ממש פאַרגעטערט, און די גאַנצע לופט אַרום זיי האָט געהאַלטן אין איין זשומען: פּרץ, פּרץ... פּרץ און נאָך אַ האַלב טוץ שרייבער זענען געוואָרן אַ מין אַקס, אויף וועלכער די גאַנצע וועלט דרייט זיך: עס איז כאַראַקטעריסטיש אַט דער פאַנאַטיש חסידי־שער עקסטרעמיזם אין באַצוג צו איין רבין, מיטן פולן ביטול צו אַלע אַנדערע רביים פון זינט די וועלט איז אַ וועלט, וואָס אונדזער חדר־יינגלשע שרייבעריי, וועלכע בלאָזט פון זיך אַ קריטיק, צייכנט זיך אַזוי אויס מיט איר. דער אמת איז, אַז פּרץ איז נישט געווען דאָס וואָס עס האָבן געדענקט די געשמאַקלאָזע קריטיקער וואָס האָבן נישט אנערקענט זיין טאַלאַנט אין אָנפאַנג פון זיין עפּאָכע און אויך נישט דאָס וואָס עס חלומען און טרוי־מען וועגן אים זיינע חסידים, וועלכע פאַרגעטערן אים; פּרץ איז אַ זייער טאַלאַנטפולער שרייבער מיט אויסגעצייכנטע פעאיקייטן ווי אויך גרויסע פעלערן. נישט מבטל זיין פּרצן, נישט קיין חסידישע התלהבות אַרום פּרצן, נאָר אַ טאַקטפולע און געשמאַקפולע קריטיק, דאָס דאַרף זיין דער צוגאַנג צו פּרצן.

אויף מיר האָט פּרץ געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דווקא ביים אָנ־פאַנג פון זיין תקופה, ווען מיין געהילף אין „האסיף", דער פאַרשטאָרבע־נער אלעזר אַטלאַס, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שלאַנגיש-בייסיקע סאַטירע, פלעגט לצעווען איבער אים מיט דער שאַרפסטער אָפּלאַכעריי; אמת, דער־פון איז נאָך גאָרנישט געדרונגען, ווייל אַטלאַס האָט נישט געקענט קיין בעלעטריסטיק. אָבער נאָך מער צרות האָב איך געהאַט אין אַ צייט אַרום פון איינעם פון מיינע מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער „הצפירה", דער פאַרשטאָרבענער א. ש. פרידבערג, וואָס איז געווען אַ שטיקל מומחה אין בעלעטריסטיק, אָבער יעדעס וואָרט פון פּרצן פלעגט אים מאַכן אויסער זיך און ביז גאָר דערצערנען. ביידע זענען פאַרבליבן איינגעשפּאַרט אין זייער קעגנערשאַפט, אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך לכתחילה באַצויגן מיט פולן ביטול און צום סוף זענען זיי גאָר אַרויס פון די כלים

מיט אַ פֿאַרגעטערונג, וואָס האָט נישט קיין טעם און קיין גרעניץ, בעיקר האָבן זיך אין דעם אויסגעצייכנט אונדזערע יונגע.

עס איז אַ פֿאַקט, אַז איך בין געווען דער ערשטער פֿון די שרייבער און רעדאַקטאָרן פֿון פֿאָריקן דור, וואָס האָט אָנערקענט פּרצן. עס איז אמת, אַז פֿאַר מיר האָט עס געטון סמאָלענסקין, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט אין „השחר" אַ פּאָר שירים פֿון פּרצן. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אָנערקענונג, נאָר אַן איינפֿאַכע אָננעמען אין דרוק. איך האָב נישט נאָר פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע זאַכן, נאָר איך האָב אים אויך געמוטיקט און אונטערגעיאָגט מיט אַלע מיינע כוחות און מיט אַלע מיינע באַמיאונגען, ווייל איך האָב אים זייער ליב געהאַט. איך האָב אים אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע, באַמיט זיך צו קריגן פֿאַר אים אַ פּאָסטן אין דער גמינע, געקעמפֿט מיט די אַסימילאַנטן וואָס האָבן אים לכתחילה נישט געוואָלט, און געקעמפֿט מיט אים זעלבסט, ער זאָל נישט אָוועקלייגן די פֿעדער. אפשר האָב איך עס אַזוי געפֿילט, ווייל איך האָב פּרצן געקענט שוין פֿאַר אַ צייט, צי אפשר איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס איך קען זייער גוט דאָס קליינע יידישע שטעטל פֿון פּוילן, ווייל עס לעבט נאָך אין מיר און האָט נישט אויפֿגעהערט צו געבן מיר איר זיסקייט. איך האָב דערזען אין יענעם שיר, און אין די אַנדערע דיכטונגען פֿון פּרצן, וואָס איך האָב געדרוקט אין „האסיף", דעם גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט פֿון פּרצעס סטיל.

איך וויל זיך נישט באַרימען, אַז איך בין עס געווען דער וואָס האָט אויפֿגעוועקט זיין פּרימאָרגן — פֿאַראַן אַזעלכע הענער וואָס דענקען, אַז די זון גייט אויף יעדן פּרימאָרגן, בכדי צו הערן זייער קרייען, — אָבער איך פֿאַרצייכן אַ פֿאַקט. פּרץ איז אַריין אין דער העברעאישער ליטעראַטור — פֿאַר מיר אויסדריקלעך, פֿאַר אַנדערע שטיל און אומבאַמערקט — דורכן „האסיף".

עס זענען פֿאַריבער נאָך אַ פּאָר יאָר און פּרץ איז געקומען קיין וואַרשע; אין זאַמאָשטש איז אים שוין געווען ענג און לאַנגווייליק. ער האָט דאָרט אויך געהאַט סכסוכים און שוועריקייטן. ער האָט שוין איינגעזאַפּט אַלץ, וואָס זאַמאָשטש האָט אים געקענט געבן. ער איז שוין געווען ווי אַ מילגרוים פֿול מיט יידישן פֿאָלקלאָר, יידישע מעשיות, יידישע לעבנס-

חכמה, און ווי דער ים פול מיט פּאָעזיע. אַי, ווי ער האָט עס געגליט, ווי
ער האָט עס געשטורעמט, ווי אָנגעלאָדן עס איז געוואָרן די פרי וואָס האָט
זיך געצייטיקט אויפן צווייג, ווי עס האָבן אָנגעדראָלן, אָנגעפולט זיך די
טרויבן פון הענגל. ער האָט שוין דאַן געשריבן אַ וווּנדערבאַרן העברעאיש,
און כאָטש ער האָט זיך באַוועגט פריי אין דער שפּראַך, האָט ער דאָך
נישט געקענט דערשיינען אין איר אין פולן מלכותדיקן גלאַנץ. די גריב־
לער ווען עס שפּעטער צופּאַסן צו אַ געוויסער טעאָריע, אַזוי צו זאָגן.
העברעאיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און פּרץ איז געווען נאַציאָנאַל
נאָר לויט אַן אַנדער באַגריף. געוויס, אַלע סיסטעמען און הקירות ווערן
פאָרמולירט אַ „פּאָסטעריאָרי”, לאחר המעשה, מען קען זיי צוגעבן
און נאָך צוגעבן, אָבער אין אמתן אמת איז די סיבה געווען זייער אַן איינ־
פאַכע, אָן פּלפּולים און דריידלעך. פּרץ האָט נישט געקענט זיין אין העב־
רעאיש דאָס, וואָס ער איז געווען אין יידיש. אויסדריקן אין העברעאיש
דעם גאַנצן פאַרמעגן פון דער פאָלקסטימלעכער לעבנס-פּראַקטיק, דעם
גאַנצן אוצר פון מיינונגען, אָנדייטונגען, ווונקען, וואָס מיט איין וואָרט
אַנטפּלעקן זיי ווי דורך אַ כישוף גאַנצע וועלטן פון נאַטירלעכער נאַאי־
וויטעט, פון לעבנס־אומיטלבאַרקייט. דאָס אויסדריקן אין העברעאיש
מיט אַלע לעבעדיקע און שטאַרקע ניואַנסן, מיט די דינסטע פליטערלעך,
קען נאָר אַ גאון, און אויך ביי אים וואָלט עס אַרויסגעקומען איבערזעצט.
עס איז אמת וואָס מען זאָגט, אַז דער גרויסער שרייבער גיט דער שפּראַך
מער ווי ער נעמט ביי איר. און שרייבנדיק העברעאיש וואָלט איר פּרץ
געגעבן פיל מער ווי ער וואָלט ביי איר גענומען. אָבער זיין גאַנצע דער־
ציאונג, זיין גאַנצע צוגרייטונג אין זאַמאָשטש, די עצם אימפּולסיווקייט
פון זיין שרייבן האָבן געבראַכט צו דעם, אַז ער איז געוואָרן בעיקר אַ
גרויסער מייסטער אין יידיש, און נאָר ווי אַ צוגאָב אויך אַ שרייבער און
פּאָעט אין העברעאיש.

דערצו האָט נאָך צוגעהאָלפן זיין טעמפּעראַמענט. ער האָט ליב גע־
האַט זיין צווישן מענטשן, אַרומגערינגלט פון דער מאַסע, זיין אַ שטיקל
חסידישער רבי. זיין אייגענע התלהבות האָט געפאָדערט אַפגעענטפערט
צו ווערן מיט כוואַליעס וואַרעמקייט. העברעאיש איז געווען צו אַריסטאָ־

קראַטיש, צו פּאַראַינזיכט; אין העברעאיש האָט ער ניט געקענט צע־שפּרייטן זיינע ברייטע פליגלען, ער האָט אין דער שפּראַך נישט געהאַט דעם באַוווסטזיין פון איינעם וואָס ווירקט און ווערט באַווירקט פון די מאַסן, ווי ער האָט עס געפילט, ווען ער האָט געשריבן יידיש. דאָס איז געווען זיין וועלט, די זאַמאָשטשער לעגענדע האָט זיך צעוואָרפן, פאַר־שפּרייט, אַרומגעכאַפּט אַלע עקן פון דער וועלט; אירע געדאַנקען האָבן אַרומגענומען דעם אוניווערס און איינגעשלאָסן אומענדלעכע רוימען. דאָס איז געווען פּרץ. אַנדערש האָט ער נישט געקענט זיין.

פונעם ערשטן טאָג, וואָס מיר האָבן זיך מיט אים באַגעגנט אין וואַר־שע, נאָך אַ לאַנגן איבעררייס, איז פאַר מיר נישט געווען קיין ספק, אַז פּרץ וועט זיין דער גרויסער אָנזאָגער, אַ שעפער און באַנייער, בעיקר אין יידיש און אין אַקטועלע פּראָבלעמען, אין העברעאיש וועלן מיר פון אים האָבן נאָר פונקען.

(*III

איך געדענק אַ טאָג, ווען איך בין מיט קאָרנגאָלדן געגאַנגען צו זיין ברודער, צו ליבער קאָרנגאָלד, וועלכער האָט געוווינט אין זיין אייגן הויז אויף מאַריאַנסקאַ ראָג טוואַרדאַ. ליבער איז געווען אַ טיפּ פון אַ פּאַרצייטיקן קהלשן טוער מיט אַן עפּעס פון אַן אַמאָליקן גבאי, נישט קיין למדן, נישט קיין משכיל, נישט קיין אויפגעקלערטער. אַ פיינער באַלע־באָס, פעסט ביי זיך, אַביסל קאַפּריזנע. געדוכט האָט זיך אַ האַרטער מענטש, אַ תקיף, אָבער באמת אַ גוטע נאַטור, שטאַרק איבערגעגעבן צו קהלשע ענינים, אַ גביר. האָט גערעדט פּויליש מיט גרייזן אָבער מיט פיל זעלבסטזיכערקייט; יידיש האָט ער גערעדט אַ וואַרשעווער, מיט דער אָר־טיקער אויסשפּראַך, מיטן אָרטיקן ניגון. ער איז געווען אַ גרויסער פּאַ־טריאָט, נישט פּאָליטיש, נאָר געאָגראַפיש: נישטאָ אויף דער וועלט גאָר־נישט אויסער וואַרשע, און אין וואַרשע גופא נאָר די מענטשן וואָס ער

---

*) זע דעם צוגאָב־קאַפּיטל וועגן י. ל. פּרץ (זייט 247).

קען. פראגע איז שוין ביי אים געווען אפגעפרעגט, פון יענער זייט בריק איז עט... אַז מיר האָבן אים פאָרגעשלאָגן פרעצעס קאַנדידאַטור, האָט ער צו אַלעם ערשט געפרעגט czy tutejszy (אַ היגער?) און איך בין נאָך דאַן געווען יונג און האָב זיך פאַר אים צעלאָזט מיט טעאָריעס, אַז אין גרונד גענומען איז עס גאָרנישט וויכטיק, צי יאָ אַ היגער, צי נישט אַ היגער, אָבער עס איז געווען ווי צו דער וואַנט. כל־זמן מען האָט גערעדט פויליש, האָט מען נישט געקענט געפינען קיין אויסוועג, אָבער אָט האָט מען דערלאַנגט טיי, פאַררויכערט ציגאַרן „טראבוקוס", דער שמועס איז געוואָרן היימישער, מאַמע־לשון האָט ביסלעכווייז פאַרכאַפּט דעם גע־שפּרעך, און עס איז גאָר אַנדערש געוואָרן. דער פּרינציפּ tutejszy איז פאַרשוווּנדן און ליבער האָט צוגעזאָגט צו שטיצן די קאַנדידאַטור; און האָט ער נאָר צוגעזאָגט, האָט מען זיך שוין אויף אים געקענט פאַרלאָזן.

און אַזוי איז פּרץ אַריין אין קהל־שטיבל. זיין וווינונג, וואָס ער האָט פאַרנומען צוזאַמען מיט זיין פרוי, וואָס איז אים געווען זייער איי־בערגעגעבן און האָט נאָר געלעבט פאַר זיינעטוועגן, און מיט זיין בן־יחיד לוציאַן, האָט ער איינגעאָרדנט אויף צעגליאַנע, און ער האָט אָנגעהויבן אַר־בעטן אויף זיין פּאָסטן, וואָס האָט ביי אים פאַרנומען נאָר אַ האַלבן טאָג.

פּרץ איז געווען זייער אַ טיכטיקער אַרבעטער, נישט קיין אויטאָמאַט, נאָר אַ מענטש פון סיסטעם, מער ווי אַ מתמיד איז ער געווען אַן אויפ־טוער, און פלעגט יעדעס מאָל געפינען נייע מעטאָדן, לויט וועלכע איינצו־אָרדענען די דאָקומענטן אין פּראָצעדור; מיט דער פלינקייט פון זיין אַרבעט האָט ער קאָמפּענסירט דאָס פעלן פון דעם שטענדיקן פלייס, אַזוי אַז אויך גראַסגליק, דער הויפּט־סעקרעטאַר, וואָס איז נישט געווען קיין איבעריקער חסיד פון פּרצן, האָט געמוזט צוגעבן אַז: „אַלץ ברענט אונטער זיינע הענט". זיין פאָריקע פּראַקטיק פון אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט האָט אים פיל געהאָלפן, ער האָט גוט געקענט רוסיש. מיט קיין איבעריק פּויִלישקייט האָט ער זיך שוין לאַנג נישט אויסגעצייכנט; זאַמאָשטש האָט אין דער הינזיכט געהאַט איר אייגענע שטה. געוויס איז זאַמאָשטש אַן אַלטע, פולשטענדיק פּויִלישע שטאָט, אָבער אירע יידן זענען נישט גע־ווען איינגעשלאָסן אין ענגן קרייז ווי די יידן פון אַנדערע שטעט אין פּוילן.

זאמאשטש קוקט פון איין זייט אויף וואָלין, פון דער צווייטער אויף גאַ-ליציע, און אויך אויף כעלם. די השכלה־יידן פון זאמאָשטש זענען אוודאי געווען פוילישע יידן, אָבער פון א ברייטערן פארנעם און באַציאונג אויך צו אנדערע רוסישע געגנטן. נאָך 1864 איז אין זאמאָשטש פארבליבן א שטאַרקע פוילישע טענדענץ, וועלכע איז אָבער מיט דער צייט היפש אָפּ־געשוואכט געוואָרן. אזא צעריסנקייט, ווי עס האָט געהערשט צווישן די איינגעבוירענע און פאָרגעשריטענע יידן פון ווארשע אין די זיבעציקער און אכציקער יאָרן, איז אין זאמאָשטש נישט געווען. פרץ, אלס אדוואָ-קאַט, האָט נישט געהאַט קיין צופיל באַציאונגען מיט פּאָליאַקן, זייער שפּראַך און ליטעראַטור. ער איז אָבער געווען שטאַרק אויסגעבונדן מיט די יידישע מאַסן און מיטן דינעם שיכט רוסישע ריכטער און באַאַמטע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין ווארשע, איז אריין אין קהל־שטיבל, און אָנגע-קניפּט נענטערע באַציאונגען מיט די, ווי מען האָט זיי דאַן גערופן אין וואר־שע, אינטעליגענטישע קרייזן, איז ער מער פאַרפּוילישט געוואָרן, נישט ווי אַן אויסדרוק פון א וועלכער ס׳איז פּאָליטישער שיטה, נאָר אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, פירונג, שפּראַך א. א. וו. ער האָט דאַן גערעדט מער פּוי-ליש, און פלעג זיך מיט דער שפּראַך באַנוצן צו הויז, מיט באַקאַנטע און ווו ער האָט זיך געקערט און געווענדט. צום מערסטן האָט ער דאַן גע-לייענט רוסישע ליטעראַטור, אָבער אויך פיל פּויליש. און איך געדענק, אַז שוויענטאכאָווסקי האָט אויף אים געהאַט א געוואַלדיקע ווירקונג. פון סלאָוואַצקין האָט ער געהאַלטן מער ווי פון מיצקעוויטשן. פון די דאַן לע-בעדיקע פוילישע שרייבער האָט ער געהאַלטן פון דיגאַשינסקי, שעראָ־שעווסקי און פון דער פּאָעטין מאַריאַ קאָנאָפּניצקא. די ארבעטער־פראַגע האָט אים שטאַרק אינטערעסירט, אָבער מען האָט אים נישט געקענט רע־כענען פאַר קיין אויסגעהאַלטענעם סאָציאַליסט. דער גרונד־שטריך פון זיין כאַראַקטער איז שוין דאַן געווען גרויסע ליבע צו אַלץ וואָס איז ספּעצי־פיש יידיש: פאָלקס־ווערטלעך, פאָלקס־לידער, יעדער געשפּרעך וואָס האָט אַן אמתן פאָלקס־געשמאַק, א נאַטירלעכן טעם פון דער יידישער גאַס.

מיר פלעגן זיך דאַן טרעפן כמעט טעגלעך און איך האָב געקענט דורכדרינגען זיין כאַראַקטער, ווייל איך בין געווען זיינער א קעגנער, בע־

סער געזאָגט, נישט קיין אידייאישער קעגנער, נאָר אַ מענטש וואָס איז אַנדערש לויט זיין דערציאונג, בילדונג, אויפפירונגען, געוווינהייטן. פּרצעס וועלט איז געווען דער יידישער מאַרק, דער בעל־מלאכה, דער קרעמער, די יידענע, דער חדר, און פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז געווען געשפּונט און געוועבט מיט יידיש. דאָס איז געווען דער עיקר פון זיין דערציאונג און דערפאַרונג און דורך די דאָזיקע וואָרצלען האָט ער זיך געשפּייזט. דאָס אומגליקלעכע ווייבל, די פאַרליבטע און פאַרבענקטע, דער אַלטער בעל־עגלה, וועמען די באַן האָט צוגענומען די פּרנסה, די נייטאָרין, די קעכין, דער מעקלער, וואָס דרייט זיך אַרום מיטן שטעקעלע אין מאַרק, האָבן פאַרפולט כמעט זיין גאַנצן האָריזאָנט, ער האָט זיי געקענט גרינטלעך און געפילט קינסטלעריש. מיר דוכט אַז אויך איך — און נישט נאָר איך, נאָר אַ גאַנצער קלאַס פון צו מיר ענלעכע מענטשן — האָבן געקענט די דאָזיקע יידישע טיפּן, זייער שפּראַך און אויפפירונג. אויך איך האָב זיי ליב געהאַט און געווען צו זיי צוגעבונדן, אָבער דאָס איז נישט געווען מיין גאַנצע יידישע וועלט. מיין יידישע וועלט איז געווען די וועלט פון לומדים, בחורים, יונגעלייטלעך, באַלעבעסלעך, ווילנער, יידן וואָס האָבן צו טאָן מיט אַ האַרבן המב״ם, יידן פון אַן אבן־עזרא, פון חקירה און מורה־נבוכים, יידן חסידים, תלמידי־חכמים, ערב משכילים פון נפתלי הערץ ווייזלס חדר און גאַנצע משכילים, דאָס זענען געווען מ יי נ ע יידן און מ יי ן וועלטל. צווישן זיי בין איך אויפגעקומען און אויפגעוואַקסן און זייער לעבן איז נישט געווען אויף אַזוי פיל איבערגעפלאָכטן און איבערגעוועבט מיט יידיש און נאָך אַמאָל יידיש. געוויס האָבן זיי אַלע גערעדט יידיש, אָבער אַזוי, דרך אגב, אָן ספּעציעלע כוונות, נישט ווי קיין עיקר זאַך. אויך איך האָב געהאַט אַ ליבע טייערע מאַמע, וועמענס אָנדענק איז מיר הייליק, אויך זי פלעגט מוצאי שבת פּלים־טערן אַ „גאָט פון אברהם״ און איך פלעג זיך האַלטן ביי איר פאַרטוך און דורשטיק שלינגען יעדער וואָרט וואָס פלעגט פאַלן ווי פּערל פון איר מויל, אָבער, איך בין זיך מודה ומתודה, אַז מיין פאָטער האָט אויף מיר שטאַרקער געווירקט. און דער טאַטע האָט נישט געלייענט דעם „צאינה וראינה״, נישט אַריינגעפאַלן אין התפעלות פון פאָלקסווערטלעך און

האָט מיך נישט געשפּייזט מיט צוקערלעך. אָנו, תנא־ברא, זאָג מיר דעם שיעור! זאָג מיר אָט דעם קנייטש פון מהרש"א, דערקלער אָט דעם אבן־עזרא. און אז דער השכלה־גייסט פלעגט רוען אויף אים, פלעגט ער גאָר וועלן, איך זאָל אים פאַרזאָגן דעם לוח־הפועלים. אַ פיינע מערכה וואָלט איך געהאַט, ווען אנשטאָט דאָס גאַנצע לומדות וואָלט איך אַרויסגעקומען מיט אַ יידיש־לידל, וואָס די שניידער יונגען זינגען!...

דאָס איז נישט קיין פאַרשידנהייט אין איינשטעלונג, נאָר אַ דיפערענץ אין האָריזאָנטן. איך טרייב גאָרנישט איבער. איך קוק נאָר נישט איינזייטיק און נאָר מיט איין אויג! די יידישע וועלט איז באַשטאַנען פון אַ סך וועלטעלעך און יעדע איינע פון זיי האָט געמיינט, אַז זי איז די איינציקע. עס איז געווען אַ וועלט פון לומדים און אַ וועלט פון פּראָסטאַקעס, אַ וועלט פון תנ"ך מיט ל"ב פירושים און אַ וועלט פון „צאינה וראינה". מיר קאָנען נישט אַרויסטיילן קיין עליות און אָפּשאַצן, ווער איז בילכער און ווער איז וויכטיקער, יעדעס פאָלק באַשטייט פון פאַרטייען, סעקטעס און קלאַסן, אויך דאָס יידישע פאָלק איז אַזוי.

די זאַכן וואָס האָבן אַמבעסטן גערעגט פּרצעס גייסט זענען געווען די ענינים פון דער פשוטער יידישער וועלט, דאָס איז געווען אין זיין כאַראַקטער, דערצו האָט ער באַקומען די געהעריקע צוגרייטונג, צו דעם האָבן געפירט די אומשטענדן פון זיין לעבן, וואָס איז נישט געווען פיל־פאַרביק.

פּרץ איז געווען כמעט אַ „שטוב זיצער", די גרויסע וועלט האָט ער נישט געזען. דאָס זיצן אויף איין אָרט האָט אים גוט געטאָן, איך דערמאָן עס צו זיין לויב, נישט צו זיין גנאי. דער וואָס איז באַגאַבט מיט העכערן גייסט מוז נישט דווקא אַלץ זען אַליין מיט אייגענע אויגן. אָט שרייבן מיר דאָך ווענן דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מיר האָבן געוויס נישט געזען מיט די אויגן. אַלע ווייסן, אַז שעקספּיר האָט נישט געזען ווענעציע, נישט וועראָנאַ און דאָך האָט ער זיי געמאָלן אין „אָטעלאָ" און „ראָמעאָ און זשוליעטאַ" נישט נאָר ווי זיי זענען, נאָר נאָך העכער, לויט זייער אידעאַלן מהות, כמעט אַ ווענעציע און אַ ווערָאנאַ של מעלה. שילער האָט נישט געזען שווייצאַריע און האָט זי אויסגעמאָלן ווי אַ לע־

בעדיקע אין זיין „ווילהעלם טעל”. וויפיל מאָל האָב איך מקנא געווען פּרצן! אַזאַ פּשוטער מענטש ווי איך מוז זיך אַרומבלאָנקען אַ לעבן לאַנג, צוקוקן זיך צו אַזאַ בילד, צו אַזאַ דערשיינונג, אָבער פּרץ האָט מיטן רוח הקודש פון זיין טאַלאַנט געבליקט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן. גלויבט מיר, אַז אָפּט בין איך מתפּלל: „רבונו של עולם, פאַרשלים מיך אויף אַ פּאָר יאָר אין מיינע אייגענע ד׳ אמות”, אָבער עס העלפט נישט. און דערפאַר זאָג איך: מען דאַרף נישט וועלן זיין קיין קאָרעקטאָר פון׳עם קודשא בריך הוא׳ס שאַפונגען. יעדער איינער האָט זיין כאַראַקטער, זיין אייגענעם פּרצוף, זיין אייגענע פאָרבאַשטימונג. אַמאָל פלעג איך זיך אויך אַריינלאָזן אין חקירות און השערות: ווי וואָלט געווען ווען אַזוי, און ווען גאָר אַנדערש, אאַ״וו...? אַ סך מאָל האָב איך זיך געפרעגט: אַזאַ מענטש ווי פּרץ מיט זיין מעכטיקן טאַלאַנט, ווען ער וואָלט אין דער זעלבער מאָס באַהערשט העברעאיש, און געווען קלאָר אין אונזער אַלטער און נייער ליטעראַטור, ווען ער וואָלט דורך לערנען מיט התמדה דערגרייכט צו אַזאַ שטופּע פון שלימות; ווען ער וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט די יידישע געשיכטע אין אַלע אירע איינצלהייטן, פילנדיק אַלע אירע פּאַסירונגען, שטימונגען, אויפטרייסלונגען, ווי ער האָט עס געטון מיט די ענינים פון זיין צייט און מיטן קרייז יידן, וואָס ער האָט געקאָנט און געפילט, אָדער — אַזאַ מענטש ווי פּרץ, ווען ער וואָלט אַזוי באַהערשט אַ שפּראַך פון אַ לעבעדיק, איינגעאָרדנט פאָלק, וואָס ווירקט אין זיין אייגן לאַנד און ברענגט צום אויסדרוק אַלע זיינע מיינונגען, געפילן און געדאַנקען, אָדער ווען ער וואָלט געקאָנט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין דער קעגנוואַרט אין די פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע פּאַרטייען, מיט זיין גאַנצן אינערלעכן פאַרבאָרגענעם לעבן, וואָס פאַר אַ וווּנדער וואָלטן מיר געזען?! וואָס וואָלט ער געשאַפן?! אָבער איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז די אַלע חקירות פון וואָלט איך און זאָל איך זענען פּוסטע רייד. אפשר וואָלט ער אין אַנדערע באַדינגונגען גאָרניט געקענט געבן דאָס וואָס ער האָט געגעבן. פּרצן דאַרף מען אָננעמען ווי ער איז, און דאָס איז געווען.

און אַזוי ווי ער איז געווען, האָט מען פון אים נישט געקענט פאַר־

לאַנגען דעם היסטאָרישן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, אפילו נישט דעם אַלגע־מיינעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם פון אונזער צייט. עס איז נישט נאָר אַנטי־נאַציאָנאַל, עס איז אויך נישט פאָלקסטימלעך, דאָס וואָס אונזער בעלעטריסטיק שענקט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט די ייִדן פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן דאָך אויך אייגענע שפּראַכן און דערציאונג און לעבנס־שטייגער און אייַנפירן און מנהגים און פאָלקלאָרן, אַן אייגענעם פעקל צרות און מאַטערנישן און האַרצווייטיק און טראַגעדיעס און אפילו אייגענעם הומאָר און זיי קאָנען דערפאַר נישט באַגרייפן די פּסיכאָלאָגיע, נישט די סאַטירע פון אַ מענדעלע מוכר ספרים, צי פון אַ יל״ג, ווייל זיי זענען איינגעשלאָסן אין אונדזער געסל און אונדזער בית־המדרש פון רוסלאַנד און פוילן. אַזאַ פאַרזען איז אַ שרעקלעכע איינזייטיקייט. מיר זענען נישט קיין בני־יחידים ביים רבונו של עולם. פאַראַן נאָך אַנדערע ייִדן, מיר זענען נישט נאָר אַן אייביק פאָלק, נאָר אויך אַ וועלט־פאָלק. חוץ מזרח־אייראָפּע איז נאָך פאַראַן דער אמתער מזרח מיט זיינע ספרדישע ייִדן און זייער באַזונדער וועלטל, און פאַראַן ייִדן, וואָס האָבן זיך זייט יאָרהונדערטער איינגעבירגערט אין מערב און וואָס זענען אינגאַנצן פאַרזען געוואָרן פון אונדזער ליטעראַטור, נישט דערפאַר ווייל עס דאַרף אַזוי זיין, נאָר ווייל צופעליק זענען אונדזערע בעלעטריסטן נישט באַקאַנט מיט זייער לעבן. דער שכל איז מחיב, אַז די בעלעטריסטיק דאַרף זיך באַזירן אויף אַ סינטעז פון פאָלקס־לעבן אין אַלע זיינע טיילן און אָפּטיילונגען און דאַרף נישט זיין איינגעשלאָסן אין איין באַגרעניצטן קרייז. איך געדענק, אַז איך האָב אַמאָל געגעבן פּרצן לייענען די קליינע דערציילונגען „מענדל גבור״ און „פייגעלע מגיד״ פון אהרן בערנשטיין, געשריבן אין אַ פאַריידישטן דייטש. איך האַלט די דאָזיקע קליינע דערציילונגען פאַר ערשטקלאַסיקע מייסטערווערק, לעבנס־בילדער פונעם ייִדישן לעבן אין פויזן און אין אַ געוויסער צייט. אָבער ער האָט אין זיי קיין טעם נישט געפילט. אַזאַ געשמאַק־פאַרשידנהייט האָט מיך נישט איבערראַשט. עס טרעפט, אַז געוויסע קונסטווערק זאָלן מאַכן אַן איינדרוק אויף איין קריטיקער און נישט פאַראינטערעסירן אַ צווייטן. עס איז נישט קיין פראַגע פון אָביעקטיוויטעט, נאָר פון פערזענלעכן געשמאַק. אַ צווייטן מאָל

האָב איך געמאַכט אַן עקספּערימענט מיט קומפּערטס דערציילונגען פון יידישן לעבן אין בעהמען. קומפּערט איז לכל הפּחות אַ גרויסער דערציילער, און איך וואָלט מיך נישט געוואונדערט, ווען זיין סטיל וואָלט פּרצן נישט געפעלן, אָבער ער האָט אים אַפילו נישט פאַרשטאַנען. די פראַגע איז נישט, צי פּרץ האָט זיך צו דער אָדער יענער ליטעראַטור באַצויגן אַזוי אָדער אַנדערש. דאָס פּראָבלעם איז נישט נאָר פון פּרצן אַליין, נאָר פון דער גאַנצער ליטעראַטור. אַ בעלעטריסטיק וואָס איז נישט פאַרשטענדלעך דעם גאַנצן פאָלק איז אַ בעלעטריסטיק, וואָס איז באַשרענקט צו איין געגנט, צו איין קרייז און אפשר נאָר צו איין דיאַלעקט. עס איז נישט קיין פאָלקס-בעלעטריסטיק.

לכל הפּחות האָט פּרץ אויפגעטאָן אין אונדזער באַגרעניצטן קרייז, דערמיט וואָס ער האָט פאַרגרעסערט די טיפן-גאַלעריע. אַריינברענגענדיק מאַסן-טיפּן, מענער און פרויען; ווייל די דערציילער וואָס פאַר אים האָבן זיך ס׳רוב אָפּגעגעבן מיט ישיבה־בחורים, גלייך ווי דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט באַשטאַנען נאָר פון ישיבה-לייט. די היינטיקע יידישע פאָלקסטימלעכקייט שליסט איין, נישט נאָר די יידן פון רוסלאַנד און פּוילן, נאָר די יידן פון אַלע לענדער, און דאָס קען מען מיט איין בליק נישט אַרומנעמען, מען קען זיי נישט זען אַלעמען דורך דעם שפּאַקטיוו, מיט וועלכן פּרץ האָט זיך איינגעקוקט אין זיינע יידן. אַ מאָל טויזנט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט און געפּרוווט געבן עס צו פאַרשטיין די יידן פון אַנדערע לענדער און אַנדערע קולטורן, און צי דאַרף מען זאָגן, אַז ביי די אַלע מיינונגס-פאַרשידנהייטן, וואָס מיר קענען האָבן צווישן זיך, האָבן מיר נאָר איין שטרעבונג קעגן דער אויסערלעכער וועלט: צו דערוועקן באַציאונג, ליבע און אינטערעס צו אַלע אונדזערע שאַפונגען, סיי אין העברעאיש, סיי אין יידיש. פּרצן האָט מען איבערזעצט אין דייטש און ענגליש און עס האָבן זיך אָפּגעזוכט קריטיקער, וואָס האָבן געלויבט די איבערזעצונגען. אַז מען דערציילט עס ביי אונדז, ווערט ששון ושמחה: איין קליינינקייט! מיר הויבן אָן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אייראָפּע! גליקלעך זענען אָט די נאַאיווע מענטשן מיט זייער קליינשטעטלדיקער קולטור און באַגרעניצטן וויסן! זיי קאָנען נישט אונטערשיידן צווישן אַ הסכמה צוליב קוריאָז און

עקזאָטישקייט און אַ פּולער, גאַנצער צושטימונג. אינפאָרמירטע מענטשן ווייסן דעם חילוק, און ער איז זייער גרויס. מען זעצט איבער עפּעס פון אַ ווייטן וואונדער, ווערט עס אַ סענסאַציע. אויב מען זאָל דערציילן, אַז אויך אין בינע מיט אירע משונהדיקע מענטשן און משונהדיקער שפּראַך, אַז אויך דאָרט שרייבט מען פּאָעזיע און מען שאַפט טיפּן אין נאָוועלן, און אַט איז אפילו אַ ביישפּיל, אַן איבערזעצונג! וועט מען עס אָננעמען און אפילו אויסלויבן, ווייל אַזעלכע זאַכן מעסט מען נישט מיט קיין געוועג־לעכער מאָס, נאָר מיט אַ מאָס וואָס איז ספּעציעל אָנגענומען פאַר קוריאָזן און עקזאָטיק.

איך בין אַמאָל געווען אין פילאַדעלפיע אויף דער גענעראַל פאַרזאַמ־לונג פון אַ פאַרלאַג פאַר ביכער וועגן יידישע ענינים אויף ענגליש. עס איז דאָרט געהאַלטן געוואָרן אַ רעפעראַט וועגן אייניקע אַרויסגעגעבענע ביכער און צום סוף האָט דער רעפערענט אריינגעוואָרפן אַ פאַר ווערטער, ווי פון רחמנות וועגן, אַז די איבערזעצונג פון פּרצעס דערציילונגען האָט אַ געוויסן „עטנאָגראַפישן ווערט". דאָס האָט מען געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג פון פאַרלאַג, וואָס האָט די איבערזעצונגען אַרויסגעגעבן. איך בין אויפגע־שפּרונגען און האָב פּראָטעסטירט. וואָס פאַר אַן עטנאָגראַפיע אין מיטן דערינען? דאָס איז פּאָעזיע, קונסט! דאָס פאָלק, וואָס ווערט דאָרט גע־מאָלט, זענען מיר! אָבער די מענטשן האָבן אפילו נישט פאַרשטאַנען פון וואָס איך בין דאָ אַזוי אויפגעבראַכט. פון אומצאָליקע שמועסן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די מענטשן פאַרשטייען נעבעך גאָרנישט. יאָ, מען קאָן לייענען די דערציילונגען, זיי זענען גאָרנישט שלעכט, אָבער צו וואָס דאָס קאָכן זיך? פאַראַן אַזעלכע דערציילונגען אין ענגליש אין די צענדלי־קער טויזנטער! האָב איך זיי געזאָגט, מען דאַרף לייענען די זאַכן אין אָרי־גינאַל און טאַקע זיין באַקאַנט מיט די ענינים. גו, זאָלן זיי זיך אוועקזעצן לערנען יידיש? יאָ, עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ מיידל, וואָס האָט זיך אויס־געלערנט יידיש — וואָס געפינט מען נישט אין ענגלאַנד? און האָט אי־בערזעצט עטלעכע ביכער פון יידיש, איז עס טאַקע נאָר חידושים, עס מאַכט אַ רושם אויף אַ רגע און דערנאָך ווערט עס ביסלעכווייז פאַרגעסן.

דאָס יידישע פאָלק אין גלות האָט אַ סך טיילן און אַ סך שאַטירונ־

גען, זיי ווערן פון מאָל צו מאָל מערער, פאַראַן אויך שטריכן אַלגעמיינע
וואָס פאַראייניקן. די באַזונדערע שאַטירונגען געפינען זייער ליטעראַרישן
אָדער קינסטלערישן אויסדרוק אין די פאַרשידענע יידישן, וואָס זענען דאָ
אויף דער וועלט. ביי אונדז יידיש־דייטש, ביי די ספרדים — לאַדינאָ,
ביי די האָלענדער יידן, — יידיש־האָלענדיש, ביי אַ סך פון אונזערע
מזרח־ברידער אין יידיש־אַראַביש, און די דאָזיקע שפּראַכן ענדערן זיך
מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. די דאָזיקע שפּראַכן האָבן נישט נאָר אַ סך
צניעותדיקע שיינקייט, תמימותדיקייט און איינפאַכקייט, נאָר אויך לאָ-
קאַלן קאָלאָריט. אָבער די זאַכן וואָס פאַראייניקן אַלע יידן, די רעליגיע,
די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, די האָפענונגען אויף דער צוקונפט,
דאָס אַלץ געהערט צו העבראַיִש. און ווען די העבראַיִסטישע באַוועגונג
וועט זיך שטאַרקן און אַ סך יידן וועלן לייענען און פאַרשטיין העברע־
איש, וועלן מיר האָבן אַ ליטעראַטור, וואָס וועט אָפּשפּיגלען דאָס ג אַ נ-
צ ע פאָלק. נישט נאָר דערפאַר וואָס העבראַיִש איז אונדזער זון, אונ־
דזער פאַנצער און אונדזער גייסטיקע פעסטונג, אַלט ווי מיר אַליין און
אַזוי אומצעשטערבאַר, נאָר אויך דערפאַר, וואָס מיר דאַרפן אַן אַ ל ג ע -
מ יי נ ע יידישע ליטעראַטור, וואָס פאַראייניקט אַלע טיילן, אַלע פאַר־
טייען, אַלע דורות. אַט דער ליטעראַטור דאַרפן מיר ווידמען אונדזערע
בעסטע כוחות.

דאָס איז געווען דער שטרייטפּונקט צווישן מיר און פּרץ. ביי מיין
גאַנצער פאַרערונג צו אים און ביי דער גרויסער ליבע, וואָס איך האָב
באמת געפילט צו אים. איך האָב אַלעמאָל פיינט געהאַט און מיך עקלט
פון די, וואָס באַציען זיך מיט גרינגשעצונג און שפּאָט צו יידיש. איך
פלעג אויפגעקאָכט ווערן, ווען אַ פאַרדייטשטער אָדער פּאָלאָניזירטער
יידל, וואָס קאָן קוים פּלאַפּלען אויף זיין לאַנדס־שפּראַך, האָט געוואַגט
צו אָנרירן דעם „פאָלקס־זשאַרגאָן”. איך האָב אַ סך געשריבן אויף יידיש,
און איך האָב מיר מיין יידיש, וואָס איך האַלט טייער און היט אָפּ, עס
זאָל נישט ווערן קיין זשאַרגאָן, ווי אין די פּאַרטיי־פּראָקלאַמאַציעס, מיט
אַ סך דייטשמערישקייטן און אין רוסישן גייסט. מיין יידיש איז נישט
פון זאַמאָשטש מיט אירע מערק און געסלעך, אַ רעזולטאַט פון פּאָפּו־

לאריטעט פון א דארטיקן „טשאסטני פאוויערענע" און זיינע שמועסן מיט פארשידענע מענטשן, מיין יידיש איז א פלאצקער־ווישעגראדער, וואס האט אן עלעמענט פון גרויס־פוילן און שפעטער (אין דער מאקאווער עפאכע) אויך אן עלעמענט פון קליין־פוילן, מיט א ריח־תורה, וואס קומט נישט צו באווירצן און באטעמען, נאר גייט מיר נאך ווי א שאטן פון מיין טאטנס שטוב און פון די אלטע און נייע בתי־מדרשים. אין מיינע אויגן איז עס אויך נישט די גאנצע יידישע פאלקסטימלעכקייט אבער, לכל הפחות א קענטיקער חלק און נישט דער ערגסטער פון פאלקסטימלעכקייט. מען דארף אין זינען האבן, אז עס איז געווען א יידיש פון בעלי־עגלות און א יידיש פון ווילנער, מיט אפקלאנגען פונעם „דייטש" פון איר געבורט־ארט, וואס דארט האט אויסגעפורעמט און גערעדט אויף איר א הארט און פרעמד פאלק, און פאראן א יידיש מיט קלאנגען, קאלירן און זילבען, זיפצן, שפרוכן, שמייכלען, געלעכטער, ווונקען און וויצן, פון חדר, בית־מדרש, ישיבה און קהל־שטיבל (די פינקסים זענען פון 18טן יארהונדערט אריבער פון העברעאיש אויף יידיש), פון בית־דין שטוב (א סך עדות־זאגן וואס ווערן געבראכט אין די שאלות ותשובות פון די רבנים אין די לעצטע יארהונדערטער זענען אין יידיש), אויך פון שטוב (בעיקר די קינדער־שטוב), אויך פון מארק. אין דער אפשאצונג פון יידיש פעלט דער סינטעז און דער גלייכגעוויכט וואס פעלן ביי אונדז אין יעדן ווינקל. איך קאן נישט מסכים זיין אויך צו די, וואס זאגן אז יידיש האט אן עקזיסטענץ־בארעכטיקונג נאר ווי א מיטל צו פארשפרייטן השכלה, ווי מען פלעגט עס אמאל זאגן אויף דער העברעאישער שפראך. מיר טארן בכלל נישט אויסשטעלן צייגענישן און פסקענען וועגן דער עקזיסטענץ בארעכטיקונג פון די עקזיסטירנדיקע מוסדות. אבער ווען מען וויל קרוי־נען יידיש פאר דער נאציאנאלער שפראך פון אלע יידן אין גלות, איז עס א טעות.

אויף מאלן דאס לעבן פון די יידן, וואס האבן גערעדט יידיש, און פון וועלכע די שפראך האט אריינגענומען געדאנקען און מיינונגען דינענ־דיק פאר אויסדריקן זיי, צופאסנדיק זיך אויף אזא אופן צו געוויסע דער־שיינונגען, געוויסע אויסדריקן — אויף דעם איז יידיש, אויסער יעדן נא־

ציאַנאַלן צוגאַנג, נאָר בלויז פון ליטעראַריש-קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, די אַממערסטן צוגעפּאַסטע שפּראַך; און ווען מיר ווילן מאָלן אויף העב־רעאיש אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע סיטואַציעס, מוזן מיר זיך באַנוצן מיט אַ סטיל, וואָס איז נאָענט צו יידיש. אַזוי האָט רייטער געשריבן זיינע שירים אויף אַ באַשטימטן דיאַלעקט און ער איז דאָך געווים געווען אַ גרויסער פּאָעט, און הויפּטמאַן האָט געשריבן זיינע „אָרגיען" אין שלעזיישן דיאַלעקט, וואָס איז שוין כמעט אַ פולשטענדיקע שפּראַך. וואָס עס וועט פאַרבלייבן פון די שאַפונגען פון די גרויסע יידישע שרייבער אויף דורות איינגעהילט אין אייביקייט-גלאַנץ, איז נישט דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעפילאָזאָפירט אָדער אויסגעדיסקוטירט וועגן פּאָליטיק אויף אַ שפּראַך, וואָס איך ווייס נישט, וואָס זי איז אייגנטלעך, נאָר דאָס וואָס זיי האָבן געשריבן אויף יידיש פון יידישן לעבן און פון דער יידישער גאַס.

דאָס האָט פּרץ מיטגעבראַכט פון זאַמאָשטש, וואַרשע האָט צו דעם אַ סך צוגעגעבן, אָבער דער עיקר איז דער ערשטער קערן און ער איז שוין געווען אַ פּאַרטיקער און איז בולט געקומען צום אויסדרוק אין זיינע שאַ־פונגען אין דער „פאָלקס ביבליאָטעק".

IV

זינט ער איז אַריין אין דער גמינע, האָב איך מיט פּרצן מיטגעאַר־בעט אין אַ סך געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן, איינעם פון זיי איז געגוג אָנצורופן ביים נאָמען, אַז ער זאָל מאַכן אַ משונהדיקן איינדרוק: „דער כאָלערע-קאָמיטעט". אַזוי איז געווען דער אָפיציעלער נאָמען. אין דער אמתן איז עס געווען אַ קאָמיטעט פאַר ביליקע קיכן, פאַרטיילן אומזיסטע פּאָרציעס עסן פאַר אָרימעלייט, פאַרזאָרגן דאַכלאָזע מיט אַ נאַכטלעגער, אאַ"וו.

דער קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט אין אַ סכנה-צייט, ווען מען האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט אויסברעכן די מגפה. די מורא איז טאַקע געווען אַן אומזיסטע, אָבער דער קאָמיטעט איז פאַרבליבן און איז געווען טע־

טיק אייניקע יאָרן. זיין צענטראַלע איז געווען אין דעם געמיינדע־הויז און זיינע אָפּטיילונגען זענען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט, ווייל ער האָט זיך געגויטיקט אין דער מיטהילף פון אַ סך וואָלונטירן. איך בין געווען אַ מיטגליד אין קאָמיטעט און האָב געהאַט אַ זכיה באַשטימט צו ווערן פאַר אַ מין ערן־סעקרעטאַר. פּרץ האָט מיטגעאַרבעט אין קאָמיטעט אַלס גמינע באַאַמטער. אויב אין דער גמינע איז נאָך פאַרבליבן עמיצער פון אונדזערע לייט, און ער האָט אַ צוטריט צו די שלים־לען, קאָן ער נאָך געפינען פּעק מיט פּראָטאָקאָלן, וואָס איך האָב געשריבן, און איך האָב מורא צו זאָגן, אַז אויף אייניקע פון זיי, אויף די ברעגן, האָט פּרץ אָנגעוואָרפן אַ פּערז, אַ בליי־געדאַנק, אַ נאָכדענקעניש. אין קאָמיטעט זענען געווען פּערזאָנען, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן ראשי הקהל. מיקאַליי ברויטמאַן, ז. פּרומקין און א. באַראַוווסקי. אין קעגנזאַץ צו דער גמינע, וואָס איז דאַן געווען אַ מין אומדערגרייכבאַרער, איינזאַמער „אָלימפּ", איז דער קאָמיטעט געווען מער פּאָפּולער. מען האָט דאָך געמוזט ווערבירן אַ סך מיטגלידער, פּאַראינטערעסירן דאַמען, איינאָרדענען בעלער, צוליב הכנסה, רופן פאַרזאַמלונגען אא"וו. פאַרן לעבעדיקן, שפּרודלדיקן פּרץ, וואָס האָט זיך געגויטיקט אין באַוועגונג, אין מענטשן, אין שטענדיקע ענדערונגען, איז עס געווען אַ זייער געווונטשענע באַשעפטיקונג. עס איז געווען מאַטעריאַל, עס איז געווען וואָס צו באַאָבאַכטן. עס איז געווען נישט נאָר אַן אַרבעטס־פעלד, נאָר אויך אַ באַאָבאַכטונגס־פּלאַץ.

פּרץ האָט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן דינאַמיזם. דער קאָמיטעט האָט אים פאַרשפּאַרט פּטרן אַ סך צייט אויף צו דערקענען ברייטע קרייזן פון דער יידישער וואַרשע, ער האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו דערקענען אַ סך אין אַ קורצער צייט. גראָסגליק פלעגט זיך דאַן פאַר מיר באַקלאָגן: „אַז איר האָט צוגענומען פּרצן איינגאַנצן". אָבער מיר האָבן גע־האַט אַ שטאַרקן צד, יוסף קירשראָט, אַ פּירנדער גמינע טוער, וואָס איז דאַן געווען אויף זיין העכסטער מדרגה. אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, רייך, אימפּאָנענט, פּאָפּולער און געניט, אַ שרייבער אויף פּויליש און אַ מענטש מיט אַ גוט הארץ, וואָס זיין גלייכן איז שווער צו געפינען. ער איז גע־

זוען מיין געטרייער פריינט אין משך פון יארן. לויט זיין דערציאונג אן אסימילאנט, אבער ער האט נישט פארמאגט די „אכזריותדיקייט פון פרינציפן", געהאט א ווארים, פילבאר, יידיש הארץ. ער האט זיך אפגעגעבן מיט ווילטעטיקייט נישט צוליב שטאט און מאדע אדער צוליב כבוד, נאר מיטן גאנצן הארץ און ערנסטער באציאונג. די הארטע, תקיפימדיקע אסימילאנטן האבן עס געוווסט און האבן אים דערפאר נישט איבעריק ליב געהאט, אבער זיי האבן אים גארנישט געקאנט פארווארפן, זיין פאליטישע כשרות איז געווען אויסער יעדן פארדאכט און מיט זיין האלטונג און שטעלונג האט ער זיך ביי אלעמען באליבט געמאכט, די פוילישע געזעלשאפט האט אים שטארק געשעצט און ער איז געווען זייער פאפולער. מיר האבן צוזאמען געארבעט אין „כאלערע־קאמיטעט", שפעטער אויך אין אנדערע קאמיטעטן. ער האט געקאנט אביסל יידיש — העברעאיש האט ער כלל נישט געקאנט — אבער דורכן פארקער מיט מיר אין פארלויף פון יארן האט ער זיך באקאנט מיט יידיש און פלעגט זיך באציען צו אונדזער ליטעראטור מיט ליבע און פארערונג. ער האט זיך אפילו במעט דערנענטערט צום נאציאנאלן געדאנק. ער איז געווען דער פרעזידענט פון קאמיטעט, צו יענער צייט אויך א ראש הקהל, און טאג־טעגלעך פלעגן מיר ארבעטן זאלבעדריט צוזאמען מיט פרצן.

חוץ דער געמיינזאמער געזעלשאפטלעכער ארבעט האב איך נאך געהאט א ליטערארישע אנגעהעריקייט מיט יענע לייט. איך פלעג זיי שפייזן, בעסער געזאגט רייצן, מיט מיינע פוילישע ארטיקלען. וועגן פרצן האבן זיי אויך עפעס געהערט. עס האט לאנג נישט געקאנט בלייבן קיין סוד, אז פרץ האט א ליטערארישן טאלאנט. האבן די געמיינדע פירער אנגעהויבן שמועסן וועגן דעם, עס איז אויפגעקומען א געדאנק צו אויסנוצן פרצן פאר גייסטיקע צוועקן. דאן איז געבוירן געווארן דער פלאן פון דער „פאלקס ביבליאטעק" און אייניקע חברים האבן באשלאסן צוצוהעלפן. זיי האבן געמאכט א שטיקל טעות: זיי האבן באטראכט „זשארגאן" ווי א מיטל, און האבן געדענקט, אז עס וועט העלפן צו אלגעמיינער קולטור, נישט מער. בעיקר האבן זיי געדענקט צו ווירקן דורך איבערזעצונגען פון פויליש. וואלטן די מענטשן געווען שרייבער, וואלטן זיי גע־

ווּסט, אַז מען קאָן נישט אָנווייזן קיין גרעניצן דער ליטעראַטור, נאָך ווייניקער קאָן מען צוימען אַזאַ ליטעראַרישן טאַלאַנט ווי פּרצעס. וואָס עס איז לכתחילה געווען באַשטימט נאָר פאַר אַ מיטל, ווערט מיט דער צייט אַ צוועק פאַר זיך אַליין. די אַלע זאַכן זענען נאָך האָן נישט געווען גענוג קלאָר, די פּאַרטייען זענען נאָך נישט געווען אויסקריסטאַליזירט. דערפאַר האָט געקאָנט פּאַסירן, די איצט אַזוי מאָדנע זאַך, אַז מענטשן פון יענעם לאַגער זאָלן זיין צווישן די אונטערפירער פון דער „פאָלקס ביבליאָטעק". אין אַ סך פראַגן איז מען געגאַנגען צוזאַמען. איין אַלגע־מיינע לאָזונג איז געווען — „בילדונג", און ווער איז עס קעגן בילדונג? אַ צווייטע שטרעבונג איז געווען געבן איבערזעצונגען פון דער בעסע־רער פּראָ-יידישער ליטעראַטור אויף פּויליש — נו, מהיכא תיתא.

איך געדענק אַ זיצונג, וואָס מיר האָבן געהאַלטן ביי קירשראָטן אין הויז, אויף ראָג וולאָדזשימיערסקע. איך געדענק, עס איז געווען מוצאי שבועות, דאָס יאָר געדענק איך מער נישט. דאָרט איז געווען די גאַנצע סמעטענע פון דער אַסימילאַציע, אייניקע נייטראַלע. עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן דער „פאָלקס ביבליאָטעק". זיי האָבן אַנטדעקט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אייגנאַרטיקער ליטעראַטור. איז מען אַרויס מיט טענות, מען האָט דערפילט דעם קאָנפליקט. איך געדענק, אַז איך האָב שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער ראָל, וואָס מען האָט צוגעטיילט „זשאַר־גאָן" און אַז די מערהייט פון די פאַרזאַמלטע איז געווען אויפגעבראַכט. קירשראָט איז געשטאַנען מיט אונדז ווי אַן אייזערנע מויער. און נאָך דער פאַרזאַמלונג איז צו מיר צוגעגאַנגען אַן עקסטרעמער אַסימילאַטאָר, סטאַניסלאַוו קראַמטשיק, און האָט מיר געזאָגט: „איך בין אַ פולשטענ־דיקער גוי און דער גאַנצער ענין איז מיר פרעמד (ער איז געווען אַן אָנ־געזעענער פּוילישער שרייבער און נאַטור פאָרשער), איך גיב זיך נישט אָפּ מיט יידישע זאַכן, אָבער ווען איך וואָלט זיך דערמיט אינטערעסירט, וואָלט איך געהאַלטן מיט אייך. איך זע, אַז אייער ליטעראַטור איז גענוג אייגנאַרטיק".

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער שידוך האָט זיך געמוזט צע־גיין. ביסלעכווייז איז פּרץ געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער רעדאַקטאָר און

אַרויסגעבער, באַפרייט פון די פאַרשידענע קרייזן און גרופּן, אָדער, בעסער געזאָגט, — ער שאַפט זיך יעדעס מאָל אַנדערע קרייזן, דעם „רבינס מנין", וואָס אַנטשטייען און פאַרשווינדן איינער נאָך איינעם. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט ביסלעכווייז, ווייל איצט, נאָכדעם ווי פרץ איז געוואָרן אַ גרויסער אַנערקענטער שרייבער, מעג מען עס שוין אויסזאָגן: אין די ערשטע יאָרן איז ער נישט נאָר נישט געווען אַנערקענט, ער איז אַפילו נישט געווען גענוג באַקאַנט. די לעזער פון העברעאיש האָבן פון אים נישט געוווסט און די יידישע האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פּראָווינציאַל, איך געדענק נאָך גוט ווי מען פלעגט לאַכן פון זיינע אויסדריקן אויף פויליש און מען פלעגט פלוידערן פאַרשידנס וועגן זיינע סודות און רמזים. עס האָט לאַנג גענומען ביז פרץ איז געוואָרן אַנערקענט, און דאָס וואונדערלעכסטע דערביי איז, וואָס פרץ האָט זיך באמת אבסאָלוט נישט געביטן. געוויס זעגען מיט דער צייט אויסגעוואַקסן זיין חכמה, זיין דערפאַרונג, זיינע מיינונגען, אָבער אין תוך איז ער געבליבן דער זעלבער וואָס פריער. ער איז קיינמאָל נישט געווען איינגעשלאָסן אין די ענגע גרעניצן פון איין געוויסער ליטעראַרישער טענדענץ און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביז צום סוף. ער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעגעבן סיי מיט נגלה, סיי מיט נסתר, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן; אונטער דער השפּעה פון מעטערלינג און די סימוואַליסטן איז ער איבער פון רעאַליזם צו פאַנטאַזיע און ווונק, צו סודותפולקייט פון די אינערלעכע איבערלעבונגען און צוריק צום רעאַליזם. אַזוי, למשל, איז זיין ערשטער שיר אין „השחר" פול מיט נעמען פון מלאכים און ביים סוף פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט הסידות, ד"ה, ער האָט געגעבן אַ פּאָעטיש-ליטעראַרישן אויסדרוק פאַר כוונות, נאָכדענקעניש, הסידישע תורות פון „קדושת לוי", „אור-המאור", „חסד לאברהם" א"א. איך בין נישט קיין גרויסער חסיד פון דעם סאָרט שרייבן, איך האַלט, אַז ער האָט פיל געענדערט די פאָרעם און דעם אינהאַלט. לויט מיין מיינונג און פילן איז דאָס חסידות סוף-כל-סוף באַגרינדעט אויף פרומקייט. עס איז אַ פרומקייט מיט אַ צוגאָב פון אַ קליין ביסל סודותפולקייט און גלויבן אין רבין. אין דער ליטעראַטור האָט מען פון

חסידות געמאַכט אַ מין עסעניאיזם וואָס העגגט אין דער לופט פון די פאַרשידענע כוונות, און נישט איין מאָל קוקט באַדלער אַרוים פון אונ־טערן „טלית קטן”, און ווערלען בליקט אַרוים פון צווישן די פאות...

איך טרייב נישט איבער, אָבער עס איז זיכער, אַז צווישן אָט די שאַפונגען זענען פאַראַן ווירקלעכע פערל. צי נעמט די משלים און די מעשיות, פרץ האָט זיי גוט געשריבן נאָך אין דער יוגנט, ממש אין עטינ־גערס סטיל. און זיי זענען דאַן געווען אַזוי גוט ווי איצט. אָבער מער ווי פרץ, האָט זיך דערהויבן דער געשמאַק פון לייענער.

עס איז געווען אַ לאַנגע תקופה אין מיין לעבן — אַ פעריאָדע וואָס וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער — אין משך פון וועלכער מיר פלעגן זיך צונויפקומען רעגלמעסיק לכל הפחות איין מאָל אין וואָך. נאָך די דאַנערשטיק־קרייזן איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אַ גרעסערער קרייז, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „מאָנטיק־קרייז”, אַ מין געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קלוב, וואָס פלעגט זיך אין משך פון יאָרן צונויפקומען ביי מיר אין שטוב אויף פאַרטראַגן און דיסקוסיעס. פרץ האָט כמעט קיינמאָל נישט געפעלט. שוין דאַן איז זיין פערזענלעכקייט געווען קלאָר אָנגעצייכנט. עס האָט פון אים שטענדיק געשלאָגן מיט אַ ים פון לעבן. ער איז אַלעמאָל געווען פריש און מונטער, ענטוזיאַסטיש געשטרעבט צו עטוואָס גרויסעס. זיין ליכט האָט נישט אַלעמאָל געפירט אויפן ריכטיקן וועג, אָבער שטענדיק האָט עס געשיינט. אין דעם קלוב זענען שוין גע־קומען צום אויסדרוק דער רוב פון זיינע מיינונגען. דאָרט האָבן מיר גע־קעמפט און קעגנזייטיק זיך געזוכט צו באַזיגן, געמאַכט פשרות און ווי־דער דערקלערט זיך קריג. דער עולם איז געווען גרעסער, יינגער, פילפאַר־ביקער; ווער פון די אָנטיילנעמער געדענקט עס נישט ביז היינט די „לאַנ־גע אָוונטן”, די רעפעראַטן, די דיסקוסיעס, די שמועסן? און צווישן אַלע־מען, איינע פון די צענטראַלע פיגורן — פרץ.

איך קאָן נישט שרייבן גלייכגילטיק וועגן יענער צייט, זי איז מיר זייער נאָענט, אפשר וועלן עס אַמאָל טאָן אַנדערע פון די אָנטיילנעמער. אויבערפלעכלעכע מענטשן וואָס פאַרשטייען זיך נישט אויף די טיפע נשמה־געהיימנישן קאָנען דענקען, אַז אַ לאַנגע צייט איז נישט געווען

גאַנץ פולשטענדיקע פריינטשאַפט און אַבסאָלוטע געמיינזאַמקייט צווישן מיר מיט פּרצן. עס איז אפשר אמת, אָבער טראָץ אַלע איבערשלאָגן און פאַרשידענע מחיצות, איז געווען צווישן אונדז עטוואָס וואָס איז מער פון פריינטשאַפט און געמיינזאַמקייט. עס איז געווען עטוואָס אַזעל־כעס, וואָס אפילו די פון פּרצעס הדר האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן; עס איז אַ מעשה פון פערציק יאָר... איך האָב אַמאָל אָנגעשריבן עטלעכע שורות צו פּרצעס אַ יובל און איך ווייס, אַז ווען ער האָט זיי געלייענט, האָט ער געוויינט. און אַז פּרץ זאָל וויינען, האָט זיך נישט אַלע טאָג פאַר־לאָפן.

יאָרן זענען פאַראיבער. מיר זענען זיך צעפאָרן אין באַזונדערע שטעט, מיר האָבן זיך צעשיידט אין די ליטעראַרישע געביטן, מיר זענען דערווייטערט געוואָרן צוליבן ציוניזם. איך בין מיר אַוועק מיין וועג, פּרץ — זיינעם, איך פלעג זעלטן באַזוכן מיין היים און האָב געזען ווי פּרץ וואַקסט, ווערט גרויס, דרינגט אַריין אין פאָלק, שטייט בראש פון אַ פאָלקסטימלעכער יידיש־ליטעראַרישער פאָלקס־באַוועגונג, ער ווירקט, האַלט פאָרטראַגן, שרייבט, גליט. אין אַ סך זאַכן בין איך מיט אים נישט געווען איינשטימיק, אָבער אין מיין האַרצן איז שטענדיק פאַרבליבן אַ ווינקל פאַר אים, אַ פונקט וואָס קיינער און גאָרנישט האָט געקאָנט רירן: פּרץ!

V

פּרץ איז געווען באַגאַבט מיט אַלע מעלות פון אַ גאָר גרויסן שריי־בער. ער האָט פאַרמאָגט די קונסט, וואָס מען געפינט געוועגלעך נאָר ביי יחידי סגולה, צו קאָנצענטרירן דאָס צעשפּרייטע, ד״ה צונויפנעמען די באַזונדערע קלאַנגען אין איין גאַנצער פאַראייניקטער האַרמאָניע. מיט איין שפּרונג קאָנען אַריבער פון איבערקן צום מאָמענטאַלן. פון שטענדיקן צום פאַרבייגייענדיקן, פון טיפן טרויער פון וועלט שמערץ צום לייכטן געלעכטער, פון אַלגעמיין־מענטשלעכן צום ריין און קליין פּריוואַטן, און דאָס אַלץ אָן איבעררייסן, נישט איבערהאַקנדיק דעם המשך און נישט

באַרירנדיק די פּאַרעם, און בעיקר, אַן מקריב צו זיין פּאַר אַ קרבן דעם הויפּט געדאַנק. ער האָט געקאָנט שאַפן שיינקייט און גלאַנץ אין מיניאַ־טורן ווי אַ קוצו של יוד די גרויס. ער האָט וואונדערבאַר קאָמבינירט דאָס רעאַלע מיטן פאַנטאַסטישן, דאָס אַלטעגלעכע מיטן פּאָעטישן. אַ שטרע־בונג צו אמת און אַ נאַטירלעכער געפיל פאַר שיינקייט האָבן באַגלייט אַלע זיינע בילדער און האָבן זיי פאַרצויגן מיט אַ באַזונדערן חן־פּאַדים. ער האָט אויך פאַרמאָגט דעם קרומען שמייכל, דעם ביטולדיקן אויסלאַכן, דעם שאַרפן און ביטערן שפּאָט פון אַ מעפיסטאָפל, דעם אשמדי־פונק פון דורכדרינגענדער סאַטירע, וואָס פלעגט אים לאָזן אָננעמען דעם פסעוד־דאָנים „לוציפער", גלייך אויך ער וואָלט אַרויסגעשפּרונגען פון פייער־פלאַם. אַלץ איז ביי אים געווען אַ תאווה. תאווה צום אמת, תאווה צו פאַרברענען מיט זיין וואָרט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ליגן. תאווה צו שיינקייט, תאווה צו ווירקן אויף מענטשן, תאווה צו ליב האָבן און צו פיינט האָבן, און אַלץ מיט שטורעם און דראַנג. עס איז געווען אַ ווולקאַן, וואָס שפּייט מיט לאַווע: גאָלד, בליי און שטויב, אָבער גאָר אַ סך גאָלד. צומאָל פלעגט ער דערמאָנען אין דער עלעקטרישער באַלייכ־טונג, ביים אָנפאַנג פון איר תקופה, ווען זי האָט נאָר געגעבן פונקען און פייערשפּריצן, אָט זענען די פונקען שעמערירנדיק און קלאָר, שימערן אַן אַ סוף, און אָט ווערט פינסטער אין מיטן דער ליכטיקייט, סודותפול אין מיטן דאָס קלאָרע. ביים ליכט פון זיינע בליצן־פיילן דערזעסטו צו־מאָל גאַנצע וועלטן, און אַן אַנדערש מאָל שוווער באַגרייפלעכע זאַכן, רעטענישן, וווּנקען. אונדזער שותפותדיקער פריינט, דער פקחותדיקער שאַרפער שמואל שיינהאַק ע"ה, פלעגט זאָגן אין זיין קענטוואָרט וועגן די אַלע רעטזעלהאַפטע זאַכענישן, קורצע שורות, פּאַסקעלעך, פינטעלעך, אַז ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן, האָבן נאָר צוויי געוווּסט וואָס זיי באַ־דייטן, דער רבונו של עולם און פרץ, איצט ווייסט עס נאָר איינער — דער רבונו של עולם. דאָס איז געווען אַ וויץ, אָבער מיט אַ היפּשער דאָזע אמת. אין אָנפאַנג איז פרץ אַלס שרייבער געווען נישט גענוג דיסציפּלי־נירט, און דערפאַר טאַקע איז ער געווען אַזוי וואונדערבאַר.

ער פלעגט זיך שרייבן אַזוי, פאַרבייגייענדיק, אויף שטיקלעך פּאַפּיר,

אויף די ברעגן פון ביכער-בלעטער, אויף די ראנדן פון דאָקומענטן, מיט התפּעלות אָדער מיט געלעכטער, ווי בליץ-פונקען, ווי טוי־טראָפּנס, אָן קיינע שום הכנות, פּשוט, א מלאך קומט און רעגט אים אָן, שרייב! — שרייבט ער, געדאַנקען, בילדער, שמועסן, בליץ־משלים, פון וואָס ער האָט געזען, געלייענט און געהערט, אַלץ האָט זיך ארומגעשטויסן אין זיין מוח און אַרויס דורך דער פּעדער ווי אַ פייער וואָס פאַרשפּרייט זיך אין אַלע זייטן, ווי אַמאָליקע בעלי-מליצה פלעגן זאָגן: „אַ ווינט האָט דורכ־געשטורעמט די באַהעלטענישן פון זיין הארץ". אזוי האָט אמאָל, און אויך אין זאַמאָשטש, געשריבן ד"ר עטינגער, אזוי האָט געשריבן גבריאל יהודה ליכטענפעלד; נישט אין קיין אָפּגעשטעלטער צייט, נישט אויף צו דרוקן אָדער פאַר אַ צייטונג, נאָר גלאַט אזוי זיך. אזא אומרמיטלבאַרקייט, שנעל־קייט און אימפּרעסיאָניזם, זענען ביי פּרצן מעגלעך געווען נאָר אין יידיש. קיין טאַלאַנט וואָלט עס נישט געקאָנט באַווייזן צו טאָן אין העברעאיש, דערצו וואָלט מען געדאַרפט זיין איינגעלעבט אין העברעאיש, אויסגע־בונדן מיט דער גאַנצער העברעאישער ליטעראַטור און מיטן בית מדרש, און אפשר וואָלט דאָס איינגאַנצן נישט געווען געווען, כל זמן עס איז נישטאָ קיין העברעאיש לעבן, קיין העברעאישע גאַס, וואָס זאָל דעם מענטש אַרומרינגלען פון אַלע זייטן. וואָס פּרץ האָט דערגרייכט אין העברעאיש — און ער האָט פיל דערגרייכט — איז עס נאָר אַ טייל פון זיין מהות: וואָס ער האָט דערגרייכט אין יידיש, איז זיין פולער סך־הכל.

פון פּרצעס ליטעראַרישן פאַרמעגן האָב איך שטענדיק ליב געהאַט דאָס איינגאַרטיקע, וואָס האָט געשמעקט נאָך ערד, געוואַקסן איינגעוואָקסן אין באָדן, וואָס האָט פאַרמאָגט נישט נאָר בליטן נאָר אויך וואָרצלען. פייער-פלאַמיקע בליטן האָט פּרץ איבערגענוג און אומעטום, אָבער די טיפסטע וואָרצלען זענען אין זשאַנר פון פּוילן, פון זאַמאָשטש, פון לע־ווערטאָוו. מען קאָן מיינען, אז ווייל אָט די אַלע זאַכן זענען לאָקאַלע, זע־נען זיי מינדערוויכטיק. דאָס איז אַ גראָבער טעות. זיי זענען אָרטיקע און דערפאַר גרויס. אַ טוי־פּערל איז קליין און דאָך וויכטיקער פון פּער־ציק עמער וואַסער. דער „בעלעמער מלמד" איז גרויס, ווייל פּרץ האָט גע־האַט צו אים אַן אינערלעכע באַציאונג. „באַנטשע שוויינ" האָט אַן אַל־

געמיינעם געדאַנק, ווען אפילו נאָר אַ לאָקאַלן קאָלאָריט. די „רייזע ביל־דער" פון ערשטן באַנד „פאָלקס ביבליאָטעק" זענען פון גאָר גרויסער באַ־דייטונג, נישט דערפאַר ווייל פּרץ איז שוין דאַן געווען דער גרויסער קעמפּער, דער פאָלקס-לערער, דער טריבון, וואָס ער איז שפּעטער גע־וואָרן, נאָר דערפאַר ווייל פּרץ איז נאָך דאַן געווען אין זיין גאַנצער אומ־מיטלבאַרקייט, אין זיין פולער דילעטאַנטישקייט אין זיין גאַנצער ליבע און עטוואָס פאַרשייטער שיינקייט, פּרץ אין זיין גאַנצן בלי, פּרץ אַט ווי ער איז. איך האָב שטענדיק ליבער געהאַט פּרצן, נישט ווען ער טראַכט און חקירהט, נאָר ווען ער פילט און ברוייזט; נישט ווען ער גריבלט און ענ־בערט, נאָר ווען ער פּסקנט אָפּ מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, און נישט דערפאַר ווייל ער טרעפט שטענדיק צו צום אמת אין פּינטל אריין, נאָר דערפאַר ווייל ער שטורעמט אזוי פאַר דעם, וואָס ער האַלט אין יענעם מאָ־מענט פאַרן אבסאָלוטן אמת. ווי אַן אימפּולסיווען האָט פּרצן תמיד גע־פעלט די רואיקייט, וואָס מען מוז באַנוצן, בכדי צוקוקן זיך צו אַן ענין אַלזייטיק. מיטן געפיל האָט ער גיכער און פולער תופס געווען דעם אמת.

ער האָט אויך געשריבן פּובליציסטיק, אָבער אויך זיין זשורנאַליס־טיק צייכנט זיך אויס מיט די זעלבע כאַראַקטער שטריכן. די אויסגע־רעכנטע פּובליציסטיק נויטיקט זיך אין אַ געוויסער מאָס צווייפל, אַ ליכטער אויסגעאייזלטער צווייפל. אַ מענטש דאַרף צווייפלען נישט נאָר אין יענעמס מיינונג, נאָר אויך אין זיין אייגענער, מען דאַרף זיין אַן אפּי־קורס נישט נאָר קעגן יענעמס אָנגענומענעם אמת, נאָר אויך קעגן דער אייגענער אפּיקורסות. פּרץ האָט נישט פאַרמאָגט אָט די דינקייט, און גלייכער אזוי. ער האָט נישט פאַרמאָגט נישט די פילזייטיקייט, נישט די געניטקייט און פּראַקטישקייט, וואָס אַ זשורנאַליסט דאַרף האָבן, ער האָט אָבער געהאַט עטוואָס שענערס און שטאַרקערס: ענטוזיאַזם, כעס, לעבן, שטאַרקן געפיל, תאווה, קאַמפּס-לוסט, ער האָט געקאָנט אַ שטאָך טאָן ביז דער זיבעטער ריפּ, ער האָט געקאָנט אַ געשריי טאָן, אַז די בערג זאָלן אויפציטערן. פּרץ שטעלט זיך מיר שטענדיק פאָר ווי אַ מענטש, וועמענס פּנים גליט ווי די זון אין מיטן העלן טאָג. רעדט ער

— און פון זיין מויל רייסן זיך שטורעמס און אויפברויזן. שרייבט ער און פון זיין פעדער פליען פונקען פייער. ער כעסט זיך, ער שטראָפט און גיסט אויס זיינע געפילן אין פלאַמען, דאָס איז נישט קיין מירמל־זייל וואָס שטייט פעסט אויף זיין אָרט, עס איז אַ פייער־שטראָם וואָס פאַר־פלייצט, צעשטורעמט און גליט אַן. קיין לעבלעכע זאַכן האָט ער סתם נישט. אָדער ער ברענט מיטן פייער פון התלהבות, אָדער ער גליווערט מיטן פראָסט פון פאַרניינונג און ביטול, און דער ביטול איז אויך אַזוי גליענדיק ווי די צושטימונג.

ווייל פרץ איז געווען אַ פּאָעט. נישט אין דעם ענגן זינען, וואָס מיר גיבן געוועגלעך צו דעם וואָרט: אַ מענטש וואָס שרייבט לידער און פלעגט גראַמען. אַ מענטש קאָן שיטן מיט גראַמען, אפילו מיט פיינקלינגענדיקע גראַמען און זאָל דאָך נישט פאַרמאָגן קיין טראָפּן פּאָעזיע, און אַ מענטש קאָן שרייבן זיין גאַנץ לעבן פּראָזע און גראָד זיין אַ גרויסער פּאָעט. אַ פּאָעט איז דער וואָס פאַרמאָגט רייכע, שיינע פאַנטאַזיע, אַ שטאַרקן און טיפן געפיל, איינער וואָס האָט געזען אַ וועלט און ער באַהאַנדלט די וועלט און מאָלט זי פאַר אַנדערע אויף אַזאַ אופן, אַז אויך זיי באַקומען וועגן איר, אינגאַנצן אָדער טיילווייז, אַ ריכטיקן באַגריף. אַזאַ פּאָעט איז געווען פרץ אין זיין גאַנצן שאַפן, אפילו אין צייטונגס־אַרטיקלען, אפילו אין פאַרלעזונגען, אַזאַ פּאָעט איז ער אויך געווען אין זיין פריוואַטן לעבן. אַלעמאָל יונג און פריש, האָט ליב און האָט פיינט, שטרעבט און פּראָ־טעסטירט, בויט און צעשטערט און בויט ווידער, אַ שטענדיקער אָנהייבער וואָס פאַרלייגט נייע פונדאַמענטן. זיין לעבן איז געווען אַ נישט־פאַרענדיקטער געזאַנג, אַזעלכע לעבנס הימנען ווערן קיינמאָל נישט פאַר־ענדיקט. דער פאַרהאַנג פאַלט, אָבער די פאָרשטעלונג איז נישט פאַרענ־דיקט. אַזוי שטאַרבן די פּאָעטן יחידי סגולה, וואָס פרץ איז געווען איינער פון זיי, אַ לעבנס־פּאָעט.

ווייל פרץ איז באמת געווען אַ לעבנס־פּאָעט. מען קאָן זיך אַזאַ פּאָעט גאָרנישט פאָרשטעלן אין איינזאַמקייט, דערווייטערט פון די מאַסן, פאַר־שלאָסן אין זיינע ד׳ אמות, זיצט און שאַפט זיך זיינע ווערק. ער האָט געדאַרפט געזעלשאַפט, ער האָט זיך גענויטיקט אין יענער לעבנס־כוואַ־

ליע וואָס שלאָגט פון דער מאַסע, ער האָט באַדאַרפט אַ קרייז פאַרערער, אַ מאַסע צוהערער, אַן עולם פון לעזער, פון פאַרערער, וואָס זענען מסכים אָדער זענען קעגן. זיין גן-עדן איז נישט געווען דער פאַרכישופטער גאָרטן פאַר אויסדערוויילטע, וואָס קוקן אַריין דורך די שפּאַרונעס, נישט קיין איינגעדרעמלטער פּאַרק, וואָס איז אויסטערליש אין זיין שווייגן און איינזאַמקייט. זיין גן־עדן איז געווען דער מאַרק, דער געזומל, די באַוועגונג, די געזעלשאַפט. איך דערמאָן זיך אין אַ סטאַטוע, וואָס איך ווער נישט מיד צו באַטראַכטן יעדעס מאָל, ווען איך באַזוך ווענעציע, די סטאַטוע פון גאָלדאַני, אַן איטאַליענישער פאָלקס־פּאָעט. ער האָט געשריבן אַ סך בילדער פון פאָלקס־לעבן, דאָס פאָלק האָט ליב זיינע דראַמען, אין וועלכע עס זעט זיין אייגענע אָפּשפּיגלונג. אָט דעם פּאָעט האָבן די ווענעציאַנער געשטעלט אַ מאָנומענט אין מיטן מאַרק, ווו עס שווינבלט מיט מאַסן. עס איז אַן איינפאַכע סטאַטוע, אָן צופיל קונסט, אָן פּליטערלעך, די אָפּשפּיגלונג פון גאָלדאַני ווי ער איז געווען אין לעבן, דער געשטעל איז אויך נישט איבעריק הויך, ווען דער מאַרק איז פול מיט מענטשן, זעט מען דעם מאָנומענט פון דערווייטן, ער איז פאַרזונקען צווישן המון; איינער שפּאַרט זיך אָן אויף אים מיטן פּלייצע, אַ צווייטער זיצט זיך אויפן געשטעל, און די דעליקאַטע רואיקע סאַן־מאַרקוס טויבן שטעלן זיך ביי אים אויפן קאָפּ. וואָלטן מיר פאַרמאָגט אַזאַ ווינקל, וואָלט איך דאָרט געוואָלט זען אַזאַ מאָנומענט פאַר פּרצן, דאָס וואָלט זיך אַמבעסטן געפּאַסט צו זיין פאָלקסטימלעכקייט.

פאָלקסטימלעכקייט איז מער פון דעמאָקראַטישקייט, און מעגן זיך אַלע קריטיקער פּסקנען, אַז פּרץ איז געווען אַ דעמאָקראַט, וועל איך ניט מסכים זיין. עס איז צו אַ פלאַכער באַגריף, אַרויסגעכאַפּט פון פּאַרטיי־זשאַרגאָן און פּאַסט זיך פאַר אַ פּאַווע. פּרץ האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן מיט טעאָרעטישע צוואַנגען און מען קאָן אים נישט שטעמפּלען מיט אַ שטעמפּל פון פּאַרטיי טערמינאָלאָגיע. אמת, פּרץ איז געווען באַגייסטערט פאַר דעמאָקראַטיע, אָבער איך געדענק, אויף וויפיל ער פלעגט באַגייסטערט ווערן פון ניטשע, מיט וויפיל דורשט ער האָט געטרונקען זיינע רייד, וויפיל ער האָט ביי אים געלערנט, און ניטשע איז דאָך געווען די

עסענץ פון אַריסטאָקראַטיזם! איך געדענק ווי ער פלעגט אויפגערעגט ווערן פון דער תורה: מען דאַרף האַלטן מיט די ווייניקע; נישט די מער־הייט, נאָר די מינדערהייט מאַכט געשיכטע, נישט די מערהייט, נאָר די מינדערהייט איז גערעכט: „דער איינצלנער אין דער מאַסע" דאָס איז געווען זיין אידעאַל. אים האָט כלל נישט געאַרט, צי מען פאַרשטייט אים, צי נישט; טאַלאַנט דאַרף געוועלטיקן, באַהערשן. דעמאָקראַטיע זוכט אויסגעטראָטענע וועגן און דער פאַנטאַסטישער טאַלאַנט וויל דווקא פליען מיט צעשפּרייטע פליגלען. פריץ האָט פאַרמאָגט אַ סך גייסטיקע הערשע־רישקייט, ער האָט פאַרמאָגט פּראָטעסט, און אויב ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער אָנגעבלאָזענער אַריסטאָקראַטיע, איז ער אויך געווען פעאיק צו פּראָטעסטירן קעגן אַ היי־פּעלד, אָפּגעשוירן מיט אַ דעמאָקראַטישער שער, אונטער וועלכער אַלע זענען גלייך.

אָבער אויב ער איז נישט געווען קיין „דעמאָקראַט" אין אָנגענומענעם נוסח, איז ער געווען מער ווי אַ דעמאָקראַט, נישט לויט עפּעס אַ שיטה, נאָר לויט זיין אינערלעכן דראַנג. ער איז געווען אַ זייער לעבעדיקער מענטש, מיט אַ שטאַרקן פולס און פלאַמיקן טעמפּעראַמענט. אים האָט געצויגן דאָס פולע, שפּרודלדיקע לעבן, וואָס ער האָט געקענט געפינען נאָר ביים פאָלק. ער איז נישט געווען קיין ליכט־טורעם וואָס באַלייכט דעם ים אין אַ פינצטערער אָן־שטערנדיקער נאַכט. ער איז געווען אַ שטורקאַץ וואָס ברענט אין מיטן לעבנס־מאַרק, מיטן לעבן צוגלייך. דאָס איז געווען מער ווי אַ פּראָגראַם, עס איז געווען זיין אינערלעכע נאַטור.

אויף אַזאַ לעבעדיקן פאַרשוין קאָן דער היסטאָרישער חוש קיין שליטה נישט האָבן. דאָס איז געווען די טיפערע סיבה פון זיין נישט־ציוניסטיש־קייט. אין ארץ ישראל צווישן אַלט־נייער פאַרגאַנגענהייט, מיט פּאָזיטיווע פאַקטן און בילדער, שטרעבונגען און גלוסטונגען, אין מיטן פון אַ העברע־אישער אוממיטלבאַרקייט וואָלט ער געוויס געקאָנט געפינען זיין תיקון, אָבער אַ פּלאַן, אַן אידעע, אַ זאַך וואָס איז ווייט אין צייט און אָרט, האָט נישט געקאָנט שטילן זיין לעבעדיקן הונגער נאָך געפילן, בעיקר ווען דער היסטאָרישער חוש איז ביי אים געווען נישט גענוג אַנטוויקלט אויף צו

באזיגן דעם פּאָזיטיוון פּראַקטישן לעבן וואָס האָט פּאַרשלונגען כמעט זיין גאַנצן גייסטיקן יש.

דאָס וויל נישט זאָגן, אַז ער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט קיין געפיל פאַר געשיכטע, ער האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ דיאַלאָגירטן אַרטיקל וועגן דעם, פאַרוואָס מיר דאַרפן לערנען געשיכטע און דער אַרטיקל איז אַרויס ביז גאָר גערעכטן, אָבער דאָס איז נישט געווען פון זיינע שטאַרקסטע זאַכן, עס איז סוף־כל־סוף געווען אַ חקירה, אָן געפיל, אָן דעם ברענענדיקן געפיל, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אויף צו מאָלן אַ פאַרליבט פּאָרל, ליידן און פּיין, אָדער דאגות פרנסה. ציון איז פאַר אים געווען אַ מין טרויער־בוים, פאַרפלאַנצט אין ערגעץ־לאַנד. ער האָט נישט געקאָנט וויינען אויף קיין קברים. טראָץ דער גאַנצער פּאָלעמיק האָט ער געהאַט אַ גרויסע ליבע צו העברעאיש; ער וואָלט נישט געקאָנט זיין קיין גרויסער יידישער שרייבער, ווען ער וואָלט נישט געקאָנט זיין גלייכצייטיק אַן אָנגעזעענער העברעאישער שרייבער, אָבער עס איז געווען אַ ליבע מיט איבעררייסן, וואָס פלאַמט אויף און ווערט פאַרלאָשן, ווערט אָפּגעקילט און ווידער באַנייט, ווייל ער איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטאָן אין אַקטועלן לעבן, אין דער לעבעדיקער סביבה, אין אירע ליידן און שטרעבונגען.

פּרץ איז אויך אין דער קונסט נישט געווען דער מאָלער פון לעבן, נאָר דער פּאָעט פון לעבן. וואָלט איך עס נישט געוווסט פון פּערזענלעכער דערפאַרונג, וואָלט איך עס געקאָנט אַרויסדרינגען פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. ער איז געווען אַ סך אַ גרעסערער קינסטלער אויף קלאַנגען און האַרמאָניעס ווי אויף בילדער. צווישן אַלע קונסטן איז די מוזיק די פּאָלקסטימלעכסטע; עס איז אויך פאַרשטענדלעך, יעדער מענטש ווייסט, אַז מוזיק איז קונסט און נישט מער, און האָט דערפון נאָר אַן עסטעטישן גענוס. פאַר מאָלעריי האָט דאָס פאָלק מערסטנטייל אַ שלעכטן געשמאַק. ס'רוב דענקט דאָס פאָלק וועגן די בילדער, וואָס עס זעט אין דערווירקלעכקייט. אַ בילד איז פאַרן פאָלק נישט קיין קונסטווערק נאָר די אָפּשפּיגלונג פון די זאַכן, וואָס ער האָט אין דער ווירקלעכקייט. אָבער די מוזיק שפּיגלט צום גליק נישט אָפּ קיין פּאָזיטיווע זאַך וואָס לאָזט זיך אָנטאָפּן. די מגושמדיקסטע געזאַנגען זענען דאָך ניט מער ווי קלאַנגען, וועלכע

מען דאַרף געניסן אַן און פאַר זיך אָן קיין שום באַציאונג צו אַ וועלכער ס'איז נישט אַן אַנדער זאַך. מוזיק איז אַן אַבסטראַקציע, די גייסטיקסטע פון אַלע קונסטן און דערפאַר איז זי אַזוי פּאָפּולער ביי יידן. ווייל אונדזער פּאָזיטיווער, טאָטזאַכלעכער לעבן איז אַזוי אָרים, ווי רייך עס איז אונדזער גייסטיקער לעבן. די מוזיק איז אויך אַ מקום מקלט, וווּהין מען קאָן אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, און ווען אפילו מען געפינט דאָרט אויך די ווירקלעכקייט, איז עס נישט אין בילד און קאָנקרעטער אָפּשפּיגלונג, נאָר אין עסעניץ, עס איז די נשמה פון דער ווירקלעכקייט. דאָס בילד פאַרמעסט זיך מיט דער ווירקלעכקייט, ווייל זיין גלייך צו איר, אפילו אי-בערשטייגן זי. די מוזיק פאַרמעסט זיך נישט מיט דער ווירקלעכקייט, ווייל זי אַליין איז אַן אייגנאַרטיקע ווירקלעכקייט. דערפאַר רעדט דער ניגון מער ווי די ווערטער. דער טעקסט פון כל-נדרי באַשטייט פון ווערטער פון דער גמרא נדרים און דערציילט אונדז עפּעס וועגן נדרים און... פאַרשפּרעכונגען... אָבער דער ניגון רעכנט זיך נישט מיט די ווערטער, ער דערלאַנגט גלייך צו דער נשמה און דערציילט, אַז היינט איז יום-כפור, אַ הייליקע נאַכט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ מקום קדוש, מיט איין וואָרט — דער ניגון זאָגט דאָס, וואָס די שפּראַך קאָן נישט אויסדריקן. פּרצעס מוזיקאַלישקייט איז אָן אַן ערך העכער פון זיין מאָלערישן געפיל. דערפאַר איז די מאָלערישע טייל פון זיינע לידער און דערציילונגען איינפאַך און געוויינלעך, בעת דער פּסיכאָלאָגישער טייל איז טיף און רייך. ער האָט פאַרנומען יעדן קלאַנג, יעדן גערויש, יעדן סטרונע-ציטער, יעדן בת-קול ברום, געפילן, אָנרעגונגען, די טיפסטע האַרץ-געפילן, פאַרבאָרגענע געדאַנקען, סודות פון דער נשמה, גלוסטעניש, האָפענונגען, יסורים. דאָס איז זיין אייגנטלעכער קעניגרייך. דאָ שטייען פאַר אים אָפן טיר און טויער און ער קאָן אַריינקומען אין די פאַרבאָרגנסטע באַהעלטעניש. דערפאַר האָט ער געגעבערט און געגראָבן, ביז ער איז צוגעקומען צום „ריינעם מירמלשטיין”. ער איז אַריין אין די סודותפולסטע וואָלקנס און אויך אַהין האָט אים דאָס לעבן באַגלייט, דאָרט האָט ער געזען בחוש: דאָס חסידות! מיר דוכט, אַז אין דעם איז פאַראַן אַ סך פאַנטאַזיע און אי-בערטרייבונג, אָבער אויך אַ סך אויסטערלישע קונסט. ביי פּרץ טרעפן

מיר א שטרעבונג צו אַלע פאָרמען פון ליטעראַטור. ווילט איר דראַמע — איז דראַמע, פאָלקס־משלים — איז פאָלקס־משלים, ווערט א מאָדע אויף סימוואָליזם, שרייבט ער פול מיט וונקען. דאָס איז נישט קיין צע־וואַרפנקייט, נישט קיין תאווה אויסצוצייכענען זיך אויף אַלע געביטן. ער ווערט באַווירקט, ער פאַלט אַרונטער אונטער השפעות, באַקומט הת־פעלות און ליידט די יסורים פון א קינסטלער, געבורט־ווייען פון א כוח, וואָס שטויסט און נייט אויסצופורעמען דאָס, וואָס עס קוועלט אין דער נשמה.

פיל גיט זיך אים איין, פיל נישט, אָבער אין דער צעוואָרפנקייט איז דאָ אַן איינציקייט, די איינציקייט וואָס רופט זיך פּרץ. פאַראַן שווערע זאַכן, פאַראַן שברי לוחות, אָבער נישט קיין ביליקע רייד, נישט קיין פּלוידע־ריי, נישט קיין געשמאַקלאָזיקייט אָדער פּלאַכער קאָנווענציאָנאַליזם. אין יעדן וואָרט איז פאַראַן שוווּנג, לוסט צו באַהערשן. אַמאָל גיט זיך עס איין, אַמאָל נישט, אָבער אַלעמאָל געקעמפט ווי א העלד.

ער איז געווען א שטורקאַץ, אָבער נישט צו באַלייכטן פאַרוויילונ־גען אָדער טאַנץ־אָוונטן. ער האָט געשפּריצט מיט טויזנטער און טויזנטער פונקען, רויטע פונקען, פייל פון בויגן. און ער איז נאָך יונג געווען, קוים מיט א ביסל שניי האָט די צייט באַוויישט זיין קאָפּ, ווי שניי אויף א בארג־שפּיץ. זיין טאָג איז נאָך נישט געווען פאַרגאַנגען, זיינע שאָטנס נאָך נישט אויסגעצויגן, נאָך נישט אונטערגעהאַקט זיינע פליגל, און פּלוצלינג, דער שטורקאַץ איז אויסגעלאָשן. טאַקע באמת אויסגעלאָשן? ער איז דאָך געווען איינגעהילט אין אייביקייטס־גלי!

פּרץ איז געשטאָרבן. איך בין ערגעץ אין מרחקים, איין ידיעה שרעקלעכער פון דער צווייטער קומט אָן, ווי ביי איובן בשעתו, נאָר קברים, קברים.

(לאָנדאָן, 1915.)

דוד פֿרישמאַן

מיינע באַציאונגען מיט פֿרישמאַנען — זענען געווען ווי אין דער נאַטור. צייטן פֿון פֿרילינג און פֿון ווינטער: וואַרעמע פֿריינטשאַפֿט און קאַלטע באַציאונגען, נאָענטע חברשאַפֿט און איבעררייסן פֿון דערווייטערונג, און ווידער אַמאָל דערנענטערונג און באַגעגענישן ווען נישט ווען. דאָס אַלץ האָט זיך גענומען פֿון פֿאַרשידנהייט אין כאַראַקטער, אין געשמאַק, אין דערציאונג און געוווינהייטן, אין באַשעפֿטיקונג און לעבנס־פּאַסירונגען.

כל־זמן דער לעבנס־קינאָ האַלט זיך אין אויסוויקלען און אַנטפּלעקט איין בילד נאָכן צווייטן און אַלץ איז צעשוווּמען, דאַן באַהערשן די חושים און שמידן צו די אויפֿמערקזאַמקייט נאָר די מאָמענטאַנע דערשיינונגען. אָבער אין אַ דעצידירנדער שעה, ווען דאָס רעדל הערט זיך אויף צו דרייען און שטעלט זיך אָפּ, און די ענדערונגען בלייבן פֿאַרפֿיקסירט אין אַ דעפֿיניטיווער פֿאָרעם, וואָס האָט אין זיך עטוואָס פֿון דער אייביקייט, ביים מאַכן אַ חשבון און אונטערפֿירן די לעצטע שורה קומען מער צום אויסדרוק די פֿונדאַמענטאַלע שטריכן. עס פֿאַלט אַוועק די שאָלעכץ פֿון צופֿעליקע ענדערונגען, עס פֿאַלן אַראָפּ די הייטלעך און די פֿאַרגלייווערטקייט, וואָס האָט זיך איינגעהורבעט שיכט אויף שיכט, די אינערלעכע קערנער קומען אַרויס מיט זייער גאַנצן אייגנאַרט און גרינטלעכן כאַראַקטער. עס פֿאַרשווינדט די אָפּוועקסלונג פֿון ליכט און שאָטן, די שפּיל פֿון פֿאַרבן. דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע און מטושטשע ווערט קלאָר און עס אַנטפּלעקט זיך ווי זי איז די נאַטירלעכע פֿיזיאָנאָמיע, די ווירקלעכע

אינדיווידואליטעט פון א פערזאָן, מיט אַלע אירע שטרעבונגען און שטרע־מונגען אָן צוגאבן, צאַצקעס און פליטערלעך.

פרישמאן, ווי איך, פרץ און אַנדערע, איז געווען איינציייטיק דער העלד און דער אָביעקט פונעם איבערגאַנגס פעריאָד צווישן השכלה און נאַציאָנאַלער רענעסאַנס. אין א באַשטימטער צייט האָבן אונדזערע וואָרצלען געשטעקט, ווען אפילו נישט ביי אַלעמען אין א גלייכער מאָס, אין דער יידישער גאַס, אין אַלטן בית מדרש, מיר האָבן געשטרעבט צו השכלה, האָבן איינגעזאַפט די העברעאישע שפּראַך, ווי קינדער אויטאָ־דידאַקטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן, ווען זיי זענען נאָך געווען אין די וויקעלעך, און האָבן זיך נאָכהער באַמיט, מיט מער אָדער וויי־ניקער דערפאָלג, צו באַפרייען זיך פון דער אומקלאָרקייט און נעפּעלדי־קייט פון זייער פאָריקער תקופה, און אריבערגיין, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן און געשמאַק, צו דעם אַלעמען וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו וועבן און לעבן פון פאָלק, פון זיין ליטעראַטור און אַנדערע שאַפונגס־פאָרמען.

דערפאַר, ווען איך טראַכט זיך אריין אין פרישמאַנען, מוז איך מאַכן א כראָנאָלאָגישן שפּרונג אויף מיט א פערציק יאָר צוריק. שוין אין דעם פרישמאַן פון פאַר פערציק יאָר איז געווען פאַרבאָרגן און פאַרוויקלט דער איצטיקער פרישמאַן, געוויס נישט אין זיין פולער פערפעקטקייט, אָבער אין דער טיפקייט פון זיין אינערלעכער נאַטור, פון זיין אָריגינאַ־ליטעט; אָן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט וואָס גייט נישט פאַרלוירן צווישן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער.

איך בין נאָך געווען א יונגערמאַן, א שטרעבנדיקער, זוכנדיקער, א רויער אָנפאַנגער, מיטן ערנסט און געמאַכטער עלטער פון א וואונדער־קינד, פון א גמרא־בחור, א זיידענער יונגערמאַן פון יענע צייטן. פאַרענ־דיקט דאָס גלענצנדע ראָמאַנטישע קאַפּיטל פון „עלוי״־שאַפט, איז גע־קומען די מער פאַזיטיווע עפּאָכע פון אָן איידעם אויף קעסט, אָבער אויך זי איז אריבער, און אין מוח און אין דער נשמה זענען פאַרבליבן אוצ־רות איינדריקן פון חדר, פון בית־מדרש פון די ישיבות, לומדישע חריפות

און חסידישע סתרי־תורה, שטיקלעך און פּיצלעך פון פּאָזיטיוון וויסן, וואָס איז אויסגעלייענט און אויסגעלערנט געוואָרן פון טויזנטער ביכער, מעשה־מתמיד, אין לאַנגע ווינטער נעכט. עס האָט געצויגן אין דער ליטעראַטור; אַן אָרגאַנישער, נאַטירלעכער, אינערלעכער דראַנג צו „לערנען דאָס פאָלק", און עס איז געווען דער אַלגעמיינער טרוים פון ווערן אַ רעדאַקטאָר. דער מאַרשאַל־שטעקן איז נאָך נישט געווען אין האַנט, אָבער ער איז שוין געלעגן באַהאַלטן אין „ראַנעץ" פון יעדן משכּיל. איך האָב שוין געהאַט עפּעס דערגרייכט, נאָך גאָרנישט גענוגנדעס פאַר מיר, אָבער שוין גענוג אַז ניט־פאַרגינער זאָלן מקנא זיין, פּראָטעסטירן, אָפּלאַכן פון מיר און פון מיינס גלייכן.

דאָ איז אויך פּרישמאַן געקומען קיין וואַרשע. אַ שטערן מיט שטריכן פון קוים באַמערקבאַרע קנייטשן און היפּשע שלייפן, שוואַרצע קוטשעראַווע האָר, אַ פריש געזיכט מיט פאַרקוועטשטע געזיכטס־שטריכן, דינע איידעלע ליפּן, טיפע וואַרעמע און קורצזיכטיקע אויגן, וואָס בלישטשען מיט פונקען פון איראָניע און שאָטנס פון שאַרפע זעלטענע ווונקען, דורך וועלכע עס קוקט אַרויס אַן איידעלע אָבער אויפגעברויזטע נשמה, אַ פּאַטעטישע, אַ פילבאַרע, אָבער אויך אַ פּרעטענציעזע, אַן אויפגערעגטע. און עס טרעפט, אַז אַ ווינקל פון די ליפּן פאַרקרומט זיך מיט אַ פוילער העויה, און עס ווערט געבוירן אַ לייכטער שמייכל, און עס טרעפט אויך, אַז דער ווינקל פאַרשאַרפט זיך נאָך מער און עס דערשיינט אַ קורצער, שניידנדיקער, קלוגער, כמעט טייוולאָניש־אָפּלאַכעריש שמייכל, וואָס ווערט אונטערגעשטראָכן מיט אַ הויב מיט דער פּלייצע, און מיט קנאַפּע, כלאחר־יד פאַלנדיקע ווערטער, אָבער אַזעלכע בייסיקע, קורצע, אָפּגעהאַקטע, ווייכע און ביטערע, פול מיט ביטול... נישט קיין שטורעמדיקער פּראָטעסט, נישט קיין פייער־פונקען און חוצפּה פון אינערלעכער קראַפט, נאָר אַביסל לייכטזין, איידל און סקעפּטיש. יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט, וואַרפט אַריין ווי פאַרבייגייענדיק אַ ברעקל ביטערניש, אַ טראָפּן גאַל. אַן עסטעט מיט אַן אַנטוויקלטן אויסגעאיידלטן געשמאַק, אַ ביסל אַ יאָלד (ווי מען רופט עס אין פוילן) אַ ביסל אַ קונדס, אָבער

נישט קיין צעיאַכמערטער קונדס, וואָס טאַנצט און שפּרינגט, שרייט און קערט וועלטן, נאָר, דווקא פּאַרקערט, אַ שווייגזאַמער, אַ וווּנקענדיקער, מיט ווייכקייט, דינקייט, קאָנצענטרירטקייט, אָבער מיטאַמאָל שפּרינגט אַרויס פון הינטער דעם אַלעמען אַ לעבעדיקער ביטערער שדל פון גיפ־טיקן געלעכטער, אַ תמציתדיקער, איידל שבאיידל און טיף, טיף.

זיין סטודענטיש־וויסנשאַפטלעכע באַוואָפענונג איז דעמאָלט נישט געווען איבעריק שווער. איך רעד נישט ווי אַ פאָרשער, נאָר ווי איינער וואָס האָט אויפגענומען אוממיטלבאַרע איינדריקן, אָן פּרעטענזיעס אויף אַ פּוסק־אחרון. ער האָט דאַן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יונגנמאַן, וואָס ווייסט מאי דקאמרי רביצין, נישט קיין באַנק קוועטשער. עס איז קאָנטיק געווען, אַז ער האָט זיך נישט צופיל פאַרטיפט אין די טיפענישן פון הלכה און האָט נישט דורכגעמאַכט די האַרבע און שווערע שולע פון בית־מדרש. גיכער האָט ער אַזוי זיך דורכגעשוועבט, דורכגעשפּאַצירט אין די אגדה־סעדער. עס איז קאָנטיק געווען, אַז ער איז נישט געזעסן ווי אַ מתמיד טאָג ווי נאַכט און געלערנט מסכתות אויף אויסנווייניק. ער האָט נישט געלערנט ביי די גרויסע לומדים און איז נישט געשטאַנען אָט־אָט צו באַקומען סמיכה... עס האָט זיך געפילט, אַז אָט דער אַ האָט זיך נישט צופיל געפּלאָנטערט אין האַרבע סוגיות און ווען ער איז אַריבער פון די ד׳ אמות של הלכה צום „פרייען רוים" פון השכלה, האָט ער נישט דורכגעמאַכט דעם שווערן אומוועג פון „מורה־נבוכים" און „ספר העי־קרים", פאַרהאַלטנדיק זיך אויף יעדער סטאַנציע, נאָר ער האָט עס דורכ־געשפּרייזט גלייך מיטן לייכטסטן וועג. דערפאַר איז ער נישט געווען אַזוי פילפּאַרביק ווי פילע פון אונדז, ער איז גאָרנישט מחויב געווען אַ סך צו לערנען און אַ סך צו פאַרגעסן, ער האָט נישט געליטן די גייסטיקע יסורים פון די אינערלעכע קאַמפן צווישן אַלט און ניי. זיינע נשמה־סטרו־נעס זענען נישט געווען איינגעוועבט און איינגעפלאָכטן מיט די אַלטע תורות, ער זאָל דאַרפן צעגערן און פילן ווייטיק ביי דער שווערער צע־שיידונג, און האָט ער דורכגעמאַכט ענדערונגען — און געווים האָט ער

דורכגעמאַכט! — האָבן זיי נישט פאַרמאָגט די טראַגישע גרויסקייט פון איבערשאַצן ווערטן און איבערשטעלן די אינערלעכע גרעניצן.

אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַלגעמיינער בילדונג. קיין עקסטער־ניקעס זענען נאָך דאַן נישט געווען, אָבער יעדער איינער פון אונדז איז שוין געווען אַ שטיקל עקסטערן, ווער פון קלאַסישער ליטעראַטור, ווער פון נאַטור־געשיכטע, ווער פון מאַטעמאַטיק און ווער פון שפּראַכן. די דאָזיקע קאָנצענטרירטע אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט לויט די אַלטע ליי־ניעס. נאָר דער קעגנשטאַנד איז געווען אַן אַנדערער, אָבער די איבער־געגעבנקייט, די פאַרטיפטקייט, די תאווה צו לערנען, אַ ברענענדיקע תאווה, אַ מין עקסטרעמיסטישער רעליגיעזער עקסטאַז, איז געבליבן. די נעכט וואָס זענען פריער געווען געווידמעט די מסכתות „ראש־השנה“, „יומא“, „סוכה“, וואָס מען האָט געדאַרפט אָנהויבן און פאַרענדיקן מיט אַלע תוספותן און מהרש״אס, פון חמשה עשר באב ביז סוכות, זענען איצט אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דקדוק, לאַטיין, טאַציט, ציצעראָן און זייערס גלייכן. נדרים מיטן ר״ן, — אַ וואַרעמער, געשמאַקער למוד, וואָס האָט געשימערט מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן פון גייסטיקער שיינקייט — איז אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט צוליב אַנדערע פרעמדע למודים, נייע־רע און אינטערעסאַנטערע. דער „מורה“ האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט פאַר קאַנטן. געוויס נישט פאַראַמאָל, נאָר ביסלעכווייז דורך „גבעת המורה“ פון שלמה מימון און „מורה נבוכי הזמן“ פון קראָכמאַל און צווישן די שווערע, טעמלאָזע אָבער נוצלעכע „אוטשעבניקעס“, די אילאָ־וויסקיס, די סמירנאָווס, מיט זייער גאַנצער פּראָסטקייט, לאַנגווייליקייט און געצוווּנגענקייט. פון מיין דור, פון מיין געבורטס־אָרט און פון צווישן זיינע בית־מדרש חבריה, האָט יוסף דאַבראַזשענסקי מיט זיין אייזערנער התמדה דערגרייכט פּראָפעסאָרישע בקיאות אין דער גריכישער און לאַ־טיינישער ליטעראַטור. דוד גרויבאַרט, פון די שערענסקער עלויים, רייסט זיך אַרויס פון זיין סביבה און עפנט זיך אַ וועג צום ווינער סעמינאַר. אבטשע ראַקאָווסקי נעמט זיך אַ פראַנצויזישן ווערטערבוך און לערנט אים אויס אויסנווייניק פון טאָוול צו טאָוול, עס מאַכט נישט אויס וואָס

ער לייענט נאָך פראַנצויזיש אַזוי ווי עס שרייבט זיך. און מיר אַלע ווילן נאָכטאָן די וווּנדער־קינדער פון פּאַריקן דור, אַ משה־אהרן צילקאָוו, וואָס איז אַרויס פון אַלטן בית מדרש און געוואָרן אַ געלערנטער פון יידנטום־וויסנשאַפט. אַ גבריאל יהודה ליכטענפעלד, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין דער מאַטעמאַטיק. שמואל הערש פּעלטין, וואָס איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער פּוילישער זשורנאַליסט. עס איז געווען אַ דור פון אידעען־קאַמף, אַ דור וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך אַנשטרענגונג; מאַטערניש און אויפטרייסלונג, אין יענער סביבה און אין יענעם גייסטיקן צושטאַנד איז דוד פרישמאַן אַריינגעקומען ווי אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט.

נישט פיל האָט ער מיטגעבראַכט אין זיין פּעקל, אָבער וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען שאַרף און גלאַט, קלאָר און אָריגינעל. ער האָט געקאָנט העברעאיש, נישט אין איר גאַנצער רייכקייט און אידעפאַרבאָרגנסטע אוצרות, נאָר אין איר גייסט און געשמאַק. זיין ווערטער־פאַרמעגן וואָלט געקאָנט אַריין אין אַ קליינער קעשענקע, און דאָך האָט ער שטענדיק געהאַט צו דער האַנט דאָס פיינסטע, ליכטסטע און צוגעפּאַסטסטע וואָרט. נישטאָ קיין פּילזייטיקייט, נישטאָ קיין טיפקייט, און ווען מען וועט זיך גוט צוקוקן, פאַרגלייכן זיינע איבערזעצונגען צו זייערע אָריגינאַלן, וועט מען אויסגעפינען, אַז עס איז נישטאָ קיין פּינקטלעכקייט, אָבער עס פאַרמאָגט חן! דאָס איז דער סוד פון פרישמאַנען. עס איז אַ זאַך, וואָס מען קאָן זיך נישט איינשאַפן, וואָס מען קאָן נישט נאָכמאַכן, עס איז אַן אינערלעכער פאַרבאָרגענער ענין, דין און ווייך, ווי דער פליגל־שטויב פון אַ פלאַטערל.

פרישמאַנס העברעאיש איז געווען „אַן פאַרב, אָן פּוץ און אָן שמוק, אָבער שיין און באַחנט". ער איז צו אונדז געקומען מיטאַמאָל, אָן הכנות, אָן שהיות, אָן ענדערונגען און טראַנספאָרמאַציעס, ווי אַן אייגנאַרטיקער סטיליסט, גלאַט, פיין, וועמענס סטיל שטראַמט ליכט און שיין. מיט פיינעם חוש האָט ער באַגריפן דעם טיפסטן מהות פון דער שפּראַך, איר וויכטיקייט און נשמהדיקייט, די איידל־זיסע, גראַנדיעז־פאַרכישופנדיקע האַר־

מאַניע פון די שריפטן פון די אַלטע נביאים. אַזוי האָט געקאָנט שרייבן נאָר אַזאַ איינער, וואָס האָט אַ טיפע אָרגאַנישע שייכות צום כאַראַקטער און באַזונדערער אייגנאַרט, צו דעם טיפסטן און פאַרבאָרגנסטן אין יענער קאָלעקטיווער קינסטלערישער שאַפונג, אין יענער דערהויבענער דערשיינונג, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין איר גאַנצן הויכן גלאַנץ און דער באַפעלערישקייט פון דער שפּראַך. פון זיין ערשטן קאַרטל, וואָס ער האָט מיר געשיקט מיט אַ יאָר פערציק צוריק, געשריבן מיט זיין דינעם, געפּוצטן כתב און פון דעם באַזונדערן חן פון דעם דעליקאַטן צוזאַמענשטעל פון די ווערטער, האָט פאַר מיר אַ בליץ געטאָן יענע באַזונדערע פאַרכאַפּנדע שיין, יענע ספּעציעלע איידלקייט און זיסקייט, וואָס האָט געהאַלטן געפאַנגען די העברעאישע לייענער אין פאַרלויף פון פערציק יאָר.

קומענדיק פערזענלעך צו מיר, פלעגט ער רעדן דייטש, די שפּראַך פון די דעמאָלסדיקע משכילים. רעדן יידיש האָט זיך גערעכנט ווי וואולגאַר, עם-האַרציש, גראָב, רעדן העברעאיש — איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אגב האָט מען טאַקע אויך נישט געקאָנט. מיט ניימאַנאָוויטשן האָבן מיר דאָן געגרינדעט אין וואַרשע אַ העברעאישן פאַראיין „שפה ברורה", און, פאַרשטענדלעך, אַז פרישמאַן האָט געהאַט איבער וואָס צו וויצלען זיך.

חיים זעליק סלאָנימסקי אין זיינע שעהן פון אָפּיציאַליטעט און חשבות, גאַטלאַבער אָדער צווייפל, ווען זיי פלעגן זיך אַמאָל אַראָפּלאָזן קיין וואַרשע, און ווער רעדט פּרץ סמאָלענסקין, וואָס פלעגט קומען פון סאַמע ווין, אַלע האָבן זיי „געהאַקט" דייטש, באַווירצט מיט אַ סך פרעמדע ווערטער, אין אַ געהויבענעם ביכער-סטיל, מיט גרויסע גרייזן, וואָס האָבן געקראַצט דאָס געהער, איבערגעמישט מיט ווערטער פון פשוטן טעגלעכן געברויך, מיט אַ האַלב-וואָלינער, האַלב ליטווישער אויסשפּראַך און מיט אַ גמרא ניגון. אפילו אליעזר יצחק שאַפּיראָ פון סערגיי און אברהם צוקערמאַן פון אָשמינע פלעגן אויך פאַרדייטשמערישן זייער ליטווישן יידיש, אָדער לכל הפחות באַזאַלצן עס מיט דייטשישע ווערטער. די משכילים וואָס פלעגן קומען פון „רוסלאַנד", ס'הייסט פון ווילנע, צי זשיטאָמיר, די שילער פון די דאָרטיקע קאַזיאָנע ראַבינער-שולן, די פּאַפּערנאָס, די דוואָרקעוויטשעס, די גיירמייזעס, פלעגן זיך גרויסן מיט זייער רוסיש. פּויליש

האָט מען ערשט אָנגעהויבן צו שטאַמלען. איגעם אַלגעמיינעם קאַמף, איי־נעם פּלאָנטער פון רעגירונגס־גזירות, זענען די קערנער פון דער יידישער פּאָלאָניזאַציע געווען אין דער מדרגה פון... קערנער אָנשטאָט שטיינער.

עס איז געווען נאָך אַ מאָטיוו פאַר פרישמאַנס דייטש. אמת, ער איז נישט געווען פון פּאָמערן און אויך נישט פון ריינלאַנד, אָבער ער איז גע־ווען פון לאָדזש און לאָדזש איז דאָך אַ וועלט פאַר זיך. געקומען עפּעס אַ מלאך גבריאל, האָט אַריינגערוקט אַ שטעקן אין די זאַמדן פון פּיאָטרקאָ־ווער גובערניע און עס איז אויפגעקומען אַן אינדזל, וואָס מען האָט אַ נאָ־מען געגעבן לאָדזש, עס הייסט אַ שטאָט נישט קיין פּוילישע, נישט קיין דייטשישע, נישט קיין רוסישע און נישט קיין יידישע, נאָר אָט די אַלע זאַכן אינאיינעם; און צוזאַמען מאַכט עס — לאָדזש. אַ גרויסער יאַריד, אַ ריזיקע בייגוול־אינדוסטריע, פאַרלייגט פון דייטשן און אַנטוויקלט פון יידן, באַוועגלעכע, רוישיקע גאַסן וואָס ציען זיך אין פּלאָנטער, מאַשינען און קוימענס, אַ ציטער און באַוועגונג פון אַרבעט, וווּנדערבאַרע אַנטוויק־לונג, נעאיילטקייט פון אַ פּראַקטישן חוש, געשעפטלעכע און האַנדלס־פּלאָנטערן, יידישע פאַבריקאַנטן מיט זייערע געהילפן, יידן־ליטוואַקעס קאָ־מיסיאָנערן, האַנדלס־וואָיאַזשאָרן וואָס לאָזן זיך אַרוים פון דאָרט אויף איינצונעמען אַלע רוסישע מערק און שפּאַרן אָן אַזש קיין כינע, קויף און פאַרקויף און וועקסעלעך, אַ זידנדיק רוישיקער צענטער, געלט־הערשאַפט, און דערצו אַבסאָלוט כאַראַקטערלאָז, אָן סטיל, נישטאָ קיין ראַסאָווע, רע־ליגיעזע אָדער עקאָנאָמישע קאָנפליקטן, וואָס ברעכן אויס אין אַ מלחמה, פון וועלכער עס פליען פונקען, וואָס דערהוואַרעמען די הערצער, נאָר אַ פּוסטקייט, אַן אָפּגעזונדערטקייט צווישן די פאַרשידענע עלעמענטן און אַ לעבן אַ צעטראָגנס, אַ צעשטורעמטס, בלויז אויסערלעכקייט, ווייל די וואָרצלען האָבן זיך נאָך נישט אָנגענומען ווי געהעריק, אַלץ איז אויבער־פלעכלעך, באַוועגלעך, איין־טאָג בלעטערדיק. וואָס שייך יידן איז דאָרט געווים נישט געווען די צרות און דחקות, די אָרעמקייט און שמוץ פון די טרויעריקע איינגעשרומפּענע קליינשטעטלדיקע קהילות, אָבער עס האָט אויך געפעלט די קראַפט און שיינקייט פון אַלטער טראַדיציע, דער פעס־טער יסוד פון דער טראַדיציע, וואָס האָט זיך נאָך נישט געקאָנט באַפעס־

דוד פרישמאַן

טיקן אין דעם חפזון-פלי פון א נייער אינדוסטריע, וואס וואקלט זיך אויף און אפ אין לעבנס-שטראם וואס צעברעכט אלע גרעניצן. און אפשר האט טאקע די בארירונג פון עקסטרעמען אין קאנפליקט צווישן קאנטראסטן גורם געווען, אז דווקא פון יענעם זודיקן קעסל, פון יענער שרייענדיקער און טאנצנדיקער סביבה זאל צו אונדז קומען אזא ווייכער, פארטרוימטער, רואיקער און צוריקגעצויגענער קינסטלער ווי שמואל הירשבערג, אדער אזא אריסטאקראטישער, פיינפילנדער מיט שיינקייט און צוביבער איבערפולטער שרייבער ווי פרישמאן.

ער איז געקומען נישט פון ישיבות און תורה־געמארקן, פול מיט אונדזערע אינערלעכע מלחמות, נאר פון אן ארט פון האנדל, באוועגונג, ארבעט, וווּ ער איז זיך געשטאנען מן הצד, צוגעקוקט זיך און געטרוימט און דערהויבן זיך איבער דעם ארדינערן לעבן, איבער וועלכן ער האט זיך געווינצלט. ער איז געקומען גרינג און פריי, א פריי-פייגעלע וואס שוועבט זיך אין רוים, לאכט און שפאט, אן א פארטיי, אן א שיטה, אן דעם שווערן ירושה־יאך פון למדנים און מתמידים, אן דעם קנויל פון פארפלאנטערטע פארבינדונגען מיט דער סביבה, וואס מען האט געגוג געדארפט הארעווען ביז מען האט אים צעריסן אדער צעקניפט, אן קיין שום אינערלעכער באַציאונג צו פוילן, איר שפראך און ליטעראטור, אירע שטרעבונגען און בענקשאפטן, וואס ער האט נישט געהאט נישט קיין צייט, נישט קיין געלעגנהייט פון דעם אלעמען הנאה צו האבן אדער פארפלאנטערן זיך אין דעם.

ער איז געקומען מיט זיין נאטירלעכן טאלאנט, א לייכטער און צעגליטער, מיט דער העברעאישער שפראך אין איר גאנצער ריינקייט; און וואס אנבאלאנגט פארטייען און פראגראמען, נישט קיין נאציאנאליסט, נישט קיין אסימילאטאר, נאר אין גרונט געגומען א קאסמאפאליט, וואס קוקט זיך צו און לאכט אפ, שטרעבט צו רוים, צו שיינקייט, פראטעסטירט קעגן אפשיילעכקייט און ליגן און עוולות און לאנגווייליקייט און גראבקייט און טעמפקייט און ווילדקייט און צביעות. א וועלט־בירגער מיט א געפיל־פולער צווייפלענדיקער נשמה, וואס האט ליב ליכט און פרייהייט און געלעכטער און ליבלעכע פארשארטקייט. אין דער הינזיכט איז פרישמאן גע־

ווען א קינד פון דער דייטשישער קולטור. נישט פון דער איצטיקער, פון דער אימפעריאליסטישער, נאר פון דער תקופה פון יונג־דייטשלאנד, א געטרייער תלמיד פון היינע מיט זיין וואונדערלעכן סינטעז פון ליריזם און סאטירע, א פייערדיקער חסיד פון בערנע, אנגעזאפט מיט שילער און לענאו, א נאכפאלגער פון בערטאלד אויערבאך און נאכאמער אין זיין ערשטער תקופה פון קארל עמיל פראנצאז, ער שווימט אויף די פערפו־מירטע ווימלדיקע כוואליעס פון עכטער פאעזיע און איז ווי א בין וואס גיט האניק מיט א ביס, ווייל אזוי איז שוין איר טבע, אזוי אז סוף־כל־סוף האט ער סימוואליזירט און פארקערפערט די דייטש־יידישע לאדזש. איצט איז עס שוין א קליינינקייט, אבער דאן האט פרישמאנס פערפעקטער שיי־נער דייטש געמאכט אויף מיר אן איינדרוק פון עטוואס אויסטערלישעס, צו וואס זאל איך עס לייקענען?

די אויסשפראך איז געווען אן עכט־דייטשע און דער שמייכל, וואס האט זיך געקאלערט אין מויל־ווינקל, איז געווען א יידישער, די מאטעריא־לן און די צוגרייטונג זענען מערסטנטייל געווען פון דער נייער דייטשישער ליטעראטור, אבער דער גייסט און דער סטיל, די פארעם און דער אויס־דרוק, וואס ער האט געגעבן צו זייערע שטרעבונגען און בענקעניששן, זענען געווען אין א זייער פיינעם און דעליקאטן העברעאיש. אויב לאדזש האט באזארגט א וועלט מיט אירע וועבעריי־פאבריקאטן, האט זי אונדז געגעבן מער. זי האט אריינגעבראכט אין אונדזער ליטעראטור א שטראם פון ליכט, א שפע פון לויטערן חן און פרישער שיינקייט, דורך אט דעם קינסט־לער וואס איז אויפגעוואקסן אויף איר באדן „ווי א צווייג אין דער וויסטע" און איז מיט דער צייט געווארן איינער פון די זיילן פון אונדזער ליטע־ראטור. זעלבסטפארשטענדלעך, אז איך רעד דא נישט וועגן דעם גאנצן פרישמאנען, נאר וועגן מיינע איינדריקן, וואס האבן זיך אין מיר אומ־מיטלבאר איינגעקריצט פון זיינע ערשטע פרוון (ווי אינעם פארווארט, וואס ווערט געדרוקט אין יעדער גמרא, מוז איך אויך באמערקן, אז אומע־טום וווּ מען געפינט דאס ווארט „גוי" מיינט עס נישט דעם איצטיקן, נאר דעם אמאליקן). איך רעד דען וועגן דער איצטיקער לאדזש, וועגן דער איצטיקער ליטעראטור אדער איצטיקן פרישמאן? אלץ איז אויסגעוואקסן,

באַרייכערט געוואָרן, זיך פונאַנדערגעבליט. אָבער מיר האַלטן זיך דאָך ביי אַ באַשטימטן פּעריאָד, די יאָרן 1882 - 1887, ווען פרישמאַן איז אַריינגעטראָטן אין דער ליטעראַטור.

דער צונטער רויט פון דער השכלה־שקיעה ווערט ביסלעכוויז אויסגעלאָשן אויפן האָריזאָנט; עס קומען אָן די דעמערונגען פון אַ תקופה וואָס האַלט ביי אָפּגעשלאָסן ווערן. דער רוים פון דער וועלט־ליטעראַטור איז פול מיט מליצה און פיינער פּלוידעריי. די ליטעראַרישע וועלט! איז נישט דאָס עצם וואָרט אַ געוואַלדיקע גוזמא? נישט דערפאַר וואָס די ביכער אָדער זשורנאַלן און צייטונגען זענען געשטאַנען אויף אַ העכערער צי נידעריקער מדרגה, דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג אין פאַרגלייך מיטן עיקר־דיקן פאַקט און דאָס פּראָבלעם, צי איז גאָר פאַראַן אַ ליטעראַטור אָדער נישט? טאַלאַנטן און געשמאַקן דערשיינען נישט אויף באַשטעלונג אָדער באַפעל, עס טרעפט, אַז זיי זענען פאַראַן לרוב און עס טרעפט, אַז זיי זענען זייער זעלטן, די ליטעראַטור גיט איר דור דאָס אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט און וואָס עס וועבט זיך אין די טיפענישן פון פאָלקס־גייסט. אָבער די מאָס פאַר איר עקזיסטענץ, אויף וויפיל זי עקזיסטירט באמת, איז די צאָל קונים, לייענער און מבינים, וואָס ווערן באַווירקט פון איר השפעה. איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַזעלכע, און אַ סך שיכטן און פאָלקס־קלאַסן, און מענטשן לייענען און לערנען, קאָנסולטירן דעם אָדער יענעם מין צייטשריפטן און ביכער, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק די גייסטיקע געשטאַלטונג פון אַ גרויסן טייל פאָלק, און עס איז קענטיק זייער איינפלוס אויפן לעבן, אויף אידעען און אידעאַלן, אויף אויפפירונג און באַנעמונג און אַנטוויקלונג פון דער וועלט, פון וועלכער זיי קומען, דאַן איז עס אַ ווירקלעכע ליטעראַטור, און אויב נישט, איז עס אַ געקינצלטע, אָנגעבלאָזענע, אויסגעטראַכטע שאַפונג.

פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויס דערקלער איך קאַטעגאָריש, אַז די נייע העברעאישע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן צווישן די יאָרן 1887-1882 און פרישמאַן איז נישט נאָר איינער פון די וואָס האָבן זי אויסגעפּיינערט, נאָר אויך איינער פון אירע גרינדער, דערמיט מיין איך נישט די איכות, נאָר עטוואָס וואָס איז פ אַ ר אַלץ, פ אַ ר כמות און פ אַ ר

איכות, דער עצם אינהאַלט, דער מהות. לאָמיר אָננעמען, אַז אויך פאַר דעם האָט מען געשריבן גאַנץ גוטע ביכער, וועו אפילו זעלטן, דאָס האָט קיין שום באַדייטונג ניט. וואָס פאַרא ראָל שפּילן גוטע ביכער, וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די בעסטע צייטונגען, און וואָס קאָן אויפטאָן די ריינסטע שפּראַך, אויב די גאַנצע שאַפונג מיט איר השפּעה זענען אָפּגעריסן און דערווייטערט פון די מאַסן און איז איינגעשלאָסן אין אַן ענגן באַגרעניצטן קרייז? אַזאַ ראָד גייט נישט פאָראויס, נאָר דרייט זיך אויף איין אָרט. דער „המגיד" אין זיין גלאַנץ פּעריאָד האָט געהאַט אַכצן הונדערט אַבאָנענטן, און ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער „הכרמל", האָט ער ביי אים צוגענומען גאַנצע אַכט הונדערט. דער „המגיד" איז געבליבן ביי טויזנט און ביידע אויסגאַבן האָבן זיך געפּלאָגט און זענען אויסגעריסן געוואָרן. דער „המליץ" האָט אין זיין אַדעסער תקופה פאַרמאָגט צוועלף הונדערט אַבאָנענטן, אין פּעטערבורג האָט ער זיך צעבליט און דערגרייכט צו צוויי טויזנט — צוויי טויזנט פינף הונדערט, און אַמאָל טאַקע וויניקער פון צוויי טויזנט. דער „השחר" האָט אין זיינע גוטע יאָרן פאַרמאָגט אַרום 700 אַבאָנענטן, איז געקומען „הבקר אור" און האָט ביי אים צוגענומען 200 און ביידע האָבן פאַרלוירן די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. דער „הלבנון" האָט געהאַט אַ דריי הונדערט אַבאָנענטן און זיין אַרויסגעבער האָט געדאַרפט היפּש אַרומרייזן צו קריגן נייע און דערהאַלטן די אַלטע. ווען איך בין אַריין אין „הצפירה" אין 1882, האָט זי פאַרמאָגט אַ פופצן הונדערט אַבאָנענטן (שרה, דאָס ווייב פון זיין אַרויסגעבער, חז"ס, האָט געדענקט אויסנווייניק אַלע אַדרעסן). עס וועט זיין אַ גוזמא, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז אַלע אַבאָנענטן פון אַלע צייטשריפטן צוזאַמען האָבן דערגרייכט צו 4000, און אויב איך וועל זיין זייער אָפּטימיסטיש און וועל רעכענען. אַז אויף יעדן אַבאָנענט איז געוועזן אַ גאַנצער מנין לעזער, וועלן מיר האָבן, אַז אויף דער גאַנצער יידישער וועלט זענען געוועזן פערציק טויזנט לייענער, וואָס האָבן זיך גייסטיק דערנערט פון דער ליטעראַטור. און די צייטונגען זענען דאָך געווען דער לעבעדיקסטער פאַקטאָר, ביכער האָבן זיך פאַרקויפט פיל וויניקער, מערסטנטייל דורך די מחברים גופא, וואָס פלעגן אַרומגיין פון טיר צו טיר, און אַ קליינע טייל דורך אומבאַצאָלטע

אגענטן, אָדער פּאַקנטרעגער וואָס זענען אַליין געווען האַלב סוחרים, האַלב מחברים. דער דלות האָט געפּייפט אין אַלע ווינקעלעך, און איז געווען אָפּ־שייליך ווי יעדער דלות.

אויב מען וואַרפט פאַר יענע צייטשריפטן און יענער ליטעראַטור זייער איבערגעטריבענע נאַאיוויטעט און גייסטיקע אָרימקייט, די מאַמאַריסטיקע און דילעטאַנטיזם, די קאַלירלאָזיקייט און אימפּאָטענץ, די אָפּגעריסנקייט פון לעבעדיקן לעבן און דאָס הענגען אין דער לופטן, אויב מען כעסט זיך אויף דער מליצה־שפּראַך, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין די ענגע גרע־ניצן פון תנ"ך, און וועמענס ווערטער־אוצר האָט נישט גענוגט צו אָנזע־טיקן אפילו אַ מוראשקע, פאַרגעסט מען בשעת מעשה, אַז עס האָט זיך בכלל געהאַנדלט וועגן אַ מינדערווערטיקן ענין, אַ מיזעראַבלען פאַקט, אַ יהסנדיק טונקל ווינקעלע, מיט גרויסע פּרעטענזיעס און קליינע מיטלען, אַ לופט־שאַפונג, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַ געוויסן קולטור־ניוואָ און אַ געוויסן זעלישן־צושטאַנד פון אַ צאָל מענטשן.

אָבער זאָל קיינער נישט אָפּלאַכן. דווקא אין אָט דער אָרימקייט און נאַאיוויטעט זענען פאַרלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן, אָן וועלכע קיין בנין קאָן נישט אויפגעבויט ווערן. דווקא אָט די „בטלנים" האָבן פאַר־פלאַנצט, געפלעגט, געבויט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס איז ענלעך אויף אַ ליטעראַטור, דווקא יענע יונגעלייטלעך, די „אומבאַצאָלטע אַגענטן", האָבן נאַאיוו אָנגעפירט דאָס, וואָס רופט זיך היינט „פּראָפּאַגאַנדאַ" פאַר העב־רעאיש, און אפשר מער פון די אַלע היינטיקע חברות מיט זייערע הויך־קלינגענדיקע נעמען און ריטערישע שילדן. און ווער ווייסט, צי אַ סך פון יענע שרייבאַרעס, די שרפה־קאָרעספּאָנדענטן, האָבן טראָץ זייערע גוזמאַ־דיקע מליצות און זייער שפּראַך פון דער „הפטורה", מיטן זייער אָרימען ווערטער אוצר, צי האָבן זיי נישט געקאָנט בעסער העברעאיש און צי זענען זיי נישט אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגענישן פון דער שפּראַך טיפער פון די מאָדערנע, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויף „מעטאָדעס". אָבער, ווי עס איז נישט געווען וויל און פיין און וואַרעם און באַקוועם, האָט מען נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין דער רואיקייט וואָס פאַרשלעפערט, מען האָט

געמוזט אַרויסרופן נייע כּחות, באַזייטיקן מחיצות, עפענען פענסטער און אויסברייטערן האָריזאָנטן.

פרישמאַן איז דאַן געווען באַפריינדעט מיט מיר, האָט זיך באַטייליקט אין מיינע פּלענער און געהאָלפן מיר גרינדן דעם „האסיף". איך האָב נישט בדעה צו רעדן איצט וועגן דער גרעסערער אָדער קלענערער באַדייטונג פון דעם אָדער יענעם בוך. עס וועט זיין גענוג פעסטצושטעלן אַן איינפאַכן היסטאָרישן פאַקט און אונטערשטרייכן אַן אמתע פאַסירונג. דער „האסיף" איז געווען דער ערשטער זאַמלבוך פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. איך וועל זיך נישט באַנוצן מיטן מליצהדיקן אויסדרוק, אַז „ער האָט געפונען דעם וועג צום פאָלק", נאָר איך וועל זיך באַגנוגענען מיט אַ זייער דייטלעכן ציפער. פאַר אַ קורצער צייט פון עטלעכע חדשים איז דער ערשטער „האסיף" פאַרקויפט געוואָרן אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן און דער בעסטער סימן איז, אַז עס איז אויפגעקומען אַ קאָנקורענץ און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ צווייטער יאָרבוך „כנסת ישראל", נאָכהער „אוצר הספרות", שפּעטער די „כנסת הגדולה" אא"וו. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך רעד דאָ נישט וועגן דער קאָמערציעלער זייט פון ביכער-פאַרקויף, דער ענין האָט מיך קיינמאָל נישט צו שטאַרק אינטערעסירט און אוודאי נישט איצט, אויף אַזאַ ווייטן מהלך פון אָרט און צייט פון יענער גאַנצער תקופה. איך רעד וועגן דעם נאָר דערפאַר, ווייל עס האָט געהאַט אַ ליטעראַרישע באַדייטונג. די ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן וואַקסן, אויסברייטערן זיך און ווערן דאָס, וואָס זי איז ביז דאַן נאָך נישט געווען און איז עס ערשט געוואָרן אַ צייט שפּעטער, אַ פאָלקס-ליטעראַטור. צען-צוועלף טויזנט עקזעמפּלאַרן פון אַ בוך, וואָס איז אפשר געלייענט געוואָרן פון אַ הונדערט טויזנט לעזער, איז שוין אַ פיינער אָנפאַנג פון אַ לעבעדיקער שפּראַך און אַ לעבעדיקער ליטעראַטור. און ד"ר יהודה לייב קאַנטאָר האָט שפּעטער דערקלערט, אַז דער געדאַנק צו גרינדן אַ העברעאישע טעגלעכע צייטונג איז אים געקומען אין אַ פינף, זעקס יאָר אַרום אונטערן איינדרוק פונעם דערפאָלג פון „האסיף", וואָס מען האָט מסתמא גענוג איבערגעטריבן. איך וויל געוויס נישט באַרירן מיטן מינדסטן דעם ד"ר קאַנטאָר, וואָס פאַרדינט אונדזער אַלעמענס רעספּעקט,

אַלס דער ערשטער גרינדער פון דער טעגלעכער פּרעסע אין העברעאיש, אָבער איך מוז דאָ צוליב פּינקטלעכקייט דערמאָנען, אַז עס האָט זיך נישט געהאַנדלט נאָר פון אַן איניציאַטיוו און גוטן ווילן, עס איז אויך געווען אָפּהענגיק פון צאַרישן „אַמט פאַר דרוק־אָנגעלעגנהייטן". וויפיל פון אונדז האָבן געוואָלט און געפּלאַנעוועט און זיך געגרייט אַרויסצולאָזן אַ טאָג־צייטונג פּ אַ ר ן „היום" און עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן.

נאָכדעם ווי מען האָט אין רוסלאַנד געעפנט אַלע אַרכיוון, וועט מען אפשר אויך עפענען די פינסטערע אַרכיוון פון יענעם אַמט און מען וועט דאָרטן געפינען מיינע אַ ביטע וועגן אַ העברעאישער צייטונג, געשטיצט פון איינעם פולמאַן, אַ קאַפּיטאַליסט פון לאָדזש, און פרישמאַן איז אויך געווען מיט אונדז אינאיינעם. דער „אַמט פאַר דרוק אָנגעלעגנהייטן" האָט „נישט געפונען פאַר כדאי נאָכצוקומען די ביטע", ווייל רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער האָבן דאַן געדאַרפט גוטגעהייסן ווערן פון דער רעגירונג, צו וועלכער זיי זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך. אַזוי איז אַוועק פון דער וועלט דער מחבר, וואָס קלאַפּט פון טיר צו טיר, דער „אומבאַצאָלטער אַגענט" און עס איז געבוירן געוואָרן די טעגלעכע פרעסע מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות; און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ טיפּ פון אַ העברעאישן שרייבער, וואָס לעבט פון דער פעדער. עס זענען געווים געווען דערפאָלגן און דורכפאַלן, פאָרשריט און ריקצוג, און אָט שטייען מיר אין מיטן פון אַ חורבן און קריזיס און שטרענגען זיך אָן אַרויסצוגיין פון דער מידקייט, פון דער אָפּהענגטיקייט און יאוש, וואָס פאַרכאַפּן די, וואָס האָבן אַ קורצן אָטעם (איך אַליין האַלט, אַז מיר וועלן איבערוועלטיקן די צייט און די צייט וועט אונדז נישט גובר זיין, אַז עס זענען פאַראַן אויסזיכטן און האָפענונגען פאַר אַ העברעאישער ליטעראַטור אין אונדזער אייגן לאַנד און אויך אין די קאָמפּאַקטע יידישע ישובים אין גלות), אָבער די פרוכטבאַרע קערנער פון אָט דער אויפלעבונג זענען פאַרוואָרפן געוואָרן טיף, טיף און האָבן אָנגעהויבן צו אויפקומען אין דער תקופה, אין דער פרילינגס צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן די אַרבעט פון פרישמאַנען, וועלכער איז געקומען אַ פרישער, אַ לעבעדיקער, אַ לייכטער און לאַבעדיקער, אַביסל בייסיק, אַן אָפּשפּעטער פון אָנגענומענעם שטייגער און

פירונג, פון שאבלאָן און די געווענלעכע פּזמונות. ער פלעגט רעדן מיט מיר וועגן אַ סעריע קליינע דערציילונגען, וואָס ער קלייבט זיך צו שרייבן. און ביי אליעזר יצחק שאַפּירא אין ביכער־געשעפט, ווו חברה פלעגט זיך צונויפקומען, פלעגט ער ווינקען און מאַכן וויצן איבער מיר, איבער אַלע־מען און אויך איבער זיך אַליין. און די אויגן פינטלען הינטער די ברילן, און דער רויך פון ציגאַר שלענגלט זיך, אַ גאַסט איז געקומען — אַזאַ איי־נער וואָס וועט זיך מאַכן אַ פּלאַץ אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

די דרויסנדיקע, וואָס האָבן נישט געקאָנט די אינטימיטעטן פון דער חבריא, זענען פאַרציטערט געוואָרן. אַ גערודער אין שטעטל! עפּעס אַ „תהו ובוהו", אַן אנאָנים ווערק, אָבער אַלע האָבן שוין געוווסט און פריש־מאַן אַליין האָט זיך באַמיט, מען זאָל וויסן, אַז ער האָט עס אָנגעשריבן דעם „פּאַמפלעט". אייניקע האָבן געזאָגט: עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קאָוונער מיט זיין „חקר דבר". עס הויבט זיך גאָרנישט אָן! קאָוונער איז געקומען מיט „גאזלאוואיע", ער האָט געבריקעוועט, געקאָפּיעט, און זיין „חקר דבר" איז געווען אַ מין אויסטערלישקייט, אַ דונער־שטיין, וואָס פאַלט אַראָפּ פון הימל אין אַ רואיקן גערטנדל און צעשפּריצט אין אַלע זייטן פונקען פייער, פעך און שוועבל: פרישמאַן איז געווען גאַלאַנט און איידל, מיט אַפּטע פאַרזוכן פון אַ שטאָך־טאָן, אַ קליין קניפּעלע, אַ צי־ביים אויער, אַ רוק מיטן עלנבויגן, זיין „תהו ובהו" האָט טאַקע אַביסל געדראַפּעט און געריבן, געקניפּט און געבריט, אונטערגעגראָבן זיך אונ־טערן טראָן פון דעם אָדער יענעם שרייבער, אָבער אָן טומל, אָן פּראָטעסט אָן כעס און שנאה, פון בלויזן געפיל, לויט עס האָט זיך אים אין יענעם מאָמענט אויסגעוויזן, אַט ווי עס האָט אים אונטערגעזאָגט זיין געשמאַק וואָס פלעגט אויפגעציטערט ווערן פון יעדער זאַך, וואָס האָט אויף אים גע־מאַכט אַן איינדרוק פון נאַריש, לעכערלעך, אָדער פאַלש. אין קריטיק ווי אין פּאָעזיע איז פרישמאַן געווען אַ ליריקער, נישט נאָר אָן גראָבלענישן און גריבלענישן, אָן אויטאָפּסיע־לאַנצעטן און אַ שטרענגער וואָג, נאָר אפילו אָן צופיל קאַלטער און פינקטלעכער אָביעקטיוויטעט. ער האָט אויס־געדריקט נאָר זיין פיינגעפיל און געשמאַק. ער האָט אָפּגעקאָרקעוועט דעם לעבעדיקן קוואַל פון פאַנטאַזיע און הומאָר וואָס האָט געשלאָגן אין זיין

נשמה און עס האָט פון דאָרטן אַ שטראָם געטאָן אַ טוי ריינער שטראָם מיט טראָפּפעלעך גאַל, גיפט פון אַ קינסטלער, אַ קאַפּריזנער און אַ שפּי־לעוודיקער, וואָס פיעשטשעט זיך און שמייסט אָפּ מיט פייערדיקע בייטשן און פיעשטשעט זיך ווידער; אָט דאָס וואָרט מוז איך אונטערשטרייכן, ווייל דאָס פיעשטשען זיך און דאָס חנדלען זיך איז געווען דער באַזונ־דערער שטריך פון זיין סטיל, פון יעדער שורה האָבן ווי אַרויסגעשפּריצט ליבעס דערקלערונגען און אַנטשולדיקונגען פאַרן חשובן לייענער. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין צערעמאָניען זיך, נאָר נאַטירלעכע ווייכקייט און איידלקייט, וואָס האָבן זיך וווּנדערבאַר געפּאָרט מיט ביטערער סאַטי־רע. אָן אַ באַזונדער כוונה האָט ער זיך געשפּילט און געפּיעשטשעט מיט זיין גאַנצער פאַרבנרייכקייט, געשפּונען זיינע זיידענע פעדים מיט די אין זיי באַהאַלטענע דערנער, אין פולשטענדיקן הסכם מיטן מהות פון זיין טעמפּעראַמענט.

אַזוי איז ער אַריין אין דער ליטעראַטור ומיט זיינע סקיצן אין „הא־סיף". דאָס לעבעדיקע לעבן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דורך זיין קינסטלערישן שפּיגל, זיין אינערלעכער לעבן, גלייך פון האַרצן אויפן פּאַפּיר, נישט צו שטאַרק, נישט צו טיף, אָבער פיין און עטוואָס בייסיק. נישטאָ קיין פּסי־כאָלאָגישע גריבלענישן, קיין אָדלער־פלי אין דער פאַנטאַזיע, אין די סקיצן וואָס ער צייכנט, אין די געמעלן וואָס ער מאָלט, אין די נשמות וועמען ער האָט געגעבן פאַרב און פאָרעם, נישטאָ אויך קיין איבעראַשנדע נייעסן און איבעריקע זאַפטיקייט אין די אויסדריקן, אין צוזאַמענשטעל פון די פאַרבן און ניואַנסן ווי אינעם שטייגער פון מאָלן, אָבער עס איז דאָ אַ פיינער עסטעטישער חוש, אַ פילנדיק האַרץ, אַ פּאָעטישע נשמה, און פון צייט צו צייט ביים זייט פון דעם נאַאיוון, שטילן ליריזם, אַ בייסיקער וויץ, אַ געפיילטע שאַרפקייט, וואָס גייט קיינמאָל נישט אַריבער אין גע־מאַכטער בדחנות און געמלאַכהטער לצנות, פון מאָל צו מאָל גיסט ער אויס אַ קאַלטן טוש אויף אַ צעהיצטן קאָפּ פון אַן איבערגעטריבענעם חסיד פון דער אָדער יענער שיטה.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען, אין איין פּערפעקציאָנירן, אין איין רייף ווערן. ער איז אַריין אין רעדאַקציע פון „היום", ווו ער האָט

פאַר זיך אויסגעקליבן דעם פּאַר אים מער צוגעפּאַסטן זשאַנר, דעם פּעליע־טאָן, אָט די בריק צווישן ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. ווער געדענקט עס נישט זיינע „אותיות פורחות"? ער האָט באַנומען דעם טיפן סוד פון אָט דער ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער שאַפונג. דאָס אַרומשוועבן און אַרומטאַנצן פון טעמא צו טעמא, דאָס אַריינטריפן זיסע טראָפּנס, אַ ווייכן פלאַטער טאָן איבער פאַרשידענע ענינים, אַריינוועבן אַ טרויעריקע נאָטע, וואָס באַלייכט מיט איר באַשיידנקייט, אָן איבעריקע טענות און פּרעטענ־זיעס, בעסער ווי די פלאַקערנדיקע שטורקאַצן, די ווייכע דעליקאַטע סטרו־נעס, די לייכטע נאָכטראַכטעניש און פאַרבייגייענדיקע איינדריקן, אַ פלאַטערל, אַ פאַרביקס און פליעדיקס; ווי שיין איז געווען אָט דאָס געוועב פון גלעטן און שמייכלען, לייכטע און בייסיקע, ווי געפּאַנ־גען האָט עס דאָס האַרץ פון לייענער! וואָס פאַר אַ זיסע אָפּוועקסלונג איז געווען אין דער פיינער פרישקייט, אין דעם לייכטן געלעכטערל, נאָך די שווערע טעמלאָזע מאמרים! נישטאָ קיין איבעריקע חכמה, קיין איבערגע־שפּיצטע פּקחות, נישט קיין פונק פון חריפות, נישט קיין שטראָם פון בקיאות, אַלץ צו שווערע לאַסט פאַר אַ פעליעטאָן, בלויז אַן אָנגענעמע פלוידעריי און דווקא אָט די לייכטע פלוידעריי האָט מיט איר איינפאַכ־קייט, קלאָרקייט און גרינגקייט דערגרייכט די הויכע מדרגה אין דער קינסטלערישער פאָרעם, ווייל אין איר איז געקומען צום אויסדרוק דער אינערלעכער כאַראַקטער פונעם קינסטלער, די טיפקייט פון זיין אינערלע־כער וועלט. אַ מענטש פון חן און געשמאַק, אַ קינסטלער אַ מפונק; אַ לייכטער, אַ שוועבנדיקער, מאָלט זיינע אייגענע געפילן, יעדן ציטער, יעדן קער, יעדן ריר, יעדן פּריידיקייט־געגנוס און יעדן פּראָטעסט פון זיין גייסט, אַ גייסט פון אַ שמייכלענדיקן פילאָזאָף און פון אַ טרויעריקן פּאָעט וואָס בענקט נאָך זון, און כעסט זיך און שפּאָט שטילערהייט און בייזערט זיך, ווען ער שטויסט זיך אָן, אָדער אים דוכט זיך, אַז ער שטויסט זיך אָן, אין די שווערע און קאַלטע דערפאַרונגען פון טעגלעכן לעבן און סדר־העולם.

אויף איינעם, וואָס האָט געאַרבעט אין פאַרשידענע זשאַנרן, זאָגן געוועגלעך די קריטיקער, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט צעשפּרייט און צע־

ברעקלט און וואָלט נישט צעוואָרפן די פונקען פון זײַן טאַלאַנט אין אַלע זײַטן, ווען ער שטײט אויף אײן פּאָזיציע און קאָנצענטרירט זײַן גאַנצע אַרבעט אויף אײן פּונקט, וואָלט ער געווען אַ גאון, אַן אוניקום. מעגלעך, אַז עמיצער וועט עס אויך זאָגן אויף פרישמאַנען, אַז פאַר אים וואָלט גלײַכער געווען צו באַשרענקען זיך, אַז ער וואָלט געקאָנט ווערן אַ גרויסער פּאָעט, ווען ער וואָלט קײנמאָל נישט פאַרלאָזט דעם פּאַרנאַס. איך קאָן דאָס לײדל, אָבער גלויבן גלויב איך נישט. ווער עס איז באַשאַפן פאַר אײן זשאַנר, באַשרענקט זיך אין אײנעם, און ווער עס איז געבוירן געוואָרן פאַר אַ ברײטערער און אומפאַנגענדער אַרבעט, וואָלט אײנגעשרומפּן געוואָרן, ווען ער פאַרשליסט זיך אין אײן שרײבונג־שטײגער. אײנזײטיקײט אָדער פּילזײטיקײט הענגט אָפּ פון גײסט פון קינסטלער אָדער שרײבער. עס איז נישט קײן צופאַל, נאָר אַ נאַטירלעכע זאַך. און, ווירקלעך, פרישמאַן איז געווען פון צײַט צו צײַט אַן אויסגעצײכנטער פּאָעט, פון זײַן יוגנט ביזן סוף האָט ער געשריבן פּאָעזיע און אײניקע שירים האָבן אַ וונדערבאַרן צויבער, אַ רײנקײט, אַ ליבע וואַרימקײט, פול מיט צאַרטקײט און שימער. זײַנע שירים פאַרמאָגן נישט קײן מעכטיקע הױכקײטן, קײן טיפע אָפּגרונטן, קײן טיטאַנישע קראַפט, קײן מלאכים־גלי, זײ האָבן נישט קײן אור־אַלטן שטאַרקן קרישטאַל, און נישט קײן פאַרשאַרטקײט און שפּרודלדיקײט פון דער נײער פּאָעזיע. אָבער יעדעס ליד איז אַ קונסטצאַצקעלע, אַן אויסגעאײדלטע שײנקײט און פול מיטן עיקרדיקן — חן. זײַן מוזע פליסט זיך זאַנפט אין פליסטער פון אַ בוים, אין גערויש פון בלומען, אין רײנקײט פון וואָלקנדלעך, אין זאַנפטיקײט און אײדלקײט, אַן אַנטוויקלטער דעליקאַטער געשמאַק, צומאָל אַ שײנער, שאַרפער, נאָר גלאַטער וויץ, ער האָט געגעבן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַ שטראָם פון ווײכן שײַן, אנגענעמע פערזן, טרויעריקע, פלעכטן זיך אין אַ קראַנץ פון לירישער אינערלעכער פּאָעזיע וואָס בענקט נאָך נאַטור־שײנקײט, נאָך זאַפטיקײט פון לעבן און דערהויבט זיך צײַטנווײַז צו דער הויכקײט פון קדושה, ווען זי באַרירט היסטאָרישע ענינים. עס איז אַ גאַנץ הויכע מדרגה.

ווײַל פרישמאַן איז געצוווּנגען געווען צו שרײַבן און איבערזעצן אַלע זשאַנרען, שרײַבן אין צײַטונגען און רעדאַגירן אַ געוויסע צײַט זײַן אויס-

געצייכנטן וואָכן-זשורנאַל, דעם „הדור"; פערציק יאָר אַרבעט וואָס איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. אָנגעהויבן פון אַ לייכטן שפּאַציר און פאַרענדיקט מיט עבודת פרך. אָנגעהויבן ווי אַ פריי פויגעלע, אָט גלאַט אַזוי זיך און פאַרענדיקט מיט אַ ליטעראַרישער אונטערנעמערישקייט, וואָס דאַרף צושטעלן צו געוויסע טערמינען אויף פעסטגעשטעלטע באַדינגונגען אַ פּאָר אייגענע פאַרפאַסונגען, אָן איבערזעצונג, קורץ, אַ ליטעראַריש פאַבריקל. איך געדענק, אַז אין דער ערשטער צייט פלעגן זיך די פאַרלעגער באַקלאָגן אויף אים, אַז ער שטעלט נישט צו די אַרבעט אין צייט. אליעזר קאַפּלאַן פון „אחיאסף" פלעגט זיך באַקלאָגן אָט אויף דעם „לייזיקגייער", אַז קיינער קאָן מיט אים קיין געשעפט נישט האָבן, צוליב דער אָפּגעלאָזנקייט און אָפּציענישן. טאַקע דער אָפּיציעלער קריטיקער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרלאַגס-אַרבעט אין וואַרשע, האָט זיך מיט אים געלאָדן פּאַר אַ מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט געדאַרפט צושטעלן צו דער צייט און נישט צוגעשטעלט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, עס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט סכסוכים און איך האָב געדאַרפט זיין דער בורר. אָט דער עסטעט פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן, ווען זיינע נערוון פלעגן זיך צעשפּילן, אין אַ זייער שווערן בעל דבר, מיט וועמען עס איז נישט איבעריק אָנגענעם צו האָבן לאָדענישן. אָבער מיט דער צייט, דוכט מיר, אַז די טענות וועגן „צושטעלונגען" זענען קלענער געוואָרן, ווייל דער סכום פון פרישמאַנס אַרבעט איז ממש צו באַוואונדערן. נאָך דער פּעטערבורגער „היום"-עפּאָכע, וואָס האָט אויסגעברייטערט זיין האָריזאָנט, זיין דערפאַרונג און זיינע באַציאונגען מיט שרייבער און פּובליקום, האָט ער געלעבט אַ פּעריאָד, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין ברעסלוי, ווו ער האָט פיל געלערנט און געלייענט, באַרייכערט זיין וויסן און אָנגעזאַמלט ווייכטיקע גייסטיקע גיטער. פון דאַן אָן איז ער געוואָרן איינער פון די פּרוכטבאַרסטע צושטעלער פון „אחיאסף" און „תושיה" און שפּעטער אַנדערע פאַרלאַגן. ער איז באמת געווען ווי אַ פרישער קוואַל, ווי אַ טייך וואָס שטראָמט אָן אויפהער. ער האָט איבערזעצט בערנשטיינען, איבערזעצט ליפּערטן, און צענדליקער אַנדערע אויסגעצייכנטע ביכער. ער האָט אונדז געגעבן ניטשעס „זאַראַטוסטראַ", די טייערסטע פּערל אינעם שנור פון

זיינע איבערזעצונגען. ער האָט אַליין פאַרפאַסט שירים, דראַמעס, סקיצן, וואָס נאָך די אויסגעקליבענע פון צווישן זיי שטעלן צונויף איינציקע בענדער, ער האָט געשריבן פעליעטאָנען, שמועסן, „בריוו איבער ליטעראַטור" אאַ"וו. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַן אויסגעהאַלטענער, פלייסיקער אַרבעטער, דער הויפט-זייל פון שטיבל-פאַרלאַג, ווי אַ רעדאַקטאָר, אַ שרייבער, אַן איבערזעצער, אָט האָט איר אייך אַ „פּוילאַק", אַ „ליידיק-גייער"!

עס וואָלט כדאַי געווען צו שרייבן איבער יעדער תקופה פון פרישמאַנס לעבן און שאַפן, אָבער עס איז נאָך נישט געקומען די צייט דערויף. אויף דאָס צו דערגרייכן וועט מען דאַרפן איינטיילן דעם גאַנצן גרויסן מאַטעריאַל אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען און באַהאַנדלען יעדער טייל באַזונדער: פרישמאַן אַלס אָנפאַנגער, אַלס יונגער שרייבער, אַלס פולשטענדיקרייפער ליטעראַט און אין די עלטערע יאָרן: פרישמאַן דער פּאָעט, דער פעליעטאָניסט, דער דערציילער, דער קריטיקער, אַפילו אין זיינע איבערזעצונגען זענען פאַראַן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס: וויסנשאַפט און בעלעטריסטיק, וואָס זענען אַן אין פאַר זיך מייסטערווערק. מען וועט דאַרפן באַטאָנען די דינסטע פינקלדיקע פונקן און אָפּזוכן זייערע טיפע נשמה קוואַלן און דעם סוד פון זייער געוועב און געבוי מיט זייער האָניק און גיפט. מען וועט אויך דאַרפן ערנסט באַטאָנען, נישט מיט סתם סברות, נאָר מיט טיפן אַריינטראַכטן זיך אָנדייטן די געהעריקע ציטאַטן, אויף זייערע פעלערן און שוואַכקייטן, דערווייל איז עס נאָר אַן אַלגעמיינער איבערבליק וואָס באַציט זיך בעיקר אויפן אָנפאַנג פון פרישמאַנס תקופה.

זיין גאַנצע טעטיקייט, זיין מהות איז אַ פילפאַרביקע גייסטיקע דערשיינונג, אַ וווּנדערבאַרע קאָמבינאַציע פון אויסגעצייכנטע פעאיקייטן, אַ פרישער קוואַל פון איידלקייט, קלאָרקייט, שיינקייט און חן. אָט די וווּנדערבאַרע דערשיינונג איז פאַרשוווּנדן און — נישטאָ מער, דער קוואַל איז אויסגעטרוקנט, עס איז אַ פאַרלוסט וואָס קאָן נישט גוט-געמאַכט ווערן, אַן אבידה אָן קאָמפּענסאַציע. איך האָב געחלומט און געטרוימט, אַז דער מענטש וועט אַרבעטן נאָך אַ צען-פופצן יאָר, פאַרזעצן צו באַרייכערן אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור. אונדזער העברעאיש

וועלטל וועט ווייטער געניסן זיינע בלומען און פיינע פירות און נאכהער וועט ער זיך אויסבויען א קליינע ווייסע הייזקע אויפן ברעג פון ים־כנרת און וועט זיך דארט רואיק אפלעבן די עלטערע יארן באקראנצט מיט כבוד. דער חלום איז נישט מקוים געווארן, דער פאדים איז איבערגעריסן, אין מיין הארץ האט א סטרונע געפלאצט. טויכן ווידער אויף אין זייער גאנצער קראפט די יוגנט זכרונות און דריקן דאס הארץ ווי מיט צוואנגען און ווען אפילו די לאגיק טענהט, אז אזעלכע זאכן האבן געטראפן און וועלן טרעפן און קיינעם פון אונדז וועט עס נישט אויסמיידן, און סוף־כל־סוף האט דאך פרישמאן נישט אומזיסט געלעבט און גייסטיק איז ער דאך נישט געשטארבן און וועט נאך לאנג נישט שטארבן, אז זיין ווערק לעבט און בלייבט נישט ווי א טרויער שטיין נאר בליענדיק און האפעררדיק און לאכנדיק אין פרישער פרייד, אין שיינקייט און חן... דאך איז דער ווייטיק זייער און זייער שטארק.

חיים זעליק סלאָנימסקי

I

געווען איז עס אַ ייִד אַ ליטוואַק, פון די פּאַרצייטיקע, אַ האַרטער און אַ שאַרפער. איך קאָן זאָגן ה אַ ר ט ווי קיזלשטיין, אָבער נישט ש ווע ר ווי קיזלשטיין, נאָר שניידנדיק און ענגבערדיק ווי אַ פעלזן-שפּיץ.

דער קערפּער — נישט קיין נעבעכל; נישט אויסגעפּאַשעט פּעט גביריש, נישט בטלניש קוואר און רוחניותדיק, נאָר גוט צונויפגעלייגט אין האַרמאָנישער אַרכיטעקטור, פּעסט און יאָדערדיק, וועט ער אָפּלעבן אַ יאָרהונדערט. נערוון, ווי שטאָלענע דראָטן, שטאַרקע, נישט מחמת רואיקייט, נאָר באַוועגן זיך אין אַ שטענדיקער אָנגעצויגנקייט, ציען זיך אָן און לאָזן נאָך, נישט ווערנדיק דערשעפּט און מיד נאָר גראָד פּאַר־קערט, האַלטן אָן אין זייער אויפרעגונג די לייכטקייט און איידלקייט, די פרישקייט און וואַכזאַמקייט. חושים — תמיד אָנגעצויגן ווי שאַרפע פיילן, פליען ווי פונקען, טומלען, שטענדיק אַקטיוו.

אויף די פּלייצעס פון אַ קערפּער פול מיט קאָנצענטרירטן לעבן, דער תמצית פון אַ פאַרבאָרגענער געזונטקייט, איינגעזאַפּט פון דורות קרעפּטיקע ייִדן, וואָס האָבן געגעסן דאָס שוואַרץ-ברויט פון לעבן אין גאָלדענע פאַנטאַזיעס. אויפן געבוי פון אַזעלכע נערוון און גלידער, וואָס אויף וויפל זיי האָבן זיך אויפגערעגט און אויפגעקאָכט, אַלץ מער כוח האָבן זיי באַקומען, איז געזעסן אַ טיפּיש־סעמיטישער קאָפּ, אַן אַקומו־לאַטאָר פון די בעסטע כוחות וואָס אַקטואירן און רופן זיך אָפּ אויף יעדער ציטער, קער און ריר.

אויפֿן פּנים מיטן יידישן „צלם אלקים” זענען די טיפּיש-נאַציאָ־נאַלע שטריכן געווען טיף, טיף איינגעקריצט, צעאַקערט די קאַרבן פֿון בית-מדרשדיקן למדנישן שטערן. איינגעמאָסטן און אָנגעצייכנט אין לייכטן אָדלער-קרום פֿון נאָז, פֿאַרטיפֿט אין די אויגן-לעכער און אַריינ-געטאָן אין די בליקן וואָס שיסן פֿון דאָרט, בליץ־שאָסן צוגלייך מיטן חלום־וואָלקן, פּיין, גלות, וואָס שוואַכט אָפּ דאָס קערפּערלעכע און ליי־טערט עס אויס. און אין שיידל פֿון קאָפּ, אַן אייגנאַרטיקער מוח, וואָס פֿאַרטיפֿט זיך נישט און עסט זיך נישט איין אין איין זאַך, וואָס ער נאָגט אויס ביזן דעק, נאָר ער גייט ווייטער און באַהערשט, כאַפּט און באַזיגט, נעמט אַלץ אַרום מער און מער און גייט אַלץ ווייטער און ווײ־טער. נישט דין געקאַרבט, אויסגעלייגט אין שיכטן און געפּלעקט מיט פֿאַרבן און קאָלירן, מיט מחיצות און צוימען, באַפּוצט מיט געפֿלעכטן און געבלימלטע שניצערייען, וואָס פֿאַרנעמען דעם מוח פֿון די קינדער פֿון אונדזער נייער קולטור מיט אַלע אירע פּליטערלעך, אין וועלכע עס ווייזן זיך שוין סמנים פֿון דעקאַדענץ, נאָר אַ געפּרעסטער מוח, אַ גע־שליפֿטער, וואָס נעמט אַריין און נאָגט אויס, און פֿאַראייניקט אין זײ־נע טיפֿעניש אין אַ פּאַסיקער סינטעזע אַלץ, וואָס ער האָט באַנומען און עקספּאָנירט דעם אינהאַלט, און גיט איבער דעם פֿאַרמעגן, וואָס אַקאָרשט האָט ער אַליין דערגרייכט, ווי זיינס אַן אייגנס, ווייל ער האָט שוין באַוויזן ווי יעדער אָריגינעלער מוח אַריינצוטראָגן אין דעם זיינע אייגענע ענדערונגען. נישט אַ מוח וואָס שלינגט איין אַלץ וואָס ער באַ־קומט, אַ זאַמלאָרט פֿאַר אַ קאַסיר וואָס געניסט פֿון דער פֿאַרמערונג פֿון זיין גייסטיקן פֿאַרמעגן, פֿון וועלכן ער פֿאַרגינט זיך אויסצוצאָלן נאָר די פּראָצענטער, נאָר אַ מוח ווי אַן אָנגעפּאַקטע קראָם, וואָס האָט באַוועגונג און לייזט געלט, הכנסה און הוצאה, נעם און ברענג, אמת, נישט אָפֿן פֿאַר קיין סך געדאַנקען און צופֿיל געביטן, צו זייער ענדערונג אין די אַנטוויקלונגס-כוואַליעס, וואָס ציטערן אין דער לופֿטן, אָבער אָפֿן צו גרויסע און ברייטע האָריזאָנטן פֿון דענקען און וויסן, מיט אַ גליענדיקער אָנגעצויגנקייט, וואָס איז ווייט פֿון דער אומבאַוועגלעכער התמדה און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט לאַנגזאַמער פֿלייסיקייט, מיט אַ באַוועגלעכ־



חיים זעליק סלאנימסקי

קייט וואָס מער ווי אַ כוח פון אַ סיסטעמאַטיש לערנען האָט זי די רעוואָלוציאָנערע פערזענלעכקייט פון אַ קעמפנדיקן אויטאָדידאַקט, אַ גייסטיקער „סעלף מייד מען", וואָס דער צענטראַל פונקט פון זיינע שטרעבונגען מוז זיך געפינען אין אים גופא, די זאַכן וואָס ער האָט געלערנט, די געדאַנקען וואָס ער האָט געטראַכט, דער אופן ווי ער האָט דערקלערט דאָס, וואָס ער האָט געלערנט און בעיקר, די נייעסן וואָס ער האָט אויפגעטאָן. אין דעם מוח איז נישט געווען קיין הימל־ספערן מיט פעסט איינגעשטעלטע ליכט־קוואַלן, מיט שטערן וואָס דרייען זיך לויטן לוח, און גיבן אַכטונג אויף דער פּינקטלעכקייט פון די צייט־אָפּשניטן, נאָר אַ וואָלקן־ספערע וואָס ווערט באַוווירקט און ציטערט, גאָרט, בלעזלט זיך, פון מאָל צו מאָל שווימען אין אים אויף בליצן, עס שטראָמען פלאַמען, פונקען פייער, „איינפאַלן", פונקען פון חידושים, נייע פּאָפּולערע מיטאָדן אויף צו אויפכאַפּן די ענינים, בכדי זיי צו דערקלערן מיט נייע בולטעביישפּילן, אָנכאַפּן געדאַנקען ביי די „קוטשמעס", פון דער זייט וואָס איז נענטער צום מושכל ראשון, וואָס איז צוגענגלעכער צום דענקונגס אַרט פון בית-מדרש יידן, ווייל דער לאַנגזאַמער געדולד האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ אין אַט דעם געדיכטן וואַלד, אויף וועלכן עס איז נישט אויסגעגאָסן די אידיליע פון קלאָרע הימלען, פון רואיקע געדאַנקען, נאָר גבורה־בליצן וואָס שיסן, שטורעמס וואָס בלאָזן, גייסטיקער געיעג, יאָגעניש נאָך נייע למודים און אויפטוען, מיט ענערגישער און שטאַרק סוביעקטיווער פילבאַרקייט.

אַזאַ איז געווען חיים זעליק סלאָנימסקי.

„אַ ייד פון אַלטן בית מדרש", דעם פּסעוודאָנים האָט סלאָנימסקי זיך אַליין געגעבן. ער האָט אָבער נישט באַטאָנט, אַז עס איז נאָר אַ באַשטימטע קאַטעגאָריע פון אַלטן בית־מדרש. אין יענעם גייסטיקן קרייז זענען געווען איינגעפּרעסט פאַרשידענע יידן. יידן פרומע, צעמורשטע, מיט צעבראָכענע נשמות, וואָס האָבן געשטרעבט צו מיסטיק, זופצער; יידן געפּילפּולע, וואָס פלעגן איבערציען איבערן קאָפּ ווי אַ הימל זייער אייגענע שפּינוועבס, פלעגן ארומגיין ווי געפּענטעט און פלעגן שטיין בעגי בפתח פאַר יעדן פרעמדן קעגנשטאַנד, פאַר יעדער נייעם טאַט,

צי נייעם געדאנק, וואס זיי האבן נישט געקאנט פון פריער. יידן גריב־לער, וואס פלעגן ממש פארטרונקען ווערן אין פאפירן, האבן אלץ גע־לערנט און געקאנט אויסנווייניק און האבן פון זיך אליין געוואלט אויפ־געריכט ווערן. און עס זענען אויך געווען יידן ווי הונגעריקע וועלף, מיט אנגעצויגענע אדערן און קאכיק בלוט. יידן, גארנישט קיין לייכטע און אנגענעמע נאר מיט שטארקע געוואגטע מוחות, וואס שיסן די שארפסטע פיילן דווקא אין די הארבסטע זאכן אריין. די מאטעמאטישע פראגע פון אויסרעכענען א פלאך, צי אסטראנאמישע פראגן פון „קידוש החודש, צי אנדערע ענינים, וואס זענען דא אין די אלטע שריפטן, וואס מען קאן איבערקוקן פונדאסניי, צי דער חשבון שטימט, צי אפשר האט מען א טעות געהאט. נאענט צו דער קאטעגאריע זענען געשטאנען יידן פון „מורה נבוכים” און „בעל העקדה”, צוביסלעך חקרנים, וואס האבן קאמ־בינירט חקירה און געפיל, רעליגיע און וויסנשאפט. אביסל ווייטער, א בינטל יידן בעלי־דקדוק, נקוד, טראפ. דאס זענען געווען כמו־ראציאנא־ליסטן, סוף־כל סוף געבונדן מיט דער טראדיציע, צי די טעקסטן. די אמתע ראציאנאליסטן זענען געווען די ווייניקע, וואס האבן דווקא גע־לערנט „עירובין” אדער די שווערע שטעלן פון דער גמרא „ראש־השנה”, די איינציקע זאכן וואס לאזן זיך קאנטראלירן מיט א „בלייער אין האנט”. דאס זענען געווען די געפערלעכסטע, אפיקורסים, יידן „אן חכמות”, צו וועלכע עס העלפט נישט קיין געשאנק און קיין געבעט, מען קאן זיי נישט איינרעדן, ווייל זיי זענען אזוי טרוקן און אומדערבארעמדיק ווי די ציפערן, מיט וועלכע זיי אפערירן. אזא אכזר פלעגט זיך ס'רוב נישט אפן ארויפוואַרפן אויף קיין אנגענומענער זאך, נאר ער פלעגט זיך מאכן זיין מאטעמאטישע קאנטראלע. ער פלעגט נישט הייסן: גלויב נישט, נאר ער פלעגט געבן צו פארשטיין, ער איז געווען א טיראן פון פארשטאנד און איז פון בית־המדרש גארנישט ארויסגעגאנגען. ער האט נאר אריענטירט די בית־מדרש אייגנשאפטן אין איין געוויסער ריכטונג. ער פלעגט אויך דרייען מיטן גראבן פינגער ווי ביי א „מהרשא”, אבער דער ענין איז שוין געווען אן אנדערער, אויך א תורה, אבער אין וועל־

בער עס גילטן נישט קיין בויך סברות און נישט קיין געפילן, נאָר אַ טרוקענער יאָ — אָדער ניין.

אויף צו באַגרייפן סלאָנימסקין אין זיין ערשטער תקופה, דאַרפן מיר אַריינדרינגען אין דער טיפקייט פון אַ ספּעציעלן טיפּ, דער וויסנשאַפט־לעכער תלמודישער ראַציאָנאַליסט. ווער עס קאָן נישט דעם וואַלד און לעבט נישט זיין לעבן, זעט, ווען ער קומט אין אים אַריין, נאָר בוימער אָן אונטערשיד צווישן די נאָדלען פון דער יאָלקע, די בלעטער פון בע־ריאָזע און סאָסנע, צווישן די קשאקעס, זייער פּאָרעם, וואָרצלען, געוועב פון זייערע צווייגן. דער משכיל פון פּאָריקע דורות איז פאַר די וואָס קוקן אויף אים פון אויבנאויף אָט אַזאַ מין וואַלד. אין דער אמתן אָבער זענען פאַראַן פאַרשידענע קלאַסן, פאַרשידענע קאַטעגאָריעס משכילים און ווער עס קאָן זיי נישט, וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין די טיפע און קענגנעזעצטע אינערלעכע כחות, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט און אויסגע-וועבט די אַנטוויקלונג פון דער השכלה, פון דעם משכיל, דעם טרוימער און שטרעבער, וואָס לעבט אין דער אַטמאָספער פון ריטער־שלעסער און האָט עטוואָס פונעם ראָמאַנטישן צער פון יונגן ווערטער, דערצויגן אויף געטע און שילער, שרייבט מליצה וועגן פרילינג, אין אַ פאַרבגלאָזער, נאַאיוועער, ביבלישער שפּראַך אָן לעבן און אָן פּאָזיטיוון איינטראַכטן זיך, ביזן משכיל מיט דער ראַפינירטער שפּראַך, דער מעטאָדיקער פון דער אַלטער שפּראַך וואָס צערטלט זי ווי אַ הייליק בילד און געליבטע שיינ־קייט, און ביזן משכיל דעם יידנטום-פאָרשער, וואָס וויל איינשליסן אין אַ ראַם פון פילאָסאָפישער מעטאָדע די געדאַנקען פון אמונה, טראַדיציע, און פון יידישן לעבן, ביזן משכיל, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון עק-זאַקט־וויסנשאַפטלעכן טייל תלמוד, איז פאַראַן אַ זייער גרויסע דיס־טאַנץ. עס זענען פאַרשידענע כאַראַקטערן, איינער פאַרמאָגט וואָס עס פעלט דעם צווייטן. געווען צווישן זיי קנאה, און נאָך ערגערס, אומפאַר־שטענדעניש. ביז היינט צו טאָג ברויכן מיר די דערהויבונג פון יידיש-מענטשלעכן גייסט, בכדי צו קאָנען באַנעמען דעם גאַנצן אומפאַנג, בכדי צו פאַרשטיין און צו פילן די מענטשלעכע האַרמאָנישקייט און נישט האַלטן עס פאַר שטיקלעך און פיצלעך, וואָס באַקעמפן זיך קעגנזייטיק,

און לאָמיר זיך נישט אָנשטרענגען אַריינצופּרעסן דעם גאַנצן כוח און ווילן און געדאַנק אין עפּעס איין פאַרעם וואָס איז מבטל אַלע אַנ־דערע פאָרמען. דער פיינשרייבערישער משכיל האָט געווים באַטראַכט דעם פון חכמת ישראל, איינעם, למשל, וואָס פאָרשט די לעבנס געשיכטע פון אליעזר הקליר, ווי איינעם וואָס נישטערט צווישן קברים, און דער קריטיקער פון דעם פיינשרייבערישן משכיל האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ קינד אַ באַרימער. אַלע זענען זיי געווען קורצזיכטיק און שמאָל־קעפּיק אין באַצוג צו די געביטן פון צווייטנס טעטיקייט, וואָס נאָר אין אַלגעמיין נעמען זיי אַרום דעם טיף פון דענקענדן מענטשן און ליטעראַ־רישער מחשבה.

אַ וואונדערבאַרע און זעלטענע קאַטעגאָריע איז געווען דער וויסנ־שאַפטלעכער תלמודישער משכיל. עס איז געווען אַ יקר המציאות, ווייל מליצות, בעיקר טאַלאַנטלאָזע נאכאַמונג, וואלגערן זיך אויפן מיסט, אָבער אויף וויסן מוז מען שווער האָרעווען.

ער איז געווען וואונדערלעך דערפאַר, ווייל די רעליגיעז־תלמודישע דערציאונג האָט טרעף־פּונקטן מיט אַנדערע נייגונגען, ווי למשל, מיט דער ראָמאַנטיש־לירישער נייגונג פון דער „מאספים״־השכלה. מיט דער גריבלעניש פון די גרינדער פון חכמת ישראל וואָס האָבן פאַרגעזעצט אַן אַלטע טראַדיציע, אָבער מיט אַ ראַציאָנאַליסטיש־מאַטעמאַטישן אָפּנויג. איך וויל נישט זאָגן, אַז זיי האָבן נישט קיין שום קאָנטאַקט, אָבער דער קאָנטאַקט איז אומבאַוועגלעך און נישט דויערהאַפט.

פון מענדעלסאָנס חברים און תלמידים האָבן זיך גאָר ווייניקע אָפּ־געגעבן מיט פּראַקטישן שטודיום, איך באַצי זיך צו די, וואָס האָבן גע־שריבן העברעאיש. פון זיי אַלע איז איין ש. מיימאָן אַוועק צו פילאָזאָפיע, וו ער האָט פיל געשאַפן, סאַטאַנאָוו האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַן עקלעקטיציזם פון נאכאַמונג צו אַ סך ענינים אַן אָריגינעלן שווונג אאַ״וו. אָבער גאָר ווייניקע האָבן זיך געווידמעט צו וויסנשאַפט אויף העברעאיש, דאָס איז שוין נישט געווען דאָן קיין נייעס. עס האָבן שוין עקזיסטירט ביכער, וואָס האָבן געקאָנט געבן די ערשטע אָנרעגונג, אפילו אזא ספר ווי דער „נחמד ונעים״ האָט שמאַרק געווירקט אויף סלאָנימסקין, ווייל

ער האָט אין אים געפונען צייכענונגען וואָס מאַכן קלאָר געוויסע זאַכן. פיל מער האָט אויף אים געווירקט לינדאָ. פון די גאָר אַלטע איז ער פיל באַ-ווירקט געוואָרן פונעם ספר „האלים" פון יש"ר מקנדיא. אָט צווישן די וויניקע ביכער, זענען שוין פאַראַן אייניקע, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון זוכן אַנאַלאָגיעס מיט תלמודישע פראַגן און תלמודישע פירושים, און עקספּאָנירן וויסנשאַפטלעכע טעמעס זעלבסטשטענדיק, לויטן צושטאַנד אין יענער צייט, ס'רוב אין אַן איבערזעצונג פון דייטש, און אָפּגעטיילט און אויסגערייניקט פון „צוגאבן", צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון העברעאישן לעזער. אָבער אָט דעם שטריך האַלט איך פאַר גרינטלעך אין דער ליטעראַרישער פיזיאָנאָמיע פון סלאָנימסקין און איך באַטאָן עס מיט פולער קראַפט. וואָלט סלאָנימסקי דערגרייכט פון לכתחילה צו דעם וואָס ער האָט דערלערנט וויסנשאַפטלעך פון ביכער ווי דער „ראשית למודים" וכדומה, ווען אפילו ניט מער ווי א התחלה, ווי אַן אריינפיר צו די דייטשע ביכער, וואָס פון זיי האָט ער געלערנט שפּעטער, וואָלט אים געפעלט די תלמודישע אָריגינאַליטעט, מיט וואָס ער האָט זיך אויס-געצייכנט און וואָס האָט אים שטענדיק געצויגן צו די פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות צו די וויסנשאַפטלעכע ענינים פון תלמוד.

דער חילוק איז ווי צווישן דעם, וואָס האָט געלערנט העברעאיש פון איר אור־קוואַל, דעם תנ"ך, און אַ צווייטן, וואָס האָט דערלערנט די שפּראַך פון צייטונגס אַרטיקלען, די זעלבע דיפערענץ וואָס צווישן אַ בוים, וועלכער איז פאַרפלאַנצט אין באָדן און אַ פלאַנץ וואָס איז פאַר-פלאַנצט געוואָרן אין אַ געלעכערטער פאַס וואָס שטייט אויף דער ערד.

סלאָנימסקיס נאַטירלעכקייט, זיין באַזונדערקייט און גרינטלעכקייט קומען פונעם אָריגינעלן פּראָצעס וואָס האָט אין אים געווירקט. מען דאַרף דעם געדאַנק באַנעמען אין אַלע זיינע ניואַנסן: סלאָנימסקי איז געווען אַ וויסנשאַפטלעכער געלערנטער פון אַלטן חדר. דאָס איז נישט קיין דע-פיניציע פון זיין קאַטעגאָריע אַלס מאַטעמאַטיקער אָדער נאַטור־פאָרשער, מיין איצטיקע אַרבעט איז נישט באַשטימט פאַר אַזעלכע דעפיניציעס און איך האַלט מיך נישט געגנוג קאָמפּעטענט דערויף.

מעגלעך, אַז איינצלנע מאַטעמאַטיקער וועלן עס יאָ באַהאַנדלען און

מעגלעך אז נישט, ווייל סוף־כל־סוף אינטערעסירט אונדז סלאָנימסקי ווי א כאַראַקטער און ליטעראַט אין זיינע נייגונגען, אנטוויקלונג, די כחות וואָס האָבן אים געפורעמט, די סביבה וואָס האָט אים אויפגעצויגן, דאָס אינטערעסירט אונדז מער ווי צו וויסן, ווען און פון וועלכע פּראָפעסאָרן ער איז עקזאַמינירט געוואָרן, צי האָט ער באַקומען דעם אָדער יענעם דיפּלאָם אא"וו.

איך האָב באַצייכנט ווי אַ גרונדשטריך און הויפּט כלל, אז דער אויפשטייג פון סלאָנימסקים גייסט אין בית המדרש, אין מיטן פון לערנען תלמוד אין זיין פריער אָדער שפּעטער יוגנט, איז צו אים געקומען דורך געוויסע ספרים, וואָס איך האָב דערמאָנט, אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אָנרעגונג, וואָס האָט גורם געווען זעלבסטדערהויבונג, אין שייכות און צוזאַמענהאַנג מיט דער דערציאונג, וואָס ער האָט באַקומען, מיט די ספרים וואָס ער האָט געלערנט, אין פולער האַרמאָניע מיט דער גייסטיקער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און וואָס נאָר אין איר האָט געקאָנט אויפקומען זיין פיגור פון אַ וויסנשאַפטלעכן ראַציאָנאַליסט, וואָס בלייבט פעסט אויפן באָדן פון תלמוד, וועלכן ער פאַרלירט נישט אין אַלע פאַרוואַנדלונגען פון זיין לעבן, אין אַלע ענדערונגען פון זיין אַנטוויקלונג, אין אַלע אויפשטייגן און נידערלאַגעס, דינאַמישקייט און אָפּגעשוואַכטקייט מיט וועלכע זיין לאַנג לעבן איז געווען אַזוי רייך.

דער באָדן, די וואָרצלען, זענען דאָרט, אין ביאַליסטאָק, אין בית המדרש פון ר' מאיר נעכעס, נאָך פון פאַר זאַבלודאָווע, נאָך אין יענער פאַרהיסטאָרישער עפּאָכע, וועגן וועלכער איך האָב געהערט פון סלאָנימסקין טויזנט לעגענדעס, און וואָס קאָן דינען ווי אַן אריינפיר צום באַגרייפן די פּסיכיק און דעם אייגנאַרט פון סלאָנימסקין. מען דאַרף אונטערשטרייכן נאָך איין דיפערענץ. אין זיין צייט און אויך שפּעטער זענען געווען אַ סך בית מדרש בחורים, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן אין השכלה און זענען אוועק פון בית המדרש. ער איז אָבער געווען פון די, וואָס איז נישט אַרויס פון בית המדרש אויך אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי ער איז געכאַפּט געוואָרן אין השכלה, און אפילו ווען ער איז שוין יאָ אַרויס, האָט ער מיטגענומען פון בית מדרש אַ באָדן פאַר זיין וויסנ־

שאפט, די מסכתות, די דינים און מאמרים וואס האבן א שייכות צו זיינע שטודיומס, די אויסרעכענונגען, די פראגן פון עבור-יאר, וואס בלייבן אן אייביקער אביעקט, ווי אויך דאס פארשטענדעניש פאר'ן עולם פון יענעם אלטן בית-המדרש, זיין סטיל און וועלט-אנשויאונג.

און ווען אפילו סלאנימסקי זעלבסט איז געווען א שטארקע פערזענלעכקייט, קאן מען נישט זאגן, אז זיינע לעבנס באדינגונגען האבן אויף אים נישט ארויפגעלייגט זייער שטעמפל. מען דארף זען די קאנווע, אויף וועלכער די געשטאלט פון סלאנימסקי האט זיך אויסגעוועבט.

II

עס קעמפן צוויי וועלטן, צוויי גייסטער, דער גייסט פון געטריישאפט צו טראדיציע און דער גייסט וואס שטרעבט צו פראגרעס, די פארגאנגענע און די מאדערנע צייט, און די פשרה צווישן זיי, און די סינטעזע, וואס זיי האבן דערגרייכט, זען אויס פארשידן.

די יארן תק"ס, תק"פ, ווען סלאנימסקי איז געבוירן און דערצויגן געווארן, זענען געווען אין ליטע יארן פון גאנצע יידישקייט, דאס יידישקייט פון מתנגדים, אין איר גאנצער שטיינערנער הארטקייט. תלמודישער שכלדיקייט, פארגליווערטקייט פון קרישטאל, טיפע פשטות, אן „הינטערגעדאנקען"; אלץ איז אונטערגעווארפן דעם קאלטן אנאליטישן שכל, און דער שכל איז אונטערווארפן דער טראדיציע. עס איז געווען א לעבן פון פינקטלעכקייט און ארדענונג, מען קאן זאגן ווי אין א קאזארמע. דאוועגען אין צייט, דאווענען בצבור אא"וו. אבער, על כל פנים ביי די לומדים איז דאס לעבן געווען פול מיט מוח גייסטיקייט. אין יענע מקומות האט מען דאן געהאלטן ביי פארענדיקן די קאדיפיקאציע פון שולחן ערוך. מיטן „באר היטב", באשטימט פאר רבנים און „חיי אדם", באשטימט פאר באלעבאטים, האט מען אפגעשלאסן א תקופה. די גאר שארפע קעפ האבן זיך צו אט די לעצטע ספרים באצויגן אן צופיל אונטערטעניקייט, אדרבא, זיי האבן זיך באצויגן, ווי ספעציאליסטן באציען זיך צו פאפולאריזאטארן, וואס קאנען זיך נישט ראטעווען פון א געוויסער אויבערפלעכלעכקייט. דערצו האט מען נאך געהאט רעכט, אבער

מען איז געשטאַנען פעסט אויפן תלמודישן באָדן, נישט צו רירן. דער צענטער פון ישיבות האָט געשלאָגן וואָרצלען ארום דעם גאון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, אין ווילנע האָט מען פאַרגעזעצט די טראַדיציע פונעם גאון ר׳ אליהו. דאָס רבנות איז געווען ווי אַ פאַרענדיקטער בנין: איינגעאיבט דער מענטש און איינגעשטעלט די פאָרמול.

סלאָנימסקי האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ווען ער איז געקומען צו ר׳ אבעלע פאָסלאָוועך נאָך אַ הסכמה אויף זיין ספר „מוסדי חכמה" — און אָן אַ הסכמה האָט מען דאַן קיין ספר נישט געקאָנט דרוקן — האָט אים ר׳ אבעלע פאַרהאַלטן אַ טאָג צען און האָט מיט אים געשמועסט אין תורה און וויסנשאַפט. צום סוף האָט ער געזאָגט: „נישקשה, דער יונגערמאַן מעג דרוקן זיין ספר". און אַז אַ הייסגעבאָדענער ייִד פון די מופלגים, אַ מקורב צו ר׳ אבעלען, האָט פּראָטעסטירט און געטענהט: „מיר דוכט, רבי, אַז..." האָט אויף אים דער רבי אָנגעשריגן און געזאָגט: „וואָס דוכט זיך דיר? דו ביסט נישט געניט אין די זאַכן". אין די טעג, ווען סלאָנימסקי איז נאָך נישט געווען זיכער, צי ער וועט קריגן די הסכמה, האָט ער אַמאָל אַ פרעג געטאָן ביי ר׳ אבעלען: „רבי, דערקלערט מיר אָט דעם ענין. איך האָב דאָ געזען יונגעלייט קומען נאָך סמיכה, פאַרהערט איר זיי אַ פּאָר טעג און פאַרטיקט זיי אָפּ, יאָ אָדער ניין; און איך זיץ שוין דאָ אַ צאָל טעג און דער רבי שמועסט מיט מיר טאָג איין טאָג אויס, אָבער רבי, זייער סמיכה איז דאָך אויף רבנות, עס איז דאָך אַ גרויסע נפקא מינא, אויב אַזאַ יונגערמאַן איז נישט געניט גענוג באַהאַוונט און נישט גענוג געלערנט, קאָן ער דאָך נאָך אַמאָל אָנקאָרמענען ייִדן מיט טרפות... ער קאָן גערעכט מאַכן אַן אומגערעכטן און פאַרמשפּטן אַ גערעכטן, און מיין ספר איז דאָך נישט וועגן פּסקענען שאלות אָדער דין תורות, פאַרוואָסזשע ציט דער רבי אַזוי לאַנג? האָט ר׳ אבעלע געענטפערט מיט אַ שטילן שמייכל: „נאַרעלע, מיט זיי איז עס איינס, צוויי, דריי, אָנגעהויבן און פאַרענדיקט, דאָס איז אַ טאָג טעגלעכע זאַך, אָבער דו ביסט אַ יקר המציאות, וויל איך טאַקע שמועסן מיט דיר וואָס מערער"...

לויט סלאָנימסקי איז משער, האָט שוין אין ר׳ אבעלען געגליט אַ פונק... לכל הפּחות איז ער געווען אַ בעל חשבון. אויך דאָס איז געבליבן

פונעם גאון. עס איז באַקאַנט זיין נוסח פון מתיר מאַכן דעם שטודיום פון געוויסע וויסנשאַפטן. די שטעלן אין „מורה נבוכים" און מאמרים פון תלמוד וואָס רעדן וועגן דער נוצלעכקייט פון וויסנשאַפטן פאַר קעכנעס און פרעגלעריננס. אמת, די זעלבע מאמרים זענען דאָך געווען אומעטום, אָבער אַז מען וויל, געפינט מען אויס אַ הכשר. נישט יעדערער איז ראוי דערצו: עס מוז ביישטיין דער אויטאָריטעט פון באַרימטע פערזענלעכקייטן. עס איז נישט געווען דער היינטיקער „תהו ובהו", דאָס אַרומשליאַנדערן און אַוועק אין דער פרעמד, יעדערער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין געבורטסאָרט און טאַטנס הויז. ווען סלאָנימסקי איז געקומען קיין ווילנע, האָט מען נאָכן ערשטן שלום עליכם געפרעגט: „פון וואַנען איז אַ ייד?", מען האָט געברויכט צו וויסן, פון וואַנען אַ מענטש קומט.... דער רב האָט נאָר געקאָנט יאָ אָדער נישט געבן קיין הסכמה, אָבער דער ראש הקהל האָט שוין געקאָנט, שפּעטער אַביסל, אָפּגעבן אין די זעלנער. עס איז געווען ווי זאָגט מען עס: געכאַפּט קלעפּ, אָבער — געווען אָרדענונג. דאָס איז געווען דער לעצטער דור פון הערשערישע רבנים און ראשי-הקהל.

ליטע איז אפשר געווען די איינציקע מדינה, וווּ די דאָזיקע הערשאַפט האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל מאַכט, דערפאַר פלעגט מען דאָרט ניט אַזוי אָפט לייגן אין חרם. אין אונגאַרן און אין דייטשלאַנד איז שוין נאָר קיין מאַכט נישט געווען, פלעגט מען האָגלען מיט קללות און חרמות.

דער מדרש דערציילט אַז: „מען האָט געפרעגט דעם טייך פרת, פאַרוואָס רוישן נישט זיינע וואַסערן, האָט ער געענטפערט: איך דאַרף עס נישט, מיינע אויפטועון רעדן פאַר מיר. אַ מענטש פאַרפלאַנצט נעבן מיר אַ ביימל, גייט עס אויף אין דרייסיק טעג, גרינצייג קומט אויף אין דריי טעג"... די צייט פון פראַמעסטן איז געקומען שפּעטער, ווען עס האָט זיך פאַרגרעסערט די מאַכטלאָזיקייט, דאַן האָט מען נאָך געדאַרפט הסכמות, אַנדערש וואָלט דער דרוקער נישט אָנגענומען. און עס איז געווען אַ מזל זאַך, אויב עס האָט זיך געפונען אַ רבנישער גדול, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע נייגונג צו חשבונות, צו תקופות, צו גימטריאות.

צו אָט די קענגשטאַנדן האָבן געהאַט אַ נטיה די שאַרפע מוחות, די

פינקטלעכע און די וואָס האָבן ליב אריינצודרינגען אין די האַרבסטע פּראַגן. איך בין זיכער, אַז אין ליסער ישיבה האָט מען אפילו נישט געפּרוווט גרינטלעך לערנען און פאַרשטיין די דינים פון קידוש החודש. אָבער דערפאַר האַלט איך, אַז אין דער ערשטער תקופה פון דער וואָלאָזשינער ישיבה זענען שוין געווען אייניקע באַהאַרצטע לערנער וואָס האָבן געפּרוווט איינצונעמען אָט דעם גרויסן באַרג. עס איז נישט צו שאַנד פון איינע און לויב פאַר די צווייטע, עס איז דאָ נישטאָ קיין לויב אָדער טאַדל, נאָר אַ באַגריף וועגן דער פאַרשידנהייט פון טעמפּעראַמענט, פעאיקייטן און נייגונגען.

ווען מען זאָגט, אַז אין גאונס שיטה איז שוין געווען אַ פונק פון השכלה, איז עס אַ וועזנטלעכער אמת. די סיבה איז אפשר אַ פשוטע. אין לעבן ווי אין לערנען איז דאָ אַ נייגונג צו אַסקעטיזם, אַ נייגונג זיך צו פּייניקן און ליידן, און עס איז אויך פאַראַן אַ קעגנגעזעצטע נייגונג. דער גאון איז געווען אַן אַסקעט אין לעבן, און אויך אַן אַסקעט אין לערנען. בכדי צו פאַרשטיין די דינים פון ברכות און געלט ענינים, דאַרף אַ מענטש לערנען טאָג ווי נאַכט, זיין אַ מתמיד, און האָט ער געוווּנט געלערנט, דאַרף ער איינצוחזרן, דאָס איז אַזוי. אָבער בכדי צו פאַרשטיין די אויסמעסטונגען אין גמרא עירובין און משניות כלאים און די באַטראַכטונגען אין גמרא ראש השנה און דינים פון קידוש החודש לויטן רמב"ם, דאַרף דער לערנער זייער שווער מאַטערן זיין מוח. נדרים מיטן ר"ן איז אויך אַ פיינער למוד, אפילו דער ש"ך אין סימן ע"ה, די דינים פון דעם וואָס קומט מיט אַ טענה און דעם, קעגן ווען מען קומט מיט אַ טענה, איז אויך נישט פאַר גראָבע יונגען. אָבער עס איז דאָך נישט מער ווי דיאַלעקטישע גימנאַסטיק; טאַקע העכערע, אָבער דאָך רעלאַטיוו צוגענגלעכע ענינים, אויב מען זאָל עס פאַרגלייכן מיט אַ פאַרפלאָנטערטער אויסרעכענונג. דער חילוק איז ניכר נאָך אין איין קעגנשטאַנד, נישט אַזאַ וויסנשאַפטלעכער, אָבער אויך נישט אַזוי מינדערוויכטיק. פונקט ווי דער ראַציאָנאַליסטישער לערנען פון תלמוד ציט צו זיינע שווערע און וויסנשאַפטלעכע שמעלן, אַזוי ציט דער ראַציאָנאַלער למוד פון תנ"ך — צו דקדוק. אין פוילן, למשל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויסע אָפּגעלאָזנ-

קייט, וואָס קומט פון פאָלקייט, אַ מין צעקראָכנקייט פון דער קולטורע־לער ענערגיע, וואָס קומט צייטנווייז פון גדלות און „וואָס איז דער חי־לוק״, און ס׳רוב סתם פון באַקוועמלעכקייט. עס איז פיל לייכטער אַרויס־צורעדן אַ וואָרט, ווען מען פאַרבייט די „אַלעפן״ מיט „עינס״, ווען מען פאַרפּלאָנטערט די וואָקאַלן, ווי ווען מען וויל אַרויסרעדן די תפילות שטרענג לויטן דקדוק. דאָס איז אַ למוד וואָס פאָדערט היפּש מי, ביז אַ מענטש שאַפט זיך אים איין, און נאָכהער איז נויטיק געדולד און אויס־דויער אָפּצוהיטן אָט די אַלע פעסטגעשטעלטע געזעצן. דאָס אַלץ קומט נישט פון געפיל, נאָר פון פאַרשטאַנד, איך אונטערשטרייך עס, ווייל אויף אַזאַ וועג וועלן מיר באַגרייפן דעם טיפן פאַרבאָרגענעם טעם פון פּויליש־יידישן פאָלקס־ווערטל, אַז אַ ליטוואַק איז אַן אַפּיקורס. אָט אין דעם פאָלקס־ווערטל, וואָס זיין טענדענציעזקייט שיינט אונדז צו זיין אַזוי מיאוס, איז פאַראַן אַ שאַרפער פּסיכאָלאָגישער באַנעם. די טיפע איינ־געוואָרצלטקייט פון אָט דער מיינונג זאָגט עדות, אַז זי שטאַמט נישט פון נעכטן. מיר שיינט, אַז זי איז פון פאַר דער ווילנער השכלה און איז באַ־גרינדעט אויפן דיפערענץ און די וועגן פון למוד און אופנים פון אויפ־נעמען און דעם טיפן געפיל, וואָס די תמימים דאָ האָבן געפילט, אַז דאָרט, אין בית המדרש, גראַבלט און גרונטעוועט אַ שכלדיקער כוח, וואָס מען טאָר זיך אויף אים נישט פאַרלאָזן, ווייל מען ווייסט נישט, וווהין ער וועט פאַרפירן.

דער ליטוואַק איז אַן אַלצווייסער, פּלוצלינג קאָן ער דיר דקדוק, און דער דקדוק קוקט אויס ווי אַ מין כשוף פאַר דעם וואָס האָט נישט גע־לערנט זיינע כללים און אַ פּשיטא שוין אסטראָנאָמיע. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נאָר אַ רעלאַטיווער באַגריף. אין פּוילן, וואָלין, פּאָדאָליע האָט מען אָנגעהויבן חושד צו זיין ליטע. און אין ליטע גופא האָט די אינערלע־כע מלחמה אַרויסגעשפּאַרט פון אַ סך זייטן.

א) אין בית המדרש האָט אָנגעהויבן צו עגבערן דער אינטערעס צו פאַרשטיין די וויסנשאַפטלעכע שטעלן פון תלמוד. די שאַרפע קעפּ פלעגן זיך ווייזן, נישט ווי אין ליסא, עפּעס אַן אויפטו פון מהרש״א, נאָר דווקא אַ שווערע שטעלע אין גמרא עירובין, אָדער אַן אויסרעכענונג; דאָס איז

געוועזן נאָך פאַר סלאָנימסקיס צייטן און אין דער סביבה איז ער דער־צויגן געוואָרן.

ב) וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף העברעאיש זענען שוין געוועזן פון לאַנג, און אייניקע וויל־לערנער פלעגן אין זיי אַריינקוקן, אָבער זיי זענען געוועזן פאַרעלטערט און מען האָט געדאַרפט שאַפן נייע ווערק.

ג) לערנען און לייענען וועלטלעכע ביכער איז טאַקע בכלל געוועזן פאַרבאָטן, אָבער נאָכדעם ווי אַ מענטש האָט זיך אָנגעפילט ווי אַ פּויק מיט ש"ס, און אויב מען האָט נאָך געניי געוווּסט, ווער און וואָס ער איז, האָט מען אים נישט פאַרבאָטן מעיין זיין אויך אין אַזעלכע ביכער, בעיקר האָבן די גרעסערע גאונים עס נישט געאַסרט.

צו די דאָזיקע אינערלעכע מאָטיוון זענען נאָך צוגעקומען אַ רייע אויסערלעכע פאַקטאָרן. דער אַלטער מאַטעריעלער און גייסטיקער שטייגער האָט זיך אָנגעהויבן צעפאַלן. פון דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן בלאָזן השכלה ווינטן, צו די פאַרביטערטע קרומע רוקנס, וואָס זענען געזעסן דערשלאָגענע אין זייערע פאַרשמוציקטע געסלעך און פינסטערע ליכלעך, האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען זויבערערע מענטשן, אָפּטמאָל אפילו געגאָלטע, און דאָך יידן, מיט שיינע ווערטער אויף די ליפּן און קלינגענדיקע מטבעות אין קעשענע. אפילו אַ נייע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן צו קומען פון דאָרטן. אויך דאָ האָט די רעגירונג אָנגעהויבן מאַכן פּראָיעקטן וועגן רעפאָרמעס, די פאָרזעצונג פון „אוסטאַוו" פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן אין יאָר 1804. שטיל און פּאַמעלעך איז דער מאָדערנער צייט־גייסט אַריינגעדרונגען אין די קלויזן פון ליטע אַ סך טיפער ווי אין אַנדערע געגנטן. דאָרטן, אונטן, אין וואָלין און פּאָדאָליע איז אויפגעשטאַנען דאָס חסידות, מיט אירע נגונים און דבקות, אַ לייכטע, אַ זינגענדיקע, אַ פאַרטרוימטע, אין ליטע האָט זי קיין פּלאַץ נישט געהאַט, דער גאון האָט געמאַכט דעם באַדן אומפעאיק לדורות אויפצוגעמען אַט די פּלאַניץ. עס איז געבליבן אין זיין גאַנצער שטאַרקייט דער אָרטאָדאָקסישער שטייגער, און אין אים אַ מינימום פון שכלדיקן כוח, וואָס קלאַמערט זיך אין וויסנשאַפט, זוכט אַן אָרט ווי צו דערהאַלטן עס צווישן

די פעלזן־שפּאַלטן פון תּלמוד, אין פּראַקטישע שאלות, וואָס האָבן עפּעס אַ שייכות צו וויסנשאַפט, ווי למשל, אין אויסרעכענען די עבורים.

נעם זיך אין זינען, פּריינט לייענער, די עלעמענטן פון דער סביבה: אַ שטאַרקע אָרטאָדאָקסיע, אָבער אַ ליטווישע, אַ שכלדיקע. און דער אַל־געמיינער יידישער לאַגע, טראַכטענישן וועגן רעפאָרמעס און אָן אָנפאַנג פון פאַרלייכטערונגען, בעיקר פאַר די וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין וויסנשאַפט אָדער פּאָזיטיווע פאַכן; ווייניק גאונים, אָבער אייניקע בע־סערע, וואָס האָבן אַ שטיקל נייגונג צו וויסנשאַפט. די השכלה הויבט אָן אַרויסשפּראָצן אין געוויסע ערטער, ביי געוויסע משפּחות. פּאָדריאַד־טשיקעס זוכן געהילפן, בוכהאַלטערס, עס הייבט זיך אָן פאָרמירן אַ שטיקל אינטעליגענץ, האַלב אָן אַפּיקורסישע, האַלב אַ „קאַזיאָנע". דאָ און דאָרט קומט אויף אַ מאַנדעלשטאַם, אַ זייבערלינג, אַ ראָזענטאַל. אין ווילנע איז דער צענטער אַרום דעם הויז פון די קליאַטשקאָס, דער „בחור יהודה ליב" איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. ר׳ לייזער יאַשינאָווקער, אַ שאַרפזיניקער סאַטירישער אפּיקורס, איז מקרב די ערשטע משכּילים. מען דערציילט נסים פון ר׳ אברהם יעקב שטערן פון וואַרשע, אַ מאַטע־מאַטיקער און אַ מקורב למלכות. דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין פאָרט אין זיין קאָטש און דערזעט אים פון דערווייטן, הייסט ער דעם קוטשער אָפּשטעלן, גיט אַ ווונק צו שטערן און שטערן גייט צו, הייסט ער אים זינגען „מה יפית", שטערן וויל נישט און ענטפערט אים אָפּ אויף פראַנ־צויזיש, דאַן דערמאָנט זיך קאָנסטאַנטין: „יאָ, יאָ, דער איז גאָר פון דער אַקאַדעמיע"... פון דייטשלאַנד ציט די מענדעלסאָנישע השכלה מיט איר גאַנצן צויבער־גלאַנץ. די תּקופה פון די מאספים איז שוין כמעט אָפּגע־שלאָסן, געוועזן אַבאָנענטן אויף זיי אין ליטע; מסתּמא איז דאָ אויך איי־נער אין ביאַליסטאָק. לויט איך געדענק פונעם „אַלטנס" דערציילונגען, פלעגט אים געבן ביכער דער פאַרשטאָרבענער י. מ. זאַבלודאָווסקי, אַ שפּראַכן־קענער און אַן אַפּטייקער וואָס פלעגט שרייבן אין „המגיד" תּל־מודיש־פילאָלאָגישע באַמערקונגען.

איינמאָל האָט אים לייזער זאַבלודאָווסקי געליען אַ דייטשישן בוך אי־בער מאַטעמאַטיק, פאַרשטענדלעך אַז דער אידעאַל איז געווען—דייטשלאַנד.

און פון גאליציע האט זיך געלאזט הערן דער אפקלאנג פון חכמת ישראל. ר' נחמן קראכמאל, ר' הירש חיות, ר' ש. ל. ראפאפארט, שמשון בלאך. קרייזלעך פון השכלה באוויזן זיך אין לאנד און אין אויסלאנד. פון איטאליע קומען גריסן וועגן יידישן רענעסאנס. ראמאנטיק פון שד"ל און אנדערע דיכטער פון „טריעסט", און די אפיקורסות פון א ייש"ר, וואס פלעגט שרייבן מיטן סטיל פון „אברהם אבינו", לויטן ווערטל פון די סאטיריקער. א קליינער השכלה צענטער איז געווען אין בראד, אדעס איז נאך געווען וויניקער ווי גארניט. א פונק האט געטליעט אין זאמאשטש.

ביאליסטאק גופא איז נישט געווען קיין שטאט פון בטלנים, אדרבא, זי איז געווען א הויפטשטאט פון א וואיעוואדסטווע. נאכהער האבן זיך די זאכן געענדערט, עס האט אנגעהויבן אויפקומען אן אינדוסטריע, עס קומען סוחרים, דייטשן, מען קאן באקומען א בוך צום לייענען, מען דערציילט אפילו פון נייע דערפינדונגען, די דאמפ־מאשין, די אייזנבאן אין ענגלאנד.

און דער מוח פון יונגנמאן ווערט אלץ שארפער, און ער וויל אלץ פארשטיין, פונקט ווי ער וויל ריכטיק באגרייפן די משניות פון מסכת כלאים, און ער זוכט און נישטערט, א לעק פון איין בוך, א שמעק פון א צווייטן. אין בית המדרש זאגט מען אויף אים, אז ער איז א בעל־חשבון. איינער פון זיינע קעגנער איז אים מקנא, דער קעגנער אליין איז שוין קלאר אין אבן עזרא און איז א גרויסער בעל־דקדוק, און חיים זעליג איז נישט קלאר אין אבן־עזרא און איז אפילו נישט קיין קליינער בעל דקדוק, איז, וואס זשע פרעגט איר אים? וואס האלט איר זיך מיט אים אן עצה? וואס פאר א ר' שמעלקע איז ער? פון וואנען זאל ער קאנען חשבון? און זיין אנהענגער ר' גרשם זאגט: א קשיא אויף א מעשה? א קאפ, האט ער א גוטן, חשבונען קאן ער, זאג דיר וואס דו ווילסט, ער דערקלערט גוט א בלאט גמרא אין עירובין. ווי א נבואה וואלט געפאלן פון ר' גרשנס מויל. גוט דערקלערן — דאס איז דער עיקר פון סלאנימסקים טאלאנט. אזוי איז זיך אין זיין ווינקל געוואקסן סלאנימסקי, אין בית מדרש פון ר' מאיר נעכעס, אין אט דער סביבה, אונטער אט די ווייטע און נאענטע השפעות.

III

סלאָנימסקי איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער פון דער גמרא אַרויס. אין זיין אַנטוויקלונג און שכלדיקן צוגאַנג אין חשבון האָט זיך אויף שריט און טריט געפילט די גמרא, פונקט ווי זי פילט זיך ביי יעדן איינעם פון אונדז, בית מדרשניקעס, אין אַ באַטראַכטונג וועגן פילאָלאָגיע צי סאָציאָלאָגיע, צי אפילו אין אַ פּאָעטישער פאַנטאַזיע. פּראָסטאַקעס פאַרשטייען עס נישט. אונדזערע „קאַראַאימער", וואָס ווייסן נישט מה דקאמרי רבנן, שטייען דאָ פאַר זאַכן, וואָס זיי קאָנען גאָרנישט באַנעמען און אוודאי נישט באַגרייפן זייער גאַנצע טיפקייט. זיי פעלט אַ גאַנצע וועלט פון געדאַנקען, בילדער און סימבאָלן. אָדער זיי מיינען, אַז גמרא איז עפּעס אַ געקינצלטער ענין, אַן אַרכעאָלאָגיע פאַר די מענטשן פון אַלטן דור, זייער מיינונג איז ווי די פון דייטשישע טעאָלאָגן, וואָס באַטראַכטן דעם תלמוד ווי אַ מיני חורבות פון פּאָמפּיי.

באמת איז תלמודישקייט אַ לעבנס גייסט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער און איז אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון הארצן, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן בלוט און מיטן מוח, האָט זיך איינגעוועבט אין אונדזער גאַנצן וועלט באַנעם, סיי אין דעם פון דער פּאָזיטיווער וועלט, סיי אין דער וועלט פון געדאַנק. און אויב אַ מענטש וועט זיך מיט גראָבער פּשטות פאַרשטעלן דעם ענין אַזוי: פאַראַן אַזוי פיל און אַזוי פיל ביכער וואָס מען רופט זיי גמרות, און די מלמדים לערנען פון זיי אַרויס פאַרשידענע זאַכן צו זייערע תלמידים, אָדער די בית־מדרש בחורים לערנען עס פאַר זיך, צי הערן אַ שיעור, און נאָכהער, ווען זיי גייען אַרויס אויף דער גרויסער וועלט, און ווערן לייט, און דערווייטערן זיך פון זייער ערשטן מקור, פאַרגעסן זיי נישט, וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער יוגנט, און אויב אַזאַ איינער ווערט אַן אַדוואָקאַט, מערקט זיך אין זיינע רעדעס פאַרן געריכט די שאַרפע שכלדיקייט פון אַ ש"ך. און אויב ער ווערט אַ שרייבער אָדער אַ דיכטער, רופט ביי אים אַרויס דער גראָבער פינגער, וואָס שניידט די תלמודישע לופט, אונטערבאַוווסטזיניקע רעפלעקסן, און אויב אפילו ער

ווערט אַן אינזשעניער, דערמאָנט ער זיך אַלץ אָן די תלמודישע ווער־טער. אויב אַ מענטש שטעלט זיך פאַר די תלמודישע השפּעה אַזוי, און נאָר אַזוי, איז זיין פילאָזאָפיע אַ גארבערישע, טאָקע אַ געזונטע, נאָר טויגן קאָן עס נאָר ביי גאַרבעריי, און נישט ביי די דינסטע גייסטיקע עגינים פון ליטעראַטור און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

יעדער דענקנדער מענטש באַגרייפט, אַז עס איז נישטאָ קיין סיבה און קיין קאָנסעקווענץ, וואָס עס זאָל גאָרניט זיין פ אַ ר דער סיבה און גאָרנישט נ אָ ך דער קאָנסעקווענץ און אויך די ביכער, וואָס מען רופט גמרות, זענען נישט קיין אורשפּרינגלעכע סיבה, ווי אַ צעטעלע פון הימל, נאָר זיי זענען אַ קאָנסעקווענץ פון אַ סך סיבות, וואָס האָבן זיי געבראַכט אויף דער וועלט. אָט די ביכער זענען די פאַרקערפּערונג פונעם געדאַנ־קען־גאַנג פון אַן אָנגעזעענעם שיכט פון פאָלק, פון דעם לומדים שיכט. אָט דער כוח האָט געגראָבן שטיל, נאָר טיף, אין די פאַרבאָרגנסטע ווינ־קעלעך פון חדרים און קלויזן, און ער איז ענג פאַרבונדן מיט דער אמונה ווי מיטן גלות, מיט דער טראַדיציע ווי אויך מיט דעם, וואָס מיר האָבן פון אַנדערע געלערנט. נישט געווען אויף דער יידנגאַס קיין וויכטי־קערער אָרט פון דער קלויז. ביי אַנדערע פעלקער איז נישט געווען דער מוח און דאָס האַרץ קאָנצענטרירט אין זייער קירכע. זיי זענען אויך גע־זעסן אין שענק, אויך דאָרט געזונגען לידער, אָדער גאָר אַרויסגעגאַנגען אין פעלד און דאָרט געזונגען, און דערפאַר האָבן די געפילן פון פאָלק, זיין אינערלעך יווירען, זיין פרייד און טרויער, געפונען אויסדרוק אויף אַ סך וועגן אויסער זייער „קלויז". דערפאַר דאַרף מען זאַמלען זייערע געזאַנגען, זייערע לעגענדעס און ווערטלעך, בכדי דורך דעם אַלעמען צו פאַרשטיין דעם מהות, דעם כאַראַקטער און די אָרטיקייט פונעם רוב פון אַ פאָלק. אָבער ביי אונדז! נעמט אדרבא די לידער און לעגענדעס וואָס שטאַמען נישט פון קלויז! מיר ווילן נישט זאָגן, אַז זיי האָבן גאָר קיין ווערט נישט. געוויס איז אין זיי דאָ אַ פונק פון גייסטיקייט, און מיר. ביי אונדזער אָרימקייט, האַלטן טייער אָט די קערנדלעך, אָבער נאָך אַלע פּראָסטאָקישע לידלעך, וויג-לידער און לעגענדעס פון ליידיקגייער, — ווייל קיין פעלד-לידער זענען נישטאָ און אין קראָם האָט מען נישט גע־

הצפירה

HAZEFIRAH.

מכתב עתי משמיע חדשות

חיים זעליג סלאנימסקי

№ 1.

דער ערשטער נומער פון „הצפירה" וואָס איז דערשינען אין ווארשע
אונטער ח. ז. סלאָנימסקים רעדאַקציע דעם 28טן דעצעמבער 1877.

האט קיין צייט צו זינגען — ווו איז דער צענטער, וואס נעמט ארום אלע באגריפן פון שכל און פאנטאזיע? ווידעראמאל דארט ווו עס ווערט געפילנעוועט די תורה, די קלויז. עס טרעפט, אז דער תלמוד בלייבט איינגעבאקן אין הארצן פון מענטשן מיט ליטעראַרישע נייגונגען און אפילו טאלאנט, ווי אויך ביי מענטשן מיט טאלאנט צו וויסנשאפט. וועט אייך עמיצער זאגן, אז די מענטשן זענען פארשקלאפט צום תלמוד און דערפאר קאנען זיי נישט דענקען פריי, איז עס, מחילה, א גרויסע נאַרישקייט. זייער פערזענלעכע אינדיווידואַליטעט, מיט אלע אירע שטרעבונגען און שטרעמונגען, קאן בלייבן פריי און גרעניצן און אן קייטן, פונקט ווי ביי איינעם וואס ווערט באווירקט פון דער קלאסישער וועלט, למשל, און דאך איז זיין באאבאכטונגס־קראפט קלאר און געלייטערט, זיין אייגענע מיינונג לויטער און זיין נאטירלעכער ווילן פעסט און שטארק. אין דעם אלעמען איז נישטא קיין שום דרוק און צוואנג, עס בלייבט פריי די שטרעבונג צו א קרעפטיקן נייעם לעבן, און אין דער שטרעבונג איז פאראן נאך מער שטארקייט, ווייל זי האט אויך רעוואלט און אויפברויז, און עס בלייבט דערצו א זאך, וואס מען טאר נישט מינדערשעצן — דער ריח תורה.

אן תלמוד און זיינע אויסרעכענונגען וועגן עבור־יארן, אן דער שאלה פון „היטן שבת פאר איינעם וואס פארט איבערן גרויסן אקעאן", וואלט סלאנימסקי אנגעווירן דעם עיקר פון זיין באדייטונג. אן זיין קענטעניש פון תלמודישן סטיל וואלט סלאנימסקי אנגעווירן די גרויסע מעלה פון אייגנארט און זיין אייגענעם סטיל, די פעאיקייט צו מאכן זיך אזוי פארשטענדלעך פאר די בית המדרשניקעס. אן תלמוד און דערצויגן סיסטעמאטיש אין א רעגולערן לערנאנשטאלט, וואלט ער געווען נאר א „געענדיקטער", ער וואלט אפשר געמאכט קאריערע, און וואלט געווען נאך א דערפינדער צווישן א סך, אבער קיין סלאנימסקי וואלט ער נישט געווארן. דאס איז געווען א ריכטיקער בית־מדרשניק, וואס אין אים האט געלעבט די טראדיציע פון אור־אלטע רעכענונגס מייסטער, דאס איז געווען נישט נאר זיין גייסטיקער גרונד־קאפיטאל, נאר אויך זיין עיקרדיקע נייגונג אין דער אנטוויקלונג פון זיין טאלאנט און זיין וויסנשאפט־

לעכער אויסבילדונג. אַזאַ פאַל וואָלט נישט מעגלעך געווען, ווען די מאַ־טעמאַטישע וויסנשאַפט וואָלט נישט געהאַט איר טראַדיציע צווישן יידן. אָבער אַזאַ טראַדיציע איז געווען, און סלאָנימסקי האָט אין איר גע־לעבט. די יידישע לעגענדע האָט אירע העלדן באַצירט מיטן טיטל מאַ־טעמאַטיקער, אָנהויבנדיק מיט אברהם אבינו, וועלכן זי האַלט פאַר אַ שטערנזעער (נישט נאָר לויטן תלמוד, נאָר אויך לויט יאָזעפוס פלאַוויוס), ביז די בני יששכר וואָס זיי „האָבן פאַרשטענדעניש פאַר דער צייט־רעכענונג" און ביז שלמה המלך און די תלמודיסטן. ביי די לעצטע איז עס שוין מער נישט קיין לעגענדע, פאַראַן ביישפּילן פון הויכער אַנטוויק־לונג אין מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע. שמואל ירחינאה איז געווען קלאָר אין די שטעגן פון הימל, ווי אין די שטעגן פון זיין וווינאָרט נהרדעא, די וכוחים צווישן יידישע און נישט־יידישע וויסנשאַפטלער, די דינים וועגן קידוש החודש און, צום לעצט, דאָס וואָרט, אַז „אונדזער פאַר־שטענדעניש און חכמה אין די אויגן פון די פעלקער זענען די צייט־אָפשניטן און גימטריאות". דאָס אַלעס האָט געגעבן דעם קענגשטאַנד אַ הויכע ליטעראַרישע באַדייטונג.

אין מיטלאַלטער ציט זיך אַ קייט פון יידישע פאָרשער, מאַטעמאַ־טיקער און אַסטראָנאָמען. איך וויל נישט אָנהויבן צופיל נעמען, אָבער עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען די אַראַבישע תקופה, ר' אברהם בר חייא, ר' שבתי דאָנאָלאָ, ר' יצחק אבן־שיד, וואָס האָט פאַרפאַסט באַ־רימטע מאַטעמאַטישע טאַבעלן. ר' יצחק ישראלי, דער רמב"ם, אברהם אבן־עזרא, דער רלב"ג, ר' אברהם זאקוטא, און אין די לעצטע דורות ר' דוד גאנז, דער ווילנער גאון, ר' דוד האַכאַווי, ר' יוסף פּיוואַני, ר' זרח איידליץ, א"א. דאָס זענען אַלץ געווען די לערער און וועגווייזער פון סלאָנימסקי. דאָס איז געווען זיין יוגנט־לימוד, וואָס ער האָט גע־דענקט זיין גאַנץ לעבן. די מערסטע פון זיינע מיינונגען זענען איינגע־פאַסט אין דער דאָזיקער טראַדיציע. עס איז גאָר אַלצאיינס, צי האָט ער געוואָלט גלויבן, אַז טאַקע שמואל ירחינאה איז געווען קלאָר אין די שטעגן פון די הימלען, צי נישט. ער האָט זיך פון דעם אַלעמען נישט געקאָנט באַפרייען, פונקט ווי ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז רעדנ־

דיק וועגן קאמעטן מוז מען דערמאנען, אז אין שמואלס צייטן האט מען נאך נישט געוווסט זייער ארביט, אבער איצט ווייסט מען עס שוין יא.

דא האט גערעדט נישט נאר דער קלוגער, פראקטישער פאפולאריזאטאר, ווי זאגט מען עס, דער קרעמער מיט פראקטישן צוגאנג, וואס ווייסט, פאר וועמען ער שרייבט און ווער עס וועט זיין א בעלן אויף זיין סחורה, נאר דא האט גערעדט א מענטש, וואס דאס אלעס איז געווען זיין אינערלעכע וועלט, וואס האט געדארפט ברענגען דעם הכשר, נישט נאר פאר אנדערע, נאר אויך פאר זיך זעלבסט, וואס האט לייענענדיק א וויסנשאפטלעך ווערק נישט געקאנט פארגעסן דעם תלמוד און זיין טראדיציע. עס ווילט זיך מאלן סלאנימסקין נישט ווי ער איז געווען, ווען ער האט פארלאזט דעם בית מדרש, נאר ווי ער וואלט געווען, ווען ער וואלט דארט פארבליבן און וואלט געווארן א רב, מיט זיין שארפן שכל, מיט זיין נייגונג צו פארשן וויסנשאפטלעך דעם תלמוד.

אבער די טראדיציע איז שטארקער פון אט די מענטשן, זי שטויסט זיי דווקא אין דרויסן, און נאר דארט קאנען זיי ווייטער ווירקן און ווערן באווירקט פון איר, און זיי אפערירן מיט די טראדיציאנעלע מיטלען, נישט נאר ווייל זיי זענען קלוג אויף צו באזיגן זי מיט איר אייגן געווער, נאר ווייל זיי זענען אויף איר דערצויגן געווארן און זיי מיינען צו פארשטיין זי בעסער ווי יעדער אנדערער.

די אינערלעכע וועלט פון סלאנימסקין וואלט אריינגעפאלן אין כאאס, טראץ אלע זיינע אויפטוען און גרויסער באדייטונג, ווען מען נעמט ביי אים צו דעם „רב", ווען ער ווערט דערווייטערט פון דער וועלט פון תלמוד.

IV

די וואס באגרייפן באמת דעם מהות פון סלאנימסקין, באנעמען אלע זיינע שטארקע און שוואכע זייטן, וועלן אים נישט אנטאן קיין קרוין וואס פאסט אים נישט און וועלן אויף אים קיין פאראיבל נישט האבן פאר די פעלערן, וואס זיי געפינען אין אים, ארויסגייענדיק פון זייער שטאנדפונקט. געוועזן א סך אזעלכע חסרונות-זוכער, וואס האבן געלייקנט זיין וויסנשאפטלעכע קאמפעטענץ, בעיקר זיין טיפקייט און געגוונגדע

צוגרייטונג. זיי האָבן אים געמאָסטן מיט דער געווענלעכער אָנגענומענער אַלגעמיינער מאָס, וועלכע פּאַסט זיך כּלל נישט פֿאַר אַזאַ פּערזאָן ווי סלאָנימסקי, וועלכער איז געווען אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג. פֿון נאַטור איז ער גאָר נישט געווען ענלעך אויף די גרינגלעכע און גריבלענדיקע וויסנשאַפֿטלער, וואָס זוכן צו דערגרונטעווען ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן און קאָנען זייער קענגשטאַנד מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַזאַ וויסנשאַפֿטלער-גריבלער קאָן אַריינפּרעסן זיין גאַנצע פֿלייסיקייט אין איין ספּעציאַליטעט, אַפֿילו נאָר אין איין ווינקל פֿון דער ספּעציאַליטעט, און ער איז באַגרעניצט און פֿאַרשפּאַרט פֿון אַלע זייטן, נאָר זיין וויסנשאַפֿט-צווייג ווייסט ער אַזוי טיף, וואָס טיפֿער קאָן שוין נישט זיין, אָבער דאָס איז דער גאַנצער פֿאַרמעגן פֿון זיינע גייסטיקע אוצרות; ער איז זוכה צו זיין אַ טיף-טיפֿער ספּעציאַליסט. אַזאַ מענטש באַדאַרף זיין אַ געדולדיקער, אַ קאַלטבלוטיקער, אַ געלאַסענער, אָן אויפֿברויזן, אָן בליצן, אַ פֿאַרבילד פֿון אַ פּינקטלעכן, אַ געשיקטן פּראָפֿעסאָר, וואָס גראָבט און פֿאַרטיפֿט זיין אַרבעטס פֿעלד. אָט דער טיפּ איז קלאַסיש ביי די דייטשן, וואָס געלערנטע זענען ביי זיי אַ באַזונדער שיכט, האָבן פּערמאַנענטע לערן-שטעלן און אַ טראַדיציע.

די וואָס ווילן אָנקליידן סלאָנימסקין אין דער טאָגאַ פֿון אַזאַ גרינטלעכן גריבלער-פּעדאַנט, הויבן נישט אָן צו קענען זיין כאַראַקטער. איך האָב שוין פֿון לכתחילה געזאָגט, די וויסנשאַפֿטלעכע אָפּשאַצונג פֿון געלערזאַמקייט זאָלן מאַכן די ספּעציאַליסטן, דאָ קומט נאָר די פּסיכאָלאָגישע אָפּשאַצונג. אָבער איין זאַך מוז דאָך געזאָגט ווערן, ווייל עס איז נישט נאָר אַ וויסנשאַפֿטלעכער נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישער אמת. אין בית מדרש פֿלעגט מען זאָגן סלאָנימסקי דער מאַטעמאַטיקער, סלאָנימסקי דער אַסטראָנאָם, סלאָנימסקי דער מעכאַניקער, סלאָנימסקי — דער יידישער הומבאָלדט. די דאָזיקע אויסדריקן האָבן אָנגערעגט, מען זאָל זיך זוכן אין דעם צו איבערצייגן. דער יידישער הומבאָלדט! איז טאַקע סלאָנימסקי גלייך צום גרויסן הומבאָלדט, וואָס האָט פּערזאָניפֿיצירט די גאַנצע אַנטוויקלונג פֿון נאַטור-וויסנשאַפֿט אין זיין צייט? אָבער די וואָס האָבן אַזאַ פֿראַגע געשטעלט, האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז אין דעם

דאָזיקן וואָרט איז נישטאָ קייןווירקלעכע אָפּשאַצונג, נאָר אַ באַציאונג פון ליבע און אַכטונג פון בית מדרש צו איינעם פון זיינע לייט, וואָס איז אַרויס אין דער גרויסער וועלט און אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ „שני למלך", אַ „הומבאָלדט" וכדומה.

די וואָס מיינען באמת, אַז סלאָנימסקי איז געווען אַן אַסטראָנאָם ווי באַסאַל, אַ מאַטעמאַטיקער ווי גאַטש, אַ דערפינדער ווי עדיסאָן, פאַרמי־נערן זיין פיגור ווילנדיק זי פאַרגרעסערן. די וואָס זאָגן, אַז סלאָנימסקי איז נישט געווען אויבערפלעכלעך, און ער האָט ניט געהאַט די צעשטרייט־קייט און צעוואָרפנקייט אויף פאַרשידענע געביטן און האָט זיך אַליין נישט צעבראָקלט אויף ברעקלעך, די זענען אין קעגנזאַץ צום אמת. פון צו פיל שבחים זענען אייניקע געקומען צו איבערגעטריבענער גרינגשעצונג, ווייל ווען עס זענען דאָ אַזעלכע אָפּשאַצונגען, איז דער ווייסנשאַפטלעכער קרי־טיקער באַרעכטיקט צו נאָכקוקן יעדע קלייניקייט און פאָדערן פונעם ספּעציאַליסט אַ פּינקטלעכקייט ביז צו דער האָר. אָבער אין דער אָפּשאַ־צונג איז נישט נאָר פאַראַן איבערגעטריבענע נאַאיוויטעט, ווייל אַ מענטש קאָן גאָרנישט זיין איינציייטיק אַן אַסטראָנאָם, און אַ רעליגיעזער פילאָ־זאָף, און אַ מאַטעמאַטיקער, אַ דערפינדער, און אין אַלץ זיין גלייך קאָמ־פּעטענט. דאָס איז נישט נאָר אוממעגלעך, דאָס איז באַזונדער אומבאַ־גרייפלעך אין געגעבענעם פאַל; ווייל סלאָנימסקי האָט נישט פאַרמאָגט די נויטיקע התמדה צו ספּעציאַליזירן זיך אין דעם אַלעמען, אַן התמדה אַן אויסגעהאַלטענע און אַן אויסשליסלעכע. ער איז געווען אי מער אי ווייני־ניקער פון דעם, זאָל זיך יעדער אויסקלייבן, וואָס ער וויל. ער איז נישט געווען קיין מתמיד נאָר אַן עלוי, נישט געווען קיין בקי נאָר אַ חריף, דאָס איז געווען זיין נאַטירלעכער גרונטשטריך. ער איז נישט געווען קיין גע־לערנטער, וואָס האָרעוועט ווי אַן אָקס, נאָר אַזאַ, וואָס איז פריי און פליט אַרום ווי אַ פריי פייגעלע. זיין כאַראַקטער איז גאָרנישט געווען פון אַ געלערנטן, נאָר פון אַ דערפינדער, וואָס באַנייט, רעגט אָן, פלאַטערט. טיפ־קייט און ספּעציאַליזירטקייט האָט ער כלל נישט פאַרמאָגט, ער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקן שאַפונגס־גייסט און לעבנס־קראַפט. ביזן סוף פון זיין לעבן האָט אין אים געברענט אַ שטאַרקער און נאַטירלעכער פאַר־

לאנג צו באהערשן די וויסנשאפט, צו דערפינדן, צו אויסצייכענען זיך, צו מחדש זיין. זיין פערזענלעכקייט מיט אלע אירע שטרעבונגען האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שטארקייט; אן אומאויפהערלעכע ענרגונג, א וואכזאמקייט אן א סוף, און צו דעם אלעמען אן אויסגעצייכנטער מוח.

מען איז געווינט צו זאגן, דער און דער האט געלערנט א סך זאכן, אבער פון יעדן קענטשטאנד ווייסט ער אביסל, און א צווייטער האט געלערנט נאר איין קענטשטאנד, אבער ער איז דערין קלאר, אויסגעצייכנט. דער סך-הכל איז דער זעלבער, אבער די גאנצע אפשאצונג איז פארעלטערט און איבערפלעכלעך. אויף סלאנימסקין קאן מען נישט זאגן, אז ער האט געלערנט איין זאך און אויף קלאר, אדרבא, די קענטשטאנדן, וואס ער האט געלערנט, זענען געווען פיל און פארשידן. עס וואלט זיך געקאנט דוכטן ווי ער וואלט זיך געוואלט ווייזן פאר די רבנים ווי א למדן, קלאר אין ש"ס און פוסקים, ביז קאנען פסקנען שאלות וועגן דינים פון חמץ און מצה, און גלייכצייטיק ווי אן אויטאריטעט צו דערפינדן א בלייטשטאף צו ווייסן טעפ. דאס האט געמוזט זיין אן איבערפלעכלעכער דילעטאנטיזם, א דינע הייטל פארשפרייט אויף א ברייט פעלד. איז, אלזא, אין דער פראגע, צי האט ער געוווסט פון „אלץ צו ביסלעך", אדער ער איז געווען א ספעציאליסט אין איין באשטימטער זאך, וועלן די, וואס האבן גוט געקאנט סלאנימסקין, נישט קענען צורעכענען אים נישט צו די ערשטע, נישט צו די צווייטע.

און נישט דאס איז דער עיקר, און נישט דאס איז די מאס. מען קאן זיין א ספעציאליסט, אבער אריינגעגראבן אין א געוויסער וויסנשאפטלעכער דיסציפלין אן גרויסע נוצן; מען קאן, פארקערט, וויסן פון אלץ צו ביסלעך, טאקע גאר צו ביסלעך, און דאך אריינטראגן אין יעדער איינער פון די זאכן אן אייגענעם בייטראג, א פונק פון א דערפינדונג, א מעטאד פון אויפקלערונג, זאל זיין נאר א באשטימטן שארפזין. ווען זשע איז עס געגרעדט געווארן? ווען א מענטש פארמאגט אין זיינע גייסטיקע אוצרות, חוץ וואס ער האט אויסגעלערנט פון ביכער, אויך עפעס זיינס, אייגנס, און ווען דאס ראד פון באנייאונג פון לעבן און אפפרישונג פון כוחות דרייט זיך אין אים אן אויפהער, אן מידקייט.

טויזנט מאָל האָט מיר סלאָנימסקי געזאָגט אין זיינע לוסטיקע און שאַרפזיניקע געשפּרעכן: געמאַכט אַ רושם אויף הומבאָלדטן, אָפּגעקויפט באַסאַלן (דאָס איז געווען אַ געפּראָרענער דיימשוק, פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך ווי אַ באַאַמטער), אַרומגעגאַנגען מיט יאַקאָבי. נו, זאָג אַליין, מיט וואָס האָב איך, אַ ייד פון ביאַליסטאָק, געקאָנט ביי זיי אויסנעמען? וואָס האָב איך זיי געקאָנט זאָגן אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן שוין פון פריער נישט געוווּסט? אָבער, ערשטנס האָב איך געמאַכט אַן איינדרוק, טאַקע ווי אַ ביאַליסטאָקער ייד, ס'הייסט ווי אַ קוריאָז, און צווייטנס האָב איך פאַר אָט די ספּעציאַליסטן געקאָנט פאָרברענגען עפּעס אַ שאַרפזיניקע באַמערקונג, אָדער אַ קליינע אייגנאַרטיקע פּראָבלעם פון מאַטעמאַטיק. דאָס איז געווען דער קלוגער תלמודיסט, וואָס בלאַנקט מיט פונקען פון איינפאַלן, וואָס קומט ווי אַ גאַסט פון אַן אַנדער וועלט און איבערראַשט אַלעמען. דאָס איז נישט געווען דער פלייסיקער גריבלער, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט פאַרשידענע געביטן, נאָר דאָס איז געווען דער שאַרפער עילוי מיט זיינע וווּנדערלעכע נאַטירלעכע פעאיקייטן.

ווען ר' נחמן קראָכמאַל זאָגט אויף אים, אַז ער איז נישט געבליבן אויף קיין אָרט, נאָר ער איז אַריינגעקומען אין היכל פון די אַלע חכמות אין אַלע זייערע אָפּטיילונגען, דאַרפן מיר פאַרשטיין ערשטנס, אַז ר' נחמן קראָכמאַל, אַ גאון אין זיין באַנעמען אונדזער פאָלקס-געשיכטע, אַ תלמיד פון העגעל און אַ פערפעקטער קענער פון די קענגשטאַנדן, וואָס ער האָט באַהערשט, האָט געזען חז"ם לויט דער מאָס פון זיין אייגענער שלמות, און צווייטנס, אַזוי איז דער יידישער סטיל פון הסכמות. די ריכטיקע אָפּשאַצונג פון סלאָנימסקין קומט אַרויס פון די פאָלגנדע ווערטער פון קראָכמאַל: „ער קאָן עקספּאָנירן זיינע געדאַנקען אין שטרענגער אָרדענונג".

מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט נאָר די גרונדשטריכן פון אָט דער אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט, וואָס האָט טראָץ איר צעוואָרפנקייט איבער פאַרשידענע געביטן פון וויסנשאַפט, טראָץ דער אָפּוועזנהייט פון פּראָפעסאָרישער פעדאַנטישקייט און פאַרגליווערטער גריבלערישער, פּינקטלעכער התמדה, דאָך פאַרמאָגט אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן וואָס האָבן איר

דערמעגלעכט צו אַקטואירן און באַאיינפלוסן אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן.

דער גייסטיקער פאַרמעגן פון סלאָנימסקין, זינט ער איז געוואָרן אַ שרייבער, קאָן אַן פּאַנעגיריק און אַן דעפּעקטיזם באַצייכנט ווערן אויף פאָלגנדן אופן, וואָס איז זייער קרוב צום אמת. ער איז געווען אַ גענימטער תלמודיסט, אָבער ספּעציעל פּאַרטאָן אין די וויסנשאַפטלעכע טיילן פון תלמוד; ער איז אַפילו אין דער יוגנט נישט געווען קיין בקי און מופלג אין די געזעצגעבערישע טיילן פון תלמוד ווי דיני ממונות א. א. וו. אָבער ער האָט אַ סך געוווסט; אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו מאַטעמאַטיק, מעס־טונגען, צייט־אויסרעכענונגען, און ער האָט די אַלע זאַכן באַנומען נישט אַזוי פיל מיט הארעוואַניע און התמדה, נאָר ער האָט זיי באַגריפן גרינט־לעך און טיף מיט זיין שאַרפן מוח, און האָט זיי מיט סוביעקטיווער חרי־פות, מיט זיין אויסערגעוויינלעכער פעאיקייט צו מסביר זיין אַ זאַך, קאָמבינירט אין פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, צו וועלכע ער האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט פייערדיקער התלהבות. חוץ דעם האָט ער פאַרמאָגט אַ ברייטן וויסן אין די פאַרשידענע געביטן פון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור אויף העברעאיש, בעיקר פון די ווערק, וואָס האָבן אַ שייכות צו וויסנ־שאַפט, צו וועלכע ער האָט נאָך צוגעגעבן פאַרשידענע אינפאָרמאַציע אי־בער מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס ער האָט אויס־געלערנט פון דייטשישע ביכער, נישט צופיל, און נישט דורך טיפן נישט־טערן פון אָנהייב ביז סוף, נאָר אויפגעכאַפּט מיט זיין עילויאישער אינטו־איציע, וואָס באַנעמט און שפּרודלט מיט אַלץ.

דאָס איז געווען זיין הויפּט־יסוד, דער גרונד־קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט „פּראָצענט אין פּראָצענט דע פּראָצענט", און צו וועלכן עס איז צוגעקומען אַ פאַרמעגן, איינגעשאַפּט פון לייענען, פון פאַר־קער מיט גרויסע געלערנטע און פון זעלבסטאַנטוויקלונג. אָבער וואָס עס האָט אים געפעלט פון לכתחילה, האָט אים שוין געפעלט אויך ווייטער. ער האָט נישט געהאַט קיין שום נייגונג צו אַבסטראַקטער פילאָסאָפיע; קיינמאָל נישט אינטערעסירט זיך מיט דקדוק און פילאָלאָגיע. דער פילאָלאָגישער חוש און די פּאָעטישע און בעלעטריסטישע פילבאַרקייט האָבן נישט האַר־מאָנירט מיט זיין שאַרפן פאַרשפּיצטן מוח, וואָס קליגלט זיך אויף אויסצו־

געפינען חשבונות און דערווייזן עם פראקטיש און פאזיטיוו. ער איז גע־ווען א גרויסער ענטוזיאסט, אבער דער ענטוזיאזם פלעגט זיך אנצינדן נאר ארום וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען: טעלעגראף, עלעקטריציטעט, אלע עקספערימענטאלע דערגרייכונגען פון זיין דור און זייערע ווייטסטע אפצווייגונגען. ער האט נישט געהאט קיין אינערלעכע באציאונג צו דער אנטוויקלונג פון דער וועלט־ליטעראטור, נאר בלויז צו דער אנטוויקלונג פון די נייע דערפינדונגען, דאס האט אים באריירט פיל מערער ווי א וועלכן ס׳איז פראפעסאר, א פיל טיפערן און גרעסערן ספעציאליסט, ווי ער איז עס געווען.

גלייך ביי זיין דערשיינען אויף דער ליטעראַרישער ארענע האט ער געבראכט מיט זיך א גייסטיקע צוגעבונדנקייט צו דער אנטוויקלונג פון די פארשידענע וויסנשאפטן, א גייסטיקע צוגעבונדנקייט, וואס האט די ווערט מער ווי בקיאות און טיפער וויסן. דער וויסנשאפטלעכער פארמעגן איז לכתחילה נישט געווען איבעריק גרויס, אבער גרויס איז געווען דער ענטוזיאזם, זיין זעלבסט־אפשאצונג איז געווען גרויס, און זיין גלויבן און זיכערקייט אין זיך, אין זיין טאלאנט און אין זיין פארבאשטימונג זענען געווען שטארק. און איבער דעם אלעמען איז געווען איבערגעצויגן א שטריך פון א זעלבשטענדיקן כאראקטער, פון א באזונדערער אריגינאליטעט. דאס זענען די אמתע סיבות, וואס האבן געמאכט חיים זעליק סלאנימסקין פאר א מעכטיקער, וואונדערבארער גייסטיקער דערשיינונג גלייך פון זיין אנטפלעקונג.

חיים יחיאל באַרנשטיין

I

איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן, ווען איך האָב דערהערט מיט אַ פופציק יאָר צוריק צום ערשטן מאָל זיין נאָמען, אין מאַקאָוו, פוילן. דער קלאַנג איז געגאַנגען פון „ווייט": קאָזשעניץ, מאָגילניץ, און נאָך אַזעלכע מקומות, באַרימט מיט זייערע חסידישע רביים. דער האַלבער מנין משכילים, מיט ר' אברהם יאָסל ראָזענטאַל, דעם מגידס איינקל בראש, האָבן זיך אָנדערציילט נסים ונפלאות וועגן „אַ פּרעכטיקער בלום, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן פינצטערע שטיינער", און די חסידים, ס'רוב פון שטאָט, פלעגן האַרציק זיפצן. געווען — האָבן זיי מיר דערציילט מיט אַ זיפצל — אַ טייערער יונגערמאַן, מיט מעשים טובים, געגאַנגען אויפן גלייכן וועג, האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַ חסידישער טאָכטער, געוואָרן אַן איידימל אויף קעסט, און געזעסן און געלערנט, מיטאַמאָל — אַראָפּ פון דרך. מען זאָגט, פלעגן זיי צוגעבן — אַז ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די קליפות ר"ל, אַ שאָד, אַ שאָד! געהאַט אַ שאַרפן מוח, אַ גוט האַרץ, אַ שאָד! אַ שאָד! שוין אַ פאַרפאַלענער אפיקורס. איך האָב געניַיער גע-וואָלט וויסן, וואָס איז פאַרגעקומען, ווייל איך אַליין בין שוין געווען אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה. פון די חסידים האָבן איך נישט געקאָנט דערוויסן זיך גאָרנישט: „טראָגט נישט קיין פאות, און טראָגט זיך נישט לאַנג געקליידעט", נו איז מה רעש? איך האָב דאָ גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָב איך זיך געטראַכט: אַט פינסטערע קליינשטעטלדיקע מענטשן, וואָס ווייסן נישט וואָס און ווען, האָבן זיי גענומען און אָוועקגעשטעלט די גאַנ-צע תורה אויף שניידעריי און אויפן שניט פון די מלבושים, לאַנג צי קורץ,

צוליב „חוקות הגוי". און זיי ווייסן גאַרנישט, אַז זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס און שטריימלען זענען אַמאָל אויך געווען „חוקות הגוי", פונדעסטוועגן האַלט מען זיך ביי דעם. די משכילים האָבן מיר שוין דערציילט עפּעס, וואָס דערקלערט דעם ענין בעסער ווי אַ מעשה מיט קליידונג. דאָס שטעטל, ווו בארנשטיין איז דערצויגן געוואָרן, אַזוי האָבן זיי געזאָגט, איז געווען פול מיט חסידים. אַריסטאָקראַטישע גערער חסידים, וואָס פירן זיך גרויס, היים-געבאַדענע וורקער חסידים, דעמאָקראַטישע און חברלעך מיט אַלעמען ביאַלער חסידים, חריפים און היצקעפּ, אַ ביסל איינגעשפּאַרטע, ראַדזינער חסידים; פּאַריסאָווער חסידים, אַן אַרטיקע סימפּאַטישע שאַפונג, אאַ"וו, אאַ"וו. אַלע האָבן געהאַט אַן אויג אָט אויף דעם יונגנמאַנטשיק און אָנגעשמעקט, אַז ער ווערט אַן אַנדער מענטש.

האָט מען אַמאָל געזוכט אין זיינע קלומיקעס און מען האָט געפונען דאָס ספר „נחמד ונעים" פון ר' דוד גאַנז וועגן אַסטראָנאָמיע. האָט מען זיך געפילט פאַרווירט. ר' דוד גאַנז, דער „צמח דוד", עס איז אפילו נישט קיין חסידישער ספר, אָבער דאָך געפינט ער זיך אין אַ סך בתי מדרשים. דערצו „אַסטראָנאָמיע", געווען עפּעס דאָרט איינער אַ מקיל, דוכט זיך שוין אַליין אַביסל אַ געכאַפּטער, וועלכער האָט געפסקנט, אַז „אַסטראָנאָמיע" מעג מען, עס האָט אַ שייכות מיטן מולד, מחדש זיין די לבנה, האָט מען אַ בלעטער געטאָן דאָס ספרל און געפונען צייכענונגען, גוואַלד געשריען! די שטרענגערע האָבן שוין געהאַלטן ביי נעמען די אויבערהאַנט, אָבער דער מקיל האָט ווידער געראַטעוועט די סיטואַציע: ער האָט געטענהט, אַז אויך אין גאָר אַלטע ספרים קאָן מען געפינען אַזעלכע צייכענונגען. איז חברה אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט אויסגעבראָכן אַ פרישער שטורעם. דער וואָס האָט געפירט די אונטערזוכונג האָט זיך עפּעס נאָר אַ גריבל געטאָן און געפונען אַ בוך אָן אַ רוקן און אַביסל צעדיסענע בלעטער, מיט פרעמדע אותיות, גויאישע בוכשטאַבן. דעמאָלט איז שוין טאַקע געווען עק וועלט! מען האָט געכאַפּט ביי בארענשטיינען טריפה ופסול.

ווידער האָט געטראָפן אַ מעשה און מען האָט זיך צעטאַמפּערט איבערן מולד. דער מומחה פון בית מדרש, וואָס איז געווען אַ מייסטער אויף אויס-

צורעכענען דעם מולד, האָט אויסגערעכנט מיט זיין „אסטראָנאָמיע", אז דער מולד פאַלט אין דעם און דעם טאָג, די און די שעה, די און די רגע, איז געקומען בארנשטיין, וואָס האָט זיך שוין דאַן געהאַט ספּעציאַליזירט אין דעם און דערוויזן מיט ראיות און אויסרעכענונגען, אז דער חשבון איז פאַלש. אָט די לעצטע זינד האָט מען שוין נישט געקאָנט פאַרקוקן. מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון קעסט. דער שווער האָט זיך געהאַלטן פאַר אָפּגע־נאַרט. ער האָט גענומען אן איידעם, וואָס זאָל זיך אויסטויגן פאַר אַ רב און צום סוף איז ער גאָר אַ בעל חשבון. אויך בארנשטיינס פרוי, אַ פרומע און אָפּגעהיטע איז אריינגעפאַלן פון אַ וועלט פון שלום און נחת אין אַ וועלט פון אויפטרייסלונגען, משפחה־רייסערייען און דאגות פרנסה. חיימל אַליין האָט געהאַט פיינט מחלוקת, זיין פרייע צייט פאַר לערנען און שטו־דירן איז טאַקע געווען ביי אים טייער, אָבער נאָכגעבן און אָפּזאָגן זיך פון זיינע מיינונגען, וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. איינע איז יאָ געווען צופרידן פון דעם אַלעמען: בארנשטיינס מוטער. אַן איי־דעלע וואַרשעווערין, אַן אויפגעקלערטע, וואָס האָט ליב געהאַט פיינע מאַ־נירן, איז זי געווען אויף צרות, און איר גרויסע שטרעבונג איז געווען צו זען לכל הפחות, איר זון זאָל אַרויס פון דעם העק און אריינקומען אין „לוסט־גאַרטן" פון דער השכלה. זי איז געווען פון די אין וואַרשע בארימ־טע כהנים, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעקומען גרויסע רבנים ווי ר' אליעזר פלאָצקער, דער שווער פון ליסער גאון ר' יעקב, דער מחבר פון „חוות דעת", ווי אויך די ערשטע אויפגעקלערטע ווי ר' משה כהן, פאַרוואַל־טונגס־מיטגלידער פון טלאָמאצקער סינאַגאָגע, ר' טוביה כהן, אַ העברעאי־שער שרייבער און פּאָעט, אדאָלף יעקב כהן, אַן אדוואָקאַט און אַ פּוילישער שרייבער איבער יידישע ענינים. דער מאַמעס אָנרעגונג איז געווען דער אָנהויב פון בארנשטיינס דערלייזט ווערן פון קליינשטעטלדיקער בטלנות.

די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט נישט אויפן וועג פון איבערקע־רענישן און קאָנפליקטן, ווי אַ גט, אַנטלויפן קיין אויסלאַנד שטודירן, (אָדער פאַרקערט, פריער אַנטלויפן און דערנאָך אַ גט), נאָר אויף אַ לאַנג־זאַמען בהדרגהדיקן אופן אַן „טעלער ברעכעניש". אין די פאַמיליען דראַ־מעס און אַנטלויפן פון אַנדערע משכילים איז געווען צומאָל אַ שטראָם פון

גבורה, אָבער אין דעם שטראָם איז געווען אויך אַ באַשטימטע מאָס אוואַנ־
טורע, באַרימעריי און אויסגעוואָרצלטקייט.

אפשר צוליב דעם וואָס בארנשטיין איז געווען „אַ מאַמעס אַ קינד",
אָדער ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין פרוי אין האָפענונגסלאָ־
זער איינזאַמקייט, צי גאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען זייער אַ געלאַ־
כענער און מיושבדיקער און האָט זיך געהיט פון יעדן אומזיכערן שריט,
איך גלויב, אַז צוליב די אַלע סיבות צוזאַמען האָט דער לעבנס קאַמפּאַס פון
בארנשטיין אָנגעוויזן דעם וועג קיין וואַרשע, אַ גרויסע שטאָט מיט אַ ציר
וויליזירטן לעבן אין פאַרגלייך מיט קאָזשעניץ; וואַרשע, די געבורטשטאָט
פון זיין אויפגעקלערטער מוטער. אָבער דאָס וואָלט געווען צו אַ **גרויסער**
שפּרונג, עס איז נויטיק געווען צו מאַכן אַ סטאַנציע אין וועג.

די סטאַנציע האָט געהייסן מנישעוו. מנישעוו איז דאַן געווען אַ גרויס
דאָרף מיט אַ צוקער־זאַוואָד פון גרויסן גביר בראָנשטיין (אַן איידעם פון
שמשון און שוואָגער פון איגנאַץ בערנשטיין), אַ דייטשישער ייד, געבוירן
אין ברעסלאַו, פון מזרח וואַנט פון טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, אַ שטיין ריי־
כער מענטש, וואָס לעבט ווי אַ גראַף מיט קינדער ווי פּריצישע קינדער. אָט
אין דעם זאַוואָד איז בארנשטיין באַשטימט געוואָרן פאַר אַ בוכהאַלטער.
ווי קליין די דאָזיקע שטעלע זעט אונדז היינט אויס אין באַצוג צו חיים
יחיאל בארנשטיין, איז זי דאַן געווען אַ קרוין־אַמט פאַר אַ חסידישן יונ־
גנמאַן וואָס קומט פון קאָזשעניץ. אַ זאַוואָד ווי אין פּסוק שטייט, אַ גרויס־
אינדוסטריע, אַ פּוילישע סביבה, מיט אַ יידישן אַנטייל, גרויסע פּאַנעס פון
וואַרשע, קונים און פאַרמיטלער, פּריצים און גרויסע סוחרים. אויף פול־
שטענדיק צו פּאַסן זיך צו אַזאַ אַמט דאַרף מען האָבן דורכגעמאַכט אַ הויך־
שולע פאַר האַנדל, מיט אַ צוגאָב פון אַ סך פּראַקטיק, קאָנען אומגיין מיט
מענטשן. קענטעניש אַליין גענוגט נישט. „דרך ארץ קדמה לתורה", אַ
מענטש דאַרף זיין דערצויגן אין זיינע באַוועגונגען, האַלטונג, שפּראַך, ער
דאַרף זיין דערצויגן און געשליפן. בארנשטיין האָט זיך זעלבסט דערצויגן,
זיין אַרבעט ווי דער בוכהאַלטער פון זאַוואָד איז געווען אַ שווערע, דער
געהאַלט האָט קוים געקלעקט אויף פּרנסה. מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט און
וואונדערבאַרער פּינקטלעכקייט האָט דאָרט בארנשטיין געטאָן זיין בוכהאַל־

טערישע אַרבעט און איז געווען גליקלעך, ווען אין די ווייניקע פרייע שעהן האָט ער געקאָנט אומגעשטערט זיך אָפּגעבן מיט זיינע שטודיומס.

פון די לעצטע שמועסן, וואָס איך האָב געהערט וועגן בארנשטיינען ביז אַט דער לעצטער צייט, וואָס מיר וועלן אָנרופן די מנישעווער תקופה, איז פאַראיבער אַ יאָר אָדער עטוואָס מער. דערווייל האָט געטראָפן אַ פאַמיליען פאַסירונג, וואָס האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שטיקל מחותן מיט דעם מענטש, וועגן וועלכן איך האָב נאָך געהאַט געהערט. מען האָט אַ שידוך געטאָן מיט מיינער אַ קרובה און בארנשטיינס אַ פּלימעניק פון די פרומע חסידים, געלט-זעק. אַן אייגנטימער פון אַ גרויס גוט ביי מנישעוו, אַן אויסגעצייכנטער קענער פון אַגריקולטור, צו וועמען די גאַנצע סביבה פון זיין דאָרף פלעגט אָנקומען און ער אַליין האָט זיך געשיצט אינעם שאָטן פון פאַריסאווער צדיק. אַט איז אַ קאָמבינאַציע: אין מנישעוו ווינט אַ גרויסער יידישער אינדוסטריאַל, אַ געפּוצטער דייטש, מעשה פריץ, אַ נגיד בן נגיד, אַ באַרימטער באַנקיר פון דער גאָלדענער פאָן, אַ פרנס און טוער פון דער „דייטשישער שול", שיין געקליידט, מיט אַ נייעם גלאַנציקן צילינדער, קורץ, אַ פריץ ווי עס באַדאַרף צו זיין, דערצו אַן אויסלענדער. זיינע קינדער זענען גאָר אויף אַ הויכער מדרגה: פיינקייט, רייכקייט, איידלקייט. הערשערישע נאַטורן, גיבן אַכטונג אויף דער אָרדענונג, רייטן אויף פלינקע פערד און פאָרן אין קאַרעטעס, גייען אויף יאַגד, יאָגן זיך פון מנישעוו קיין וואַרשע און אפשר קיין פּאַריז, ממש פרינצן. דער פאַקט, אַז אַזעלכע לייט פאַרמאָגן אַ צוקער-זאַוואָד אָדער אַן אַנדער פאַבריק, אָדער אַ באַנק, צי גאָר אַ גרויסן מאַגאַזין ווי דער מאַגאַזין פון לעסער אין וואַרשע, איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. קעגן אַזעלכע האָבן זיך די פּאָליאַקן דאַן נישט גאָר שטאַרק אויסגעדריקט, האָבן אפשר אונטערגעמורמלט אין דער שטיל אָדער אָנגעוווּנקען ווי פאַרבייגייענדיק מיט אַ פאַרדרוס פון קנאה. מעגלעך, אַז דער נאַטירלעכער חוש האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ צייטווייליקע פאַרבייגייענדע דערשיינונג, ווייל אָט דער סאָרט יידן וועט זיך נישט האַלטן ביי דער עדה און אויב ער וועט יאָ בלייבן אויפן באָדן, וועט ער אַסימילירט און פאַרשלונגען ווערן.

דער אָפיציעלער נוסח איז געווען: בירגער: מען דאַרף מיט זיי לעבן

בשלום, אָן אונטערשיד פון רעליגיע, די אינדוסטריע דאַרף האָבן אונטערשטיצונג, ווייל אויף איר שטיצן זיך די עצם פונדאַמענטן פון לאַנד. אויך די פרומע חסידים באַציִען זיך צו אַזעלכע לייט מיט אפשיי. מילא „דייטשן", נאָך גוט, וואָס זיי גיבן אַביסל צדקה און פאַראַן צווישן זיי גאַנץ אַנשטענדיקע מענטשן, פאַר איינוועגס קאָן מען ביי זיי טאַקע פאַרדינען ווי ביי אמתע פריצים אָדער, לכל הפחות, ווי ביי שטיקלעך פריצים. אפשר האָבן די הינטער-אויוון בטלנים זיך אויסגעדריקט מיט אומטאָלעראַנץ וועגן זייערע עבירות, אָבער דאָס איז אויך געווען אַ געמאַכטער פאַרדרוס. פראַקטישע חסידים פלעגן אפילו נישט רעדן וועגן דעם: „דייטשן" און שוין! מען פלעגט, פאַרקערט, זיין צופרידן, ווען מען האָט ביי אַזעלכע, וואָס זענען מחוץ למחנה, באַמערקט אַ פונק פון יידישקייט. מען פלעגט זאָגן: „פונדעסטוועגן! וואָס נאָך קאָן מען פון זיי פאַרלאַנגען?" די דאָזיקע באַציִאונג איז געווען אַ מין „מאָדוס וויווענדי" פון גוטער שכנהשאַפט! מיינס איז מיינס — דיינס איז דיינס. מנישעוו האָט מיך נישט איבערראַשט, דאָס צוזאַמענלעבן פון אַ קאַזשעניצער יונגערמאַנטשיק, חיימל, וואָס האָט אַ שטעלע, און אָט דער אויסגעאיידלטער פאַרפּויליִשט-יידישער אינדוסטריעלער גבירישער סביבה איז נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע זאַך. מען האָט עס געקאָנט פאַרענטפערן מיטן אַלטן כלל, נישטאָ קיין אוממעגלעכעס פאַר אַ „גמרא קאָפּ". ער האָט שטודירט און געלערנט און געקומען צו אַ פּאָסטן, פאַר וועלכן ער פּאַסט זיך זייער צו. די באַלעבאַטים זענען צופרידן, וואָס זיי האָבן אַ פלייסיקן און באַגלויבטן אָנגעשטעלטן, אַ וויסער און אַ געשיקטער, און דער אָנגעשטעלטער גופא איז אויך צופרידן, וואָס ער האָט פרנסה, וואָס ער האָט זיך באַפרייט פון שווער און פון דער השגחה פון די עולם-הבא פאַרזאָרגער און קאָן ווייטער שטודירן. עס איז אַ לויִנבאַר געשעפט פאַר ביידע צדדים. אָבער דאָס נאָענטע דאַרף שניאַטקאָוו איז פאַר מיר געווען ממש אַ רעטעניש, וואָס איך האָב נישט געקאָנט צעקייען.

איך האָב געזען אָט דאָס רעטעניש, פאַרבראַכט און שפּאַצירט דאָרט אייניקע טעג, איך בין געפאָרן אַהין צו זען און פאַרהערן חיימלס פלימעניק. אָבער דער פּאָטער האָט מער געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט פונעם

זון. דער דאַזיקער פּאַריסאָווער חסיד איז געווען מער צוגעבונדן צו ערד ווי דער גרויסער פּריץ פון מנישעוו. ער האָט אָנגעפירט מיט די פּויערים, אַכטונג געגעבן, עצות געגעבן און געפירט אַ זעלטענע וווּנדערבאַרע באַלעבאַטישקייט. דער שווער וואָס האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון חיימלען, וועלכער האָט נישט באַרעכטיקט זיינע האַפענונגען, האָט זיך געפונען געטרייסט מיט זיין צווייטן איידים, וואָס האָט אין זיין „הויף" קאָמבינירט גוטע באַלעבאַטישקייט מיט חסידות. אַ גרויסער הויף, ממש אַן אכסניה. וואָס אַ חוץ אַ סך באַווינער קריסטן, פּריצים, באַאַמטע, פעלד און וואַלד־היטער, גערטנער, פּויערים, אַרענדאַטאָרס, טאָג-לוינער, מענער און פרויען, זענען דאָרט אויך געווען אורחים, גבאים, אַן אייגענע משפּחה מיט אַ סך זין און טעכטער, אַ מלמד, אַ לערער (דער פּאַרשטאָרבענער מיכל וועבער, פון באַרנשטיינס תלמידים, איז דאָרט געווען דער לערער). אַ גרויס פּאַרמעגן און נאָך גרעסערע זאָרג. גרויסקייט אין די געשעפטן, ברייטקייט אין דער שטוב-פירונג, אַלץ מיט אַ פּאַרנעם. אַ שטענדיקע באַוועגונג, גערויש אויף די פעלדער, אויף די וועגן, אַ שולכל אויף דאַווענען בצבור, אַ חדר פאַרן מלמד, אַ צימער פאַרן לערער. מען שפּאַצירט אויף און אָפּ און מען דאַוונט, אָדער מען גרייט זיך צום דאַווענען, אַלטע לייט זיצן ביים „לעזשאַנקע", אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף די קני און דערציילן זיך מעשיות. עפּעס אַ רב'ל האָט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און קוקט אַריין אין אַ ספר, דער באַלעבאָס רייסט זיך אָפּ פון זיין אָרט און לויפט אַנטקעגן דעם אויפזעער, וואָס ברענגט אים „פּראָווען" פון תבואה, לויפנדיק שלאָגט ער זיך אָן אין עמיצנס אַ פּאַרמיטלער, וואָס איז געקומען פון שטאָט און גיסט אויף אים אויס אַ מבול פון מעקלערישע פאָרשלאָגן. ער צעגערט אַ ווײַלע, אָבער באַלד איבערצייגט ער זיך, אַז אין די אַלע רייד איז נישטאָ אפילו קיין קערנדל געשעפט, דרייט ער זיך אויס פון אים; אָבער קוים פּטור געוואָרן פון איין אָנשיקעניש, פאַלט ער אַריין אין די הענט פון אַ וואַלד הענדלער, וועמען ער מוז בעטן צוּוואַרטן מיט זיין פאָרשלאָג און שמועסט דערווייל מיטן אויפזעער, טאַפּט מיט פרייד און פאַרגעניגן די פרישע פּראָווען, הפּנים צופרידן, און לויפט שמייעדיק אַוועק צום שייער. די ווייבער מישן זיך נישט אין דעם גאַנצן טאַראַ־



חיים יחיאל באָרנשטיין

ראַם, אַ יידישע טאָכטער איז אַ פרינצעסין, אַ שטוב זיצערין, זיי שלייכן זיך ביי די זייטן, רעדן מיט אַראָפגעלאָזטע בליקן, גיבן זיך אָפ מיט באַלעבאַטישקייט, שטריקן אָדער פאַרלייגן די הענט אויף דער ברוסט, צונויפגעפלאָכטן די ווייסע פינגער און הערן זיך איין מיט צוריקגעצויגנקייט.

איך האָב פאַרהערט דעם חתן און שידוך איז געוואָרן שידוך. אָבער מיין מוח איז געווען פאַרנומען מיט אַן אַנדער געדאַנק. דער שוואָגער, וואָס וווינט איין שפאַן פון שניאַטקאָוו, חיימל, ווו איז? אַ געדאַנק האָט זיך גענומען וועבן, אַז אפשר האַלט דער מחותן חיימלען פאַר אַ פלעק אין דער משפחה און ער האָט אים נישט איינגעלאַדן, בכדי נישט קאַליע צו מאַכן דעם שידוך. איך האָב באַשלאָסן אַ פרעג צו טאָן אָן איבעריקע פאָררעדעס: „מחותן, חיים-יחיאל באַרנשטיין פון מנישעוו איז אייערער אַ שוואָגער?" יאָ, האָט געענטפערט דער מחותן מיט אַ צי פון די ליפן, און וועלכע איך האָב אויפגעכאַפט אַ שאָטן פון כעס. איך האָב זיך געהיט און בדרך כבוד פאָרגעזעצט: „איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב נישט בדעה זיך אַריינצומישן אין משפחה אָנגעלעגנהייטן, איך פרעג נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב פיל געהערט וועגן אָט דעם שוואָגער אייערן און כפי איך בין דאָ אַזוי נאָענט צו אים, האָב איך באַשלאָסן זיך זען מיט אים". מיינע רייד האָבן אַביסל מילדער געמאַכט דעם אויסדרוק פון מיין מחותנס פנים און ער האָט מיר געענטפערט: „איר ווייסט אוודאי, אַז אונדזערע ביידנס וועגן גייען זיך פונאַנדער, דאָך וואָלט איך וועלן, ער זאָל דאָ אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען. עס פעלט אונדז דען דאָ אַרבעט, צי האָבן מיר דאָ ווייניק דאַגות? איך האָב באַמערקט ווי איין קנייטש אויף זיין שטערן איז ווי טיפער געוואָרן. „אַמאָל טרעפט, אַז איך ווער ממש דערשטיקט פון זאָרג, פון לויפעניש, איך וואָלט זיך געוואָלט מישב זיין מיט עמיצן, וואָס איך קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, און ווער עס זאָל מיר ווייזן אַן אויסוועג פון די פאַרפלאָנטערטע חשבונות. איך פאַרמאָג, ברוך השם, גאַנץ היפש, אָבער עס טרעפן צייטן, אַז איך בין פאַרענגט און דער מוח ווערט פאַרדרייט... מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, און ער האָט אַ שאַרפן מוח, ער איז אַ בעל־חשבון, וואָס דאַרף ער אַרבעטן ביי פרעמדע? מיך גייט נישט אָן דאָס חסידות. געלערנט און אָוועקגעוואָרפן? גוט, זאָל אים גאָט העלפן!

איך האָב אים געזאָגט, בלייב דיר ביי דיין דרך, מיך גייט נישט אָן דיין פּירונג, אָבער זיי מיט מיר און העלף מיר ארויס. האָט ער מיך אפילו נישט געוואָלט הערן. איך קאָן אים גאָרנישט פאַרשטיין" — אַזוי האָט ער פאַרענדיקט זיין פרעטענזיע מיט אַ ברוגז אין קול. איך האָב אָבער יאָ פאַרשטאַנען באַרנשטיינען.

פאַרן אָפּפאָרן פון שניאַטקאָוו האָב איך איינגעאָרדנט די רייזע און זיך געמאַכט צייט פאַר אַ זעאונג מיט באַרנשטיינען אין מנישעוו. לכתחילה האָט מען מיר צוגעזאָגט און נאכהער האָט מען מיך פאַרהאַלטן מיט תירוצים און אויסריידן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען טוט עס בכיוון. איך אליין בין שוין אויך דאַן געווען אביסל חשוד, און זיי האָבן זיך געוויס געטראַכט, אַז די באַגעגעניש צווישן אַזעלכע צוויי געפערלעכע אפּיקורסים קאָן נאָך חס ושלום חרוב מאַכן אַ וועלט. זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער פליכט נישט צו דערלאָזן צו דעם: צעטייל און באַהערש!

II

אָבער אונדזער צעשיידונג האָט לאַנג נישט געדויערט. אין אַ מין יאָר ארום בין איך שוין געווען אין וואַרשע, אין אַ דריי יאָר שפּעטער האָט באַרנשטיין פאַרלאָזט זיין שטעלע אין מנישעוו און איז אויך געקומען קיין וואַרשע, וווּ מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט אַ פערציק יאָר צוריק.

די וווּקס, עטוואָס נידעריקער ווי מיטלמעסיק, אַ קיילעכדיקער קאָפּ, אביסל אריינגעקוועטשט אין די אַקסלען, טיפע, בלויע, קלוגע אויגן מיט אַ שימער פון חן און צופרידנקייט, געדיכטע ברעמען, אַ רויט-בלאָנד בערדל, קיילעכדיק פאַרשוירן, וואָס פאַרדעקט די זייטן פון געזיכט אין דעם קין, איינגאַנצן מילד און איידל, נאַאיוו, באַשיידן און פשוט, דערצויגן, געמעסיקט און אויסגערעכנט, ערנסט אָן טרויער, לאַנגזאַם אָבער נישט אָפּגעלאָזן, אַ ווייכע צווייפלונג אָן יאוש. אויפן ערשטן בליק וואָלט איך זאָגן: נאָט האָט אים באַשאַנקען מיט אַ געזונטן גייסט און אַ געזונטן קערפּער. נאָר די אויגן אונטער די גרויסע בלויע ברילן האָבן אויסגעזען קורצזיכטיק און ווי זיי וואָלטן זיך נויטיקן אין באַזונדער אָפּגעהיטקייט.

זיין רעדן איז געווען רואיק, געפרעסט און פינקטלעך ווי די כפל־טאב־ליצע, אינטערעסאנט, מיט אינהאלט, אָן איבעריקע באַפּוצונגען. זעלטן־ווען אַביסל שטאַמלעניש, ווי ער וואָלט זוכן דאָס פּאַסיקע וואָרט. ער הערט און פרעגט מער ווי ער רעדט, עס האָט אויסגעזען ווי ער זוכט צו לערנען פון יעדן איינעם. ווען ער פלעגט ענטפערן אויף פראַגעס, זענען די „איך ווייס ניטס" געווען מער פון די „איך ווייס". זאָגסטו אים עפּעס, וואָס איז פאַרנעפּלט, אָדער דערהערט זיך עפּעס אַ גרילץ אין אַ וואָרט פון די צייטונגען, אָדער אין אַ שמועס, פרעגט ער גלייך נאַאיוו: „וואָס איז עס? וואָס באַדייט עס? פון וואַנען איז עס געדרונגען? דערווייז מיט פאַקטן, באַשטעטיק מיט אַן עקספּערימענט, דערקלער עס אָן דריידלעך און אומוועגן".

און ער ווירקט אָן צודרינגלעכקייט, פעסטקייט אָדער רעדנערישער ענער־גיע, ניין, ער איז גאָר קיין רעדנער נישט, קיינמאָל נישט אויפגעהויבן די שטימע, נישט געמאַכט קיין אָנשטעל, נישט אויפגערעגט זיך, נישט אין כעס געוואָרן, נישט געבייזערט זיך, נישט געשאָסן מיט פונקען. ער פלעגט דענקען שטיל, אָן איבעריקער חשיבות, נאָר באַשיידן און נאַאיוו, אָפּט־מאָל מיט אַ שמייכל, נישט פון שאַרפקייט און סאַטירע, נאָר פון גוטהאַר־ציקייט און אנגענעמען כאַראַקטער. ער האָט נישט געגלאַנצט, נישט אי־בערראַשט, נישט געשאָסן מיט פּאַראַדאָקסן, ער האָט נישט געקאָנט די קונסט פון שמועס און האָט געהיט די צייט. אָבער אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען באַשיידן, געמעסיקט, מיט ישוב הדעת, ליבלעך, אָן כי־שוף פון אַ קינסטלער, אָן בליץ פון גאון, נאָר מיט געזונטער, זאַפטיקער, אַביסל שעמעוודיקער פּשטות פון אַ קליינשטעטלדיקן, וואָס האָט מיטגע־בראַכט אַ היפּשן פאַרמעגן, אַנגעזאַמלט שווער און אָרנטלעך, אָן חשק זיך אויסצושטעלן מיט דעם, אָדער איילן זיך צו צעטרענצלען עס אין דער גרויסער שטאָט.

און אַ פאַרמעגן האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ קערנדיקן: תנ"ך און תלמוד. ער איז געווען אַ גרויסער טיפער בעל תנ"ך. ער האָט באַגריפן די ריזן־אַרכיטעקטור פון די נביאישע בערג, דעם אויסטערלישן צויבער פון דער פליסנדער שפּראַך פון די כתובים, די קלאַנגען פון אייביקן טרויער אין די שטראָף־רייד און קלאָג לידער. ער האָט געקאָנט אָפּשאַצן די גאַנצע

רייכקייט פון אַ קאַפּיטל „משלי”, וואָס איז אַזוי קאָנצענטרירט ווי אַ פּרוכטבאַרער באָדן וואָס גיט אַמאָל אַרויס אויף אַ שטח פון אייניקע טפחים אַ שפע פון פלאַנצונגען און ביימלעך. ער האָט נישט געהאַלטן פון ביבל־קריטיק. צוזאַמען מיט מיר האָט ער קיינמאָל נישט אָנערקענט די וויסנשאַפטלעכקייט פון אָט דער שטה, וואָס האָט אַ סך צווייגן און ווייניק וואָרצלען. די רואיקייט און די ריזיקע גאַנצקייט, וואָס די מסורה האָט געגעבן דעם תנ״ך, איז פאַר אים געווען בילכער פון אַלע שפּעטערדיקע גריבלענישן און קווענקלענישן, וואָס האָבן זיך אָפט באַזירט אויף איין טעות, דאָס נישט קאָנען באַגרייפן די נאַטירלעכע אויסגעוואָקסנקייט פון דער אור־אַלטער קראַפט וואָס קומט פ אַ ר גראַמאַטיק און די אויסגעאַרבעטע רעגלען פון דענקען און ראַפינירטקייט פון געשמאַק. און פון דעם קומען יענע שפּראַך־פעלזן און אויסדריקן, וואָס לאָזן זיך נישט פאַרטייטשן וואָרט ביי וואָרט, נאָר וווּנקען אָן אָנדייטונגען, פונקען, ווי רעשטן פון אַ טיטאַנען־פּאַלאַץ, וואָס מען קאָן נישט אַרומרונדיקן און אַרומהאַקן מיט אַ צירקל, בכדי צו מאַכן אים ענלעך אויף אַ צאַצקע, אויסגעגאָסן פון אַ היינטיקן מייסטער. מיר האָבן זיך פיל אָפּגעגעבן צוזאַמען מיט ביבל־פאָרשונג, און ס׳רוב פלעגט זיך נאָך אַ ברייטן וויכוח אַרויסשטעלן, אַז מיר גלייכן זיך מיט די מיינונגען. נישט צוליב פרומקייט, נאָר צוליב אונדזער אַנטוויקלטן חוש פאַר דער העברעאישער שפּראַך. מיר האָבן נישט ליב געהאַט די „פּסוקים־קאָטלעטן” און די „אויסגעבעסערטע” נוסחאות, וואָס עס ווערן פאָרגעשלאָגן פון די ריזן צווישן די ביבל־קריטיקער. די העלדן אויפן געביט פון „אונטערהאַקן פלאַנצן” וואָס ביי זייער גאַנצער בקיאות אין די מזרח־שפּראַכן און אין זייערע אויסדריקן און אין אַלע איינצלהייטן פון די שפּראַכן פון הודו ביז כוש, אויף דער וויסנשאַפטלעכער אָדער פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכער באַזע פון דער טעאָריע וועגן דער קעגנזייטיקער השפעה פון די שפּראַכן, זייער פּאַראַלעליזם און גלייכשטאַלטונג, קומען זיי צו דער מסקנא פאַרצושלאָגן, אַז אנשטאָט נשקו בר, זאָל מען לייענען החזיקו במוסר, וואָס איז די טייטש: „האַלט זיך ביי מאָראַל”.

אָט איז די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן אַלע חקירות און דאָס וואָס שטייט ווייטער: דער געשמאַק פון דער שפּראַך און איר סטיל, איר אויס-

שפּראַך און שיינער קלאַנג. ער איז נאָך דאַן נישט געווען דער פּרוכטבאַרער העברעאישער שרייבער. פון צייט צו צייט פלעגט ער נאָך פון פּראָווינץ צושיקן אין „הצפירה" שטיקלעך פון קליינע מאמרים, אָדער לייזונגען פון מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען. אָבער ער איז שוין דאַן געווען איינער פון אונדזער חברה, אָנגעפילט מיט אַ העברעאישן ליטעראַרישן גייסט. אַזוי איז אויך דאַן געווען זיין דרך אין תלמוד. ער האָט זיך אויפגעהערט צו פּלפּולן, אַ לאָגיקער, אויסגעוואַקסן אויף מאַטעמאַטיק, מיט זיין פּינקטלעכן שכל געניט אין אַנאַלאָגיעס, וועלכער האָט באַטראַכט זאַכן לאַנגזאַם, מיט קלאָרער ניכטערקייט, פון פאַקטן צום שפּעטערן, פון כלל צום פּרט, האָט ער אָפּגעפּרעגט דאָס חריפות, די פאַרפּלאָנטערטע קרומע שאַרפזיניקייט, וואָס טשעפּעט אָן גאַנצע בערג אין איין האָר.

אָבער ער איז נישט אַוועק אַזוי ווייט ווי די שיטה פון די מאָדערניסטן, וואָס זענען מזיקים אויף גריבלען זיך אין אַ תוספתא אָדער מכילתא און אַ טייל פון זיי, זאָלן מיר מוחל זיין, זענען נישט אימשטאַנד געהעריק אָפּצולערנען אַ בלאַט גמרא מיט רש"י און תוספות. אין דער הינזיכט איז ער געווען כלומרשט אַ „רעאַקציאָנער", ס'הייסט אַ מענטש פון אונדזער אַלטן בית־מדרש. פּונקט ווי ער האָט נישט געלערנט קיין העברעאיש פון קיין „מעטאָדעס", אַזוי האָט ער נישט געלערנט קיין תלמוד פון ביישפּילן און ציטאַטן, און גירסות און אַנדערע שאַלעמויזן, נאָר, פּראָסט פּשוט, אַ סך גמרא מיט מפרשים, געלערנט פלייסיק, ווי יידן האָבן זיך פון שטענדיק געפירט אין רבינס קלויז פון קאָזשעניץ אָדער אין אַן אַנדער פּוילישן בית־מדרש. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז ער האָט זיך נישט אינטערעסירט אין אַ וועלכער עס איז קלוגער „מעטאָדע", וואָס זאָל פאַרלייכטערן דאָס לערנען פאַר תלמידים, צי אין פאַרגלייכן פאַרשידענע טעקסטן פון כתב־ידן וכדומה, דאָס מיינט נאָר, אַז די גרונט־לאַגע פון זיין פאָרבערייטונג און די וואָרצלען פון זיין לומדות זענען געווען טיף פאַרגראָבן אין נאַטירלעכן פעסטן באָדן פון סאַמאַראָדנער יידישקייט. נישט קיין געקינצלטע, נישט קיין אויסגעקוועטשטע פון מאָגערע איבערזעצונגען און קווארע נאָכאַמונגען, פון וויסנשאַפטלעכע אָפּשניצלעך און ברעקלעך. ווי יעדער איינער פון אונדז איז ער געווען אַ פאַרערער פון חכמת ישראל, צוליב אירע

אויפטועז און סיסטעמאַטישקייט. ער האָט אַ סך געלערנט פון איר, מסכים געווען אָדער באַקעמפט אירע חידושים, ער האָט גאַרנישט דורכגעלאָזט פון דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין אירע גרעניצן, אָבער נישט פון איר האָט ער אָנגעהויבן און נישט אין איר האָט ער זיך פאַרוואַרצלט מיט לייב און לעבן. ער איז געווען פשוט אַ ייד אַ למדן, אַ בעל תנ״ך און תלמודיסט, וואָס קאָן רעפערירן איבער יעדן קאַפּיטל תנ״ך און זאָגן אַ שיעור פאַר וויל־לערנער איבער יעדן דף גמרא.

ווי אַ תלמודיסט איז ער שוין געווען אַזוי ביי זיין אָנקומען קיין וואַרשע. אָבער ווי אַ געלערנטער פון אַלגעמיינעם וויסן איז ער נאָך אין אַ סך קעגנשטאַנדן געווען אַ „רעקרוט״, אָבער אין אַנדערע איז ער שוין געווען אַ פאַרנדיקטער, כמעט פּערפעקט. פון קינדהייט אויף האָט ער ארויסגעוויזן אויסגעצייכנטע פעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק. ביי צוועלף יאָר האָט ער שוין דורכגעמאַכט די געוועהנלעכע אַריטמעטיק און האָט געמאַכט אויפן קאָפּ די קאָמפּליצירטסטע חשבונות. ער האָט שפּעטער געלערנט די געזעצן פון מאַטעמאַטישע ברוכטיילן, די געזעצן פון די פיר פונדאַמענטאַלע חשבונות, די פראַגן פון פּאָטענצן און וואָרצלען, אויסרעכענען וואָרצלען און נאָטירן זיי מיט אותיות, וואָס איז דער אָנפאַנג פון אַלגעברע. ביי פערצן יאָר לערנט ער די פאַרגלייכונגען, זייערע לייזונגען, די אויסרעכענונג פון אומבאַוווסטן סכום פון זיי, און אויך די לייזונג פון די העכערע פאַרגלייבונגען. ביי זיבעצן יאָר איז ער שוין קלאָר אין די געזעצן פון דריי־עק, און הייבט אָן די העכערע מאַטעמאַטיק, אומענדלעכע ברוכן און אויך העכערע געאָמעטריע.

אויף אַזאַ אופן איז בארנשטיין געוואָרן אַ פולקאָם געלערנטער מאַטעמאַטיקער נאָך אין זיין יוגנט. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט צווייגן פון נאַטור־וויסנשאַפט, צווישן זיי דער נאָענטסטער צו מאַטעמאַטיק — אַסטראָנאָמיע, איין טייל פון וועלכער, די צייט־רעכענונג, האָט ער ליב געהאַט נאָך אין בית מדרש פון זיין געבורטס שטעטל. די מעשה פון דער מחלוקת צווישן אים און דעם בית מדרש ספּעציאַליסט וועגן מולד איז אפשר אביסל צוגעפּוצט, אָבער זיין ערשטן וויכוח מיט ח. ז. סלאָנימסקי געדענק איך גוט. נישט דאָ איז דער אָרט זיך אַריינצולאָזן אין צופיל איינ־

צלהייטן, וועל איך דאָס דערמאָנען נאָר בקיצור. ווי עס איז באַוווּסט, איז סלאָנימסקי געווען דער אין אונדזער ליטעראַטור אַנערקענטער ספּעציאַליסט פון די ענינים, אַ ווירקלעכע אויטאָריטעט. זיין עיקרדיקע מיינונג איז געווען, אַז די אָרדענונג און געזעצן פון עבור-יאָר לויט די אויסרעכענונגען וואָס מיר האָבן איצט, איז ביי אונדז איינגעפירט געוואָרן נאָכן אָפּשלוס פון תלמוד-בבלי. אין זיין בוך וועגן דער פראַגע און אין פראַנקלס „מאָנאַטסשריפט" האָט סלאָנימסקי געשריבן, אַז נישט האָבנדיק צום האַנט די אַלטע פּטאָלאָמעאישע טאַבעלן, איז ער משער, אַז די, וואָס האָבן איינגעשטעלט די אויסרעכענונג פון עבור-יאָר, האָבן נאָך נישט געוווּסט די פּינקטלעכע דיפערענץ פון דער געאָגראַפישער ברייט צווישן ירושלים און אַלעקסאַנדריע, און זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז עלף גראַד, איינשטעלנדיק די אויסרעכענונג פון די גראַדן לויטן מערידיאַן פון ירושלים. איז געקומען באַרנשטיין פון קאַזשעניץ און האָט גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון סלאָנימסקין אויף דעם, אַז ווי ער ווייסט, האָבן זיי שוין דאַן יאָ געוווּסט די דיפערענץ און זיי האָבן זי אויסגערעכנט אין זעקס גראַד. עס איז נישט געווען מער ווי אַ באַמערקונג און עס איז דאַן נישט געקומען צו קיין מחלוקת, פאַרקערט, סלאָנימסקי איז געווען דאַנקבאַר באַרנשטיינען און האָט זיך באַנוצט מיט זיין באַמערקונג. אָבער עס איז גענוג כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער יונגער חסיד פון קאַזשעניץ איז געווען מער בקי אין די אַלטע טאַבעלן פון אַלעקסאַנדריע של מצרים פון סלאָנימסקין, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן מיט שטודירן זיי. באַרנשטיין האָט זיך נאָך דאַן נישט אַרויסגעזאָגט פאַר סלאָנימסקין אָדער פאַר זיינע קעגנער, ער האָט זיך נישט געאיילט צו אַרויסטראָגן זיין באַשיידונג, און איז נישט אַריין אין „דרייסיק יעריקן קריג" וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן ר' חיים זעליק סלאָנימסקי און רצ"מ פינעלעס אַרום דעם וויסנשאַפטלעכן ענין, אַ קריג וואָס האָט זיך געפירט מיט היציקייט און צעקאָכטקייט, כמעט מיט שנאה, לכל הפחות מיט שטעכווערטלעך און וויציקע באַמערקונגען, וואָס האָבן אַריינגעצויגן אין דער קאַמפּס-ליניע אַ סך יידישע געלערנטע, וואָס זענען אויפגעטראָטן אויף די שפּאַלטן פון דער וויסנשאַפטלעכער העברעאישער און דייטשיש-יידישער פּרעסע. אָפּטמאָל, זיצנדיק אין דרייען: סלאָ-

נימסקי, בארנשטיין און מיין ווייניקייט, פלעגן איבערגעחזרט ווערן די אלטע טענות. דער אלטער פלעגט שפריצן מיט פייער, בארנשטיין פלעגט גאנץ רואיק לאזן פאלן געציילטע ווערטער. ער האט נישט ליב געהאט קיין דיסקוסיעס, פלעגט זיך נישט פארלאזן מיט פארמאכטע אויגן נישט אויף סלאנימסקין, נישט אויף פינעלעסן, נישט אויף שווארצן, אדער אנדערע ספעציאליסטן אין דעם פאך; ער איז זיך געגאנגען זיין אייגענעם וועג צו א שטה, וואס האט זיך אויסגעוועבט אין זיין מוח אין פארלויף פון א סך יארן, וועלכע איז נאך אבער נישט געווען אינגאנצן אויסגעפארטיקט, און ער פלעגט אין די וויסנשאפטלעכע זשורנאלן לאזן פאלן נאר א פאר פונקען פון אט דער טעאריע, ביז וואנען ער האט זיך איבערצייגט אין איר פערפעקטקייט און האט אנגעהויבן אין די לעצטע יארן צו בארייכערן אונדזער ליטעראטור מיט די אוצרות פון זיין חכמה אויף דעם געביט, אויף וועלכן ער האט דערגרייכט אומפארגלייכלעכן פארשריט.

א תלמיד חכם און א מאטעמאטיקער, נישט נאר לויט זיין וויסן, נאר אויך לויט זיין טעמפעראמענט און כאראקטער: אזוי געדענק איך בארנשטיינען, ווען ער איז אנגעקומען קיין ווארשע. ער האט זיך געקליבן צו שטודירן אויף די צוויי געביטן הונדערט מאל מערער פון דעם, וואס ער האט שוין געוווסט, אבער ער האט זיך שוין דאן געהאט אויסגעצייכנט און אין א געוויסן זין איז ער שוין געווען א ספעציאליסט אין ביידע. אויף אנדערע געביטן האט ער אויך געהאט וויכטיקע התחלות, אבער עס האט אים נאך אין זיי א סך, א סך געפעלט. ער האט געקאנט אלע ביכער, וואס ער האט באוויזן צו באקומען אין זיין שטאט, זיי זענען געלעגן ווי איינגעפאקט אין זיין שטארקן, ארומנעמענדיקן און פינקטלעכן זכרון. ער פלעגט דערהאלטן ביכער און וויסנשאפטלעכע זשורנאלן אויך פון ווארשע, און פלעגט גלייכצייטיק צושיקן זיינע וויסנשאפטלעכע באמערקונגען — קורצע נאר שארפע — צום „הצפירה", ווי אויך צום פוילישן וואכנבלאט „Wedrowiec" ער איז געווען באפריינדעט מיטן רעדאקטאר פון דער וואכנשריפט סגלימירסקי, וועלכער האט אויך רעדאגירט דעם Słownik Geograficzny, א געאגראפישער ווערטערבוך, ווו בארנשטיין האט אויך מיטגעארבעט.

זיינע געצײילטע באַקאַנטע פּלעגן אים שיקן צײַטשריפטן און ביכער, אַמאָל פּלעגט ער זיך אַליין אָראָפּכאַפּן קיין װאַרשע, אָבער דאָס אַלץ איז געװען זײער באַגרעניצט און פול מיט שװעריקײטן. נישטאָ קיין מײסטער אָן געצײַג, און נישט קײן געלערנטער, בעיקר אָן אויטאָדידאַקט, אָן ביכער. פילאָזאָפיע, היסטאָריע, לאָגיק, עסטעטיק, קלאַסישע ליטעראַ־טור, געשיכטע פון דער ליטעראַטור, אַלטע און נײַע שפּראַכן און זײערע ליטעראַטורן, אַנטראָפּאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע, פּסיכאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אַנדערע קענגשטאַנדן, האָט ער נישט געהאַט קיין צײַט און קיין מיטלען צו לערנען אין אַ גענוגנדער מאָס. אויך די ליטעראַטור פון חכמת ישראל אויף דײַטש האָט ער װײניק געקאָנט. און אויב די דאָזיקע ליטעראַטור איז אָנגעפּיקעװעט מיט איבערזעצונגען, און איבערזעצונגען פון איבערזעצונגען, האָט אַזאַ אָריגינעלער למדן װי בארנשטײן צו זײ נישט באַדאַרפט אָנקומען. און אויב די דאָזיקע ליטעראַטור האָט פיל סתם שײנרײדערײ, װאָס איז אַנגענעם פאַר די קענער פון דער דײַטשישער שפּראַך און מען קאָן זיך באַגײן אויך אָן דעם, איז אָבער אויך פאַראַן אין דער דאָזיקער ליטעראַטור פונדאַמענטאַלע װערק און װיכטיקע פּערל, װאָס אַ מאָדערנער, הײנטװעלטיקער ייִד מוז זיך שפּײַזן מיט זײ, און אָן זײ קאָן ער נישט קומען צו רײַפקײט אין זײַן השכלה און ער װערט פאַרשרומפּן בלויז אין דער אַלטער ליטעראַטור, װאָס עס טויג נישט.

האָבן גוט געטאָן בארנשטײנס קרובים, און בעיקר ר׳ משה כהן, װעלכער האָט געהאַט אַ דעה אין דער פאַרװאַלטונג פון דער סינאַגאָגע, װאָס זײ האָבן באַשטימט בארנשטײנען פאַרן סעקרעטאַר פון דער זעלבער. געמײנט האָבן זײ, אַז זײ קאָנען נישט פאַרקויפן זײער קרוב, אײגן פלײש און בלוט, און זײ האָבן גאָרנישט געװוּסט, אַז זײ זענען מקיים די גרויסע מצווה פון נישט פאַרקויפן זײַן גרויסן גײַסט. זאָל דערמאָנט װערן צום גוטן אָט דער ר׳ משה, װאָס האָט אַרויסגעשלעפּט בארנשטײנען פון מנישעװ, און האָט אים געבראַכט צו אַן אַמט און צו אַן אַרבעט װאָס האָט געפּאַסט פאַר אים, װײַל ער האָט אַזױ אַרום געקראָגן די מעגלעכקײט אַרײַנצוקוקן אין דער װעלט פון תורה און װיסן דורך אַ ברײטער טיר, נישט דורך אַ נאָדל־אויער װי ביז דאַן.

„אַ נאָדל־אויער״, איך באַטאָן די ווערטער, ווייל זיי זענען דער שליסל צו דער אַנטוויקלונג פון אַ בארנשטיין און זיינס גלייכן צווישן די יידישע וויסנשאַפטלער אין אַ געוויסן פּעריאָד. עס פירט זיך, אַז ווען מען דערציילט די ביאָגראַפיע און מען שאַצט אָפּ די אַרבעט פון אַ קריסטלעכן אָדער אַ מאָדערנעם יידישן געלערנטן, זאָל מען סיסטעמאַטיש פאַרציי־בענען זיין לעבנסוועג און זיין דערציאונג שטופּע נאָך שטופּע, פון נידע־ריקער צו העכער, פון פריער צו שפּעטער, לויט אַן אָנגענומענעם און איינ־געשטעלטן שאַבלאָן און נוסח, מיט וועלכן מען קאָן זיך באַנוצן לכתחילה, איבערלאָזנדיק די פּלעצער, אין וועלכע עס דאַרפן פאַרפולט ווערן געוועג־לעכע ענטפערס און געוועגלעכע פראַגן. אָנגעקומען אין עלעמענטאַר־שול דעמאָלט און דעמאָלט, פאַרענדיקט עלעמענטאַר־שול אין אַזאַ און אַזאַ דאַ־טום, אַריין אין מיטל־שול אין דעם און דעם יאָר, פאַרענדיקט מיטל־שול אין יענעם און יענעם יאָר. אָנגעהויבן באַזוכן די און די אוניווערזיטעט, אויף אַזאַ און אַזאַ פאַקולטעט; פאַרענדיקט... דאָקטאָרירט... מיט אַ דיסער־טאַציע איבער אַזאַ און אַזאַ טעמע, באַקאַנט אין דער וועלט ווי ד״ר, אָדער מאַגיסטער. באַקומען אַ וויסנשאַפטלעכן גראַד אין דעם און דעם יאָר. אָנ־גענומען געוואָרן אַלס קאָרעספּאָנדירנדער מיטגליד דאָ און דאָ, אַלס עפעק־טיווער מיטגליד.... אַלס ערן מיטגליד פון דער און דער אַקאַדעמיע. דאַן קומט אַ רשימה פון די ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, און שוין. דאָס איז דער אָנגענומענער נוסח פון אַ ביאָגראַפיע פון אַ וויסנשאַפטלער, פעסטגעשטעלט און אָנגענומען ווי דער דין איז. אָבער אָט דער אָנגענו־מענער נוסח פּאַסט זיך גאָרנישט צו בארנשטיינען. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ אָדער אַן אַנדער דיפּלאָם, געחתמעט און געשטעמפּלט. ער האָט נישט באַקומען קיין גאָלדענע אָדער זילבערנע מעדאַלן, ער איז בכלל נישט קיין „געענדיקטער״. די בארנשטיינס ענדיקן קיינמאָל נישט זייער שטודיום, מיר באַגרייפן אפילו נישט, וואָס הייסט מען פאַרענדיקט לערנען? דער איינגאַרטיקער פאָלקס אויסדרוק „ער זיצט און לערנט״, אויב מען זאָל אים איבערזעצן ווערטערלעך, וועט ער אַרויסקומען אַביסל אויסטערליש, אויב נישט לעכערלעך, אָבער ער דריקט אויס דעם איינגאַרטיקן באַגריף און איינגאַרטיקע באַציאונג צו לערנען, לערנען תורה. מען „פאַרענדיקט״ ניט,

גאָר מען לערנט שטענדיק. באַקומט מען שוין יאָ „סמיכה", אָדער „היתר הוראה", האָט עס גאָר אַ פּראַקטישן ווערט, עס באַדייט אַ סוף צו דער צוגרייטונג אויף צו קאָנען פּסקנען שאלות, אָבער נישט „פאַרענדיקן" לערנען.

און נאָך אַ שוועריקייט איז דאָ ביים שרייבן די ביאָגראַפיע פון אַ בארנשטיין. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר דאַרפן באַשרייבן דאָס לעבן פון אַ גרויסצ:גיקן טוער. אין לעבן פון אַזאַ מענטש איז פאַראַן טאַט און פאַקטאָרן, סיבות און הינטער־סיבות, פּאַסירונגען און נייעסן, וואָס דערוועקן דאָס האַרץ און שטורעמען אויף דאָס געמיט מיט דאַרפן בלויז פאַרצייכענען די פּאַסירונגען, מעסטן און ציילן, אָרדענען און קלאָר מאַכן די פאַקטן, באַצייכענען די ערטער, געפינען דעם אינערלעכן פאָדים צווישן די דערשיינונגען, וואָס ווייזן זיך אויס ווי אָפּגעזונדערטע פּאַסירונגען און באמת זענען זיי באַהאַפטן דורך פעדים, וואָס דאָס אויג באַמערקט קוים און ווען מיר שיילן זיי אויס פון זייער אויסערלעכער קליידונג, געפינען מיר אויס, אַז זיי זענען רינגען פון איין קייט. אָבער פאַר אַלעמען מוז מען אויסגעפינען מאַטעריאַלן, אַ סך פאַקטן, די אָפּוועקסלונגען פון פאַרשידענע ענדערונגען, פּאַסירונגען, צופאַלן, באַציאונגען, וואָס האָבן זיך צונויפגעשפונען און צונויפגעוועבט אין איין לעבנסבילד, און אין אַ באַוועגטער לעבנס פּאַסירונג, אַ דראַמע.

אויך אָט דער פאָרשונגס־וועג איז נישט צוגעפּאַסט צום גרויסן און טיפן ענין, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, דאָס לעבן פון ח. י. בארנשטיין. איך האָב דאָך שוין דערציילט, און אפשר אפילו אביסל צו פיל, זיינע פּאַסירונגען מיט די פאַנאַטיקער, זיין איבערגאַנג צו השכלה, נו, איז בכן? ווער פון אונדז האָט נישט געקעמפט מיט פאַנאַטיקער? ווער פון אונדז איז נישט אַריבער צו השכלה? דאָס איז דאָך שוין כמעט אַ פעסטגעשטעלטער פאַרגליווערטער נוסח.

פאַרטיפן מיר זיך אויף צו באַגרייפן דעם מהות פון אָט דער אויסטערלישער פערזענלעכקייט, געפינען מיר אין אים אַ גרינטלעכן שטריך, אַן עיקרדיקן איינדרוק, וואָס באַצייכנט זיין לעבן און שאַפן, און דאָס איז: בארנשטיין איז איינער פון די ווינציקע בני עליה, וואָס קאָנען דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אויטאָדידאַקטן.

ער האָט דערהויבן די אויטאָדידאַקטיק צו אַ גאָר הויכער מדרגה, וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט פאַר זיך און געמאַכט פאַר אַ לעבעדיקן קוואַל וואָס שפּרודלט דורך דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור אין העב-רעאיש מיט ברכה און שפע פאַר אַנדערע.

די זעלבסטבילדונג איז נישט קיין שאַבלאָן, עס איז אַ לעבעדיקע און אייגנאַרטיקע דערשיינונג. יל״ג, אין זיין שיר: „וויפיל לאַמאַנאַסאָװס זענען דאָ אויף דער יידישער גאַס!", האָט געוואָלט מאַכן פון איר אַ שאַבלאָן. אָבער ער האָט זיך נישט פאַרטיפט, נאָר אויבערפלעכלעך אַ פלאַטער געטאָן, און פאַרגלייכט צוויי דערשיינונגען וואָס זענען נאָר פון אויבנאויף ענלעך איינע אויף דער צווייטער. אויך אין דער זעלבסט-בילדונג פון אַ לאַמאַנאַסאָוו איז פאַראַן די גרויסקייט פון ברעכן צווי-מען, פון האָרעוועו אויף לערנען, פון מעכטיקן טאַלאַנט, פון דערהויבונג, אין די אַלע בחינות איז דאָ אַן ענלעכקייט. בכלל זענען אין אַלע דער-שיינונגען פון מענטשלעכן לעבן פאַראַן געוויסע ענלעכקייטן, אָבער עס זענען אויך פאַראַן אַ סך אומענלעכקייטן, פאַראַן אָפּנייגן, און אָפּנייגן פון אָפּנייגן, פאַראַן קאָלאָריט וואָס קומט פון ראַסע, אָרט, לעבנס-שטייגער. און אָט די זאַכן זענען שוין גאָרנישט גלייך. דער יידישער אויטאָדידאַקט פון מזרח-אייראָפּע, וואָס איז פון לכתחילה דערצויגן גע-וואָרן אויף תורה און תלמוד, געפינט זיך אין אַ ספּעציעלן צושטאַנד, ער דענקט און אַקטואירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. עס איז אַן אינ-טערעסאַנט קאַפּיטל פון אונדזער קולטור געשיכטע, אַ קאַפּיטל, וואָס ווערט שוין אָפּגעשלאָסן, אָבער בשעתו איז עס געווען גרויס און גלענצנד.

איצט זעט מען עס ווי דורך אַ נעפּל, און נאָר ווייניק באַגרייפן עס, מערערע פילן עס אינסטינקטיוו, פון צייט צו צייט ביי געוויסע פּאַ-סירונגען. למשל, שטאַרבט אַ מאַן ווי בארנשטיין, וואָס האָט געשריבן טייערע ביכער און מאמרים, טרויערן מיר דען נאָר אויפן פאַרלוסט פון דער שעפערישער קראַפט, וואָס האָט אונדז געגעבן ביכער און מאמרים? מען פילט, ווען אפילו מען באַגרייפט נישט קלאָר, אַז מען טרויערט אויף עפּעס, וואָס איז מער פון ביכער און מאמרים, אפילו מער פון דער וואונ-דערלעכער פּערזענלעכקייט פון נפטר, מען פילט, די שכינה האָט זיך

אָפּגעטאָן, די שכינה פון אַ גרויסער תקופה, די שכינה פון די גרויסע אויטאָדידאַקטן, אַ ספּעציעלער אוצר, אַ העכערע שײַן, וואָס מיר שרעקן זיך, ווען עס הייבט אָן צו פאַרשווינדן.

די וואָס באַנוצן זיך מיט שאַבלאָנע מיינונגען, זאָגן: „די זעלבסט־בילדונג איז נישט קיין גאַנצע סיסטעמאַטישע תורה, נאָר אַ געמיש פון פאַרשידענע רעצעפּטן, באַהויכט פון בלערליי געוואַכן, פּיצלעך פון פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, אַ פּיצל פון דעם און אַ בראָק פון יענעם, וואַקלענדיקע ברוכשטיקער, אָפּגעריסענע ידיעות, אויבערפלעכלעכע, צע־פּיצלטע, צעוואָרפענע און אָפּגעהאַקטע, אָן אָרדענונג, אָן אַ ריכטליניע. אָט די שטרענגע ריכטער ווייסן נישט, אַז אַזוי איז געווען די כאַראַק־טעריסטיק נאָר פון די אויטאָדידאַקטן, וואָס זענען געווען און פאַרבליבן גראָבע יונגען, די וואָס האָבן נאָר געהאַט דאָס נעגאַטיווע פון דער זעלבסט־בילדונג; ס׳הייסט, זיי האָבן נישט געהאַט קיין לערער, אָבער זיי זעלבסט האָבן נאָר אָנגעהויבן צו לערנען, זיך געהיצט, זיך געטומלט, פילאָזאָ־פירט, אָבער נישט געלערנט.

דאָס זענען לערנער, וואָס איילן זיך גלייך פון אָנהויב, קומען קיינ־מאָל נישט צום סוף און בלייבן אין זייער מיטלמעסיקייט. און כּפי זיי זענען געשטראָפט מיט פוילערישער אָפּגעלאָזנקייט, מיט לייכטזיניקן אי־בערשפּרינגען פון איין קעגנשטאַנד צום צווייטן, מיט מידקייט, מיט נײַ־גונג צו לאַנגווייל, מיט פעלן פון התמדה, — אוי דאָס פעלן פון התמדה! דער קאַנסער וואָס פאַרצערט אונדזער גאַנצע מי! — האָבן זיי גאָר־נישט דערגרייכט. אָבער דער, וואָס לערנט אַליין טאַקע אויף אָן אמת, איז גאָר נישטאָ נאָך אַזאַ גרינטלעכער ווייסן ווי זײַנער, נישט אַזאַ סיסטעמ־אַטישקייט ווי ביי אים.

ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן דער תקופה פון זעלבסטבילדונג, און הער די רייד פון גאוה און ביטול צו זיי מצד די קליינינקע שפּרינגער־לעך און פּרוכטלאָזע ביימער וואָס קאָנען נאָר רוישן, פרעג איך זיך אַליין: איז טאַקע די קרענק פון פאַרגעסן אַזוי גרויס? האָט שוין אונדזער דור באַוויזן צו פאַרגעסן די עפּאָפּעע און די מאַרטירלאָגיע פון די אויטאָ־דידאַקטן? ווער קאָן דערציילן אַלע זייערע מאַטערנישן, ווער קאָן אַרומ־

רעדן זייער פיין. גרויס איז געווען רונד און ארום דער תהו ובהו און זיי זענען געלאפן צום ליכט.

נישטא קיין וועג, נישטא קיין וועג־ווייזער, א דערנער־געפלאנטער אויף יעדן שריט. יעדער מאדערנער יידישער ספר איז זיי געווען פאר־באטן, אלץ איז „טריפה־פסול". און פאר יעדן בוך אין א פרעמדער שפראך האט מען שיעור נישט פארמשפט צו עשאפאט. קאנען דען די איצטיקע „העלדן", די רעגולערע תלמידים וואס לערנען אין דער זעט, אין רו און אביסל פוילקייט, ווי שעפעלעך אויף דער לאנקע, קאנען זיי פארשטיין דעם פיין און די מאטערנישן פון די אויטאדידאקטן? צי קאנען זיי פארשטיין וויפיל האבן זיי זיך געפלאגט, האבן ארומגע־טאנצט, ביז זיי איז געלונגען קוים אפצוקנייפן א שטיקל זאנג מיט זייע־רע פינגער? צי וועלן זיי פארשטיין זייער זודיקן, שפרודלדיקן, פראטעס־טירנדיקן און רעוואלוציאנערן באגער צו וויסן? קאנען זיי אפשאצן וווי־פיל געטלעכע פונקען, גייסטיקע אויפטרייסלונג, יסורים, בענקעניש און באגער צו וויסן, האבן מיר פארמאגט אין יענער צייט, ווען מיר האבן נישט געוווסט פון קיין שוואכקייט, קיין מורא? וויפיל רעוואלוציאנערי־שע עקשנות און אנטשלאסנקייט האבן געוויירט אין אונדז. נישט קיין רו בייטאג, נישט קיין שלאף ביינאכט, אין דחקות און קעלט, שווארץ ברויט מיט ציבעלע, אן סטודענטן־ארגאניזאציעס, ווו איינער דערמוטיקט און שטארקט דעם צווייטן, נאר יעהער באזונדער אויף זיין איינזאמען שטעג, איינזאמע, געיאגטע, קעמפנדיק פאר יעדער פונק וויסן. ריזן־קינדער האבן מיר דאן געזען — אין דער צייט פון גבורה, אין מסירת נפש פאר וויסן לשם וויסן, אן אלזייטיקער וויסן, יידיש און מענטשלעך אין דעם פולן גלאנץ פון איר רייכטום, וויפיל תעניתים און שלאפלאזיקייט, וויפיל פאמיליען-קריגערייען, קלעפ און געשלעגן, זידלערייען און בזיו־נות, קללות און חרמות, האט געקאסט א קאפיטל פיזיק, א ביסל מאטעמאטיק, וואס איז שוין צוליב דעם אליין געווארן ליב און טייער ווי א טייערער זאפ־רויב אין די הענט פון א גבור. אלע טאג פלעגן מיר פאסטן א האלבן טאג, מען פלעגט אויפשטיין פארטאג, צוויי מאל אין וואך איז מען געווען אויף די גאנצע נאכט. ווער האט געוווסט וואס

ביי אונדז אין האַרצן טוט זיך? ווער האָט געוווּסט דעם צער פון די תּלמי־
די חכמים און בעיקר פון די משׂכּילים אויטאָדידאַקטן?

יאָ, אַ קאַפּיטל פיזיק, אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, אַביסל לאַטיי־
נישע גראַמאַטיק, דאָס איז אַלץ טרוקענע און פּוסטע זאַכן! אין יענע
יאָרן פלעגן די אויטאָדידאַקטן נישט אָפּקומען מיט הויכע דיסקוסיעס
וועגן באַוועגונגען, שטרעמונגען, פּאַרטייען, אָפּאָזיציעס, אַ לייכטע צו־
ציענדע זאַך. זיי האָבן געאַקערט אויף האַרטן באָדן, נישט געלאָזט פליען
קיין זייף־בלעזלעך וואָס זאָלן זיך זיי אויסווייזן ווי טורעמס, געלערנט
„פאַרגלייכונגען", און אַריבער פון איין גראַד צו אַ העכערן ביז קומען
צו דער העכסטער מאַטעמאַטיק. זיי זענען נישט געווען געניט און די
אַלע „דעראַינערונגען", „טראַכטענישן", „שפּראַצענישן", „וווּנקען" און
„רמזים", וואָס פינקלען אין דער נאַאיווער אָדער זיך נאַאיוו מאַכנדיקער
ליריק, אין דער איצטיקער פּאָעזיע און לעבן, אַזוי לייכט און אַזוי פאַרבי־
שופנדיק ווי חלומות אויף אַ שפּאַציר. זיי האָבן געלערנט לאָגאַריטמען
און דער עיקר, זיי האָבן נישט אָנגעהויבן און געלאָזט אין מיטן, האַלטנ־
דיק, אַז שוין, גענוג פון זיי. דאָס אַלטע ווערטל איז נישט ריכטיק. נישט
דער אָנפאַנג איז שווער, אדרבא, די התחלות זענען לייכט, סיי אין שטו־
דיום, סיי אין אַ פאַך, סיי אין יעדער אַרבעט, וואָס אַ מענטש נעמט זיך
טון. עס הויבט זיך אָן מיט גרויס ברען, וואָס ווערט צומאָל גלייך אויס־
געלאָשן און לאָזט איבער נאָך זיך היפּש טשאַד. אָבער זיי האָבן נישט
אָפּגעלאָזט, און דערפאַר האָבן זיי צו עפּעס דערגרייכט. ווען נישט זיי
און זייער אַרבעט, ווער ווייסט, צי מיר וואָלטן נאָך ביז היינט נישט
געווען פאַרשפּאַרט אין אַ גייסטיקן געטאָ פון אומוויסנהייט און אָבער־
גלויבן. עס העלפט נישט קיין „פּאַרטיי", קיין „וועלט אָנשויאונג", קיין
„באַוועגונג", אויב פאַר זיי קומען נישט קיין פּשוטע קאַלטע און טרוקע־
נע למודים. ווער עס האָט נישט קיין העמד אויפן לייב, דאַרף נישט קיין
קראַוואַט. ווער קאָן קלעטערן אויף די הויכע בערג, איידער זיינע פיס
קאָנען פעסט שטיין אויף דער ערד?

די פערפעקטקייט פון בארנשטיינס וויסן איז אַ נצחון פון דער אַב־

סאַלוטער אויטאָדידאַקטיק אין איר קאַמף מיט דער סביבה, נאָך מער, אין איר מלחמה מיט זיך זעלבסט.

III

אַט דער אויטאָדידאַקט איז געווען בעיקר אַ מאַטעמאַטיקער. איך בין נישט געניט פאַכמאַן אין מאַטעמאַטיק אויף צו קאָנען פעסטשטעלן דעם גראַד פון זיין וויסן, אָבער לויט מיין מיינונג, און לויט דער מיינונג וואָס איך האָב געהערט פון ספּעציאַליסטן, איז בארנשטיין געווען אַ זייער פעאיקער מאַטעמאַטיקער, אַן אויסגעצייכנטער וויסער. איך וויל אָבער נישט זיין קיין פאַנעגיריקער און זינגען לויב געזאַנגען. בארנשטיין איז געווען אַן אויפריכטיקער מענטש און אַ פינקטלעכער, און אַט אין דעם גייסט דאַרף זיין יעדע אָפּשאַצונג וועגן אים גופא, אָן פאַנטאַזיעס און איבערטרייבונגען. בארנשטיין איז נישט געווען פון די קאָריפעען פון דער מאַטעמאַטיק.

אויב איך רעד דאָך וועגן זיין מאַטעמאַטיק, איז ווייל איך וויל קלאָר מאַכן די השפּעה פון דער מאַטעמאַטיק אויפן געמיט און אַרבעט־מעטאָדן פון בארנשטיינען. איך וועל נאָר ווי בדרך אגב מאַכן אייניקע ווייניקע באַמערקונגען, וואָס האָבן לויט מיין מיינונג, אַ געוויסע שייכות צום גייסטיקן און ליטעראַרישן כאַראַקטער פון מיין העלד.

מאַטעמאַטיק איז אַן עקזאַקטע וויסנשאַפט. דער אמת, אַז פינף און זיבן איז צוועלף, בלייבט אמת פאַר אַלע זאַכן און אין אַלע צייטן. ווען אַ קינד וויל נאָכקאָנטראָלירן דעם דאָזיקן כלל דורך אונטערציילן, קומט עס אונדז אויס לעכערלעך. דער דערוואַקסענער מענטש זוכט נישט קיין באַשטעטיקונג פאַר אַט דעם כלל אין דער פּראַקטיק. אַזוי איז עס אויך מיט געאָמעטריע. דער כלל, אַז דער ווינקל צווישן צוויי קאַטעטן איז אַ גלייכער, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם, וואָס ווייסט וואָס דאָס וואָרט קאַטעט באַדייט. דער מאַטעמאַטישער געזעץ איז זיכערער פון אַלע היסטאָרישע פאַקטן און פון אַלע באַאָבאַכטונגען אין נאַטור־וויסנשאַפט. שוין די שפּראַך זעלבסט מאַכט אַ דיפערענץ פון די קעגנשטאַנדן. אין מאַטעמאַטיק זענען דאָ אַקסיאָמעס, בשעת אין אַנדערע

וויסנשאַפטן זענען דאָ פאַקטן, פון וועלכע מען דרינגט אַרויס געזעצן. דאָס מאַטעמאַטישע וויסן ווערט אויך דערגרייכט לויט ספּעציעלע מע־טאָדן. נאַטור וויסנשאַפט לערנט מען פון דערפאַרונג, און כידוע איז די דערפאַרונג נישט פולקאָם און איז אין פאַרשידענע הינזיכטן אפילו באַ־שרענקט. די פאַקטן, וואָס מיר רופן „היסטאָרישע", האָבן אַנדערע געזעצן און מיר קאָנען זיך אויף זיי יאָ אָדער נישט פאַרלאָזן. אַנדערש איז עס מיט די מאַטעמאַטישע אַקסיאָמען, זיי זענען אַ פּועל יוצא פון אונדזער דענקונגס קראַפט, וואָס וועקן זיך אין יעדן פון אונדז אויף אַ פּאָזיטיוון און אומפאַרענדערבאַרן אופן, פּונקט ווי ווען וואַסער פרירט, באַדייט עס אַ באַשטימטע געאָגראַפישע פּאָזיציע און פּונקט ווי אַ מינעראַל קריסטאַ־ליזירט אַלעמאָל אין די זעלבע קריסטאַלן.

אמת, די מאַטעמאַטישע אַקסיאָמען, באַציען זיך צו דער אויסער־לעכער וועלט, אָבער זיי זענען אומאָפּהענגיק פון אירע ענדערונגען און אויפטרייסלונגען. די מאַטעמאַטישע באַגריפן לעבן אין געדאַנק, אָבער זיי וואָרצלען צו אַלעם ערשט אין די איינדריקן, וואָס מיר נעמען אויף דורך די חושים, און מען קאָן זיך מיט זיי באַנוצן פאַר פּאָזיטיווע זאַכן. ווען מיר שטעלן זיך פאַר אַ גלייכזייטיקן דריי־עק פון 60 גראַדיקע ווינק־לען, ווייל עס נישט זאָגן, אַז מיר האָבן טאַקע אַזאַ דריי־עק פאַר אונדזערע אויגן. ער שוועבט נאָר אין אונדזער מחשבה און איז אַ גייסטיקע פאָר־שטעלונג ווי דאָס געפיל פון שרעק אָדער פרייד.

די מאַטעמאַטיק איז אַ בריק צווישן דעם קערפּער און דער דענ־קונגס־קראַפט, וואָס מיר באַזיצן, עטוואָס וואָס איז צווישן די זאַכן וואָס מיר נעמען אויף מיט אונדזערע חושים און דאָס וואָס קומט פאַר נאָר אין אונדזער דערקענטעניש.

דער מאַטעמאַטיקער גייט צו גאָר גאָר נאָענט צו דער הויפּט פראַ־גע פון דער פילאָזאָפיע, דאָס איז דער בונד צווישן קערפּער און גייסט. געאָמעטריע גיט זיך אָפּ מיט פאַרשן דעם רוים און די קערפּערס וואָס געפינען זיך אין אים, קערפּערס וואָס מיר קאָנען זען מיט די אויגן און אָנטאַפּן מיט די הענט. צאָלן האָבן פאַרצוג איבער פיגורן. די צאָלן באַ־הערשן נישט נאָר די פּאָזיטיווע וועלט, דורך צאָלן קאָנען מיר דעפינירן

אפילו קלאַנגען, די צאָלן זענען אונטערגעוואָרפן אפילו די הימלישע קערפּערס, וואָס באַוועגן זיך אין זייערע אָרביטן, לויט פעסטגעשטעלטע געזעצן. די מאַטעמאַטישע צאָל און די געאָמעטרישע פאָרעם בילדן דעם טייל פון דער אויסערלעכער וועלט, וואָס מיר קאָנען איינהאַלטן אין אונדזער זכרון מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. דאָס איז דאָס איינציקע רעשטל פון די איינדריקן, וואָס מיר האָבן פריער אויפגענומען, אַ רעשטל וואָס איז שטענדיק צו אונדזער דיספּאָזיציע. דאָס גאַנצע איבעריקע קאָן פונדאָסניי דערקענט ווערן, אָבער נישט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן אָן אָפּהאַלט ווי אַ גייסטיקע פאָרשטעלונג.

אין אַ געוויסן זין איז פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן מאַטעמאַטיק און מוזיק. דער מאַטעמאַטיקער און דער מוזיקער קאָנען זיין אָפּגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט, לעבן איינזאַם און הנאה האָבן פון זייערע גייסטיקע רייכטימער און נאָך פאַרגרעסערן זיי, ס'הייסט, שאַפן אייגענע שאַפונגען. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס דער אינהאַלט פון דער מוזיק איז אַ מענטשלעכער און דער אינהאַלט פון דער מאַטעמאַטיק אַן אַלוועלטלעכער. די מאַטעמאַטיק איז נישט אָפּהענגיק פון ווער, נאָר וואָס. זי איז נישט קיין פּראַקטישע וויסנשאַפט, כאָטש זי האָט געבראַכט גרויסע נוצן.

דער צוועק און אמתע שטרעבונג פון מאַטעמאַטיקער איז די פרייד און דער גייסטיקער גענוס, וואָס ער האָט פון זיין פריידיקער פרייער מוח-אַרבעט און די גייסטיקע רואיקייט, וואָס עס ברענגט די לייזונג פון די פּראָבלעמען און רעטענישן, אַזוי האָבן עס פאַרשטאַנען אַ סך פילאָזאָפן צווישן זיי דער רמב"ם.

די מאַטעמאַטישע איינשטעלונג פון בארנשטיינען איז נישט באַגרעניצט נאָר מיט דעם, וואָס ער האָט מאַטעמאַטיש געלייזט אַ סך פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען וועגן צייט-צייילונג, זי גייט פיל טיפער, אַלע זיינע פאָרשונגען זענען לויטן מאַטעמאַטישן מעטאָד. אַלע זיינע שלוסן מאַכן דעם איינדרוק פון אַ סימעטרישער שאַפונג, וואָס די גרופּע פון איין זייט איז גלייך צו דער גרופּע פון דער צווייטער זייט; אַ רעכטער פליגל און אַ לינקער פליגל, און אַלע זיינע השערות, ריכטיקע אָדער נישט

ריכטיקע אין דעטאלן, דערמאָנען אין זייער פאָרמולירונג און אויסאַרבע־טונג די מאַטעמאַטיק פון פונקציעס, נישט אָפּגעשטעלטע פאַרגלייכן מיט צוויי אומבאַוווסטע, ווו מיר קאָנען געבן דעם ערשטן אומבאַוווסטן יעדע צאָל, וואָס מיר ווילן נאָר...

און דאַרף איך דען ווידערהאָלן די פאָריקע באַמערקונג וועגן די אייגנשאַפטן פון מאַטעמאַטיק, אויסרעכענונג פון צאָלן וואָס פאַרוואַנד־לען זיך אין גייסטיקע פיגורן, אין דער פרייד פון תורה לשמה? אַט די אַלע מעלות האָט באַרנשטיין פאַרמאָגט, בעיקר די לעצטע. ער האָט זיך איינ־געשלאָסן אין זיך און געלערנט, ער האָט אויסגעוועבט פון זיך אַליין, און גרויס איז געווען זיין פרייד! דאָס פילט זיך אַרויס פון זיין וויכטיקסטן ווערק (אין ספר היובל) ווי טיף ער איז איבערגעגעבן מיט לייב און זעל, אויפצוקלערן די גרויסע מחלוקת צווישן ר׳ סעדיהו גאון און בן מאיר, וויפיל ער האָט ליב די דאָזיקע אַרבעט, און פרייט זיך מיט דער אַנטדע־קונג פון נייע פּרטים. דער גענוס פון פרייד שטאַרקט זיך ביי אים פון איין אַרבעט צו דער צווייטער, עס פילט זיך, אַז יעדער נייער שטראָם פון ליכט און וויסן, וואָס זיין גרויסער גייסט ברענגט אַרויס, ברויז נאָך ברויז, אָן מידקייט, נאָר, אדרבא, מיט אַ שטייגנדער זיגנדער קראַפט, איז גלייכצייטיק אויך אַ השתפכות און אַ הימן פון אַ גרויסער זעל, וואָס איז איבערפולט מיט דער מאַטעמאַטיק, וועלכע ניטשע האָט אָנגערופן אין הסכם מיט די קלאַסישע גריכן: די פריילעכע וויסנשאַפט.

אָבער זיין נאָר אַן אויטאָדידאַקט, אָדער נאָר אַ מאַטעמאַטיקער — איז נישט גענוג. עס וואָלט געווען גענוג פאַר אים גופא, אָבער מיר וואָלטן אים נישט געקאָנט. מיר קאָנען אים אָבער יאָ, ווייל ער איז גע־ווען אַ העברעאישער שרייבער. איך זאָג עס מיט שטאָלץ: געווען אַ ה ע ב ר ע א י ש ע ר שרייבער.

באַרנשטיין איז געווען אַן אויסגעצייכנטער העברעער, אין געוויסע הינזיכטן האָט ער געהאַט ענלעכקייט מיט ר׳ ז. יעבץ און ר׳ י. פינעס; מיט זיינע רבנישע אויסדריקן אין העברעאישער פאָרעם האָט ער דער־מאָנט ר׳ מרדכי פלונגיאַן און פ. מ. האַלפּערן, דער מחבר פון „אבן בוחן”. אויך ער האָט געשעפּט פון די ערשטע קוואַלן פון תורה און תלמוד.

אויך ער איז נישט געווען סתם אַ שפּייבלער פון דער אַלטער שפּראַך, נאָר ער האָט געשאַפן, דערגענצט און באַרייכערט אונדזער שפּראַך, ער האָט נישט געקאָנט אַנטוויקלען די שפּראַך אין אַלע הינזיכטן, ווייל ער האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט באַשטימטע קעגנשטאַנדן, אָבער אין זיי האָט ער געשאַפן פּינקטלעכע אויסדריקן אין הסכם מיטן גייסט פון דער שפּראַך, בארנשטיין האָט פּיינט געהאַט דאָס אויפגעבלאָזענע, דאָס מאָ־מענטאַלע, דאָס איבערזעצטע, וואָס זוכט אַראָפּצוּוואַרפן די לאַסט פון דער ירושה, און צוליב דעם פּאַרמיאוסט עס די אָריגינעלע שיינקייט, די נאַטירלעכע אייגנשאַפטן און די גרויסע טראַדיציע פון דער שפּראַך און וואַרפט זיך אונטער דער נאָכאַמונג, דער אַסימילאַציע און יעדע ווענדונג פון טאָג־גייסט, פּוצנדיק זיך נישט אין פּאַרעלטערטע מליצות וואָס זענען לכל הפּחות איר אייגנטום, נאָר מיט מליצות וואָס זענען איר גענצלעך פרעמד. ער האָט אויך נישט ליב געהאַט די לייכטע שפּראַך, וואָס קאָן פליסיק געלייענט ווערן פון אַ ווייניק געלערנטן לערער, אָבער פאַרמאָגט נישט דעם זאַפט פון תורה און תלמוד, און אפילו דאָרט, ווו עס איז נויטיק, קאָן זי זיך נישט דערהויבן צו קיין מדרגה. ער פלעגט ליידן פון די זינד קעגן דקדוק און סינטאַקסיס, וואָס פילע פלעגן באַגיין מיטן גרעסטן לייכטזין. דער דקדוק איז פאַר אים נישט געווען סתם אַ טויטע טראַדיציע, נאָר אַ נוצלעכע דיסציפּלין, אַ לעבעדיקע, אַ נויטיקע, אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע, וואָס מיט איר צעשטערונג ווערט אַלץ הפקר און תהו ובהו.

אויך אין זיין צוגעבונדנקייט צום דקדוק איז געווען עטוואָס פון מאַ־טעמאַטישער אומבויגזאַמקייט, וואָס קאָן נישט מותר זיין. דער דין איז פ אַ ר אַלעמען. ער איז אויך געווען אין געהיים אַ פאָרשער פון מזרח שפּראַכן. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרטיפן זיך מיט דער גאַנצער קראַפט זיינער אין די געזעצן פון העברעאיש, אין איר מהות און אין די סודות פון איר פרישקייט, טעם און האַפט. אָט די פאָרשונגען זענען געווען זיין פאַרגעניגן און אַן אָפּפרישנדיקע אָפּוועקסלונג פון זיין פאַך־אַרבעט. די העברעאישע ווערטער זענען פאַר אים געווען נישט סתם טערמינען, וואָס מען רעדט אַרויס אַנשטאָט טערמינען אין אַנדערע שפּראַכן, זיי זענען פאַר אים געווען ווי די אותיות פון „ספר יצירה” וואָס שפּיגלט אָפּ די

ספּעציפֿישע נאַציאָנאַלע גאונות. ווען ער פֿלעגט שרייבן אין זיין פּרי־שער, זאַפּטיקער שפּראַך, אַ ריינעם פּרעכטיקן העברעאיש, דורכגעמאַרכט מיט לעבנס־זאַפּט פֿון תנ״ך און פֿון דער גרויסער ליטעראַטור פֿון אַלע דורות, האָט ער געפֿילט אַ מין ווידער־אויפֿלעבונג, אַ באַהעפֿטונג מיט אַלץ וואָס איז גרויס און אייביק אין יידנטום.

ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין אויסטייטשן ווערטער. איך וויל זיך נאָכאַמאָל אויסהיטן פֿון איבערטרייבונגען און פֿון ליבע, וואָס מאַכט טיילמאָל קאַליע דעם אמת, איך וויל זיין פּינקטלעך אין מיין אָפּשאַצונג: אין באַצוג צו שפּראַך איז בארנשטיין געווען אַ גדול, נישט קיין גאון, עס זענען געווען און עס זענען דאָ גרעסערע פֿון אים, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויפֿן געביט פֿון שפּראַך, פּונקט ווי בארנשטיין האָט זיך ספּעציאַליזירט אין צייט־רעכענונג. ער האָט געוווּסט זיין אָרט, וואָס די נאַטור האָט אים באַשטימט דורך די פֿעאיקייטן, וואָס זי האָט אים געגעבן און דורך דער דערציאונג און בילדונג, וואָס ער האָט געקראָגן און וואָס האָבן באַשרענקט זיין אָרט אויפֿן געביט פֿון דער שפּראַך וואָס איז פֿאַר זיי באַשטימט. אָבער חוץ שפּראַך איז נאָך פֿאַראַן סטיל, עקס־פּאָזע־מעטאָד, און אָט אין דער הינזיכט זע איך בארנשטיינען אויף אַ העכערער מדרגה ווי אין באַצוג צו שפּראַך גופֿא. שוין באַלד פֿופֿציק יאָר ווי מיר ווערן נישט מיד צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיינע אינהאַלטסרייכע ביכער און מאמרים. זיין פּעדער איז געווען ווי אַ פּרוכטבאַרער וויינשטאָק, ווי אַ בוים, פֿאַרפֿלאַנצט ביי די וואַסערן פֿון תורה און חכמה, וואָס הערט נישט אויף צו געבן פּרוכט. אין די אַלע הינזיכטן האָט ער זיך אויסגע־צייכנט מיט בהדרגהדיק־שטייגנדיקער פּערפֿעקטקייט, אַ לייכטן סטיל וואָס פֿליסט אין אַ פֿיינער געלערנטער שפּראַך, וואָס עקספּאָנירט יעדע זאַך אויף איר אָרט. ווי רואיק און שיין, פּראָפֿעסאָריש אין בעסטן זין פֿון וואָרט איז געווען זיין עקספּאָזע! פֿאַראַן אין איר נישט נאָר ווייסן, וואָס יעדער קאָן דערוועלבן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, נאָר אויך געשמאַק און מאָס, אויסגעאיידלטער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם און אַפֿילו ווען ער דיסקוטירט — און ער מוז דיסקוטירן אויף שריט און טריט! — ווי ריין איז זיין עקספּאָזע פֿון יעדער כבוד זוכעניש, פֿון יע־

דער קליינקעפּיקייט פון קלייזל־מענטשן, וואָס לויבן זיך אויס קעגנזייטיק, און פאַרגינען נישט קיינעם וואָס געהערט נישט צו זייער קרייזל, פון יעדער קליגלען זיך אויף אָפּצורעכענען זיך פאַר אָנפאַלן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, און פון יענעם מיאוסן עגאָאיזם, וואָס שפּאַרט אַרויס פון די וויסנשאַפטלעכע דיסקוסיעס צווישן בארנשטיינס פאַרגייער. וויפיל ריינקייט, באַשיידנקייט און אָפּגעזונדערטקייט פאַרמאָגט בארנשטיין; אין דער הינזיכט איז בארנשטיינס כאַראַקטער אַ פולקאָם ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער, פעסט און אויסגעגאָסן ווי אַ קרישטאָלענער זייל.

איך וויל אונטערשטרייכן און רעזומירן די גרונד שטריכן פון דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער פערזענלעכקייט; אַלזייטיקע קולטור, טיפער שכל, שאַרף, קלאָר ווי קרישטאָל, אַ ברייטער בליק, אַ געטרייער קריטישער גייסט, אַ מעכטיקער כוח פון זכרון, אַ געפיל פאַר סטיל ביזן העכסטן גראַד פון קינסטלערישקייט, אַן אומגעווענלעכער סכום פון וויסן, סומירט מיט אַן אויסערגעווענלעכער, כמעט אומגלויבלעכער אַרבעטס פעאיקייט, פלייסיקייט און אויסדויער. ער האָט נישט ליב געהאַט צו פוצן זיך אין מאַנטל פון גרויסקייט, נישט שטאָלצירט מיט זיין וויסן, נישט געזוכט קיין נאָמען, נישט געקלונגען און נישט געלאָזט, אַז אַנדערע זאָלן קלינגען אין גרויסן גלאָק, אויסלויבן אין דער עפנטלעכקייט זיינע גרויסע מעלות, אָדער זיינע הויכע מדות, וואָס וואָלטן באמת צוגעגעבן זייער אייגנטימער אַ גלאָררייכן לאָרבער־קראַנץ. ער האָט פיינט געהאַט צו זיין אַ קופּץ בראש, דעם מאַרק־טומל פון פעבל, אָפּטמאָל פלעגט ער זיך אָפּזונדערן, דערווייטערן פון מענטשן־געטומל און פאַרטיי־באַוועגונגען, בלייבן איינזאַם ווי אַ „זעגלבוים אויף אַ שפּיץ באַרג”, און דעמאָלט פלעגט ער זיין פריילעך, גוטמוטיק, אָנגעקוואָלן מיט דער פרייד פון אַ חסיד פון דער וויסנשאַפט; זיין פּנים שיינט און איז צוגעלאָזן, אַזוי אויך זיין סטיל. צייטנווייז פלעגט אים דווקא אַ צי טאָן צו געזעלשאַפט, און דאַן פלעגן פון אים אַוועק די שאָטנס פון זיין פאַרטראַכטקייט און פאַרטיפקייט אין מחשבות, אָבער ער פלעגט זיך באַגנוגענען מיט אַ מינימום פון געזעלשאַפט, געווען זייער געצוימט ביים אויסזוכן חברים. אַלע יאָרן געווען אַ „נחבא אל הכלים” אין גרונד געווען אַ מענטש פון שלום, וואָס לעכצט

נאָך פּאָלקאָמער רו, וועלכע איז נויטיק אויף צו פאַרטיפן זיך אין תורה און חכמה. פול מיט פרישקייט און מיט גייסטיקער שטאַרקייט, א גע-לאסענער און באַזאַכטער, א קאָנצענטרירטער און אָפּגעהיטער, א מענטש וואָס אנטלויפט פון פוסטע זאַכן, פון געלעכטער און לייכטזין, פון טומל און פּאָפּולאַריטעט. דער צענטראַל פּונקט פון זיינע שטרעבונגען איז גע-ווען שכלדיקע השלמה. צו צייטונגען, צו כלל-ארבעט האָט ער זיך באַ-צויגן מיט כבוד, אַלץ געוווסט, אַלץ געהערט, און אַלץ געדענקט, אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט צופּיל צוגעצויגן.

געווען אַן איינציקער אין זיין דור, און אפשר אויך אין א סך פריע-קע דורות, אין צייט־רעכענונג, יאָר־קאַלענדאַרן, שיטות פון וויסנשאַפט-לעכער כראָנאָלאָגיע. צו דער מדרגה האָט ער דערגרייכט דורך זיין מאַטע-מאַטישער פּינקטלעכקייט, זיין ליבע צום אמת און נייגונג צו זיכערקייט וואָס איז באַגרינדעט אויף א פעסטער באַזע, מדות וואָס ער האָט קולטי-ווירט, פון זינט ער איז צו זיין שכל געקומען אַלס נאַטירלעכע פאַרבע-רייטונג צו זיין שטודיום, און וואָס האָט זיך געשטאַרקט אין אים אויף וויפיל ער האָט מער געלערנט און מער פּערפעקציאָנירט זיך. דורך א שטרענגן קריטישן מעטאָד, אַן נאָכגיביקייטן, מיט וועלכן ער פלעגט זיך באַציען צו אייגענע ווי צו פרעמדע מיינונגען, דורך אַן אינערלעכן דראַנג צו אַבסאָלוטער קלאָרקייט, וואָס באַנוגנט זיך נישט אפילו אין די טונקל-סטע און פאַרפלאָנטערטסטע פראַגן מיט האַלב־ווענגן, נאָר זוכט אומעטום אַבסאָלוטע קלאָרקייט און ווערט נישט מיד צו נישטערן און פאָרשן, ביז וואַנען אַלץ ווערט קלאָר אין צאָלן און פאַקטן, אוינגנשיינלעך, נישט רעט-זעלהאַפט.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיטן אָנגענומענעם צוליב גע-וווינהייט, נישט געמאַכט קיין טריט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און ווו נאָר ער האָט אויסגעפונען, אַז די אָנגענומענע מיינונגען זענען נישט גענוג באַ-גרינדעט, האָט ער אומדערמידלעך געהאָרעוועט, דורך שאַפנדע און באַ-נייענדע המצאות, צו שאַפן נייע טעאָריעס. און דאָרט, ווו ער האָט שוין געמוזט גיין אויף השערות, האָט ער זיי נישט אַרויסגעשטעלט ווי זיכערע זאַכן, נאָר ער פלעגט בפירוש אונטערשטרייכן, אַז דאָס זענען נאָר השע-

רות. ווו ער האָט עפּעס נישט געוווסט, פלעגט ער אונטערשטרייכן, אז ער ווייסט נישט. אויף אזא אופן האָט ער געפונען א רייע תשובות אויף אַלטע און נייע פּראָבלעמען, און פון דעם אַלעמען זענען ביי אים געבאָרן געוואָרן נייע פּראָבלעמען. זיין מיינונג וועגן דער מחלוקת צווישן רב סעדיה גאון און בן־מאיר איז א גאַנצע תורה און א וועגווייזנדע טעאָריע. דאָ איז אים געקומען צו הילף זיין אָריגינעלע בקיאות אין תלמוד, וואָס האָט זיך באַהעפט מיט זיין מאַטעמאַטישן וויסן. דורך ביידע צוזאַמען האָט ער פיל אויפגעטאָן אין באַמערקונגען און אויסבעסערונגען, געטראָפן אין סאַמע פינטל, און האָט אַריינגעבראַכט א וואונדערבאַרן סדר אין דעם געוואַלדיקן פּלאָנטער פון פאַרשידענע פאָרמולירונגען און נוסחאות, אין די הונדערטער ביכער און מאַנוסקריפּטן, ווי אויך צווישן די דערקלערונגען און מפרשים, וואָס ער האָט אַלע דורכגעקוקט, אויסגעגליכט זייערע קרומקייטן, און פאַרריכט זייערע גרייזן. ער האָט געהאַנדלט אויפריכטיק, געלייטערט און גערייניקט מיט א שטאַרקער, אָבער אויך ווייכער האַנט. און ווען אפילו די אויסטייטשונגען פון א סך מפרשים, אפילו פון די גרעסערע צווישן די גרויסע, זענען געפאַלן אונטער זיין האַנט ווי גאַרבן אונטערן סערפּ פון שניטער, פילט זיך אפילו דער פרומסטער און גלויביקסטער נישט געטראָפן פון דעם, ווייל זיין קריטיק צייכנט זיך אויס מיט אויפריכטיקייט, מיט גייסטיקן אמת, און די וואונדן, וואָס ער פאַראורזאַכט, זענען די וואונדן פון א העלד אויפן פעלד פון תורה, און קיינמאָל נישט קיין נעגל־קרעל פון א קאַץ, פול ליצנות און פאַרניינונג, ווי עס טרעפט אזוי אָפט ביי פילע.

און צו דעם אַלעמען איז בארנשטיין נישט געווען נאָר א מאַטעמאַטיקער און פאָרשער פון עבר, זיין האַרץ איז געווען ווייך צו אַלמענטשלעכע פּראָבלעמען און זיין זעל איז געווען צוגעבונדן צו זיין פאָלק און זיין קולטור. ווער נאָר עס איז געקומען מיט אים אין באַציאונג, פלעגט בלייבן פאַרוואונדערט פאַר אָט דער וואונדערלעכער צוגעפּאַסטקייט, וואָס האָט ביי אים געהערשט צווישן די צוויי אזוי פאַרשידענע געדאַנקען־גאַנגען, וואָס זענען ס'רוב מבטל איינער דעם צווייטן. פאַרשטענדעניש, געפיל און מיטגעפיל צו אַל־מענטשלעכע פּראָבלעמען און מאַטעמאַטישע פּינקטלעכקייט,

קאַלטע טרוקענע אויסגערעכנטקייט, יעדע פראַזע זיינע פלעגט פאַראייניקן וויסנשאַפטלעכקייט פון אַ געלערנטן מיט פּקחות פון אַ געהיטן פּראַקטישן מענטש. אַלץ פלעגט האַרמאָנירן אין זיין שמועס, מיט אַ דירעקטער איינקייטלונג פון די ענינים פון פריערדיקן צו שפּעטערדיקס, אַלץ איז געווען ווי ציגל־רייען פון איין בנין, און פלעגט אַריינדרינגען אין זכרון פון צוהערער מער, ווי דאָס וואָס ער האָט געקאָנט לייענען אין ביכער. זענען שטענדיק געווען אַריינגייער אין זיין הויז גרופּן תלמידי חכמים, וואָס ער פלעגט זיי מקרב זיין און מדריך זיין מיט חכמה און גרויסמוטיקייט. ער פלעגט ווירקן אויף זיינע צוהערער און באַרייכערן זיי מיט זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן. נישט ווי אַ „רבי", אין וועלכן מען גלויבט, ווי אַ חסיד אין צדיק, און יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, איז ווי אַ פאַראָרדענונג פון אַ הערשער, וועגן וועלכער מען טאָר נישט נאָכטראַכטן און וועגן וואָס ער רעדט שוין צווייפלען; אין דער סביבה פון באַרנשטיינען איז נישט געווען קיין אָרט פאַר מיסטישן חסידיזם, פאַר איבערגעטריבענער התפעלות און פערזענלעכער פאַרגעטערונג. ער איז געווען אַ לערער פון קענגשטאַנדן, פון קלאָרע געזעצן, אַ לערער וואָס קריטיקירט און האָט ליב קריטיקירט צו ווערן, און דערפאַר איז זיין ווירקונג געווען אַזוי גרויס. הויפּטזעכלעך פלעגן זיך ווענדן צו אים די פּראָווינצער יונגעלייט, וואָס האָבן ביי אים געפונען ראַט און טאַט. ער האָט געלערנט, אויפגענומען מיינונגען, צו אים פלעגן זיך ווענדן אויטאָדידאַקטן און ער פלעגט געהעריק ענטפערן יעדן וואָס האָט געהעריק געפרעגט. און ווען אפילו ער האָט נישט דערלאָזט קיין איבערטרייבונגען, קיין נשמה אויסגוסן און קיין חסידישע באַציאונג צו זיך, האָבן זיך זיינע תלמידים באַצויגן צו אים מיט פאַרערונג און טיפער ליבע.

דאָס בילד וואָלט נישט געווען פול, ווען איך וואָלט עס נישט דערגענצט מיט נאָך איין שטריך: די איבערזעצונג פון „האַמלעט". ווי באַוווסט האָט באַרנשטיין איבערזעצט שעקספּירס „האַמלעט" פון ענגליש אויף העברעאיש. די איבערזעצונג איז געווען געדרוקט אין „הצפירה" און

איז אויך דערשינען אין אַ באַזונדער בוך. מיט יאָרן פריער האָט ער אי־בערגעזעצט פון מיצקעוויטשעס פּאָעזיע.

די פּאַך־אַפּוטראָפּסים זענען אויפגעציטערט געוואָרן. די פראַגע איז נישט געווען וו אָ ס מען האָט איבערגעזעצט, נאָר וו ע ר עס האָט איבערגעזעצט. ווי האָט געוואַגט אַ מאַטעמאַטיקער און אַ פאָרשער פון אַלטערטום אַרויס פון זיינע גרעניצן און פּרווון איבערזעצן אַזאַ גרויסע, אייביקע פּאָעטישע שאַפונג ווי „האַמלעט”? „ביי לייטן אין יעדער אַנט־וויקלטער ליטעראַטור פירט זיך, אַז יעדער שרייבער ספּעציאַליזירט זיך אין זיין געביט און וואַרפט זיך נישט פון איין געביט צום צווייטן”, אָט דאָס ווערטל איז ביי אונדז דעמאָלט אָנגעגאַנגען פאַר גוט געלט, אַ מין העכערער געזעץ. און יעדער פון אונדז איז דאָך געווען אַזוי געניט אין דעם וואָס ס'טוט זיך „ביי לייטן” און אין „גוט אָרגאַניזירטע ליטעראַטורן”. אַזוי, למשל, איז דער דיכטער פּעטראַרקאַ אין זיינע צייטן געווען פאַר־רעכנט פאַר אַ גרויסן פאָרשער, באָקאַטשיאָ, וואָלטער און רוסאָ, וואָס זע־נען לויטן „פאַך” געווען דיכטער, האָבן אויך געשריבן וויסנשאַפטלעכע ווערק, מילטאָן, דער עלטסטער פון די ענגלישע פּאָעטן, האָט געשריבן אי־בער פּאָליטיק, קלאָפּשטאָק און זשאָן פּאָל האָבן אויך געשאַפן אויפן געביט פון שפּראַך־פאָרשונג. דער דיכטער אוהלאַנד האָט געשריבן וויכטיקע ווערק וועגן מיטאָלאָגיע. און געטע? וועגן וואָס האָט ע ר געשריבן? ריכטי־קער, וועגן וואָס האָט ער נ י ש ט געשריבן? פּאָעזיע, פּאָבעלן, סאַטי־רעס, דראַמעס, לעגענדעס, רייזע־איינדריקן, פּאָרשונגען אין נאַטור־וויסנשאַפט, דערציילונגען, קריטיק איבער קונסט, עסטעטיק, אאַ”וו. איז, מילא, געטע געווען דער „גרויסער אָלימפּיער” און מיר זענען נאָר שטויב אונטער זיינע פיס, אָבער פּרווט אָקאָרשט באַגרעניצן די „געביטן” און די „גרעניצן” פון אַ וויקטאָר הוגאָ: פּאָעט, דערציילער, דראַמאַטורג, פּובלי־ציסט, פּאָליטישער רעדנער, און צו וואָס זאָלן מיר זוכן אַזוי ווייט? אַזאַ „סקאַנדאַל” איז פאָרגעקומען ביי אַ פּאָלק וואָס איז, לויט מיר דוכט, אויך „לייטן גלייך” און אין אַ ליטעראַטור וואָס איז אויך נישקשהדיק איינגע־אָרדנט, און קיינער האָט אפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן. טעאָדאָר ריינאַק, היסטאָריקער, און אַרכעאָלאָג, וואָס לויט דער מיינונג פון די „גרעניצן”־

היטער, דארף ער זיין ווייט אָפּגעשיידט ווי מיט א כינעזישער וואנט פון פּאָעזיע, דראַמע א״א. האָט איבערגעזעצט דעם זעלבן „האַמלעט״ פון ענגליש אויף פראַנצויזיש. די איבערזעצונג איז דערשינען אין סאַמע פּאַריז, אַלע צייטונגען האָבן געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן איר און גאָרנישט, קיינער האָט נישט געפרעגט, וואָס קער זיך אָן א געשיכטע־פאָרשער און א מיט־גליד פון אינסטיטוט מיט „האַמלעט״? הפּנים אַז „ביי לייטן״ אין די „איינגעאָרדנטע ליטעראַטורן״ ווייסט מען גאָרנישט, וואָס מען האָט ביי אונדז וועגן זיי באַשלאָסן, און דער גאַנצער ענין פון אויפשטעלן מחיצות איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. האָבן טאַקע געזאָגט די אמתע חכמים, אַז א שרייבער קאָן זיך ספּעציאַליזירן אין איין געביט מער ווי אין א צוויי־טן, אָבער דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז ער טאָר זיך נישט צורירן אויך צו אַנדערע געביטן. די גאַנצע ליטעראַטור איז אין א געוויסער מאָס איין געביט. היינע איז טאַקע געווען דער גרעסטער פעליעטאָניסט פון אַלע צייטן, אָבער זיינע לידער זענען פאַרבליבן מיט זייער גלאַנץ אויף אַלע אייביקייטן. דיקענס איז געווען בעיקר א זשורנאַליסט, דאָס איז געווען זיין פאַך, זיין געביט, צו דעם איז ער ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן, אָבער ער האָט אויך געשריבן די בעסטע דערציילונגען פון זיין צייט. עדגאַר פּאָ האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָזאָפיע, דער איטאַליענישער פּאָעט קאַרדוטשי מיט פאָרשונג פון אַלטערטימער, דער דייטשישער פּאָעט האַמערלינג האָט געלאָזט נאָך זיך א כתב יד פון א נייער פילאָזאָפישער שיטה, אונדזער אייגענער אהרן בערנשטיין איז געווען א נאַטור־פאָרשער, א רעדנער, א פּאָליטיקער, א פּובליציסט, א פעליעטאָניסט, און האָט געשריבן די פּאָפּו־לערע פאָלקס־ביכער איבער נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין זייער צייט מער ווי אַלע אַנדערע ענלעכע ביכער, און ער טאַ־קע האָט געשריבן די וווּנדערבאַרע דערציילונגען „מענדל גבור״ און „פּייַ־געלע מגיד״ און קיין קריטיק־זשאַנדאַר איז נישט געשטאַנען ביי די גרע־ניצן פון די פאַרשידענע געביטן און געפרעגט: „א פּאַספּאָרט פאַראַן?״. אוי, ווי נעבעכדיק עס איז צו אונדזער באַדויערן די באַהאַוונטקייט פון א סך פון אונדזערע קריטיקער אין דעם וואָס עס טוט זיך „ביי לייטן״ און אין די „איינגעאָרדנטע ליטעראַטורן״.

איך האָב, אַז איך בין נישט צופיל מקיל, ווען איך באַפריי פון יעט־וועדער שטראָף אויך בארנשטיינען. ער האָט איבערזעצט „האַמלעט", ווייל עס האָט אים געצויגן צו מאַכן די איבערזעצונג. די נייגונג פון שרייבער איז דער איינציקער גרעניץ פאַר זיין „געביט". דער זעלבער גייסט האָט מסתמא באַזעלט דעם אַלטערטום־פאַרשער ריינאַק, וועלכער האָט געוואָלט איבערזעצן „האַמלעט" לויט זיין געשמאַק, ווען אפילו אַנדערע האָבן עס שוין געטאָן פאַר אים, האָט דאָך דאָס זעלבע געמעגט טאָן בארנשטיין, בפרט ווען קיינער האָט עס נישט געטאָן פאַר אים, איך אַליין האָב אַ גע־וויסן חלק אין דער „זינד", צו וועלכער איך האָב צוגעהאָלפן, און איך האַלט אָן מיין „ווידערשפעניקייט" און זאָג, אַז גוט האָט געטאָן בארנ־שטיין, וואָס ער האָט איבערגעזעצט „האַמלעט", איך באַדויער נאָר, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו איבערזעצן מער.

פון די צייטן, ווען איך האָב זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דער פוילישער ליטעראַטור, דערמאָן איך זיך אין אַן ענלעכן פאַל, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין די פוילישע ליטעראַרישע קרייזן. עס איז דערשינען אַ נייע פּוי־לישע איבערזעצונג פון „האַמלעט" פון איינעם אַ יונגן מעדיקער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אויסגעצייכנט אין זיין געביט.מאַטלאַקאָווסקי, דוכט מיר, איז געוועזן זיין נאָמען, אַ שילער פון פּראָפעסאָר כאַלובינסקי. און דער איינדרוק איז נישט געקומען פון דעם, וואָס אַ מעדיצינישער „שאול" האָט איבערגעטראָטן די גרעניץ צו די געשוואָרענע „נביאים" פון שעקספּיר־איבערזעצער. דאָס האָט מען אַפילו נישט באַמערקט. דער רושם איז גע־ווען צוליב דער משונהדיקער פּאָרעם פון דער איבערזעצונג, ממש וואָרט ביי וואָרט, וואָס איז געווען ווי אַ מין פּראָטעסט קעגן די אויבערפלעכלע־כע איבערזעצונגען. מען האָט געזאָגט, אַז דער איבערזעצער האָט פאַר־לאָזט זיין מעדיצינישן פאַך און האָט ספּעציעל געלערנט ענגליש, בכדי ער זאָל קאָנען לייענען דעם אָריגינאַל אין זיין אייגנטלעכער שפּראַך און מאַכן אַ פּינקטלעכע איבערזעצונג. איך האָב נישט נאָכגעפאָרשט, צי איז עס טאַקע געווען אַזוי, איך גיב איבער נאָר דאָס, וואָס איך האָב געהערט פונעם היסטאָריקער פון דער פוילישער ליטעראַטור פּיאָטר כמעליעווסקי, וואָס איז געווען מיינער אַ פריינט, און האָט מיר דערציילט דעם גאַנצן ענין ווי

אַ וווּנדער. אָבער דערפֿאַר קאָן איך באַשטעטיקן דעם פֿאַקט, אַז באַרנשטיין האָט פֿיל געהאָרעוועט צו דערלערנען ענגליש, צו קאָנען לייענען שעקספּירן אין אָריגינאַל. איך קאָן עס באַשטעטיקן, ווייל איך האָב אים אין דעם צוגעהאָלפֿן. וואָלט איך נישט געוואָלט זיין שטרענג פּינקטלעך, וואָלט איך געזאָגט, אַז די איבערזעצונג פֿון מאַטאַלקאָווסקין האָט דירעקט געווירקט אויף באַרנשטיינען, וועלכער איז טאַקע נישט געווען אַזוי געניט אין דער פּוילישער ליטעראַטור ווי איך, האָט אָבער געוווּסט וואָס דאָרטן טוט זיך: אָבער כּפי איך וויל זיין שטרענג פּינקטלעך, וועל איך נאָר באַמערקן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ נישט בכיוונדיקע שייכות צווישן די דאָזיקע צוויי איבערזעצונגען, עס זענען אָבער אויך געווען אַנדערע וויכטיקע מאָטיוון. דער ענין פֿון איבערזעצונגען אויף העברעאיש האָט נישט נאָר אינטערעסירט באַרנשטיינען, ער האָט אים אויך אָנגערעגט און אויפֿגעמונטערט. ווי אַ שפּראַכנקענער האָט ער געגאַרט צו דער פּערפֿעקציאָנירונג פֿון אונדזער שפּראַך און איר אויפֿלעבונג מיט איר גאַנצער רייכקייט פֿון גוטן געשמאַק און גלייכן דענקען. אַ מאָל טוויזנט האָבן מיר באַהאַנדלט דעם ענין, געמאָסטן און געוווגן די חרפּה פֿון די דעמאָלסדיקע איבערזעצונגען, וועגן וועלכע עס איז נישט כּדאַי צו רעדן.

ס'רוב זענען די איבערזעצונגען געמאַכט געוואָרן פֿון דייטש, און עס איז געווען אַן אָפֿענער סוד, אַז די איבערזעצער האָבן געקאָנט זייער ווייניק דייטש, נאָר אַביסל צוליב איר ענלעכקייט צו יידיש, און אַביסל פֿון דעם וואָס זיי האָבן אָ נ ג ע ה ו י ב ן לערנען און נישט פֿאַרענדיקט. אויף מאַכן וועלכע ס'זאָל נישט זיין איבערזעצונג, דאַרף מען קאָנען נישט נאָר די שפּראַך אויף וועלכער מען זעצט איבער, נאָר אויך די פּ ו ן וועלכער מען זעצט איבער, און אַלע אירע אייגנשאַפֿטן, ביז די דינסטע ניואַנסן. אַ שפּראַך כאַפּט מען נישט אויף פֿון דער לופֿטן, נאָר מען מוז גרינטלעך לערנען און אויך פּראַקטיצירן, אפֿילו דער וואָס האָט אַן אויסגעצייכנטן זכרון און גאָר גרויסע פֿעאיקייטן. האַלב־וויסן, וואָס איז ערגער פֿון גאַנצער איגנאָראַנץ, איז געווען די ערשטע צרה. די צווייטע צרה איז געווען דאָס, וואָס די ווייניקע איבערזעצער, וואָס האָבן יאָ געקענט גענוג און האָבן גוט באַהערשט די שפּראַך פֿון וועלכער זיי האָבן איבערגעזעצט,

פלעגן איבערהיפּן די שווערע שטעלן, זיי דורכלאָזן און באַצייכענען זייערע איבערזעצונגען ווי „פרייע איבערזעצונגען", וואָס איז נישט קיין אָריגי־נאַל, נישט קיין איבערזעצונג: פון איינס זיך דערווייטערט, צום צווייטן נישט צוגעקומען, און עס שמעקט מיט פעלשונג און אומבאַוווסטזיניקן שאַנטאַזש. די סיבה איז געווען איינפאַך, דער ווערטער־אוצר פון יענע איבערזעצער איז געווען אַ זייער אָרעמער, ווען אפילו זייער שפּראַך איז געווען פיין און זייער סטיל צוציענדיק. דער פינקעלשטיין באַרנשטיין האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס די שפּראַך איז שיין און דער סטיל איז פיין, ער האָט פאַרגלייכט דעם אָריגינאַל צו דער איבערזעצונג, שורה ביי שורה, און יעדער בלויז, יעדער פאַרשלינגען און פאַרמינדערן, יעדער איבערגעבן דעם אינהאַלט מיט אַנדערע ווערטער האָבן אים געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. דערצו האָט נאָך דער רייך־שפּראַכיקער באַרנשטיין געהאַלטן, אַז מען מוז און מען קאָן געפינען פאַר יעדן אויסלענדישן וואָרט דעם באַ־טרעפנדן פינקטלעכן העברעאישן טערמין. דאָס איז געווען זיין הויפּט־מאָטיוו אין זיין קלענערער איבערזעצונג „פאַרים" און שפּעטער אין דער גרויסער איבערזעצונג פון „האַמלעט". הערט איך דען דערקלערן, פאַרוואָס ער האָט דווקא אויסגעקליבן „האַמלעט"? „האַמלעט" איז אַ ריזיקע שאַ־פונג פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור, אַן אַל־מענטשלעכע און אַן איי־ביקע. יעדערער פון אונדז האָט עס געלייענט הונדערט און איין מאָל. און אַלע, יונג און אַלט, הערן מיר נישט אויף נתפעל צו ווערן פון די וויזיעס פון וועלט־גאון שעקספּיר, און עס איז אַ מין עקזאַמען צו פּרוּוון, אויב אונדזער שפּראַך קאָן זיך פאַרמעסטן אין אירע ווערטער און אויסדריקן מיטן ענגליש פון שעקספּיר, מיטן תמצית פון איר שילדערונגס קראַפט, מעכטיקן געפיל, שטאַרקער פאַנטאַזיע, און טיפקייט פון צער וואָס דרינגט אַריין אין די טיפע טיפעניש און די הויכקייט פון פאַנטאַזיע וואָס רייסט איין הימלען. און וואָרט ביי וואָרט ווי אין „האַמלעט", אַזוי האָט ער אי־בערזעצט „פאַרים", ווערטערלעך, ווייל ער האָט גוט געקאָנט פויליש, און בכדי צו קאָנען אַזוי איבערזעצן „האַמלעט", האָט באַרנשטיין, וואָס איז דאַן אַלט געווען פופציק יאָר, געלערנט ענגליש אויף זיין שטייגער, גרינט־לעך, מיט אַלע כללים פון איר גראַמאַטיק און אייגנאַרטן פון אירע אויס־

דריקן, לויט די מעטאָדן פון אונדזער בעסטער זעלבסטבילדונג, וואָס איז געווען אַ מעטאָדישער, גלייכער וועג, נישט ווייניקער ווי די וואָס ווערן באַנוצט אין די בעסטע שולן. איך זע נאָך דאָס בילד ווי פאַר מיינע אויגן. איך בין זיך פאַרזעסן ביי בארנשטיינען אין זיין וווינונג הינטער דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. איך קוק זיך אַרום, דער ריזיקער בנין פון דער סינאַגאָגע איז איינגעהילט אין פינסטערניש, די ביוראָ־זאַלן, די זאַלן ווו מען שטעלט חופות, די ביבליאָטעק, די וווינונג פון פריידיקער, פון חזן, אפילו די בודקע פון „שבת גוי”, דעם סטרוזש; אַלע שלאָפן, אַלע רוען, אַלץ איז אין פינסטערניש, אָבער פון איין פענסטער ווינקט אַ שיין פון אַ לאָמפּ, אין באַרנשטיינס דירה אויפן צווייטן שטאָק, לינקס פונעם אַריינגאַנג: שוין נאָך מיין אַוועקגיין איז ער נאָך לאַנג געזעסן אַן איינגעבויגענער איבער זיין טיש און געלערנט. ער האָט דאַן שטודירט ענגליש, בכדי צו קענען לייענען שעקספּירן אין אָריגינאַל, בכדי איבערזעצן אים אויף העברעאיש, בכדי באַרייכערן אונדזער שפּראַך. לאָמאַנאָסאָוו? זאָל עס דיר נישט פאַררעכנט ווערן, יל״ג? קיין שום לאָמאַנאָסאָוו איז דערויף נישט פּעאיק. דאָס איז עפּעס ווי אונדזערער אַ „תיקון חצות” אין אַ נייער פאָרעם. און דער מענטש האָט שוין דאַן געליטן אויף די אויגן! זעט, וואָס אונדזער אַלטער בית-המדרש האָט געקאָנט אַרויסגעבן!

און די איבערזעצונג? פאַראַן אין איר דיכטערישער גייסט, אָדער נישטאָ אין איר קיין דיכטערישער גייסט? אין „פּאַרים” מערקט זיך אויך וווּנדערבאַרע דיכטונג, אַ פייערלעכע שיינקייט, אַ גרויסע, אַ קלאָרע, וואָס הויבט זיך אויף פּאָעטישע פליגל איבער צייט און אָרט, אַ שפּראַך אַ דעליקאַטע און אַ שטאַרקע, אַן אויסגעאיידלטע און געגאָסענע. אין דער איבערזעצונג פון „האַמלעט” זענען פאַראַן אויסגעצייכנטע שטעלן, אָבער אויך האַרטע און געקינצלטע. ער האָט זיך געהאַלטן ביי טראַף און צעזור און צוליב דעם אָפּגעווייכט צומאָל פון דער פּאָעטישער זיסקייט. אָבער די איבערזעצונג איז פּינקטלעך צו דער האָר. צוליב דעם האָט ער „געריסן שטיינער פון אייביקע בערג”, און אַרויסגעפישט פּערל פון די תהומות פון אונדזער שפּראַך. עס איז נישט קיין ווערק פון אַ ספעץ אין פּאָעטיק, נאָר אַ דילעטאַנטישע אַרבעט ווי די איבערזעצונג פון ריינאַק און מאַטאַל-

קאָוּוסקי, אָבער פון אַ סך אַ העכערער מדרגה. ווי קאָן מען פאַרגלייכן אַן איבערזעצונג פון ענגליש אויף אַ לעבעדיקער, זאַפטיקער און רייגער שפּראַך, מיט אַן איבערזעצונג אויף העברעאיש מיט איר קלאַסישן הויפן ווערטער און אָפּגעטעמפּטקייט צוליב עלטער? און דאָך איז באַרנשטיינס איבערזעצונג פּינקטלעכער פון די ביידע. פאַרגלייכט זיין איבערזעצונג מיט די איבערזעצונגען פון זאַלקינסאָן (אָטעלאָ, ראָמעאָ און זשוליעטאַ), וואָס רעכענען זיך פאַר די בעסטע. די איבערזעצונג פון זאַלקינסאָן איז אַ פאַר־געניגן צו לייענען, זיי זענען לייכט און שיין, אָבער עס איז זאַלקינסאָן — נישט שעקספּיר! שעקספּיר טאָר נישט געמאַכט ווערן אַזוי פלאַך, אַזוי באַנאַל, אַזוי קינדעריש, ער מוז זיין תמציתדיק, אין אַן אויסגעשמידטער פאָרעם, טורעמדיק. עפנט דאָס בוך פון שעקספּיר און האַלט ביים זייט די איבערזעצונג און איר וועט זען, אַז דער איבערזעצער פליט איבערן אָריגי־נאַל ווי אַ פויגל, קוים קוים אָנגערירט, ער קאָן ענגליש, ער האָט פאַר־שלונגען שעקספּיר, אָבער ער ברענגט אים נישט אַרויס אַזוי ווי ער האָט אים פאַרשלונגען: איינגעשלונגען אַ שעקספּיר און אַרויסגעבראַכט אַ זאַל־קינסאָן. די באַחנטקייט און לייכטקייט אַליין זענען נאָך נישט גענוג צו האָבן געמאַכט אַ גוטע איבערזעצונג; עס איז אונדז דערווידער די לייכט־קייט וואָס איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט צווישן די שרייבער פון פאָריקן דור. אַ מענטש זוכט אַ פּינקטלעך בילד, אַ ניי וואָרט, די לייכטקייט ברענגט גיך צו לאַנגווייליקייט. באַרנשטיינס איבערזעצונג אָבער קאָן דינען אַלס מוסטער, אויב נישט מיט איר פּאָעטישקייט, איז בלי ספק מיט איר וווּנ־דערבאַרער פּינקטלעכקייט און דאָס האָט ער זיך פאָרגענומען. דער אמת איז, אַז דאָס איז אַ שפּראַכנקענערישע שטיקל אַרבעט, און אין דער היינ־זיכט איז זי פיל העכער ווי מיטלמעסיק.

IV

איך האָב אויבן געזאָגט, אַז באַרנשטיין איז געקומען קיין וואַרשע אַ פאַרזאָרגטער מיט אַלדאָס גוטס, אַ תלמודיסט, אַ למדן, אַ מאַטעמאַטיקער, געניט אין צייט־רעכענונגען און אויסשטעלן דעם מולד, און נאָך אַ סך, אַ סך ידיעות. עס האָט אים נאָך אָבער היפּש געפעלט און מיר געפינען

אים שפעטער אין זיינע ווערק אלס א פילפאכן געלערנטן אין בעסטן זינען פון ווארט. ווו האט ער עס אלץ געלערנט? זיין אוניווערזיטעט, ווי אויך פון א סך אנדערע לייט, איז דאן געווען, לויט אלע ווארשעווער ווייסן עס, די ביבליאטעק ביי דער טלאמאצקער סינאגאגע. וואלטן מיר נישט געהאט די ביבליאטעק, וואלטן מיר אויך נישט געהאט די בארנשטיינס מיט די פאזנאנסקיס. ווילט איר אויסבילדן אזא מענטש ווי בארנשטיין? נעמט א יונגנמאן, וואס איז פול מיט ש״ס און פוסקים, א מתמיד, אן אפגעהיטענער און דערוויטערטער פון אלע קערפערלעכע תאוות, און שטארק פארקאכט אין וויסנשאפטלעכן אמת, גיט אים א בכבודיקן, רואיקן אמט, ער זאל האבן פרנסה און נישט דארפן פטרן אויף דער שטעלע די גאנצע צייט, און איר וועט האבן אזא בארנשטיין... איך וואלט עס אייך אפשר נישט געקאנט פארזיכערן, ס׳איז נאך נישטא קיין כעמישע פארמול אדער מעדיציניש׳שער רעצעפט, לויט וועלכן עס ווערן באשאפן בארנשטיינס. וואלטן מיר אזעלכעס געהאט, וואלטן מיר עס אוודאי געטאן! עס וועט אויף אייביק פארבלייבן א פארהוילענער סוד, לויט וועלכן עס שאפט זיך א גרויסער מאן, און אן דעם סוד העלפן נישט אלע תחבולות, אלע מיטלען און קינסטלעכע פארמולן. אבער עס איז א פאקט, אז אין דער וויסנשאפטלעכער אויסבילדונג פון בארנשטיינען האט א גרויסן חלק די דערמאנטע ביבליאטעק, יענע „אוניווערזיטעט", וואס א סך יארן זייט איר גרינדונג פלעגט ער אין איר פארברענגען זיינע טעג און נעכט.

א געוויסן חלק האט אין דעם אויך געהאט א מאן א תם-וישר, א פויליש׳ער ייד, א משכיל און א תלמיד חכם פון אלטן דור, שטאמט פון א קליין שטעטל (דזשאלאשיץ) אין מדינת פוילן, א זון פון א רייכער משפחה, א נאבלמאן און א בעל צדקה, וואס שעצט תלמידי חכמים, משה מאש־קאווסקי האט ער געהייסן, ז״ל. אויך ער איז נישט געווען קיין „געענדיקטער", האט אליין אויספראקטיצירט דעם פאך פון ביבליאטעקאר. ער איז געווען א ביבליאטעקאר אן אויטאדידאקט, א וואלונטיר. ביכער זענען דאן געפלאגן ווי א שטורעמדיקער רעגן, דער ארימער מאשקאווסקי איז שיעור נישט געפאלן אונטער דער שווערער משא. אין א סך ענינים פון ביבליא־טעקאר-פאך, ווי די פארטיילונג אין סעקציעס, קלאסיפיקאציע און איינ־

אָרדענונג פון די ביכער, צונויפשטעלן די קאַטאַלאָגן און קאַרטאָטעקן, האָט דער דאָזיקער נאַאיוועדער האָרעפּאַשניק געדאַרפט האָרעוועון איבער די כוחות, אין אַ סך הינזיכטן האָט ער פּשוט געטאַפּט אין דער פינסטער, אָבער איין זאַך האָט ער געוווּסט בעסער פון די בעסטע ספּעציאַליסטן. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז נישט גענוג, אַ ביבליאָטעק זאָל זיין נאָר אַ ביבליאָטעק, זי דאַרף, בעיקר אין אונדזער צושטאַנד, זיין אַ לערן-אַנשטאַלט פאַר דערוואַקסענע, און די אויפגאַבע פון אַ ביבליאָטעקאַר איז נישט נאָר, אַז די ביכער זאָלן זיין געהעריק איינגעאָרדנט אין די פּאָליצעס, געהעריק פאַרצייכנט, יעדערער אין זיין אָפּטיילונג, און עס זאָל פיין אויסזען, און עס זאָל זיין אַן אויבערפלעכלעכער נחת רוח; נאָר ער האָט נאָך אַ וויכטיקע אויפגאַבע, זיין אַ פאַרמיטלער צווישן די תּלמידי חכמים, וואָס קומען אין ביבליאָטעק, מיט די ביכער, צו העלפן און צו אָנווייזן, ענטפערן יעדערן וואָס פרעגט, און נאָך מער, אָנרעגן דעם פרעגער אויך צו ספרים וואָס זענען אים אומבאַקאַנט.

אָט דער כשרער מענטש, אַליין אַ תּלמיד חכם, האָט נישט געהאַט קיין גרעסערן פאַרגעניגן און קיין טיפערע פרייד, ווי העלפן אונדז אין אונדזער שטודירן און בעיקר העלפן זיין נאָענטסטן שכן וואָס האָט נאָר געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט אויף אַריינצונעמען אין זיין וווינונג ביכער און מאַנוסקריפּטן נישט נאָר פון דער ביבליאָטעק, נאָר אויך די וואָס מען האָט געקאָנט באַקומען דורך קאָרעספּאָנדענץ פון אַנדערע ביבליאָטעקן איבער דער וועלט.

די וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פּערספּעקטיוו, וואָס מערקט זיך אין באַרנשטיינס ווערק, האָט נישט געקאָנט געמאָלט זיין אָן אַ גרויסער ביבליאָטעק. דאָס איז געווען דער גרויסער בייטראַג, וואָס וואַרשע האָט געגעבן באַרנשטיינען, די רעשט דאַרף פאַרצייכנט ווערן אויפן חשבון פון דער סינאַגאָגע. יעדער באַזוכער פון דער סינאַגאָגע אין יענער צייט קאָן געדענקען דעם קורץ-וווּקסיקן, באַשיידענעם און צוריקגעצויגענעם ייד, וואָס איז געזעסן אויף דער דריטער באַנק לינקס, איינגעוויקלט אין זיין אַלטן טלית. אַ קאַזשעניצער טלית, און בשעת קריאת התורה פלעגט ער אַרויפגיין נאָכן גבאי אויף דער בימה, פאַררוקן זיך דאָרט אין

א ווינקל און פלעגט זיך מאכן סימנים לויט זיינעם אן אייגענעם סיסטעם, אויף צו פארגעדענקען די נדרים וואס זענען געפאלן, און גייט זיך נאכהער שטיל אראפ פון דער בימה און זעצט זיך באשיידן אויף זיין ארט.

און ווען דער פארשטארבענער ד"ר ציליקאוו פלעגט האלטן זיינע פוילישע דרשות, פלעגט ער זיך אויפמערקזאם צוהערן צו זיין עכטער פוילישער שפראך. איך ווייס נישט, צי צווישן דעם גאנצן גרויסן עולם איז געווען כאטש א מנין יידן, וואס האבן געוווסט די באדייטונג פון אט דעם באשיידענעם סעקרעטאר, אויסער זיין ארבעט פון פירן די ביכער און אפצייכענען די נדרים און נדבות און ווי צופרידן איז געווען דער מענטש, וואס מען אינטערעסירט זיך נישט מיט אים און מען לאזט אים טאן זיין ארבעט. עס איז גארנישט געווען אזוי פשוט, עס איז געווען אין די צייטן, ווען די אסימילאציע האט געהערשט. גאט שאפט נישט נאר איין זאך קעגן דער צווייטער, מיט איין האנט שטראפט ער און מיט דער צווייטער היילט ער, נאר ער שיקט צו די רפואה פאר דער מכה. און האט ער באשאפן די סינאגאגע, א פעסטונג פון דער אסימילאציע (שפעטער איז עס גאר אנדערש געווארן), האט ער באשאפן די רפואה, די ביבליאטעק; און האט ער באשאפן די סינאגאגע-פארוואלטונג, וואס אירע מיטגלידער זענען ס'רוב געווען קאלט ווי אייז צו ענינים פון יידישקייט, האט ער באשאפן אלס קעגנגיפט דעם סעקרעטאר פון דער פארוואלטונג. אונדזערע צוזאמענשטויסן זענען נישט געווען קיין שרייענדיקע און טומלדיקע, אבער זייער טיפע. די ביבליאטעק איז אין א משך פון יארן געווען א מין שטיף־קינד. תחילת האט מען פאר איר באשטימט א גרעסערן זאל און קעגנאיבער א שמאלן ביורא-צימער. אבער גיך איז דער פלאץ געווארן צו ענג, און די מאגערע אונטערשטיצונג האט אויך נישט געקלעקט, דער איינציקער פראטעקטאר פון דער ביבליאטעק איז געווען איגנאץ בערנשטיין, אבער די מערהייט פון דער פארוואלטונג פלעגט זיך כעסן, בורטשען און טענהן, אז די קאסע איז ארים, און ביי יעדער שוועריקייט איז די ביבליאטעק געווען דאס כפרה הינדל. וויפל גייסטיקן פיין האט געליטן בארנשטיין אין קלעם צווישן דעם האמער פון די ביבליאטעק-נויטן און קאוואדלע פון די קאסע חשבונות. דא האט אפילו זיין מאטעמאטיק נישט געהאלפן. מען

האָט זיך געמוזט אַנטשליסן, און דער מענטש, וואָס איז געווען אַזוי גע־לאָסן לויט זיין כאַראַקטער און פלעגט לאָזן, אַז זיינס זאָל איבערגיין, האָט געקעמפט פאַרן קיום פון דער ביבליאָטעק, זיין אוניווערזיטעט.

אונדזער קרייז איז נישט געווען איבעריק גרויס. אין ביבליאָטעק פלעגן אַריינקומען זאב יעב"ץ, ווען נישט ווען — זאַסניץ, ג. י. ליכטענ־פעלד, אטלאס, שפ"ר, אלבעק, זיבענבערג, דער אַלטער פורייל, אַ פּאַטער פון אַן אַדוואָקאַט, אַליין אַ מאַטעמאַטיקער און פּראָפעסער פון קאַלענדאַרן, דער אַלטער לערער שווייצער, א"א שרייבער וואָס האָבן דאָרט געזאַמלט מאַטעריאַלן פאַר זייער ווערק. איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז דער מאַטעריאַל פון די צוויי גרויסע יידישע היסטאָריעס, די בי־כער פון שפ"ר און יעב"ץ, איז געקומען פון דער ביבליאָטעק. חוץ די אויסגערעכנטע, וואָס זענען שוין דאַן געווען באַיאָרטע זקנים, פלעגן די ביבליאָטעק אויך באַזוכן אַ סך יונגע. איך געדענק גוט דער ד"ר ביכאַווסקי, אלטשילער, צ. ה. יפה, א. הערשפעלד, ח. גינזבורג, א. מאַנזין, ש. ל. לי־בערמאַן, מ. גאָרדאָן, מ. מ. פראָם, א. פּאָדלישעווסקי, א. קליינערמאַן א"א. פון פּראָווינץ פלעגן קומען יוסף ראָזענטאַל פון סוואַלק, יחיאל מענדעלזאָן פון לובלין, א. י. פּאַפּיערנא פון פּלאָצק, ה. וויטקינד פון ביאַליסטאָק, י. שוואַרץ פון זגערזש, י. פראַנקל פון ראַדאָם, אַ ראַקאָווסקי פון זעמבראַוו, א. פּערלאַ און ד"ר קלוגער פון לאָדזש. מיט דער צייט איז אָט דער קרייז פיל אויסגעברייטערט געוואָרן, אָבער איך רעד פון דעם ערשטן קרייז, איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איגנאַץ בערנשטיין גע־פייערט דעם חנוכת הבית פון ערשטן לאָקאַל, און איך האָב דאַן וועגן דעם געשריבן אַ כראָניק צו די Archives Israelites אין פראַנקרייך.

צווישן אָט די אַלע איז נאָך בארנשטיין נישט געווען פאַררעכנט פאַר קיין אָנגעזעענער פערזענלעכקייט, און נאָך ווייניקער פאַר אַ צענטראַלע פיגור, אפשר אַ צוויי־דריי האָבן אים גוט געקאָנט. די מערהייט האָט אים געקאָנט ווייניק, אָדער גאָרנישט געקאָנט, מען האָט געוווסט, אַז ער איז אַ גרויסער מתמיד, אָבער מען האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט ווערן אַזוי גרויס אין דער וויסנשאַפטס־וועלט. זיין באַשיידנקייט און איינפאַכקייט האָבן פאַרדעקט זיין גאונות.

אין עטלעכע יאָר ארום האָב איך אים אריינגעפירט אין אַ צווייטן קרייז, נישט פון די „מאַנטיקס”, נאָר אין אַ באַשרענקטערן קרייז פון די „דאַנערשטיקס”, ס'הייסט, די וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע דאָנערשטיק, וואָס פאַר יעדן מאַנטיק און פלעגט זיך צוזאַמענקומען נישט אין מיין הויז ווי די „מאַנטיקדיקע”, וואָס איז געווען ווי אַ מין אינטעלעקטואַלן-פאַראיין אויף צו שטודירן נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע פּראָבלעמען, נאָר אין די הייזער פון זיינע מיטגלידער לויט דער ריי. צווישן אָט די זענען געווען ה. נוסבוים, ש. פעלטין, י. קראַמשטיק, מ. מאַשקאָווסקי, ז. אשכנזי (דער פאָטער פון פּראָפעסאָר ש. אשכנזי), א. בארנשטיין, ש. שיינהאַק, ד"ר צילקאָוו, ל. גראָסגליק, יעקב קאָרנגאָלד, מרגליות, י. דאַבראַזשענסקי און איך.

דער דאָזיקער קרייז פלעגט זיך פאַרזאַמלען אויף פאַרלעזונגען און דעבאַטירן וועגן כלל ענינים, בכדי צו באַווירקן די יידישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין פּוילן. אינעם קרייז זענען געווען צוויי, וואָס האָבן געוווּסט מער פון אַלעמען און געריידט ווייניקער פון אַלעמען: ח. י. בארנשטיין און י. דאַבראַזשענסקי.

און דאָ קום איך צום קודש הקדשים פון מיינע דעראינערונגען, דער דרייבונד צווישן מיר און די דערמאָנטע צוויי. עס איז געווען אַ דריי-בונד פון האַרציקער חברשאַפט און פרום-ערנסטער פריינטשאַפט. מיט דער געוווינהייט צו טרעפן זיך שטענדיק, איבערגעבן איינער דעם צווייטן, וואָס מען האָט געלייענט, וואָס מען האָט אויסגעפונען און אַלע נייע השערות, וואָס זענען אויפגעקומען ביי יעדן אין זיין געדאַנק און אויף זיין געביט. בכדי קלאָר מאַכן אָט די זאַך, וואָלט איך באַדאַרפט פאַרשטעלן, מאָלן מיין בעסטן חבר י. דאַבראַזשענסקי ז"ל, ווייל איך האָב געהאַט די זכיה צונויפברענגען די פריינטשאַפט צווישן דאַבראַזשענסקי און בארנשטיין, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פונעם לעצטן. אָבער מאָלן דאַבראַזשענסקין איז שווער צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל ער מוז ווערן פאַרגעשטעלט נאָר ווי אַן אויסנאַם צווישן אויסנאַמען, וואָס האָט פאַרנומען אַן אַנגעזען אָרט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, און צווייטנס, קאָן איך נישט

מאָלן אַט דעם אויסגעצייכנטן מענטש פֿאַרבייגייענדיק, ער מוז פֿאַרנעמען אַ באַזונדער און גרויס אָרט, וואָס איך וועל נאָך טאָן ביי אַ געלעגנהייט. דאָ וועל איך זיך באַגנוגענען מיט קורצע ווערטער. י. דאָבראַזשענסקי האָט געשטאַמט פֿון קאָוועל, ביי וולאָצלאַוועק אין פּוילן, געבוירן געוואָרן אַרום העלפֿט פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, אַ זון פֿון אַ חשובער פֿאַמיליע, אַ פּלימעניק פֿון א. דאַבראַזשענסקי — מיטאַרבעטער פֿון „הצפירה", געלערנט אין זיין פֿריסטער יוגנט אין זיין געבורטס שטעטל, שפּעטער אין קאָנין און אין פּלאָצק און לסוף באַזעצט זיך אין וואַרשע. צוליב פּרנסה אָנגעקומען אַלס בוכהאַלטער מיט נישט גרויסן געהאַלט אין אַן אימפּאָרט געשעפֿט, און פֿלעגט אָוועקגעבן דעם רוב פֿון זיין צייט אויף זיין שטעלע און וויניקער פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער איז געווען פֿילייכט נאָך אַ פּערפֿעקטערער אויטאָדידאַקט פֿון באַרנשטיינען. חוץ זיין בקיאות אין תנ"ך און טיפֿן וויסן פֿון דקדוק, וואָס איך האָב נישט געפֿונען קיין גרעסערן פֿון אים נישט צווישן יידן, נישט צווישן גויים, האָט י. דאַבראַזשענסקי געמעגט פֿאַרנעמען אַ קאַטעדרע אין יעטווידער אוניווערזיטעט פֿאַר לאַטיין און גריכיש מיט זייערע ליטעראַטורן. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען פֿילאָלאָגיע. אויך ער האָט געלערנט ענגליש, אָבער גרינטלעכער פֿון באַרנשטיינען. ער האָט שטודירט לויט דער מעטאָדע פֿון טוסען-לאַנגענשיידט, און איז אפֿשר געווען דער איינציקער אין דער וועלט, וואָס האָט זי גענצלעך דורכגעמאַכט. איך, לכל הפּחות, האָב צווישן מיינע פֿריינט נישט געפֿונען קיין איין מענטש, וואָס זאָל האָבן דורכגעמאַכט די גאַנצע מעטאָדע טוסען-לאַנגענשיידט. דאָס איז געווען אַ מאָגער מענטשל, אַ צוריקגעהאַלטענער און שעמעוודיקער, אַ שטיקל לא יוצלח, אַ פֿולקאָמער צדיק. אַביסל לעכערליך? ניין! אָבער אַ מענטש נישט פֿון דער וועלט. אַ מענטש וואָס האָט אין זיין טיפֿסטן באַוווסטזיין געהאַט די איבערצייגונג, אַז ער איז מינדערוויכטיק, אַז זיין שכל, פֿעאיקייטן און לעבנס-גורל זענען אומבאַדייטנד. דער גורל האָט אים איינגעטיילט אַ קאָלירלאָז לעבן, אָבער ער האָט זיך אַפֿילו נישט געפּרוווט קעגנשטעלן, אדרבא, ער האָט געגלויבט, אַז אַזוי באַדאַרף עס צו זיין און יוסף דאַבראַזשענסקי קאָן זיין נאָר יוסף דאַבראַ-

זשענסקי, אַ בוכהאַלטער אין אַן אימפּאָרט געשעפט פאַר זעכציק קאַרבן אַ חודש; ער האָט אַלץ פאַרגעבן, אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. מען פלעגט אים עקספּלואַטירן אויף רעכטס און אויף לינקס און ער האָט געמיינט, אַז אַזוי באַדאַרף עס צו זיין: אַ מענטש איז גוט, בכדי מען זאָל אים קאָנען עקספּלואַטירן, לויטן געזעץ פון קלע־נערן ווידערשטאַנד און לויט דעם נאַטירלעכן מ ו ז , לויט וועלכן אַ טייך שניידט דורך זיין וועג נישט אין האַרטן קיזלשטיין, נאָר דווקא אין ווייכן ליים. פון עולם הזה האָט ער נישט גענאָסן מער פון ר׳ חנינא, זעכציק רובל אַ חודש, אַ בעל מטופל מיט קינדערלעך און קויפט נאָך ביכער, און ווען זיין גוף איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון לערנען, האָט ער זיך נאָך געדאַרפט דאָקטאָרן. באָרנשטיין האָט נאָר געליטן אויף די אויגן, דאַבראַזשענסקי איז אָפּט געווען אַ פולשטענדיק צעבראָכענער מענטש.

און אָט דער מענטש, וואָס האָט געקאָנט אָנשרייבן גרויסע וויכטיקע ווערק — זיין העברעאישער סטיל איז געווען אַזוי וואונדערבאַר ווי זיין סטיל אין אַנדערע שפּראַכן — האָט געליטן פון איבערגעטריבענעם עסטע־טיזם און צו שאַרפער זעלבסטקריטיק. ער האָט געשריבן אַ סך, אָבער געשריבן, געמעקט, אויסגעבעסערט און לסוף... פאַרברענט. איך האָב ממש אָפּגעראַטעוועט אַ פּאָר זאַכן ווי פון אַ שריפה. אַן איבערזעצונג פון אַ קאַפּיטל טאַציט און אַן איבערזיכט איבער אַן איטאַליענישן זאַמלבוך. איך האָב זיי אָפּגעדרוקט אין „האסיף" און וואָלט ער צו מיר נישט גע־פילט זיין גאַנץ לעבן אַ ממש ברידערלעכע ליבע, וואָלט ער מיר אָט די „זינד" קיינמאָל נישט פאַרגעבן.

איך דערמאָן דעם עפּיזאָד, נישט ווייל ער האָט אַ שייכות צו מיר און צו דאַבראַזשענסקי, נאָר ווייל עס קער זיך אויך אָן מיט באָרנשטיי־נען, וועלכער איז געווען פעאיק און אפילו מ ח ו י ב צו פאַרפאַסן העברעאישע לערן־ביכער איבער די פאַרשידנסטע צווייגן פון מאַטעמאַ־טיק. פון שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט איז ער בלי ספק געווען דער איינ־ציקער פעאיקער און באַרופענער צו אַזאַ אַרבעט. איך האָב אים אַ סך מאָל צוגערעדט צו דעם, עס האָט זיך מיר אָבער נישט איינגעגעבן. דאַב־ראַזשענסקי האָט אויף אים אויך געווירקט אין זינען פון צוריקגעצויגנ־

קייט און פאַרבאַרגנקייט פון אַ ל״וניק. באַרנשטיין האָט אויסגעקליבן דעם מיטלוועג, און האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן זיינע ווערק נאָר איבער די קעגנשטאַנדן, אין וועלכע ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר קאָמפּעטענט. בנוגע מאַטעמאַטיק האָט ער זיך נישט גרויס געהאַלטן, און האָט צוליב איבערגעטריבענער עניוות, נישט געוואָלט פּסקנען קיין שאַלות פאַר מענטשן, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר זיינע לערערס, אָדער ווי גרעסערע פון אים. דאָס איז געווען זיין טעות. ווו עס איז דאָ ליכט, איז אויך דאָ שאָטן, אָבער ווייל איז דעם מענטש, וואָס זיינע חסרונות זענען אַזוי נאָבל און שיין.

אַ יאָר צען פלעגן מיר זיך צוזאַמענטרעפן, לייענען, לערנען, דיסקוטירן. פאַר צעניאָרן איז, אַזוי שטיל און באַשיידן ווי ער האָט געלעבט, געשטאָרבן יוסף דאַבראַזשענסקי. דער רבי איז אַוועק אין הימלישער ישיבה. שפּעטער איז אויך באַרנשטיין אויפגערופן געוואָרן אין דער ישיבה וואָס אין די הימלען, דער דרייפאַכער פאָדים איז צעריסן געוואָרן, צעשטערט דער דריי-בונד — איך בין געבליבן אַליין!...

די תקופה פון די „מאַנטיקדיקע״ האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער. שוין געווען מענטשן מיט אָנשויאונגען, מיט צילן, מיט מלחמות; מיר האָבן געקעמפט דורך ליטעראַטור און צייטונגען, דורך פאַרטראַגן אין פאַראיינען, וואָס זענען געווען פאַרבאָטן און האָבן געקאָנט ברענגען יעדן איינעם פון אונדז צו געלט שטראָף, צו אַרעסט, צו אַרויסשיקונג. מיר האָבן געקעמפט קעגן דעם אינערלעכן דעספּאָטיזם, קעגן דעם אומווויסן, קעגן אַסימילאַציע. אין די צייטונגען האָבן מיר וועגן דעם נישט געשריבן, בכלל, האָט „וואַרשע נישט געהאַט קיין ווידערקול״, האָט זיך נאָר זעלטן אָפּגערופן אין דער עפנטלעכקייט. באַרנשטיין איז געווען אַ חבר פון די „מאַנטיקדיקע״, אָבער נישט קיין שטענדיקער באַזוכער, געווען פאַרנומען און די ראיה איז שוין געווען נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ פעסטע פּאָזיציע אין דער סינאַגאָגע, ווו עס איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען דער שטערן פון ד״ר פּאָזנאַנסקי, דער אמתער וויסנשאַפטלער און איינער פון די גאונים אין חכמת ישראל אין לעצטן דור, אַ גרויסער שרייבער, וועו אפילו ספּעציאַליזירט אין איין קעגנשטאַנד,

די געשיכטע און ליטעראַטור פון די קאַראַאימער, האָט ער אַרומגענומען מיט זיינע געדאַנקען, שטאַנדפּונקטן און דערקלערונגען אַ סך צווייגן פון אונדזער אַלטער און מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, געווען אַ מופלג, געשריבן אַ וויסנשאַפטלעכן העברעאיש, אַ קדוש וטהור, איינגאַנצן אַ צעפּלאַמטער פון גאָטס-געגנאָד, פול מיטן טעם פון דער אור־אַלטער העב־רעאישער ליטעראַטור, און צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער הויכער ביל־דונג, וואָס ער האָט געלערנט אין דייטשלאַנד, האָט ער פאַרקערפּערט דעם פּולקאָמסטן טיפּ פון אַ פּוילישן ייִד, העברעער און ציוניסט, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונדזער דור.

דער דאָזיקער גרויסער מאַן פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, איך וועל זיך דאָ דערפאַר נאָר באַגנוגענען מיט געציילטע ווערטער. פּאָזנאַנסקי איז פאַר אונדזערע אויגן אויפגעקומען ווי אַ יונגער שפּראַצ־לינג. אַ שיינער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר שיינע אויגן, אַ משכיל און אַ תלמיד חכם פון אַלטן דור. געלערנט תורה אין זיין געבורט שטעטל טשע־כאַטשינעק און געלערנט אויך אין אַ רעאַל-שולע; ער פלעגט אַריינקומען אָפטער צו מיר, סיי צו באַרנשטיינען. אַ געוויסע צייט איז ער געווען דער לערער פון מיינע קינדער; אויסגעבאָוועט אויף אונדזער העברעאי־שער ליטעראַטור, האָט אים די חברה „לומדי תורה" ביי דער סינאַגאָגע, אויף אַ השתדלות פון באַרנשטיינען געשיקט קיין בערלין. דאָרט האָט ער שטודירט אייניקע יאָר און איז צוריקגעקומען אַ ד"ר פּאָזנאַנסקי!

פאַר באַרנשטיינען איז פּאָזנאַנסקי געווען אַ שילער, אַ חבר און אַ רבי, אַלץ מיטאַנאַנדער. פאַר מיר איז ער עס אויך געווען, ווען אפילו אין אַ קלענערן גראַד, ווייל איך בין שוין דאַן געווען צעוואָרפן אויף אַלע שבעה ימים, אָבער באַרנשטיין און פּאָזנאַנסקי האָבן פאַרגעזעצט צו זיצן אין די געצעלטן פון תורה, ווען אפילו נישט אַלעמאָל אין רו און צופרידנ־קייט.

וויפיל האָט זיך אָנגעליטן פּאָזנאַנסקי אין זיין ערשטער תקופה ווי אַ חלוץ פון ציוניסטישן געדאַנק אויף דער בימה פון דער סינאַגאָגע? וויפל אינערלעכע זעלבסטשטענדיקייט קעגן פּרעטענזיעס אויף הכנעה און וויפיל גייסטיקע יסורים? וויפיל „משיח-וויייען"? וויפיל ערגערניש? און

דרוק פון דרויסן? און וויפיל צער און נויט און ליידן און דערשלאָגנקייט אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה מיט אלע אירע ליידן האָט אויסגעבראָכן? און טראָץ דעם אלעמען האָט ער נישט נאָר דורכגעזעצט א סיזיפוס־ארבעט און האָט זיך פערפעקציאָנירט ווי א יוסף דאבראזשענסקי, נאָר ער האָט אנטדעקט פרישע קוואלן פון יידישן וויסן, געשריבן א ווערק נאָך א ווערק, באַרייכערט דאָס יידישע וויסן פאַר אלע דורות, געמערט יידישע וויסנשאַפטלער, און ווו נעמט מען נאָך אזא לערער ווי ער?

און בארנשטיין? אוי, וויפל צרות עס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ אין זיינע לעצטע יאָרן, געוואלדיקע ליידן האָט ער איבערגעטראָגן. זיין פרוי, זייער בת יחידה און בן יחיד זענען אים אוועקגעשטאָרבן, אליין איז ער בלינד געוואָרן, אָבער זיינע גייסטיקע קוואלן האָבן נישט אויסגעטרוקנט און זענען נישט אויסגעשעפּט געוואָרן, זיינע בלעטער זענען נישט פאַרוועלקט געוואָרן, ער האָט נישט אויפגעהערט צו געבן פרוכטן. אויף דער עלטער שוין האָט ער נייע כחות באַקומען, אַדלער פליגל זענען אים אויסגעוואַקסן, און אויף זיי האָט ער אָפּגעגעבן דעם הימל זיין גרויסן גייסט, קוקנדיק אויף דער זון מיט זיינע גייסטיקע אויגן, וואָס זענען נישט פאַרטונקלט געוואָרן ביז זיינע לעצטע טעג. ער איז נפטר געוואָרן אין טיפן עלטער. אָבער מענטשן ווי בארנשטיין שטאַרבן תמיד פ א ר דער צייט. זיין אוועקגיין לאָזט איבער א גרויסן בלויז און עס איז א גרויסער ספק, צי מיר וועלן אין גיכן קריגן, ווער עס זאָל פאַרבייטן און קאָמפּענסירן אזא קלאָרן שכל, אזא גרויסע קאָמפּעטענץ, אזא אַרבעטס־קראַפט, אזא לויכטנדע שיין, וואָס קיין שום שאָטן און שווארצקייט האָבן נישט געקאָנט פאַרטונקלען אין משך פון א יובל יאָרן.

אונדזער פאָלק איז זיך נוהג צו באַערן זיך דורך דעם, וואָס עס באַערט זיינע חכמים און לערער, אָפּצוגעבן כבוד די אויסדערוויילטע פון דור, וואָס האָבן געווידמעט זייער לעבן צו תורה און וויסן. נישט אין שטיין וועלן מיר אויסהאַקן א דענקמאָל פאַר בארנשטיינען, נאָר אין גייסט, אין אונדזער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס אין זיי האָט ער זיך

אויסגעלעבט, וואָס ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען איינער פון זייערע הויפּט היטער און דינער, איינער פון די וואָס האָבן געשמידט די שפּראַך און געבויט די העברעאישע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. עס איז אַ פליכט אויף די יידישע וויסנשאַפטלער צו ווידמען בארנשטיינען אַן אָנדענק-בוך, אַ זאַמלונג פון וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. און עס ליגט אַ פליכט אויף די פּוילישע יידן, אויף דער געמיינדע פון וואַרשע, צו גרינדן ביי דער העברעאישער אוניווערזיטעט אַ וויסנשאַפטלעכע קאַטעדרע אויפן נאָמען פון דאָזיקן גרויסן וויסנשאַפטלעכן טוער.

אי, ווען יידן וואָלטן געפאָלגט!

ד״ר שמואל גאָלדפלאַם

ווען אַ מ ע נ ט ש שטאַרבט! דער העכסטער כבוד-טיטול, וואָס איך קאָן געבן אָט דעם נפטר, איז איינפאַכער פון איינפאַך, אָבער טיפער פון טיף. ער איז געווען אַ מ ע נ ט ש, אַ מענטש אין פולער פראַכט, אין גאַנצן חן, אין עכטן גלאַנץ און געשמאַק. ליב געהאַט מענטשן. אַ מאַ-ראַליש-עטישע פערזענלעכקייט, אַ צירונג פאַר מענטשן. האָט ליב געהאַט טאָן אַ טובה און געשטערעבט און אָנגעשטרענגט זיך צו זיין נוצלעך. אַ מענטש, געבענטשט פון גאָט מיט העכערער חכמה און פאַרשטאַנד, אַ שפע פון העכערער גייסטיקייט, מיט וואָס ער איז באַגליקט געוואָרן הן אין זיין פראָפעסיע — מעדיצין — הן אין זיינע גרויסע פאָרשונגען און פילע עקספערימענטן וואָס האָבן געבראַכט אַ רייכן שניט פון אַנטדעקונגען, וועלכע טראָגן זיין נאָמען. מיט דער הילף פון זיין מיקראָסקאָפ איז ער אַריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע טיפענישן און אַנטדעקט די טיפסטע אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן אָרגאַניזם. אַ מענטש וואָס איז טריי צו זיין יידישן פאָלק, ליידט מיט אין זיינע ליידן, וויטיקט אויף זיין בראָך און טרוימט וועגן זיין צוקונפט. אַ מענטש אַן אַקטיווער און אַן אויפטוער, אַן עסקן, אַ רעדנער, גיט זיך אָפּ פלייסיק מיט כלל-אַרבעט, באַליבט און סימפּאַטיש פאַר אַלעמען. גוט צו יעדן איינעם, אונטערשטיצט יעדע גוטע איניציאַטיוו; אַ לויכטנדיקע, שיינענדיקע פערזענלעכקייט.

ווען די וואָס האַלטן וואָך ביי די פאַרטיי-גרעניצן, וואָלטן צוגעשטאַ-נען, איך זאָל זיי דווקא זאָגן, צו וועלכער פאַרטיי ער האָט געהערט, וואָלט איך לכתחילה היפּש געצעגערט און זיך פיל געוואַקלט, לסוף אָבער וואָלט

איך מיט פולער זיכערקייט געזאָגט, אַז ער האָט געהערט צו דער פּאַרטיי: „מענטש"; אַ פּאַרטיי וואָס ווערט בעוונותינו הרבים אַלץ מער אַ יקר המציאות, ווייניק אין צאָל, אָבער גרויס אין קוואַליטעט. אַזאַ מענטש ווי ער איז טייערער פון גאָלד. זיין מענטשלעכקייט האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן און אַן אייגנאַרטיקן צויבער.

איך האָב עס געהערט פון אַ סך: מען שיסט מיט אַ פראַזע. גאָלדפלאַם איז פון נאַטור נישט געווען קיין קעמפער! עס איז אמת. ער איז נישט געווען פון די בעלי־מלחמה, וואָס היצן זיך און שטורעמען און קערן וועלטן און קולטיווירן מחלוקת. ער איז נישט געווען פון די שטאַרקע נאַטורן וואָס הענגען אָן זייערע פּרינציפּן אויפן שפּינוועב פון דער תאווה צו באַזיגן, וואָס לכתחילה זעצט אַזש פון איר אַ פּאַרע און לסוף לאָזט זיך אַלץ אויס מיט גאָרנישט. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך כבוד, פּראָפּאַגאַנדע און פּאָפּולאַריטעט. אָבער ווער עס וועט זאָגן, אַז זיין ליבע צו שלום איז געקומען פון פאַרגליווערטקייט און זיין גייסטיקע רואיקייט האָט געצויגן יניקה פון אונטערטעניקייט, באַווייזט, אַז ער האָט גאָרנישט געקאָנט אָט די דאָזיקע אויסטערלישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געקאָנט זיין ווייך ווי פּוטער, אָבער גלייכצייטיק אויך האַרט ווי קיזלשטיין.

פון נאַטור אַ רואיקער, אַ דעליקאַטער און אַן איידעלער, האָט ער פאַרמאָגט אַ פעסטן כאַראַקטער. ער האָט געקוקט נאָר אויפן תוך פון זאַכן, אָן איינזעעניש און אָן דער לייכטזיניקער און איבערגעטריבענער זודיקייט, וואָס צינדט זיך שנעל אָן און ווערט אויך גיך פאַרלאָשן. אָבער ער האָט פאַרמאָגט דעם מענטשלעכן פּאַטאָס פון קענען אויפבראַוזן, געריכט ווערן און רעאַגירן קעגן אומרעכט און ליגן. ער איז געווען פריש, מונטער, נאַטירלעך און אוממיטלבאַר. דערפאַר האָט אויף אים דער פּאַרטיי־פּעדאַנטיזם קיין שליטה נישט געהאַט. דורך דער לויטערער קלאָרקייט פון אַ נאַבעלער מענטשלעכקייט האָט ער געפונען זיין וועג צו יידישקייט, צום ציוניזם.

ער האָט פאַרמאָגט די פּערזענלעכקייט און דעם אייגנאַרט פון אַ געלערנטן און קינסטלער. יאָ, מיט זיין גאַנצער נשמה און פון פולן הארצן האָט ער ליב געהאַט קונסט. ער האָט געהאַט אַ ברענענדיקע נשמהדיקע

גלוסטונג צו עסטעטיק: פאלקאמקייט, איידלקייט, קינסטלערישע פאלירטקייט, צו דער שיינקייט פון קלאנג, פארעם, שטריכן און פארבן. ער האט פארמאגט אן אינערלעכע באציאונג צו גראציעזקייט און הארמאנישקייט, ער האט געקאנט אויפגערעגט ווערן פון יעדן פאלשן שטריך, פון יעדן גריליק אין קלאנג, פון יעדער נישט עכטקייט אין א קונסטווערק.

ער איז געווען אן אפבילד פון די רענעסאנס פיגורן. שטארק, קרעפטיק, כאפט ארום וועלטן גאנצע, באגרייפט דעם וואונדער פון קלאנגען און די דינסטע ניואנסן פון פארבן און ליניעס. נישט פיל אזעלכע מענטשן האבן אין אונדזערע צייטן ארומגעשפאצירט אין ווארשע, אין דער געגנט פון גראניטשנא־גזשיבאוו. זיי האט מען געקאנט געפינען אין דער רענעסאנס-עפאכע אין פלארענץ. שטאלענע פיגורן, מיט א הדרת פנים; געניט, קאמפעטענט און געשיקט אין די פארשידנסטע פראפעסיעס: מיליטער, מעדיצין, מאטעמאטיק, מסחר. איך וועל זיך נישט אוועקלאזן צו ווייט און זאגן, אז אזעלכע פיגורן זענען אמאל אויך געווען צו זען אין די שטעט פון יהודה און אין די גאסן פון ירושלים, אבער אין אלעקסאנדריע של מצרים זענען זיי געווים געווען. זיי זענען אויך געווען אין אמסטערדאם אין די צייטן פון אוריאל אקאסטא און ברוך שפינאזא. גאנצע מענטשן, מיט אוניווערסאלן וויסן, וואס האבן אויסגעזען צווישן די לעבעדיקע ווי, איך וואלט זאגן, אנטיקע מאנומענטן מיט קלאסישן פראכט, פארקערפערט אין פלייש און ביין. מענטשן וואס זייערע הייזער זענען געווען קונסט-מוזעאומס, און זייערע ארבעטס-צימערן ווי פאלאצן-ווינקלעך און שאף-קאמערן פאר בילדער און סקולפטורן, גאנצע און צעבראכענע אלטערטום-טאוולען, געמעלן און סטאטוען און שניצערייען; עכטע קונסטווערק.

אזא רענעסאנס-מענטש, פול מיט ווירדע, איז געווען גאלדפלאם. פון זיין שטענדיקער און שווערער וויסנשאפטלעכער ארבעט, רייך אין אזוי פיל דערפינדונגען; פון זיין פארבנרייכער און פארשידנארטיקער פראקטיק, פלעגט ער אפטמאל אנטלויפן אין זיין קונסט-טעמפל, וואס ער האט געהאט ביי זיך אין הויז און וווהין ער האט אויפגעקליבן, אנגעזאמלט און געשמאקפול איינגעארדנט די קונסטווערק, צו וועלכע ער איז געווען זעליש צוגעבונדן, און וואס פלעגן מיטן פראכט פון זיין אנבליק אפרישן זיין

עסטעטישן געפיל. זיין הארץ איז געווען איבערפולט מיט א ים פון גע-זאנגען; ער איז שטענדיק געווען פון די צען ערשטע און פון די צען לעצטע אויף א קאנצערט.

אין משך פון לאנגע יארן איז גאלדפלאם געווען מיין פאמיליען-דאקטאר. אפטמאל פלעג איך זעלבסט אויך פרעגן ביי אים ווען א רפואה צו מיינע מיחושן. ווען מען האט געזאגט ביי מיר אין הויז „דער דאק-טאר", האט מען געמיינט גאלדפלאמען. נאך מער ווי א דאקטאר איז ער געווען א פריינט. און ווי טיף זענען געווען זיינע פשוטע שמועסן! אין ליטעראטור האט ער א סך פארשלונגען, ווייניק פארגעסן, א סך געלייענט און געטראכט. געשריבן האט ער נאר וויסנשאפטלעכע ארטיקלען איבער די רעזולטאטן פון זיינע פארשונגען. אבער זיין געשפרעך איז געווען פול מיטן טוי פון די געדאנקען, וואס ער האט אנגעזאפט ביים לייענען. שמועסן האט ער געקאנט ווענן אלץ און אלעמען, און פלעגט שווער קאנען בא-הערשן זיין אויפגעברויזטן געמיט, וואס פלעגט אויפגערעגט ווערן און רעאגירט אויף יעדער אומרעכט, פאלשקייט, אבערגלויבן, זאכן וואס ער האט נישט געקאנט פארטראגן ווי א קרעץ. און אויך אין זיין אויפגע-רעגטקייט האט ער געדענקט און גערעדט דערהויבן, זיינע רייד זענען גע-ווען קלאר און געלייטערט, אן שמוק פון פוסטע מליצות, אן פוז פון אויסגעדראשענע גוזמאות פון די אנגעבלאזענע רעדנער. ער האט פאר-מאגט א וויסנשאפטלעכן סטיל, ווייט פון איבערטרייבונגען, און ווען ער פלעגט זיך דערווארעמען און חכמה פלעגט ארויסשיינען פון זיין געזיכט, און ער פלעגט שארף קריטיקירן יעדע קרומקייט און טעותדיקייט, ווי ליב האב איך געהאט זיין שמועס אין אזעלכע שעהען פון גליקזעליקער אויפגע-רוימטקייט, ווען אין אים פלעגן אויפפלאקערן די פונקען פון א קעמפער און א נביא.

און ווען איך האב אמאל ארויסגערופן א שטורעם מיט א סעריע אר-טיקלען אין „איזראעליטא" קעגן אסימילאציע, און עס האט זיך פארקאכט א קאשע און פון א סך זייטן האבן זיך אויף מיר א שאט געטאן גיפטיקע פיילן, און מען איז מיך באפאלן ווי די היישעריקן, מיך ארומגערינגלט מיט שלאנגען-גיפט, פלעגט ער קומען צו מיר ווי א פריינט און חבר,

שטארקן מיין געמיט און באמוטיקן מיין פעדער. מערערע מאָל האָב איך אים דאַן געפרעגט, פאַרוואָס באַהאַלט ער זיך? פאַרוואָס טרעט ער אַליין נישט אַרויס? און ער פלעגט מיר שטענדיק ענטפערן: „איך בין נישט קיין שרייבער און קאָן נישט קעמפן מיט דער פעדער. איך בין אויך נישט קיין פאַמיליען-מאַן (ער איז געבליבן נישט פאַרהייראַט), וואָס זאָל קענען דינען ווי אַ מוסטער מיט דער פירונג פון זיין הויז און דערציאונג פון זיינע קינדער. איך בין אַ מעדיצינער, אַן איינזאַמער מענטש. אָבער יעדעס מאָל ווען איך טרעף זיך אָן מיט די שונאים פון אונדזער פאָלק, זאָג איך זיי גאַנץ פיין אַריין און רעד מיט זיי קלאָרע דבורים, איך שאַנעווע אויך נישט אונדזערע אייגענע פאַררעטער, די אַסימילאַטאָרן. מער קאָן איך נישט: מיין פראָפעסיע פאַרשלינגט די גרעסטע טייל פון מיין צייט און דאָס ביסל, וואָס איך קאָן אָפּרייסן, פאַרנוץ איך אויף דעם, אין וואָס איך בין פאַרליבט מיט מיין גאַנצער נשמה: קונסט, עסטעטיק, פּאָעזיע.”

דאָס איז נישט געווען קיין אויסגערעכנטקייט, אָבער אַזוי איז געווען זיין טבע; און ווייל איז צו דעם, וואָס זוכט נישט צו זיין אַנדערש ווי גאָט האָט אים באַשאַפן. אַזוי איז ער פאַרבליבן אין זיין פרישקייט, אין זיין ענטוזיאַזם, אין זיין גלויבן. ער איז געווען אַ זייער שטאַרקע נאַטור, אָבער אויך געפילפול ביז גאָר. נישט זייענדיק צו עגאָאיסטיש, פלעגט ער קאָנען געדולדיק אַריבערטראָגן זיינע ליידן און אויב ער האָט זיך ווייניק באַקלאָגט, איז עס נישט געווען דערפאַר ווייל ער האָט ווייניק געפילט. דער גורל האָט אים גרויזאַם באַהאַנדלט פון וויגעלע ביז צום קבר. נאָר דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין אַמאָל אַזוי רייכן פאָטער, ווען דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט און דער „דערצויגענער אויף זיידנס” איז אַראָפּגעפאַלן „פון אַ הויכן גאָרן אין אַ טיפער גרוב”, איז גענוג געווען אויף צו דערדריקן אַפילו אַ גאָר שטאַרקן כאַראַקטער, אָבער ביי אים האָט עס נישט צוגענומען זיין ווירדיקן אויסזען, זיין געפּוצטקייט, זיין איידלקייט און אַריסטאָקראַטיזם, ווייל ער האָט פאַרמאָגט העכערן גייסט, וואָס האָט געקאָנט באַהערשן דעם שיקזאַל. וויסן און קונסט האָבן אים באַצירט, די וועלט-פּאַסירונגען און צייטווייליקע צרות האָבן אים נישט באַזיגט. ער איז געבליבן שטאָלץ, ווירדיק, פריי — אַ מענטש!



ד"ר שמואל גאָלדפלאַם

אַלע אַנדערע טיטולן זענען אַוועק און דער איז געבליבן, ווייל די אַלע אַנדערע זענען נאָר די שאָלעכץ פון אַ פּראַזע, דער אינהאַלט פון וועלכער האָט אויסגעטרוקנט; אָבער דער טיטול מענטש בלייבט אייביק פריש און זאַפטיק.

עס געדענקט זיך. אַ לאַנגער זומער־טאָג, פאַרנאַכט־צו. איך זיץ אין מיין אַרבעטס־צימער אין רעדאַקציע, אויף מאַריאַנסקאַ 2, אין דער אַמאָ־ליקער וואַרשע. איך זיץ איינגעבויגן איבערן שרייבטיש, רעכטס — צענד־ליקער ביכער, לינקס — הונדערטער צייטונגען. איך זיץ און שרייב, מעק און קאָרעגיר, פאַרריכט און בעסער אויס, און גיב „אָריגינאַלן" צום הויפּט־זעצער ר' אליהו. מיטאַמאָל, אַ גערויש אין פאָדערצימער, „דער דאָק־טאָר!", די טיר עפנט זיך — גאָלדפלאַם!

— נו, גענוג געזעסן אין ענגן צימער אין געדיכטן ציגאַרן־רויך. קומט אַביסל מיט מיר, אָטעמען מיט אַביסל פרישע לופט אין „שווייצאַר־טאַל"; באַלעריאַן דירויזשירט היינט, מען גיט „טאַנהויזער".

איך נעם אים אויף ליבלעך, אָבער איך זאָג זיך אָפּ מיטצוגיין; גראָד בין איך געווען פאַרטאָן ביז איבערן קאָפּ אין אַ געוויסער אַרבעט, אינגאַנצן פאַרזונקען און פאַרצויבערט אין מיין שאַפונגס־וועלט. דאַן האָט ער באַ־פוילן ווי אַ דאָקטאָר: „אויפגעשטאַנען און געגאַנגען, און דווקא צופוס". אַ דאָקטאָר מוז מען פאָלגן, האָב איך בלית ברירה מסכים געווען, אָנגע־גורט מיינע לענדן און אַוועק מיט אים צופוס; אַ היפּשער מהלך, מער ווי אַ תחום שבת. נישט ווייט פון מיין וווינונג איז געווען דער קינדער־שפּי־טאָל, געגרינדעט פון מאַדאַם בוימאַן. גאָלדפלאַם איז אויף „אַ רגע" אַריין אַהין, צו באַזוכן אַ קראַנק קינד און איך בין געבליבן וואַרטן אין דרויסן. „די רגע" האָט זיך פאַרצויגן אויף כמעט אַ גאַנצער שעה, און ווען ער איז לסוף אַרויסגעקומען, האָט ער זיך אַנטשולדיקט, ער קאָן נישט גיין: „דאָס קינד האָט זיך עטוואָס פאַרערגערט און איך קאָן אים נישט אי־בערלאָזן, שאַדע!" ער האָט זיך צוריקגעקערט אין שפּיטאָל און איך בין אַוועק צוריק אין רעדאַקציע. „טאַנהויזער" און באַלעריאַנען האָט מען אָפּ־געלייגט אויף אַן אַנדער מאָל. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער ווידער אַרויפ־געקומען אַ צעשטראַלטער פון פרייד. דאָס קינד איז געזונט געוואָרן און

דאָס מאָל גייען מיר טאַקע. איך האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט, ער איז גע־וועזן אַזוי יום-טובדיק אויפגעלייגט. איין קלייניקייט! דאָס קינד איז גע־זונט און מיר גייען אויף „טאַנהויזער"! דאָס הייסט אַ פרייד! דעם גאַנצן וועג האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם קינדס שלאָפקייט. עס איז געווען אַ קריסטלעך קינד, אַ זון פון זיין סטרוזש. מען האָט עס גע־האַט באַהאַנדלט אין אַן אַנדער שפּיטאָל און לכתחילה נישט גענוג גוט באַ־גריפן די שלאָפקייט. גאָלדפלאַם האָט ממש געברענט פון כעס: „ווי קאָן מען עס זיין אַזוי נאַכלעסיק ביי אויסהערן אַ קראַנקן? ווי האָבן זיי זיך גלייך נישט געכאַפּט, אַז עס איז דיפטעריט? איך האָב געלאָזט מאַכן אַ באַקטעריאָלאָגישן עקזאַמען און גלייך האָט מען אַנטדעקט די דיפטעריט־וואַרצלען, האָב איך געלאָזט מאַכן די נייטיקע איינשפּריצונגען. יענע אייזלען האָבן פאַרזען די סימפּטאָמען אין קינדס העלדזל. אמת, פאַראַן אַ דיפטעריט מיט נישט גענוג אָנזיכטיקע אויסערלעכע סמנים און ער איז דווקא דער געפערלעכסטער."

ביז מיר זענען געקומען צו אַלעקסאַנדראַווסקי פּלאַץ, האָט גאָלדפלאַם פאַרענדיקט כמעט אַ גאַנצן פאָרטראַג וועגן קלעבס, וואָס האָט אַנטדעקט דעם דיפטעריע-באַציל אין 1883, און וועגן לעפלער, וואָס האָט פּער־פעקציאָנירט די אַנטדעקונג, אויסגעפינענדיק דעם מעטאָד פון איינשפּרי־צונגען ביי בעלי־חיים, און שוין נאָענט צום „שווייצאַר־טאָל" האָט ער ענטוזיאַסטיש אַרומגערעדט דעם לעצטן מעטאָד פון פולשטענדיקער אויסהיילונג, אַן אויפטו פון פראַנצויזישן פּראָפעסאָר רו. ביים אַריינגאַנג אין גאָרטן האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ נצחון-אויסגעשריי: „איך האָב אָפּ־געראַטעוועט דאָס קינד!" דאָס איז געווען איינצייטיק אַ פרייד פון מענטש־לעכקייט און ווויסנשאַפטלעכקייט. ער האָט פערזענלעך געקאָנט פּראָפעסאָר רו, און איז בכלל געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער פראַנצויזישער מעדיצינישער שול. נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום אויפן וואַרשעווער או־ניווערזיטעט האָט ער שטודירט אין פּאַריז, ספּעציעל ביי שאַרקאָ, האָט גערעדט פראַנצויזיש מיט אַן עכטן פּאַריזער אַקצענט און האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך איינגשאַפטן און נייגונגען פון דער ווויסנשאַפטלעכער וועלט אין פראַנקרייך.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין „שווייצאַר-טאָל", האָט מען שוין געהאַט פאַרענדיקט די אוווערטורע, מיט אירע טרעלן פון אירע רעליגיעזע געזאַנגען, עס איז שוין געגאַנגען דער ערשטער אַקט, אין וועלכן וואָלפראַם דערמאָנט טאַנהויזערן די אַמאָליקע יאָרן, ווען טאַנהויזער איז נאָך „אַ יונגער קריגער" געווען. גאָלדפלאַם איז אײַנגאַנצן אַוועק אין דער וועלט פון מוזיק. ער איז שוין לאַנג געווען אַ חסיד פון דער וואַגנערישער „מוזיק דער צוקונפט" און איך בין געווען „ברוגז" אויף וואַגנערן פאַר זײַן שנאה צו יידישע דיריגענטן; אָבער ער האָט געוווסט, אַז „טאַנהויזער" וועט מיך „איבערבעטן" מיט זײַן „פינאַל", וואָס פאַרמאָגט די בעסטע איטאַליענישע מוזיק, וועלכע איך האָב אַזוי ליב: „הערט נאָר אָט דעם רעטשיטאַטיוו", „וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע ברייטקייט און מעכטיקייט", „הערט זיך נאָר צו צו וואָלפראַמס ראָמאַנס", „אָט דאָס הייסט צויבער". מיר האָבן שוין געהאַט געמאַכט מער פון זיבן הקפות צווישן שפּאַצירנדיקן עולם, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן מיט דער חבריא: לעאָן פרץ, ד"ר משורר, ד"ר עליאַשעוו, ד"ר גרשון לעווין; איך האָב זיי פאָרגעשטעלט גאָלדפלאַמען, מיט ד"ר לעווין איז ער שוין געווען באַקאַנט און האָט אים פאַרערט. עס איז געווען אין די ערשטע צייטן פון אונדזער פאָלקסטימלעכקייט, פון וואָס עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט דער יידישיזם. גאָלדפלאַם האָט ווייניק געוווסט פון דעם אַלעמען, אָבער דאָך באַצויגן זיך מיט סימפּאַטיע.

ווען מען האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם דריטן אַקט מיט זײַנע פּילגרימען-געזאַנגען, האָט גאָלדפלאַם אַרויסגענומען זײַן נאָטיץ-ביכל, אָנגעטאָן די פּענסנע, אַרײַנגעקוקט און געזאָגט: „איר וועט מיר נאָכאַמאָל מוזן אַנטשולדיקן, אָבער איך קאָן נישט בלײַבן ביזן סוף, איך האָב צוגעזאָגט זיך נאָכאַמאָל אַרײַנכאַפּן אַ קוק טאָן וואָס מאַכט יענדריק" (אַזוי האָט געהייסן דאָס קראַנקע קינד). איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרהאַלטן, בין איך געבליבן מיט דער חבריא, שפּאַצירט, געהערט דאָס געזאַנג פון יעליזאַבעטס געבעט, וואָס דערמאָנט דאָס געבעט פון מאַרגאַריטאַ אין „פאַאוסט", איז אָבער פיל טיפער.

דאָס האַרץ פון דאָזיקן מענטש איז געווען ווי די פידל, וואָס איז

געהאנגען איבער דוד המלכס בעט, און זיין מוח איז געווען פול מיט וויסן: א מוזיקער און א נערוון-ספעציאליסט, א פארערער פון וואגנערן און א תלמיד פון שארקא, א סאלאן-מענטש וואס ציט זיך אן ווי א בויגן און שפרינגט אויף ווי נאר ער דערהערט, אז עמיצער האט אנגערירט דעם יידישן כבוד, א זון פון א רייכן סוחר ביים „אייזערנעם טויער" און שטרעבט צו שיינקייט און פרייהייט, אן עכטער ווארשעווער פון דער צייט זוען ווארשע איז געווען א פולקאמער סינטעז פון מזרח און מערב. ער האט פיל געדייזט, אבער אפגעלעבט זיין גאנץ לעבן אין ווארשע, ווו יידן און פאליאקן האבן אים געהאלטן פאר איינעם פון די בעסטע.

טראץ דעם חילוק אין אונדזער דערציאונג און לעבנס-באדינגונגען האבן אונדז פאראייניקט פעדים פון געמיינזאמע נייגונגען. ער איז אויך געווען א ליידנשאפטלעכער טוריסט. עס האט אים געצויגן אין אלע עקן וועלט, ווי ער וואלט די גאנצע וועלט געהאט אין הארצן, שטענדיק גע-בענקט נאך רוים און ווייטע האריזאנטן. זיינע אויגן זענען נישט מיד גע-ווארן פון צו זען די מערבדיקע לענדער, די הויכע בערג, דעם ים. מיט א יאר פערציק צוריק (דוכט זיך) האט אים זיין שבן איגנאץ בערנשטיין איינגעלאדן מיטצופארן קיין ארץ ישראל. בערנשטיין, וואס איז באקאנט מיט זיין זאמלונג פון אלטע יידישע ווערטלעך, איז געווען זייער רייך און איינער פון די ערשטע חובבי ציון. האט ער איינגעארדנט זיין נסיעה מיט אלע באקוועמלעכקייטן, מיט געצעלטן און אלעם נויטיקן צו פארן בחב-רותא. ער האט מיטגענומען מיט זיך דעם ד"ר ביכאווסקי, א פלאם-פייער-דיקן חובב ציון און צו יענער צייט א יונגער דאקטאר אין ווארשע. זיי זענען געפארן צוזאמען ביז מצרים און דארט האט זיך גאלדפלאם אפגע-טיילט און צוריקגעקערט אהיים. עס איז געווען צוליב פריוואטע סיבות און ער האט מיר נאכהער נישט איינמאל געזאגט, אז ער קאן זיך נישט מוחל זיין את דעם באגאנגענעם פעלער. וואלט ער דאן געפארן קיין ארץ ישראל, וואלט ער אפשר פריער געווארן א ציוניסט, אבער הפנים אז די שעה האט נאך דאן נישט געהאט געשלאגן, און וואס ער האט נישט באוויזן צו טאן מיט פערציק יאר פריער, האט ער געמוזט טאן שפעטער, אפילו שוין אביסל צו שפעט. וואס באשערט דאס באווערט.

אין משך פון א סך יאָרן פלעגן מיר זיך באַגעגענען אין כמעט אַלע לענדער. מיר האָבן צוזאַמען געקלעטערט אויף די בערג פון שווייצאַריע, אויף די פירענייען, אַפּענינען; מיר האָבן זיך פיל מאָל באַגעגנט אין מו־זעאומס און לערן־אַנשטאַלטן פון רוים, פּאַריז, נעאַפּאָל. אומעטום, אויפן ים ווי אויף דער יבשה, האָב איך אים געטראָפן שטענדיק אויפמערקזאַם. נישטערט און פאָרשט, באַקומט התפעלות פון יעדן פייזאַזש, א ריינעם העכערן גענוס פון יעדן מין שיינקייט.

איך געדענק, אמאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין בערלין און ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן אויף מיין טאָג־פּראָגראַם. איך האָב אים גע־זאָגט, אַז איך גיי אויף דער לעקציע פון פּראָפעסאָר זימל. גאָלדפלאַם האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל, אָנגעזאָגט די פענסנע און מיר געוויזן, אַז ער האָט דאָרט פאַרצייכנט: „גיין הערן פּראָפעסאָר זימל"; זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען. גאָלדפלאַם איז נתפעל געוואָרן פון זימלס שאַרפע טעאָ־ריעס, פון זיין מאַכן מיט די הענט און שאָקלען זיך מיטן גאַנצן קערפּער מיט העוויות פון אַ טיפּיש־יידישן חריף. אַרויסגייענדיק באַגייסטערטע פון דער לעקציע, האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן צו גאָלדפלאַמען: „אָבער איר ווייסט, אַז דער פּראָפעסאָר איז נישט קיין ייד?" גאָלדפלאַם איז געבליבן געפּלעפּט: „וואָס זשע דען איז ער? זיין אויסזען און העוויות זענען נישט פון איין ייד, נאָר פון אַ גאַנצער יידישער קהילה." איך האָב אים דער־ציילט, אַז זימל האָט זיך שוין לאַנג געשמדט. גאָלדפלאַם איז אין כעס גע־וואָרן, ווען ער ווייסט עס, וואָלט ער נישט געגאַנגען צו דער לעקציע: „איך האָב נישט צו טאָן מיט קיין משומדים!" איך האָב אים געפרעגט, צי דער־פאַר וועט ער נישט לייענען די ווערק פון היינע און בערנע און ער האָט מיר געזאָגט: „ביכער זענען נישט מטמא, אָבער די מענטשן אַליין זענען טמא, נאָר דער טויט קאָן אויסקויפן זייער זינד".

דאָס איז געווען אַ קאָמפּראָמיסלאָזער פאַנאַטיזם. און אויף אַזאַ מענטש האָט מען געזאָגט, אַז: „ער איז געווען אַן אַסימילאַטאָר און שפּע־טער געוואָרן אַ ציוניסט"! צו וואָס איגנאָראַנץ קאָן דערגרייכן אין באַ־צוג צו מענטשן און פּאַסירונגען. וואָס פאַר אַן אַנדער באַציאונג חוץ עקל און קעגנערשאַפט האָט דער מענטש געהאַט צו די אַסימילאַציע־אַנדרוני־

בוסן, מיט זייער מטושטשן מענטשלעכן פּרצוף, וועמענס שטאָם־קוואַל איז פאַרשטאָפּט און אויסגעטרוקנט געוואָרן. ווי האָט אַזאַ פרייער און שטאָל־צער גייסט ווי גאָלדפלאם געקאָנט זיין אַן אַסימילאַטאָר? ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען זייער שאַרפסטער קעגנער.

ד״ר גאָלדפלאם און ד״ר נוסבוים זענען אַלעמאָל געווען קעגנער, און וויפיל סימוואַלישקייט איז דאָ אין זייער סוף. גאָלדפלאם איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער אַגענץ און נוסבוים האָט זיך געשמדט. הפּנים נישט געווען קיין אנדער וועג. דער ערשטער איז געווען אַ קינסטלער־נאַטור; דער צווייטער אַ פּאַיאַץ; דער ערשטער אַ מענטשן־פריינט, דער צווייטער אַ כבוד־זוכער. ביידע זענען געווען נערוון־ספּעציאַליסטן, ביידע עכטע וואַרשעווער, ביידע האָבן געלעבט אין איין צייט, געלערנט אין איין אוניווערזיטעט, גערעדט אויף דער זעלבער שפּראַך, אָבער געווען שטאַרק פאַרשידן אין תוך און אין כאַראַקטער. ווער עס וויל דערקענען גאָלדפלאַמען, מוז פריער וויסן זיינע נעגאַטיווע זייטן: נאַכגיביקייט, צופּאַסונג, נישט האַלטן פון זיך. עס איז נישט געווען די היפּער־פּאַטריאָטישע פרומקייט פון אַריסטאָקראַטישע דאַמען וואָס שפּרינגען קדוש פאַר יעדן וואָרט פון אַ פרעמדן. ניין! גאָלדפלאם איז קיינמאָל נישט געווען קיין אַסימי־לאַטאָר, ער איז געווען אַ שטיקל אינטערנאַציאָנאַליסט, אַ קאָסמאָפּאָליט, אַ קעגנער פון יעטווידער שאָוויניזם, פוילישן ווי יידישן, אַ פאַרערער פון דער מערב־קולטור, אָבער אַסימילאַציע האָט ער אַלעמאָל פיינט געהאַט. ער איז געווען אַ ייד — ווייל ער איז געווען אַזוי טיף מענטשלעך.

ווען מיר האָבן זיך אַמאָל באַגעגנט אין בערלין, האָב איך צוליב איינפאַכן נייגיר אַ פרעג געטאָן ווי עס גייט ד״ר נוסבוים, זינט ער האָט זיך געשמדט. האָט מיר גאָלדפלאם דערציילט, אַז ער האָט זיך לעצטנס פאָרנדיק אין טראַמוויי צופעליק געטראָפן מיט זיין שטענדיקן קעגנער. דער טראַמוויי איז געווען געפּאַקט און אים איז אויסגעקומען צו שטיין נעבן נוסבוימען אויף דער אַריינגאַנג פּלאַטפאָרם. נוסבוים האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צו דערלאַנגען אים די האַנט, אָבער גאָלדפלאם האָט גע־מאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט ערשט אויסגעטרונקען אַ גרויסן לעפל ריצנ־אייל, און האָט זיינע הענט פאַררוקט טיפער אין די קעשענעס. ווען אין

וואגאן אזי געווארן עטוואס גרוימער, האט גאלדפלאם פארנומען א פלאץ אינעווייניק, באלד האט זיך צו אים צוגעזעצט נוסבוים און געזאגט: „עס שיינט, אז דער קאלעגע דערקענט מיך נישט; וואס מאכט איר „קאלעגע". — „איך בין נישט אייער קאלעגע און איך וויל אייך נישט קענען", האט גאלדפלאם געענטפערט און זיך אפגעקערט פון אים. איך האב אים דאן דערמאנט אונדזער שמועס נאך דער לעקציע פון פראפעסאר זימל אין בערלין און ער האט מיר געזאגט: „דאס איז מיין שוואכקייט, איך קאן נישט באהערשן מיין עקל צו משומדים". איך האב אים געגעבן מיין האנט און געזאגט: „דאס איז אייער גרעסטע מעלה".

ווען ד"ר וויצמאן האט באזוכט ווארשע אין שייכות מיטן פראיעקט צו גרינדן ערגעץ-ווו א הויכשולע, — די פראפאגאנדע האט זיך דאן געפירט פון גענף, און עס איז ארוים א בראשור פון בערטאלד פייוול און מארטין בובער, — האבן מיר אין ווארשע איינגעארדנט א פארזאמלונג, צו וועלכער מיר האבן אויך געוואלט צוציען נישט ציוניסטן. איך האב זיך באראטן מיט גאלדפלאמען און ער האט אנגענומען צו פאררופן די אסיפה ביי זיך. ווי אן ערשטער פרווו פאר דער באוועגונג איז די פארזאמלונג געווען גאנץ דערפאלגרייך. פארשטייט זיך, אז געקומען זענען בעיקר ציוניסטן און נאר א קליינע צאל פון די אנדערע. נאכן פארטראג פון ד"ר וויצמאן האב איך גענומען א ווארט צו דערגענצן און האב דערציילט, אז מיט א יאר צוואנציק פאר דעם איז פראפעסאר הערמאן שאפירא ארויסגעקומען מיט אן אויפרוף וועגן דער גרינדונג פון אן אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל. דאן איז אויפגעשטאנען גאלדפלאם און געזאגט: „איך האב מורא, אז גרינדן א יידישע אוניווערזיטעט ערגעץ אין גלות איז זייער שווער און נישט כדאי, אבער גרינדן אן אוניווערזיטעט אין ארץ-ישראל איז נאך שווערער, נאר עס איז יא כדאי". די דאזיקע קורץ געפאסטע מיינונג האט אויף מיר און אנדערע פארזאמלטע געמאכט דאן א טיפן איינדרוק, און ווען איך האב זיך באגעגנט מיט גאלדפלאמען ביי דער דערעפענונג פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, האב איך אים דערמאנט און ער האט זיך זייער געפרייט. ער האט מיך גע-

בעטן אָנשרייבן אַ קורצן נאָטיץ צום אָנדענק פון יענער אסיפה, וואָס איך האָב מיט פארגעניגן געטאָן.

דאָס אריינטרעטן פון גאָלדפלאַמען אין ציוניזם איז נישט געקומען פּלוצלינג. עס איז געווען אַ פּראָצעס וואָס האָט זיך געוועבט זינט אַ צייט צוריק, אין דער שטיל און געהיים, גרייט צו יעדן מאָמענט צו איבערגיין פון פּאָטענץ צו אַקציע. מיט יאָרן צוריק האָט ער געגרינדעט און אָנגע־פירט אין ווארשע מיט אַן אָרגאַניזירטער טעטיקייט לטובת די יידישע עמיגראַנטן (ביוראָ עמיגראַציע), אַ טעטיקייט, צו וועלכער ער האָט גע־ווידמעט פיל צייט, געלט און ארבעט. מיין טאָכטער מרים האָט אָנגע־פירט מיטן אַמט. קיין אסימילאַטאָר אין ווארשע וואָלט נישט גע־לאָזט דערמאָנען זיין נאָמען אין שייכות מיט אַן אַמט פאַר יידישער עמי־גראַציע. פלעגט ער מיר דערציילן, ווען אַ ייד קומט אין ביוראָ און מען פרעגט אים, וווהין ער וויל עמיגרירן, ענטפערט ער אָפט: „וועלן? אוודאי וואָלט איך וועלן עמיגרירן קיין ארץ־ישראל, דאָס איז גאָר קיין פראַגע נישט. אָבער איך וויל וויסן, וווהין קאָן איך קומען מיט אייער הילף?" די ביוראָ האָט עקזיסטירט אַ צייט מיט יאָרן אין הויז פון גאָלדפלאַם אויף דער גראַניטשנאַ. ווען ער פלעגט זיין אויפגעלייגט, פלעגט ער זיך וויצלען: „איך גיב זיך אָפּ מיט עמיגראַנטן, ווייל איך זעלבסט בין אַ שטיקל עמיגראַנט". באמת האָבן זיינע נסיעות נישט געהאַט קיין ענדע. אמאָל ווען ער האָט פארבראַכט ביי מיר, אין צייט פון וואַקאַציעס און רייזעס און מיר האָבן פיל געשמועסט וועגן דעם, וווהין יעדער איינער פאָרט, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, וווהין ער דענקט צו פאָרן? ער האָט מיר געענטפערט: „קיין גרענאַבל, אין פראַנקרייך. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס דווקא עפּעס אין געגנט פון גרענאַבל? האָט ער מיר געענט־פערט: „איך האָב געהערט אַ סך לויבן שטאַרק גרענאַבל און איך האָב עס נאָך נישט געזען". איך האָב געפרעגט ווי אזוי מען פאָרט אהין און ער האָט מיר אָנגעצייכנט דעם גאַנצן וועג וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן אַ פלי אין אַן עראָפּלאַן. ער האָט צוגעגעבן: „אַ מענטש דאַרף אמאָל כאָפּן אַ פלי אין אַן עראָפּלאַן". ער איז שוין דאַן געווען אַן אכציקער, און ער איז דאָך געפלויגן און געזען גרענאַבל. ווען מיר האָבן זיך שפּעטער ווי־

דער באַגעגנט אין בערלין, האָבן זיינע פריינד זיך געוויצלט אויף זיין חשבון: ער ד אַ ר ף פליען, ער ד אַ ר ף זען גרענאַבל... יאָ, ער ד אַ ר ף".

פון אַלע אונדזערע באַגעגענישן איבער דער גרויסער וועלט, איז די אינטערעסאַנטסטע געווען אויפן הר הכרמל באַלד נאָך דער דערעפנונג פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים. אַן אנגענעמע ווייכ־קייט איז געווען אויסגעגאָסן אַרום און אַרום, אַ פּרעכטיקער פּייזאַזש, אַ געמיש פון פרייד און דעליקאַטן טרויער, אַ טייער לאַנד, אַ שיין לאַנד. מיר האָבן געהאַלטן פּסח ביי מיין טאָכטער אין הויז אויפן הר־הכרמל. גאָלדפלאַם פלעגט קומען און גיין, ווייל ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַן „אייביקער אומרו" פון שטאָט צו שטאָט און פון באַרג צו באַרג, און האָט מיט זיין גאַנצער נשמה איינגעזאַפּט דעם פּרעכטיקן הימן פון אַן ארץ־ישראל פרילינג.

איינמאָל איז ער געקומען טיף גערירט, ווי שיכור פון התלהבות. אויפן געזיכט האָט מען דערקענט, אַז ער האָט איבערגעלעבט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק: „שטעלט אייך פאָר, האָט ער פאַר אונדז אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט! אומגלויבלעך! גיט מיר אַ גלאָז לימענע־וואַסער!" ער האָט געגעבן אַ פאַר זופּ און דערציילט.

„איך בין נאָך נישט געווען אין טעכניקום, אַלץ נישט געפונען קיין פרייע צייט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך און איך האָב נישט גע־וווסט, צי דער אַנשטאַלט איז אָפן און צי דאָרט איז דאָ עמיצער וואָס זאָל מיר קאָנען דערקלערן זיין פונקציאָנירונג. האָב איך זיך געטראַכט, איך וועל צוגיין אַ קוק טאָן. איך קום צו, גיי אַרויף אויף די טרעפּ, אין מיטן פון די טרעפּ שטייט אַ ייד, פאַרשטעלט מיט אַ האַנט איבער די אויגן, און קוקט אין דער וועלט אַריין. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט, אין וואָס פאַר אַן אייראָפּעאישער שפּראַך קאָן איך צו אים רעדן, איך האָב זיך אַנטשולדיקט, וואָס איך קאָן נישט קיין העברעאיש. דער מענטש האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „רעדט אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איר ווילט". זאָג איך אים: זאָגט מיר איך בעט אייך, דער טעכ־ניקום איז איצט אָפן צי געשלאָסן? און דער מאַן האָט אויסגעשריגן:

„וואָס איז דער אונטערשיד? אָפּן צי נישט אָפּן! איר שטייט בעסער דאָ און קוקט אויף דעם פּרעכטיקן בילד וואָס מען זעט פון דאַנען! איך האָב אים געפאָלגט, זיך אוועקגעשטעלט נעבן אים, מיט מיין האַנט געמאַכט אַ שאָטן איבער מיינע אויגן און זיך איינגעקוקט. דאָס בילד איז באמת גע-ווען געטלעך! אָבער אין אַ מינוט אַרום האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן צו באַזוכן דעם טעכניקום, האָב איך זיך נאָכאַמאָל געווענדט צום מענטש: „איך בעט אייך, אפשר ווייסט איר, ווו איז דער טיר-היטער, ער זאָל מיך אַריינלאָזן אין טעכניקום?" און ער ענטפערט מיר ווידער: „וואָס איז דאָ די נפקא מינא? צי מען וועט אייך יאָ עפע-נען צי נישט עפענען די טיר פון טעכניקום, איר שטייט בעסער דאָ און זעט ווי די זון זעצט זיך ווי אַ גרויסע פייער-קויל, ווי עס לעשט זיך דער שקיעה-צונטער דאָרט אין מערב און די בערג-שפּיצן שימערן מיט פייער-פלאַם, זעט די דורכזיכטיקייט פון הימל-געצעלט, הערט זיך צו צום גע-מעסיקטן און שטענדיקן גערודער וואָס קומט פון ים! מיין גערולד האָט געפּלאַצט און איך האָב געזאָגט צום מענטש „אַוודאי איז עס זייער שיין, איר זענט טאַקע גערעכט, אָבער אויב איר זענט נישט קיין שטענדיקער איינוווינער פון ארץ-ישראל נאָר אַ גאַסט, ווי איך, וואָס קומט אויף אַ ווייל, איז נישטאָ קיין צייט צו בענקען נאָכן פּראַכט פון דער נאַטור און נתפּעל צו ווערן פון איר אורשפּרינגלעכער שיינקייט דאָ, ווייל מען דאַרף פאָרן". איך האָב געמיינט אַז מיט אַזאַ קאַלטן טוש וועל איך אָפּ-לעשן זיין צעהיצטע פּאָעטישע פאַנטאַזיע, אָבער ער האָט זיך אפילו קיין ריר נישט געטאָן. וועט איר גלויבן מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט? איך האָב געמוזט לאָזן דעם ייד שטיין ווי אַ צוגעשמידעטער מיט צויבער-קייטן אויף זיין אָרט, אינגאַנצן פאַרשלונגען אין איינקוקן זיך. איך קאָן דאָך עפּעס צענדליקער טויזנטער יידן אין וואַרשע, אַ ייד וואָס זאָל אַזוי זיין פאַרליבט אין דער נאַטור, האָב איך ערשט היינט צום ערשטן מאָל געזען...

פון היינט און ווייטער — האָב איך געזאָגט — וועט איר שוין מער נישט זיין קיין סימפּאַטיקער, נאָר אַ פאָלגער ציוניסט.

אַ לייכטער שמייכל האָט געשוועבט איבער זיינע ליפּן, ווען ער האָט

געענטפערט: „איך בין אַלעמאָל געווען, וואָס איך בין היינט", און איך האָב פאַרענדיקט די פראַזע: — אַ מענטש!

און אָט דעם טיטול וויל איך אים געבן היינט, ווען ער האָט אריבער־געטראָטן די שוועל אין דער אייביקייט.

די פאַרשידענע וויסנשאַפטן און קונסטן זענען געגליכן צו בילדער אויף אַ גרויסער אויסשטעלונג. ווער עס האָט באַזוכט אַ קונסט־גאַלעריע, ווייסט ווי אומזיסט עס איז די אָנשטרענגונג פון אַ מענטש צו באַקאָנען זיך מיט אַלץ און אָפּשאַצן ווי געהעריק אַלצדינג אין דער קורצער צייט פון זיין באַזוך. ווען ער שטרענגט זיך גוט אָן, ווערט ער פאַרבלענדעט און צעטומלט פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון די בילדער. צום סוף איז ער געצוווּנגען צו באַגרעניצן זיין באַטראַכטונג אויף געציילטע זאַכן, וואָס זיינע פריינט האָבן אים רעקאָמענדירט, אָדער עס האָט גערופן זיין אויפ־מערקזאַמקייט די אויסערגעוויינלעכע פּראָפּאַגאַנדע אַרום זיי. אַזוי איז עס אויך מיט די פאַרשידענע וויסנשאַפטס־צווייגן. זיי זענען צו פיל און קאָמפּליצירט און דאָס מענטשלעכע לעבן איז צו קורץ, אַז אַפילו די ווונ־דערלעכסטע גאונים זאָלן קאָנען אַרומנעמען אַלצדינג. ווען מיר קוקן זיך צו צו די בערג פון פאַרשידענע וויסנשאַפטן, פילן מיר זיך דערדריקט פון דעם סך וואָס רופט אונדזער אויפמערקזאַמקייט, און מיר קלויבן אויס פאַר זיך איין געוויסן קעגנשטאַנד, אויף וועלכן מיר באַגרעניצן זיך. דערפאַר איז עס, וואָס ווער עס וויל זיך אויסצייכענען אין וועלכער ס'איז נישט אינטעלעקטועלער אַרבעט, מוז ווענדן זיינע עיקרדיקע אָנ־שטרענגונגען אויף א יי ן באַשטימטער וויסנשאַפט, אָדער אויף א יי ן צווייג פון ליטעראַטור. אַזוי אַרום וועט ער זיך ראַטעווען פון דער צע־פלאָסנקייט און אויבערפלעכלעכקייט פון די וואָס ווילן אַלץ וויסן און צעטרענצלען זייערע גייסטיקע כוחות אויף אַ סך קעגנשטאַנדן. ער איז זיכערער אויף אַזאַ אופן צו אויסברייטערן זיין עיקרדיקן וויסן ווי דורך אַן אַלגעמיינעם, נישט איבערקלייבערישן לערנען. אָבער אַזאַ אַרבעט־צע־טיילונג אויפן גייסטיקן פעלד איז נישט אינגאַנצן פריי פון פאַרלוסט. פונקט ווי דער בעל־מלאכה, וואָס איז צוגעשמידט צו איין מעכאַנישער אַרבעט איז מינדערוויכטיקער פונעם פרימיטיוון מענטש, וועמען דער

גורל צווינגט צו געפינען אַלעמאָל נייע איינפאַלן און המצאות, אין נייע אומשטענדן און צושטאַנדן, ביז וואַנען ער איז געצוווּנגען צו פּלאָנעווען און אויספירן פּלענער פון אָנגריף און פאַרטיידיקונג, זיך אויסדרייען פון שוועריקייטן און פון סכנות, און דורך דעם שאַפט ער זיך איין אַ פּיליזוי־טיקייט און אַן עלאַסטישקייט אין זיינע פעאיקייטן — אַזוי איז אויך דער מענטש וואָס גיט זיך אָפּ נאָר צו איין וויסנשאַפטלעכער דיסציפּלין, אָפּט־מאָל מינדערוויכטיק אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס האָט אָנגעשטרענגט זיין מוח צו שווימען אין די פאַרשידענע וואַסערן פון מענטשלעכן וויסן; און עס טרעפט, אַז די פּינקטלעכקייט און פּעדאַנטיזם פון ערשטן ברענגט היזק צו דער שפע פון אידעען און ברייטקייט פון שטאַנדפּונקט. און אַזוי זעען מיר אין דער גייסטיקער וועלט עטוואָס ענלעכס צו דעם, וואָס קומט פאָר אין דער פּראַקטישער וועלט, ווי די פולקאָמקייט פון יחיד מוז פאַלן אַ קרבן אויפן מזבח פון אַלגעמיינעם פאָרשריט.

אָבער ווען אפילו דאָס באַשרענקען זיך איז זייער נוצלעך און עס הערשט אַזאַ טענדענץ, איז עס גאָר נישט געדרונגען, אַז מענטשן דאַרפן זיך איינשליסן נ אָ ר אין זייערע באַזונדערע קענגשטאַנדן. וויסנשאַפטן זענען דאָך געבונדן קעגנזייטיק, לכל הפחות דורך די לאָגישע פּרינציפּן וואָס הערשן צוגלייך אין אַלע און וואָס באַלייכטן זיך קעגנזייטיק. און די גרעסטע הצלחה אין אַ געוויסער ספּעציאַליטעט קאָן האָבן גראָד דער וואָס טרעט צו צו זיין ספּעציאַליטעט, ווען ער איז באַוואָפנט מיט אַלגע־מיינעם וויסן, און דאָס איז די בעסטע באַוואָרעניש און שוץ קעגן דער סכנה פון ווערן אַן אינטעלעקטואַלער בעל־מלאכה.

די צעצווייגונג פון די וויסנשאַפטן און די אינטעלעקטועלע איינטיי־לונג, וואָס איז איר פּועל־יוצא, ברענגט נאָך איין שאָדן; וואָס עס שאַפן זיך מענטשלעכע גרופּן וואָס פילן ווייניקער זייער געמיינזאַמקייט, ווייל זיי קאָנען זיך נישט באַטייליקן אין דער געהעריקער מאָס איינע אין דער צווייטערס ספּעציאַליטעט. דער מאַטעמאַטיקער, למשל, הערט אויס מיט פולער גלייכגילטיקייט וועגן אַ נייער פלאַנץ, וואָס דער באָטאַניקער האָט אַנטדעקט. דער אַלטערטימער־פאָרשער באַצייט זיך מיט אַבסאָלוטער גרינג־שעצונג צו אַלע דערגרייכונגען פון כימיקער, דערצו איז נאָך אַז. אויף

וויפל א וויסנשאפט ווערט מער קאמפליצירט, אויסגעברייטערט און פאָ־דערט ספעציעלע פאָרטיפונג, ווערט זי אַרויסגעשטויסן פון פעלד פון אַל־געמיינעם אינטערעס און הערט אויף צו אינטערעסירן די נישט־ספעציאַ־ליסטן. מען קאָן נישט האָבן — כאָטש אפילו מען קאָן נישט האָבן קיין נחת דערפון — אַז די דערגרייכונגען און אויפטוען פון די ספעציאַליסטן זאָלן געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן און זאָלן אינטערעסירן אפילו די שיכטן, וואָס זענען נישט אינגאַנצן קיין אומוויסנדע און אָן קיין שום קולטור, נאָר זיי ווערן אַריינגערעכנט אין דער קאַטעגאָריע פון אַלגעמיינע בי־בער־לייענער. כמעט אַלע וויסנשאַפטן זענען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער שויץ־וואַנט פון ספּעציאַליזירטע באַגריפן און טעכניציזמען און אַן קוצע שפּראַך, וואָס פאַרשפּאָרן פשוט דעם וועג פאַר די אַלע וואָס האָבן נישט באַקומען די געהעריקע צוגרייטונגען און נישט דורכגעמאַכט די נויטיקע אַריינפירונג. דער שאַרפסטער שכל וועט אומזיסט האָרעווען צו פאַרשטיין ענינים, פון וועלכע ער פאַרשטייט אפילו נישט די טערמי־נאָלאָגיע.

צום גליק זענען נאָך פאַרבליבן מענטשן, וואָס האַלטן פונעם כלל: „איך בין אַ מענטש און אַלץ וואָס איז מענטשלעך איז מיר נישט פרעמד" און זיי אינטערעסירן זיך מיט אַלץ, ווען אפילו זיי האָבן זיך ספּעציאַלי־זירט אין איין באַשטימטן קענגשטאַנד. ווי ד"ר א. מאַרמאַרעק פלעגט זיך וויצלען, אַז זיין „נעבעכבאַשעפטיקונג" איז באַקטעריאָלאָגיע.

אַזאַ מענטש איז געווען ד"ר שמואל גאָלדפלאַם. ער האָט געהאַט זויסנלוסט? ניין! דאָס איז נישט דאָס ריכטיקע וואָרט! ער האָט פאַר־מאָגט אַ ברענענדיקן, פייניקנדיקן דורשט נישט נאָר צו לייענען פאַר־שידענע ביכער, נאָר אויך צו זען אַלץ וואָס אַ מענטש קאָן זען פאַר זיין קורצער לעבנסצייט. ער איז געווען אַ מין ענציקלאָפּעדיסט פון לי־טעראַטור און פון לעבן. דער „מענטש", וואָס אין אים, האָט נישט גערוט, ביז ער האָט מיט די אייגענע אויגן נישט געזען וואָס עס איז פאַראַן צו זען אויף דער וועלט. ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער געלערנטער. אין אַן אַנדער לאַנד וואָלט ער געווים פאַרנומען אַן אוניווערזיטעט־קאַ־טעדרע, אָבער ער איז נישט געווען דאָס, וואָס די דייטשן רופן אַ „צונפט־

געלערטער", ער איז געווען א וועלט־מענטש, פריי פון יעדער פארשקלא־פונג צו א ספעציאליטעט, צו א דיסציפלין, צו אן אמט. זיין ציוניסטי־שע התלהבות איז אויך געווען אן אייגנארטיקע, די התלהבות פון א פול־קאמענעם מענטש. דער באשיידענער און איינפאכער מענטש, וואס האט אבסאלוט נישט געהאט קיין עגאאיזם, איז געווען איבערגליקלעך, ווען מיר האבן אים אריינגענומען אין דער יידישער אגענץ. אבער, לאמיך אפגעבן כבוד דעם אמת, נישט דער „סטאטוט" פון דער אגענץ האט אים צוגעצויגן, אפילו נישט די באזעלער פראגראם, נאר ארץ ישראל זעלבסט האט אים אריינגעצויגן אין דער ארבעט, אין דער עבודת פרך פון קרן היסוד קאמפיינען, וואס ער האט געפירט צוזאמען מיט מיר און מיט חבר ר' העשל פארבשטיין און נאך אנדערע אין דער צייט פון מיינעם א באזוך אין ווארשע.

אוי האט ער זיך געקאנט זידלען — טאקע ממש ווי א פוילישער שליאכטשיץ, וואס איז אזוי רייך אין זידלערייען — און אפילו שעלטן די מענטשן וואס האבן פארמאכט די האנט, אדער נישט געגעבן געגנוג לויט זיין מיינונג. טעג און נעכט גאנצע פלעג ער זיצן אויף אסיפות און אין מיין האטעל. אזא עסטעט ווי ער האט מיך שוין נישט געפירט אויף „טאנהויזער" נאר צו ציוניסטישע מיטינגען. אנשטאט „טאנהויזער" — די „התקוה". מוזיקאליש א שלעכטער בייט. אבער נאציאנאל א דערהוי־בונג. איך פלעג ממש רחמנות האבן אויף דעם וואגנעריאנער", ווען ער האט געדארפט שטיין און אויסהערן איינמאל און נאכאמאל די „התקוה", אט דאס, הייסט עס, איז די אמתע „צוקונפטס-מוזיק", נישט טאנהויזער, נישט וואלפראם, נישט דאס געבעט פון עליזאבעט. אויף דער על־טער קערט זיך א ייד אום צו זיינע אייגענע ניגונים, פונקט ווי די תורה, וואס קערט זיך אום צו אירע אלטע אכסניות. ווו זענען אהינגעקומען אונדזערע אוונטן אין „שווייצער-טאל". איך שמועס איצט פון אן אנ־דער „טאל" און גאלדפלאם איז אין איין בינטל מיט פאדלישעווסקין און גרינבוימען. „ער איז נישט געווען קיין קעמפער", זאגן די רעפארטערן. א סך ווייסן זיי וואס מיינט באמת מלחמה! א סך ווייסן זיי פון יענער גרויסער תקופה, פון יענער באזונדער וועלט, וואס איך האב אזוי שטארק

ליב, נאָך וועלכער איך בענק אַזוי שטאַרק און באַוויין איר בראָך: אַמאַ־ליקע וואַרשע!

עס איז אַ צער, אָבער דאָס איז נישט נאָר ־ דער פּראָטעסט פון אַ מענטש וואָס האָט בלויז פאַרלוירן אַ פריינט, און דער געזעלשאַפט גייען נישט אָן די פּריוואַטע געפילן פון איינעם אָדער אַ צווייטן. עס איז דער צער פון חורבן פון אַ גאַנצער עפּאָכע. גאָלדפלאַם איז געווען איינער פון די לעצטע, איך ווייס נישט, צי איז געבליבן נאָך אַזאַ ווי ער, אָט אויף דעם וויין איך.

ד״ר שלמה מינץ

ד״ר שלמה מינץ האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער רבנישער משפּחה. אין אַלטן זאַפּטיקן סטיל וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז „אַ צווייג פון אַן אבותדיקן בוים״. עס האָט זיך אים נאָכגעצויגן אַ יחוס-קייט פון אַ צאָל דורות. אמת, ער האָט זיך נישט געגרויסט מיט זיין יחוס, נישט שטאָלצירט מיט אים, קיינמאָל נישט געווען פאַרריסן צוליב זיין אָפּשטאַם; גלייך ווי זיין יחוס-בריוו וואָלט פאַרברענט געוואָרן, ווען אפילו זיינע אותיות האָבן געפלאַטערט אין דער לופט אַרום אים ווי שימערדיקע ליכט-פינטלעך, וואָס האָבן באַלויכטן זיין לעבנסוועג.

געבוירן אין אַ קליין פּויליש-יידיש שטעטל, דורכגעדרונגען מיט דער טראַדיציע פון אַן אויסגעצייכנטער למדניש-משכיליש־גבירישער פאַמיליע, פון דאָס בעסטע און גייסטרייכסטע וואָס פּוילן-ליטע האָבן פאַרמאָגט; אַ טאַטנס אַ קינד און חדר־ייִנגל, שפּעטער אַ גימנאַזיסט אין פּלאָצקער גימנאַזיע, ווו ער האָט זיין מאַטורע באַקומען. ער קומט דאַן אָן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט פון אוניווערזיטעט אין מאָסקווע, ווו ער טרעט אויך אריין אין דער ציוניסטישער אגודה פון די אויסדערוויילטע, די „בני ציון״, פּונקט אין דער צייט פון איר העכסטן אויפבלי.

נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום אין מאָסקווע און ספּעציאַליזירן זיך אויפן ווינער אוניווערזיטעט, קומט ער, באַלאַדן מיט גרויס וויסן, קיין וואַרשע, ווו ער האָט חתונה און אָרדנט זיך איין ווי אַ פּראַקטיצירנדיקער טיכטיקער מעדיקער.

געווען אַ פיגור גלייך. אינערלעך ווי אויסערלעך, אַ שטראַלנדיקער

אויסזען און אַ ריינע און לויטערע נשמה ווי ביי אַן ערשט געבוירן קינד. אַ ספּעציאַליסט אין מאַגן־קראַנקייטן. שטאַרק באַהאַוונט אין דער ליטע־ראַטור און אין דער פּראַקטיק פון דעם וויסנשאַפטס-צווייג, אַנערקענט און געערט פון זיינע קאָלעגן, און איבער דעם אַלעמען, אַ בירגער, אַ ייד אַ באַלעבאָס אין בעסטן זינען פון וואָרט, אַ מיטגליד און טרייער פריינט צו אַלע אָרגאַניזאַציעס און חברות פאַר יעדער נאַציאָנאַלער, געזעלשאַפט־לעכער, דערציערישער און ליטעראַרישער איניציאַטיוו, וואָס זענען אויפ־געקומען אין יענעם צוגרייטונגס-פּעריאָד, ווען וואַרשע האָט געשלאָגן מיט נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און אויפגעהייטערטקייט און האָט הויך געהאַלטן די פאָן פון חיבת ציון, פון ציוניזם, פון העברעאישער ליטעראַטור.

און פון דאַן אָן דורך אַלע איבערקערענישן און פּערזענלעכע ענדע־רונגען, דורך די פּעריאָדן פון אויפשטייגן און ירידות און ביזן סאַמע טויט איז ער געבליבן טריי זיין נאַציאָנאַלן אני מאמין. אַ רואיקער אַריס־טאָקראַט, עס דוכט זיך, אַז ער שטייט גאָר מן הצד, ווען אין דער אמתן איז ער פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין סאַמע תוך; אַ צוריקגעצויגענער מענטש, אָבער אין אַ מאָמענט פון עמערגענץ איז ער דאָ אויף זיין פּאָסטן. קיינמאָל נישט אומגעדולדיק, שטענדיק געטריי צו די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלער יידישקייט. אַ טיפער כאַראַקטער, אַן עכטער, אַ קרישטאָל־ריינער, גלייכ־געוויכטיק און נאַטירלעך חשיבותדיק, אַ כשרער מענטש, וואָס דענקט און זאָגט דעם אמת.

ער פאַרדינט באַזונדער באַוויינט צו ווערן, אָט דער בן־יחיד צווישן אונדזערע יחידי סגולה, ווייל ער זעלבסט האָט קיינמאָל נישט געקלונגען אין גרויסן גלאָק אויף צו ווייזן גענבן דער גאַס זיין חכמה און זיין געטריי־שאַפט צום פאָלק. ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט און זיך נישט געיאָגט נאָך פּאָפּולאַריטעט און פּראָפּאַגאַנדע. פאַר אָט דעם אויסגעצייכנטן מענטש זענען באַשיידנקייט און צניעות נישט געווען קיין אויבערפלעכלעכע אויסערלעכע אייגנשאַפטן, אַרויסגענומענע פון מוסר ספרים, וואָס נאָר פּרעמדע באַמערקן, נאָר זיי זענען געלעגן אין עצם יסוד פון זיין כאַראַק־טער, אין די סאַמע וואָרצלען פון זיין נשמה. ער איז געווען אַ צווישן־מענטש. אַ ייד פון אַלטן דור, וואָס האָט געקאָנט פּאַראייניקן אין זיך און

צונויפפאָרן ציון מיט איראָפּע, אַלגעמיינעם וויסן מיט יידישער לומדות, תורה מיט דרך־ארץ.

אַזאַ וועג איז נישט אויסגעשפּרייט מיט רויזן; ער האָט פיל גע־ליטן און איבערגעטראָגן, פיל געקעמפט פאַר זיינע איינשטעלונגען, שטיל־שווייגנדיק און לאַנגזאַם, מיט וויניק נצחונות און אַ סך מפּלות און היפּש יאוש. אויך פאַר זיין יידישן וויסן האָט ער געפירט אַ שטילע מלחמה. אין מיטן פון אַלע זיינע טרדות, פון דער פּראָפעסיע, משפּחה־פּליכטן, וויסנ־שאַפטלעכע אינטערעסן פון זיין ספּעציאַליטעט, האָט ער ווי אַן עכטער למדן זיך געפלייסט אויך איבער זיין יידישן וויסן, וואָס ער האָט דערוואָ־בערט אין זיין קינדהייט, און האָט עס אַלעמאָל באַרייכערט מיט נייע ידי־עות. ער פלעגט זיך נישט זוכן אויסצושטעלן, אַריינוואַרפנדיק ווען נישט ווען אַ העברעאיש וואָרט אַלס באַווייזונג, נאָר ער האָט ליב געהאַט העב־רעאיש ווי דעם טייערסטן אוצר און האָט די שפּראַך פולקאָם באַהערשט אין זיינע קליינע פאַרפאַסונגען, מיט אַ סטיל אַזוי זוניק, פריש און קלאָר ווי זיין נשמה.

אָט דער „למדוואָווניק" איז קיינמאָל נישט געווען פון די טוער וואָס טומלען, פון די רעדנער וואָס טראַסקען און זוכן אויסצונעמען ביי זייע־רע צוהערער מיט כלומרשטער עניוות. אָבער עס איז אין זיין צייט נישט געווען קיין איין יידיש־נאַציאָנאַלער ענין, צו וועלכן ער זאָל נישט ווירדיק בייטראָגן זיין מי און געלט, פיל מער ווי ער איז עס געווען ביכולת.

אין די צייטן פון אויפברויז און גזירות, אונטערן שאַרפן שווערד פון דער צאַרישער פּאָליציי, ווען מיין הויז אין וואַרשע איז געווען אַ מין גע־היימער צענטער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער און ליטעראַרישער דערוואַ־כונג, און די „רעוואָלוציאָנערן און בונטאָוושטשיקעס" פלעגן זיך אין משך פון לאַנגע יאָרן צונויפקומען יעדן מאָנטיק, האָט ד"ר מינץ קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו קיין צוזאַמענקונפט.

ווען די לאַגע האָט זיך געענדערט: די אַלטע פּאַרטייען זענען זיך צע־פאַלן, נייע זענען אויפגעקומען און די ביז דאַן שטילע מלחמה צווישן נאַ־ציאָנאַלע יידן און אַסימילאַנטן איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט און האָט פאַרכאַפּט ברייטע קרייזן, אַרויספּליסנדיק פון די גרעניצן פון אַ

פארבארגן ווינקל אין דערברייטער גאס אריין, איז ד"ר מינץ, מיט דער גאנצער רואיקייט פון זיין טעמפעראמענט און איידלקייט פון זיינע מא־נירן, געבליבן שטיין אין אונדזערע רייען ווי אן אייזערנער מויער. די אי־דעאליסטישע עקשנות פון אט דעם שווייגער האט איבערגעלעבט פילע דיסקוסיע-איינגעשפארטקייטן.

ער פלעגט אפטער פאררופן צוזאמענקונפטן צו זיך אין הויז, און זיין אויסגעצייכנטע פרוי, מאדאם טשעסלאווא — וואס איז פריער געווען אריינגעטאן אין מער אויסערלעכע ווען אפילו גאנץ אידעאליסטישע ענינים און האט זיך לסוף באקערט צו איר מאנס שטאנדפונקטן — פלעגט צוגעבן א באזונדער חנעוודיקייט און עסטעטישקייט צום הויז פון ד"ר מינץ, וואס פלעגט רוישן ווי א בינשטאק פון חברים און פריינט און דאס קליינוואַרג פון דער יוגנט, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שטרעבונגען צו ליכט און פרייהייט.

מירביידע, ווי אונדזערע משפחות, זענען געווען נשמהדיק פארבונדן דורך פריינטשאפט און געמיינזאמע גייסטיקע אינטערעסן, ביז דאס לעבן האט אונדז צעשיידט, דערווייטערט געאגראפיש.

ווי פאר זונען-אונטערגאנג האט נאך פאר אט דעם איבערגעגעבענעם ציוניסט געשימערט אויפן לעבנס-האריזאנט די לעצטע האפענונג צו בא־פרייען זיך פון זיין צוגעבונדקייט צו ארט און פאך און אפלעבן דאס לעצ־טע ביסל יארן אין דעם לאנד, צו וועלכן ער האט אלעמאל געשטרעבט. מיט אייניקע יאר צוריק האב איך זיך באגעגנט מיט אים און מיט זיין פרוי אין ארץ ישראל. איך האב זיי קיינמאל נישט געזען אזוי גליקלעך און צעשטראלט ווי אויפן הר-הצופים און אויפן כרמל-בארג. אבער „א מענטש טראכט און גאט לאכט"; פאראיארן איז געשטארבן זיין פרוי, דער חלום איז פארשוווּנדן. איצט האט זיך אויך פארענדיקט זיין לעבן, א לעבן פול מיט חכמה, טעטיקייט און שטרעבונגען צו הויכע צילן.

ד״ר מיכאל פרידלענדער

— איר דארפט זיך באקענען מיט דעם מענטשן, ספּעציעל מיט דעם מענטשן, איר וועט אין אים געפינען אַ פּערזאָן ווי איר האָט ליב, אזוי האָט מיר געזאָגט פּראָפעסאָר ראָזענשטיין פון ליידן (האָלאַנד). מיטן פּראָפעסאָר ראָזענשטיין, די קרוין פון די מעדיצינער איבער דער וועלט, האָט מיך באַקענט דער באַרימטער יוריסט אָפּענהיימער, אַ מיט־גליד פון דער האָלענדישער רעגירונג.

שרעקט זיך נישט פאַר אָט די קלינגענדיקע נעמען, טרייבט נישט איבער די באַדייטונג פון אָט די קאַנטשאַפטן, דאָ איז נישטאָ קיין נסים, יעדער איינער פון אייך האָט געקאָנט צוקומען צו די פּראָפעס־סאָרן. ראָזענשטיינען האָבן מיר שוין פאַרזינדיקט, ער איז געשטאָרבן מיט איניקע יאָר צוריק, אָפּענהיימער האָט אים מספּיד געווען מיטן סקאַרבאָוון ניגון און גאַנץ איראָפּע האָט אים באַוויינט. אָפּענהיימער וווינט אין האאַג און האָט זיך געפרייט צו הערן אַ יידיש וואָרט, אַן אַלטער ייד פון גראָנינגען. וואָלט ער נישט געוואָרן קיין פּראָפעסאָר, וואָלט ער געווען אַ רב אין גראָנינגען, אָדער לכל הפחות אַ חזן, אַ בעל־קורא. עס האָט אים געצויגן צום „ברעטל״, וועגן אים וועלן מיר נאָך רעדן.

דער פּראָפעסאָר ראָזענשטיין, אַ שעפער פון כמעט אַ נייער תקופה אין דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, איז געווען אַ זון פון „רבי חנא״. דייטשן וואָלטן געזאָגט ר׳ אלחנן ראָזענשטיין, ווי אַלטע לייט האָבן מיר דערציילט, האָט מען אים גערופן פּראָסט פשוט רבי חנא. אַ ייד אַ למדן

ווי א סך יידן אין פוילן, האט ער געזאגט דעם שיעור פאר די בחורים פון בערלין, אדער די וואס זענען פון אנדערע שטעט געקומען לערנען.

צוויי גרויסע לומדים פלעגן דאן זאגן שיעור אין בערלין: ר' יעקב יוסף עטינגער און ר' חנא, דער פאטער פון פראפעסאר ראזענשטיין, וועמענס נאמען איר קאנט געפינען אין יעדער ענציקלאפעדיע. דער פראפעסאר האט מיר אויך געזאגט: ווען איר וועט זיין אין לאנדאן, זעט זיך מיט ד"ר פרידלענדער און זאגט אים אז: ר' חנאס זון לאזט אים גריסן, ער ווייסט שוין דעם טייטש פון „המסס ובית הכוסות".

איך האב שוין דאן געהאט געקאנט ד"ר פרידלענדערן, דירעקטאר פון לאנדאנער ראבינער סעמינאר, און האב נישט פארשטאנען, פאר־וואס עפעס — ר' „חנא" און וואס פאר א שייכות האט מיט אים דער וועלט־באריסמטער פראפעסאר? און דאן האט ער עס מיר דערקלערט.

— אין יענע צייטן פלעגן קומען קיין בערלין א סך יונגעלייט פון די קליינע שטעטלעך, זיי פלעגן קומען לערנען תלמוד, פלעגן עסן טעג און הערן דעם שיעור ביי ר' יעקב יוסף אדער ביי מיין פאטער. געווען צווישן זיי אזעלכע, וואס האבן אויך געשטרעבט צו לערנען אלגעמיינע לימודים, מיר פלעגן זיי רופן „אויטאדידאקטן", איז אייך באקאנט אט דער טיפ?

— איך בין אליין פון אט דעם טיפ, האב איך זיך געאיילט צו ענטפערן דעם פראפעסאר, בכדי נישט צו פארהאלטן זיין דערציילונג, ער האט געמיינט, אז איך שפאס, און ער האט פארגעזעצט:

— מיר האבן דאן געהאט אין בערלין א חברה פון יונגע משכי־לים, וואס פלעגט שטיצן אט די „אויטאדידאקטן", פלעגן לערנען מיט זיי אומבאצאלט, אדער פלעגן זיך באמיען צו קריגן פאר זיי אומזיסטע, צי גאר ביליקע לערער: א רייכסטאלער א זמן איז געווען דער פרייז. מיר אליין האבן שוין דאן באזוכט די אלגעמיינע לערן־אנשטאלטן. איך בין שוין געווען אין גימנאזיע און צווישן די בחורים, וואס זענען גע־קומען קיין בערלין, זענען געווען אזעלכע, וואס האבן נאך אפילו נישט געקאנט רעכט קיין דייטש. איך געדענק עס ווי היינט, ווען צו אונדז איז געקומען א קליין פויליש יינגל פון פוילן, א קורץ־געוויקסיקער,

אָבער מיט אַ שיינעם קאָפּ, אַ הויכן שטערן. קלוגע ברענענדיקע אויגן, געקרויזטע האָר, זיין אויסשפּראַך איז געווען אַ ביסל אַ מאָדנע.

— פון פּוילן? האָב איך געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ, פון פּוילן, פון יאַראַטשין, זייער אַ קליין שטעטל; אַן אַלטע יידישע קהלה. איצט איז עס פּרייסן, פּויזן, אָבער דאַן האָבן מיר גערופן יענע קאַנטן פּוילן. ווייל וואָס פאַר אַ חילוק צווישן יאַראַטשין, קעמפּ-פען, קאַליש? עס איז איין טיף גרויס-פּוילן. איך האָב אויך געקאָנט דעם בחורל'ס פאָטער, מיין פאָטער ז"ל פלעגט פון אים דערהאַלטן בריוו און פלעגט נתפּעל ווערן פון זיין שיינער מליצה. אַ גרויסער בעל דקדוק, אַ שיינער בעל תנ"ך — יהושע פאַלק האָט ער געהייסן! אַי! פלעגט ער צו מיר שאָקלען מיטן קאָפּ. איך האָב מורא, דו וועסט נישט פילן די גאַנצע זיסקייט פון דער מליצה. יהושע פאַלק איז אַ וואונדערלעכער בעל לשון! וואָלט עס נישט געווען אַזוי שווער, וואָלט איך דיך געשיקט אויף אַ שטיקל צייט צו ר' יהושע פאַלק קיין יאַראַטשין. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען נאָר געזאָגט. בערלין איז קיין יאַראַטשין נישט געפאָרן, דווקא פאַרקערט: און אָט דער פרידלענדער איז עס אַ זון פון ר' יהושע פאַלק. און איך געדענק ווי מיין פאָטער ז"ל האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ליבע, און איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער זון פון ר' יהושע פאַלק, ער האָט אים פאַרהערט אין תלמוד — אַ וויל-לערנער! נישט שטאַרק שאַרף אין פּלפּול, אָבער אין פּשט!.. און אויך אַ שטיקל בקי. מיר דוכט, אַז דאָס בחורל האָט שוין דאַן גע־האַט געלערנט הלכות טריפות. מיין פאָטער האָט זיך געחידושט: פאַר־וואָס האָסטו זיך געאיילט צו לערנען הלכות טריפות? קיין צייט נישט געהאַט? איז אייך באַקאַנט אָט דער פּוילישער איינפיר?

— איך האָב אויך קינדהווייז געלערנט הלכות טריפות, האָב איך גלייך געענטפערט, אויך דאָס מאָל האָט דער פּראָפעסאָר געמיינט, אַז איך שפּאַס און האָט פאַרגעזעצט זיין דערציילונג.

— איך בין געשטאַנען בשעתן פאַרהערן, געשטאַנען עטוואָס פון דערווייטן, ווייל דער פאָטער ז"ל פלעגט זיך נוהג זיין, ווען ער פלעגט פאַרהערן אַנדערע, אָפטמאָל הייסן מיר: „זאָג דו!" אָבער מיין געחיט־

קיים האָט מיר אין דעם פאַל ווייניק געהאָלפן. מיכאל — אזוי האָט מען גערופן דאָס פוילישע בחורל — האָט אָפּגעזאָגט פאַרן פאָטער די ערשטע משנה פון „אלו טרפות", ער זאָגט אָפּ ביז דער העלפט און דאַן, אַ בראָך איז מיר! רופט מיך דער פאָטער, איך זאָל פאַרענדיקן, ווייל איך בין געווען עלטער פון דעם יינגל און האָב שוין געלערנט חולין. איך הויב אָן זאָגן, קום צו ביז די ווערטער „המסס ובית-הכוסות" און סטאָפּ! איך האָב פאַרגעסן! אפילו פאַרגעסן ווי דאָס וואָרט „המסס" לייענט זיך. נו, אויב אַזוי, קום שוין צו, מיכאל, אזוי האָט געזאָגט מיין פאָטער און מיכאל איז צוגעקומען און פאַרענדיקט זאָגן די משנה. דאָס קליינע פוילישע יינגל, וואָס איז געקומען פון חדר, האָט זיך ארויסגעוויזן שטאַרקער פון מיר.

אין יאַראָטשין זענען געווען נאָך חדרים, אָבער ער האָט מיר דער־ציילט, אַז ער האָט אויך באַזוכט אַ קאַטוילישע אָנפאַנג-שול, ער האָט געקאָנט שרייבן פויליש און רעכענען, אָבער נישט קיין סך. ער האָט געוואָלט שטודירן! איך האָב חושד געווען, אַז ער איז געקומען קיין בערלין נישט אַזוי צוליבן שיעור פון מיין פאָטער ז"ל, ווי צוליב דער גימנאַזיע, און איך האָב זיך אין אים געוואָלט נוקם זיין און דערוויזן אים, אַז עס זענען דאָ זאַכן, וואָס איך קאָן מער פון אים, האָבן מיר אים ארונטערגענומען אונטער דער אפּוטרופּסות פון דער חברה בחורים.

— אַ חברה פון בחורים? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

מיר האָט אויסגעדוכט מאָדנע, אַז אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זאָל נאָך אין בערלין האָבן געווען אַ חברה מיט אַזאַ נאָמען.

—יאָ, האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר. מיר האָבן געהאַט אַזאַ חברה, אָבער זי האָט זיך שוין ארויסגעשטעלט מיט אַ דייטשן נאָמען: „שטודיען בעפערדערונגס פאַראיין".

— אויך אין גראַנינגען האָבן מיר געהאַט אַזאַ חברה, האָט גע־זאָגט פּראָפעסאָר אָפּענהיימער, וואָס איז בייגעווען דעם געשפּרעך. מיר האָבן זי גערופן אין האָלענדיש... (דאָ קומט אַ נאָמען מיט אַ סך חיתן).

— מיר האָבן ארייננגעגעבן דאָס פוילישע יינגל — האָט ראָזענ־שטיין פאָרגעזעצט — אין דער גימנאַזיע „צום גרויען קלויסטער". ער

האָט נישט געהאַט קיין אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, איך האָב גע־קאָנט פוילישע יינגלעך פעאיקערע פון אים, אָבער איין מעלה האָט ער געהאַט: אַ קליין יינגל און באַזאַכט, רואיק, גלייכגעוויכטיקט און באַ־לאַנסירט ווי אַ דערוואַקסענער. ער האָט יעדע זאַך באַהאַנדלט ערנסט ווי אַן אַלטער דין, און ווען ער האָט געלערנט, איז די אויסשפּראַך, דער ניגון, די באַטאָנונג געווען גלייך ווי ער וואָלט געלערנט אַנדערע. דער רושם איז מיר פאַרבליבן פון זינט איך האָב אים געהערט דאָס ערשטע מאָל, ווען דער פאָטער האָט אים פאַרהערט: אַ געבוירענער מלמד.

און ווי האָט זיך געפילט דאָס קליינע יינגל פון יאַראָטשין אין אַ בערלינער גימנאַזיע „צום גרויען קלויסטער”? און ווי האָבן זיך בכלל אויפגעפירט יענע בחורים? פלעגן זיי גיין אַמאָל צום שיעור פון ר׳ יעקב יוסף און אַ צווייטן מאָל אין גימנאַזיע? ווי האָט זיך עס קאָמבינירט?

— פאַרשידן, האָט פּראָפעסאָר ראָזענשטיין מיר אָנגעהויבן צו דערקלערן מיט דער שאַרפקייט און טיפקייט וואָס האָבן באַצייכנט זיי־נע פשוטע געשפּרעכן: אַמאָל האָט דער שיעור גובר געווען, אַ צווייטן מאָל — די גימנאַזיע. אַמאָל איז מען געקומען צו אַ פשרה. אין גימ־נאַזיע איז געווען אַ באַרימטער דירעקטאָר, אַ מענטש פון דער אויפ־קלערערישער עפּאָכע, באַרימט אין דער דייטשישער פּעדאַגאָגישער לי־טעראַטור, זיין נאָמען איז געווען קלאַרמאַן. דער מענטש האָט געוווּסט, אַז דער קליינער פרידלענדער הערט דעם שיעור ביי ר׳ יעקב יוספן און פלעגט אים דערמאָנען און זאָגן:

— מיין ליבער פרידלענדער, וואָס צו ציצעראָנען איז צו ציצעראָנען, און וואָס צו ר׳ יעקב יוספן — געהער צו ר׳ יעקב יוספן...

— נו, און ווי איז עס געווען מיט רעליגיע? זענט איר געווען פרום, אָדער שוין אביסל פריי?

— איך, האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר, בין געווען פרומער פון פוילישן יינגל, כאָטש אפילו ער איז אויך געווען פרום. אָבער איך בין געווען אַ זון פון ר׳ חנא, און געלערנט ביי מיין טאַטן אין שטוב. זיין פאָטער איז געווים אויך געווען פון די פרומע, אָבער ווי אַ למדן איז ער געווען אַ בעל מליצה, מיט לשון און דקדוק, וואָס מען רופט ביי

אייך „א משכיל”. איך בין געווען פרומער פון אים, איצט איז עס אביסל אנדערש...

— נו, און ווי זענען געווען אייערע באציאונגען נאך דער גימ־נאזיע?

— מיר האבן זיך צעשיידט. איך בין אוועק אויפן מעדיצינישן פאקולטעט, און ער האט זיך געווידמעט אריענטאלישע שפראכן און אויך אביסל מאטעמאטיק, צו וועלכער ער האט געהאט א נייגונג. אבער בעיקר האט ער געלערנט שפראכן. מיר פלעגן זיך זען פון צייט צו צייט אין א הויז, וווּ עס פלעגן פארקערן בחורים און סטודענטן, ווייל דארט איז געווען אן אנגענעמע געזעלשאפט, א ליבלעכע גאסט פריינטשאפט, א סביבה פון תורה און קולטור. דאס איז געווען דאס הויז פון בן-ציון. ער איז שפעטער אוועק קיין האללע און דארט באקומען זיין דאקטאר־טיטל, זיין דיסערטאציע איז געווען איבער פערסישער היסטאריע. פון דארט איז ער צוריקגעקומען קיין בערלין, געווארן א לערער אין א קליי־נער שולע, דערנאך א מלמד אין עפעס א חברה ש"ס. אבער, ווי עס שיינט, איז ער געווארן א מלמד, נישט קיין דרשן. מען האט דאן דער־ציילט, אז אין איינעם א יום־כיפור האט ער מיט זיין דרשה אין יענער חברה ש"ס פוגע בכבוד געווען די פירער פון דער חברה. געפונען א צייט ווען — אום יום־כפור! פארשטענדלעך, אז ער איז געווען גערעכט, און זעלבסטפארשטענדלעך, אז אויף מארגן האט מען אים אפגעזאגט. ער איז פארבליבן אין בערלין. יא! עיקר שכחתי! דארט אין הויז פון בן־ציון האט ער אויך זיין לעבנסבאגלייטערין געפונען, דאס איז זיין איצ־טיקע שיינע און סימפאטישע פרוי. מיר דוכט, זיי זענען עפעס קרובים, ווייל פרידלענדער איז אן אייניקל פון מארגאנינער רב ר' רפאל בן־ציון. שפעטער איז ער אוועק קיין לאנדאן, וווּ ער איז געווארן הויפט פון רבנים סעמינאר. אז איר וועט אים זען, זאלט איר נישט פארגעסן צו זאגן אים, אז איצט ווייס איך שוין וואס טייטש: „המסס ובית־הכור־סות”.

דער שמועס איז פארגעקומען אין א ווינקל פון דער גרויסער אאולא פון דעם אוניווערסיטעט אין ליידן. די פילע גויים, וואס זענען פאר־

בייגעגאנגען, אסיסטענטן, דאָקטוירים און סטודענטן, האָבן אוודאי גע־מיינט, אז צווישן ביידע פּראָפעסאָרן און דעם אומבאַקאַנטן גאַסט קומט פאָר עפּעס א וויכטיקער שמועס וועגן אוניווערזיטעט ענינים, אָבער מען האָט געשמועסט וועגן זאכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו האָלאַנד, צו דער אוניווערזיטעט און נישט צו קיינעם פון די „שבעים אומות", נאָר צו אונדז אליין. יידן פון יידנלאַנד, קינדער פון איין משפחה, פון איין קולטור, טראָגן איר פאַרשידנאַרטיקייט, אין אַלע ערטער ווו זיי געפינען זיך נאָר!

ווען איך בין געקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך פאַרשטייט זיך אי־בערגעגעבן דעם גרוס פון פּראָפעסאָר ראָזענשטיין צום „פּרינסיפּאַל אָוו דזשוּאיש קאַלעדזש" ד"ר פרידלענדער. א קליין מענטשל, א ביסל געבויגן, מיט א סימפּאַטיש געזיכט, א געשטאַלט פון א ייד א למדן, אַלט, קלוג, קאַרג אויף ווערטער און רייך אין געדאַנקען. א זון פון א בעל־דקדוק, איז ער אַליין א מאַטעמאַטיקער, מאַכט צייט־אויסרעכנונ־גען און ווייסט דעם סוד פון עבור־יאָר. מען האָט גדעראַפּט האַרעווען, עגבערן ביז אַרויסצוקריגן פון אים א וואָרט. ביי דער זייט זיין פרוי. מאַטקע חבד פלעגט זאָגן, אז פון אַלע פּוילישע רבנים געפעלט אים אַמ־בעסטן די סוואַלקער רביצין... עטוואָס ענלעכעס קאָן מען זאָגן וועגן פרוי פרידלענדער. קאָנטיק א יידישע טאָכטער פון אַן אַמאָליק באַלע־באַטיש הויז, ווו עס איז געווען א שפע פון צדקה און נאָבעלקייט, פון יידישן חן, א ברען־פּונקט פון אַלץ, וואָס איז געווען איידל, אנגענעם און ליטער אין יידישן לעבן. מען קאָן מיט איר שמועסן ווי מיט יעדער יידישער דאַמע, גאָר אַלצאיינס אין וואָס פאַר א לאַנד, דייטשלאַנד, צי ענגלאַנד, פּוילן, צי עסטרייך, עס איז איין טיפּ, איין וועלט! דערציילט מען איר א יידישן וויץ — פאַרשטייט זי, ברענגט מען עפּעס א פּסוק — זי פאַרשטייט, דערציילט מען עפּעס א דערפאַרונג, וועט זי ברענ־גען א ביישפּיל פון אירע אייגענע זכרונות. וויפיל שיינקייט און איידל־קייט איז דאָ אין אַזאַ פרוי! וויפיל דעליקאַטקייט און דערצויגנקייט!

און ער, דאָס „פּוילישע יינגל", איז איצט דירעקטאָר אַא"וו, אָבער אָן א שאָטן פון גאוה. א מענטש א נאַאיווער, א צוריקגעהאַלטענער, א

שווייגער. אַ מענטש, וואָס זיין איינציקע זאָרג איז דורכצומאַכן דעם לעבנסוועג נישט אָנרירנדיק קיינעם, אפילו קיין ווערימל נישט צע־טרעטן. אַ מענטש אַ באַשיידענער אין זיין חכמה, אין זיין וויסן, אין זיין שפּראַך.

מען דאַרף נעמען אַ קאַטאַלאָג, קריגן די ביכער און לייענען, וואָס ער האָט איבערגעזעצט אויף אַן אויסגעצייכנטן ענגליש. דעם „מורה נבוכים", דעם „אבן עזרא", די נבואות פון ישעיהו. ער האָט זיינע לעקציעס אין ראַבינער סעמינאַר נישט גאוניש, אָבער קלאָר און פּינקט־לעך. זיינע איבערזעצונגען זענען מייסטערווערק. איך האָב געהערט ווי ד"ר האָפמאַן פּאַרטייטשט אויף דייטש, הרב לעהמאַן אויף פראַנצויזיש, אָבער אַזאַ איבערזעצונג ווי פון ד"ר פרידלענדער האָב איך נישט גע־הערט. דאָס יאַראַטשינער יינגל האָט אָנגעכאַפּט די ענגלישע שפּראַך ביי די טשופּרינעס און האָט זי גענצלעך באַהערשט. מען זעט, אַז עס איז נישט זיין מוטערשפּראַך, אָבער ער קאָן זי בעסער ווי אַ מענטש קאָן זיין מוטערשפּראַך.

ווי פאַרבייגייענדיק האָט זיך ד"ר פרידלענדער אָפּגעגעבן מיט אַסטראָנאָמיע און פלעגט צוזאַמענשטעלן די טאַבעלן פון זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג פאַרן וואַלענטין־אַלמאַנאַך, אַזוי אויך פאַרבייגייענדיק איז באַוווּסט געוואָרן, אַז ער באַזיצט שוין פון לאַנגע יאָרן אַ פּאָעטישן טאַלאַנט. די מעשה איז אַזוי געוועזן. ער האָט פאַרמאָגט אַ בת יחידה, די טאָכטער און די פרוי פון אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט ד"ר משה גאַסטער, הויפּט רב פון די ספרדישע און פּאָרטוגעזישע קהלות אין ענגלאַנד. צו דער חתונה האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אייגענע איבערזעצונג פון שיר השירים אין דייטשישע פערזן, דער כתב יד איז שוין ביי אים געלעגן פון לאַנג, אפשר נאָך פון דאַן, ווען ער האָט אָנ־געהויבן אַריינקומען אין הויז פון בן־ציון, וווּ ער האָט זיך פאַרליבט אין דעם שיינעם מיידל, וואָס איז געוואָרן זיין לעבנסבאַגלייטערין. דעם מאַנוסקריפּט האָט ער געהאַט באַהאַלטן, ביז ער האָט חתונה געמאַכט זיין בת־יחידה און האָט איר צוגעטראָגן צום חופּה־טאָג אַזאַ פיינע מתּנה.

אַזוי איז עס שוין מיט באַשיידענע מענטשן, זיי באַהאַלטן. קיינער דאַכט וועגן גאָרנישט און מיטאַמאָל דערוויסט מען זיך, אַז זיי גיבן זיך אָפּ מיט אַסטראָנאָמיע, אָדער זעצן איבער שיר־השירים אין פערזן.

נאָך דער לײדענער „אאולאַ" בין איך אין גאַסט־זאַל פון ד"ר פריד־לענדער. דער ד"ר איז מיד, זעט אויס עלטער ווי זיינע יאָרן, אָבער ווען איך ריר אָן די סטרונע פון זיין קינדהייט און יוגנט, לעבט ער אויף. יאַראַטשין! זיין זיידע פון דער מוטערס צד ר' רפאל איז געווען אַ קרוב פון ר' דן פון פּלאָצק, זענען מיר מחותנים. אַוועק די מידקייט, פאַר־שוווּנדן די אַלטקייט.

— נו, איז וואָס זשע? איז ווי פילט זיך ד"ר ראָזענשטיין, גוט — האַ? אויף אַלע יידן געזאָגט? נו, גיט ער זיך כאַטש אָפּ אַביסל מיט יידישע ענינים?

— איך ווייס באמת נישט, ענטפער איך, איך ווייס נאָר, אַז ער איז אָנגעשלאָסן אין דער קהלה, אַ געמיינדע פון קוים אַ פּאָר געציילטע מנינים. אָבער ער געדענקט אַלץ און אַלץ איז אים ליב.

— אַלץ געדענקט ער? און פאַרוואָס האָט ער אייך נישט דער־ציילט, אַז ער אַליין האָט זיך געגרייט צו רבנות. פאַרוואָס האָט ער נישט דערציילט ווי זיין פאָטער, ר' חנא, האָט אים נישט געוואָלט דערלויבן לערנען מעדיצין נאָר מיטן תנאי, ער זאָל אים צוזאָגן, אַז ער וועט זיין אַ דאָקטאָר נאָר אין אַ יידישן שפּיטאָל, ווו ער וועט היילן אומזיסט, באַקומענדיק געהאַלט פון דער קהלה. האָט ער אייך כאָטש דערציילט, אַז ער איז געווען פרומער פון מיר?

גוט געזאָגט! עס איז פאַרשטענדלעך. מיר אין יאַראַטשין זענען געווען משכּילים, מיין פאָטער פלעגט שרייבן אין „בכורי עתים". גע־שריבן פּאָעזיע וועגן פרילינג און וועגן געבורטסטאָג פון פרייסישן קעני־ניג; אָבער אין בערלין האָט זיך שוין אַ האַלבע קהלה געהאַט אויסגע־שמדט, האָבן אייניקע אָנגעהויבן גיין אויף צוריק און דערפאַר זענען גע־ווייסע לומדים געוואָרן נאָך מער אייפערזיכטיק. ר' יעקב יוסף פלעגט נאָך אַמאָל אין לערנען באַנוצן אַ דייטשיש וואָרט ווי „חאַדזע", דאָס איז אונדזער פּוילישער „כאָטשיאַזש", וואָס איז אים געקומען פון גאַ־

ליציע אָדער פון די חברים, מיט וועלכע ער האָט געלערנט אין ליסע. די השפעה פון ליסע איז נאָך דאַן געווען גרויס, דער לעצטער שטראַל פון פוילן אין דייטשלאַנד, אין פויזן זענען נאָך געהאַט פאַרבליבן פונקען, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעלאָשן. ר׳ חנא איז געוואָרן נאָך פאַנאַטישער. ווען ער איז געשטאָרבן, בין איך געווען אין האַללע, ראָזענשטיין האָט מיר נאָכהער געזאָגט, אַז ער וויל נישט זיין קיין פּראַקטיצירנדער דאָקטאָר, און וויל בעסער זיך אָפּגעבן מיט מעדיצין אַלס אַ וויסנשאַפט. ווען האָבן מיין סוף, האָב איך אים געזאָגט, וועסט ווערן אַ מטיף אין חברה ש״ס, און ער טענהט: ניין, דיך וועט מען צונעמען און אָפּזאָגן, אָבער מיך וועט מען אפילו נישט וועלן צונעמען. און טאַקע, עס זענען פאַראיבער יאָרן, ביז ער איז געוואָרן דאָצענט געהילף. נאָך יאָרן, ביז ער איז געוואָרן דאָצענט, און נאָר צום סוף אין האָלאַנד האָט ער געקאָנט ווערן פּולבאַרעכטיקטער פּראָפעסאָר. צוליב דעם האָט ער געמוזט עמיגרירן קיין האָלאַנד.

— פונקט ווי איר האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד.

— יאָ, פונקט אַזוי, האָט ער צוגעגעבן. איך האָב אפילו געקאָנט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד. ווען ד״ר הילדעסהיימער האָט דערעפנט זיין ראַבינער-סעמינאַר, האָט ער מיך שטאַרק געבעטן אָנצונעמען דאָרט אַ פּאָסטן, האָב איך נישט געוואָלט. פויזן ציט מיך צו; בערלין נישט, און אין פויזן איז נישטאָ וואָס צו טאָן. יאַראָטשין דאַרף נישט, נישט מיינע מזרח־שפּראַכן, נישט מיין מאַטעמאַטיק. דערפאַר ווען איך האָב זיך דערוווסט, אַז מען עפנט אַ ראַבינער-סעמינאַר אין לאָנדאָן, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, עס איז אַ ניי געביט, אַ ניי לעבן, אפשר וועל איך דאָ עפּעס קאָנען אויפטאָן, אַי עס איז ענגלאַנד? דאַרף מען לערנען די שפּראַך, דאָס האָט נאָר געקאָנט שאַרפער מאַכן מיין שטרעבונג צו אַ נייער זאַך: אַזוי בין איך געקומען אַהער.

— זענט איר דאָ כאָטש צופרידן מיט אייער אַרבעט?

דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט און געענטפערט:

— איך האָב געטון אַלץ, וואָס עס איז געווען אין מיינע כוחות. אָבער

דאָס לאַנד איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַ מקום־תורה, דער קלימאַט דינט נישט, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן וויץ.

און אין דער אמתן האָט דער ראַבינער סעמינאַר נישט אַרויס־געגעבן קיין גרויסע רבנים, לומדים און מופלגים, אָדער באַרימטע פאַר־זענלעכקייטן און חכמת ישראל. דער ניוואָ פון די קענטענישן פון אַ מיטלמעסיקן רב אין ענגלאַנד, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם סעמינאַר, איז ווי אַ דרדקי מלמד ביי אונדז, און די ערגערע שטייען אויף דער מדרגה פון די כלי קודש, וואָס מען דינגט אָן אויף צו זאָגן קדיש, אָדער לערנען משניות נאָך אַ נפטר, אָבער דערפאַר אין ענגליש זענען זיי אַלע גרויסע קענער, גאַנצע רעדנער.

אָבער נישט דער אַלטער פרידלענדער איז שולדיק, עס איז די גאַנ־צע סיסטעם, לויט וועלכער 80 פּראָצענט ווערט אָפּגעגעבן דער ענגלישער שפּראַך און קולטור און קוים אַ 20 פּראָצענט פאַר דאַוועגען און אַ ברכה־מאַכן אויף לשון קודש. די גאַנצע אויסערלעכע קולטור־אַטמאָס־פער פאַרשלינגט די נשמה פון יונגן ייִד און מאַכט אַזוי, אַז דאָס ביסל ייִדישקייט, דער תלמוד, צי עס לערנט אים דער אָדער יענער רב, ווערט ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן; אין בעסטן פאַל, עפּעס אַ מינדערוויכ־טיקער צוגאָב, און קיינמאָל נישט דער עיקר פון דענקען אין לעבן. לאָ־מיר זיך פאָרשטעלן: מען לערנט אַ לעקציע פון פיזיק, זאַכן וואָס מען זעט און מען פילט בחוש, זאַכן וואָס אינטערעסירן אַלעמען. און דער פּראָפעסאָר רעדט אויף אַ פאַרשטענדלעכער שפּראַך, דערוועקט די לוסט צו וויסן, עפנט די אויגן. ער גייט אַוועק, עס קלינגט אַ גלעקל: אַ נייע לעקציע! עס קומט אַ לערער צו דערקלערן — אַנטשולדיקט פאַרן ביי־שפּיל — „שור שנגח את הפרה", פאַרטייטשט אויף ענגליש, ער באַ־טאָנט, באַוווירצט, ער שטיצט זיך אויפן תנ"ך, זאָל עס זיין פרידלענ־דער צי אַ צווייטער. מילא, אונדז איז דער תלמוד טייער און ליב; אין זיין יעדן בלאַט זענען פאַרבונדן זיסע זכרונות, אָבער ווי קאָן ער איבער־טראָגן די קאָנקורענץ אין אַן אָרט, וווּ די גאַנצע סביבה איז וואָכיק און פּאַרגוויאישט. דערהאַלט ער זיך קוים, קוים אַן אויסגעדאַרטער, פאַר־טרוקנטער...

אזוי זעט עס אויס אין אלע מערב לענדער.

און ווי קאן עס דען אנדערש זיין? די אלטע יאראטשינער רבנים ווילן פארפלאנצן יאראטשין אין לאנדאן און קאנען נישט. זענען זיי אומעטיק. זיי וואלטן וועלן פארן צוריק, אבער זיי ווייסן נישט, אז אויך יאראטשין וועלן זיי נישט טרעפן אין איר אמאליקער געשטאלט. פון בלייבן אויף אן ארט האבן זיי אויך קיין נחת נישט. איינס איז זייער טרייסט, דער באוווסטזיין, אז זיי דערפילן זייער חוב.

דער אלטער האט געטאן, וואס יעדער יידישער געלערנטער וואלט געדארפט טאן. ער האט געלערנט, איבערזעצט, געשריבן ביכער, אבטונג געגעבן אויף די תלמידים, מדריך געווען זיי אין א גלייכן וועג, אין גייסט פון עטיק און מאראל, געלערנט זיי צו זיין באשיידן אין זייערע ווערטער און מעשים, אליין געדינט פאר א ביישפיל. מען האט פון אים קיינמאל קיין שלעכט ווארט נישט געהערט.

דאס קליינע יאראטשינער יינגל איז געווארן א גרויסער אנגעזעענער געלערנטער, א זייער טיכטיקער אנטיילנעמער אין דער ליטעראַרישער און אויפקלערערישער טעטיקייט פון די ענגלישע יידן, א פאטער פון א יידישער מוסטער־פאמיליע. דער אלטער און די אלטע ווי א געליבטער מיט זיין געליבטע, נאר אן איין איינציקע טאכטער, וואס האט אויך חתונה געהאט פאר א געלערנטן, אבער זי האט שוין א צאלרייכע פאמיליע, אייניקלעך אן עין־הרע, צווישן זיי זייער גראטענע עילויים — דאס איז דאס הויז פון ד״ר גאסטער, וואס ווערט גערופן „מצפה״ און געפינט זיך אין „מאאודע וועלל״ אין לאנדאן.

און ווען מען זעט פרידלענדערן ארומגערינגלט מיט דער תורה, טראכט מען זיך, און אפשר וועט דאך אויפשטיין א נייער דור, די בני פרידלענדער?

יארן פארגייען, דער אלטער פארלאזט זיין אמט, מען טיילט אים צו א סך כבוד, אבער זיין געשטאלט ווערט נאך מער געבויגן, צוזאמען מיט דער פרוי פארט ער אויפן קאנטינענט, קיין בערלין, און פון דארט נאך ווייטער אויף מזרח, קיין פויזן, יאראטשין רופט. אין ראבינערסעמינאר איז שוין דא אן אנדער דירעקטאר, דער בארימטער ד״ר ביכ-

לער און דער אלטער פרידלענדער מיט זיין פרוי רייזן אלץ, מיר באגע־גענען זיך אפטער אין בערלין, האלאנד, בעלגיע, אויף א שטיקל צייט קומען זיי צוריק קיין לאנדאן, באזעצן זיך אין „מאאודע־וועלל", צווישן אלייען פון ברייט־שטאמיקע ביימער. נישט ווייט פון זייער איידים און אייניקלעך. און אין איין טאג — נישטא ד"ר פרידלענדער. דאס „פוי־לישע יינגל", ווי ד"ר ראזענשטיין האט אים פאר מיר באטיטלט.

זכר צדיק לברכה.

ר׳ צבי הירש קאַלישער

זיין פאַמיליען נאָמען זאָגט עדות, אַז ער איז אַ פּוילישער ייד, ער האָט געווים געשטאַמט פון קאַליש, אַ יידישע שטאָט, אַ מקום תורה פון פאַרצייטן אָן. אָבער ער איז געבוירן געוואָרן פון יענער זייט גרעניץ פון קאָנגרעס־פּוילן, אין פּרייסן, אין דעם שטעטעלע, וואָס איז באַרימט נישט אין דער פּוילישער, נישט אין דער פּרייסישער היסטאָריע, נאָר דווקא אין דער יידישער געשיכטע פון די לעצטע דורות — אין ליסא (לעשנא אויף פּויליש).

דאָס דאָזיקע שטעטעלע איז געווען אַ צענטער פאַר תלמוד־לערנען און עס פלעגן ציען אַהין בחורים און יונגעלייטלעך פון אַלע אַרומיקע מדינות. ליסא האָט זיך אויסגעצייכנט נאָך פאַר ר׳ יעקב ליסער, דעם מחבר פון „חוות דעת״, אין וועמענס צייטן זי האָט דערגרייכט דעם העכסטן גראַד פון פאַרערונג און פאַרהייליקונג. דאָס לערנען אין ליסא איז געווען דער אָפּקלאַנג פון לובלין, בריסק, קראָקע און פּראַג, זי האָט געהאַט די קראַפט פון זאַכן, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט ביזן סאַמע, סאַמע סוף, און זענען אַריינגעדרונגען און אָנגענומען געוואָרן ווי די געזעצן פון שולחן ערוך.

ווען ר׳ צבי הירש קאַלישער איז געבוירן געוואָרן, איז נאָך די דאָר־טיקע סביבה געווען אינגאַנצן אַ פּוילישע, מיטן גאַנצן כוח פון אַלטן בית מדרש און געשליפענעם פּלפּול, מיט דער אומבאַגרעניצטער הער־שאַפט פון דער תורה, מיט אַפּטע, שטענדיקע באַציאונגען מיט די ישי־בות און בתי דין פון גאַנץ פּוילן.

עס איז געווען דער סוף פון א תקופה, א סוף־זומער און א שקיעה פון תלמודישן לעבן אין יענעם טייל פוילן, וואס איז אפגעריסן געווארן און איינגעשלאסן געווארן אין פרייסן, און וואס וועט מיט דער צייט פארוועלקט און אויסגעהוילט ווערן; און גראדע אין דער לעצטער שקיעה־שעה האט זיך דאס לערנען צעפלאקערט אין א גליענדיקן שייטער.

נישט ווייט פון יענער געגנט האט האן געלעבט ר׳ עקיבא אייגער, א ריזיקער תלמודיסט, א ווירקלעכער צענטער־זייל, א תורה־גענעראל, פעסט ווי א פעלז און קלאר און גלענצנד ווי קרישטאל, וואס האט אין פארלויף פון יארן משפיע געווען אויף דער גאנצער תלמודישער וועלט מיט זיינע חדושי־תורה און תשובות, און האט געלאזט א סך נאכפאלגער. אט די צוויי גדולים: ר׳ יעקב ליסער און ר׳ עקיבא אייגער, זענען אין יענעם דור געווען די הויפט זיילן פון תורה אין יענעם ווינקל פון דייטשיש-פוילן. ר׳ יעקב, א גאון א חריף ובקי, אן אויטאריטעט אין הלכה ענינים, דערצו א באשיידענער תמימותדיקער מענטש און ר׳ עקיבא, ניט קלענער אין גאונות, איז נאך געווען דערצו אן אויסטערלישע פערזענלעכקייט, א פעסטער כאראקטער, מיט ברייטערע האריזאנטן. דער ערשטער, א פאראינזיכטער קליינשטעטלדיקער רב, אינגאנצן פארטאן אין לערנען, האט נישט געפילט און נישט געאנט, אז ער שטייטביים סוף פון א תקופה; דער צווייטער, אן אקטיווער טוער, בייט פון צייט צו צייט זיין וווינארט, האט א גרויסע משפחה, א סך און ווייט־פארצווייגטע באציאונגען, און ווי זיין געהער זאל שוין האבן פארנומען דעם פליגל־גערויש פון דער נייער צייט.

א בחור פון יענע קאנטן, וואס האט געוואלט לערנען, האט געמוזט פארן אדער קיין ליסע, אדער קיין פוזן. מיין זיידע פון מוטערס צד, ר׳ שמואל כהן ז״ל פון פלאצק, האט בחורווייז געלערנט אין ליסע, און פון זיינע דערציילונגען, וואס איך האב געהערט אין מיין קינדהייט, ווען ער איז שוין געווען א ניינציקער, האט זיך ביי מיר געשאפן דער איינדרוק, אז צווישן ליסע און פוזן איז געווען א מין קאנקורענץ, אן פארדרוס, נאר דווקא מיט קעגנזייטיקן רעספעקט, א מין קנאת-סופרים. ליסא איז

געווען אַ חסידישע שטאָט, אַ פרומע, און פּויזן איז געווען קליגער, היינט־וועלטיקער. די ישיבה פון ר׳ יעקב ליסער איז געווען עלטער פון דער פון ר׳ עקיבא אייגער, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי געצויגן השפּעה איינע פון דער צווייטער.

צייטנווייז, לויט דער זיידע האָט עס מיר דערציילט, פלעגן זיך פאַרטרעטער פון די בחורים פון ביידע ישיבות פאַרמעסטן איינע מיט די צווייטע; נישט אין לויפן, שווימען, אָדער באָקסן, ווי די סטודענטן פון קעמברידזש און אָקספאָרד, נאָר אין געפעכט פון לערנען. און איינער פון די בעסטע צווישן די תלמידים פון ביידע ישיבות איז געווען אַ בחור פון ליסע, ביים נאָמען הירש קאַלישער, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער למדן און אַ „שאַרפער גביר״ און האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין טהאָרן.

איך בין נאָך געווען אַ קינד און האָב דורשטיק געטרונקען די רייד פון מיין זיידן. טהאָרן איז שוין דאַן געווען אַ דייטשישע שטאָט, און אַ גרויסער למדן און אַ יידיש־דייטשישע סביבה האָבן ביי מיר אויסגע־וויזן ווי גאָר שאַרפע קאָנטראַסטן. און ווען איך בין געווען צום ערשטן מאָל אין טהאָרן, אַ יאָר דריי נאָכן טויט פון ר׳ הירש קאַלישער, איז מיר די קשיא געוואָרן נאָך האַרבער. פאָרסט מיטן באַן פון קוטנאָ, קראָש־נאָוויץ, ליפּנאָ, דאָברין, צי פון דאָבראַזשינסק וואָס ביים דערבענץ, אַלץ קליינע שטעטלעך, אָפּגעלאָזן, יידן וואָס רעדן יידיש, תלמוד תורות פול מיט קינדערלעך, בתי מדרשים פול מיט ישיבה בחורים, חסידישע „שטיבלעך״, גאַנצע מוראַשניקעס פון קליינע קרעמערלעך, סוחרימלעך און מעקלערס, וואָס יאָגן דעם ווינט און זייען אין דער לופטן, אַ סך מלמדים און בטלנים, סתם יידן וואָס דרייען זיך מיט די שטעקעלעך אי־בערן מאַרק, אָפּגעזונדערט מיט זייער קליידונג, מיט זייער שפּראַך, מיט יעדן קנייטש פון זייערע בגדים, מיט יעדער זילבע פון זייער שפּראַך. און פאָרסטו נאָר אַריבער דעם קליינעם בריקל פון דאָבראַזשינסק, און פון דער אַנדער זייט איז שוין אויסלאַנד. ריינע געפלאַסטערטע גאַסן, שיינע הייזער מיט הייף און סעדער, אויסגעפּוצטע געוועלבן, פיינע שילדן, עפּעס אַ יום־טובדיקייט, אַ געפיל פון פרייהייט, אַ נייע וועלט. און יידן

זענען אָנגעטאָן ווי אַלע, רעדן ווי אַלע, כמעט נישט צו גלויבן, אַז דאָס זאָלן זיין יידן. קוים אַ דיסטאַנץ פון אַ תחום-שבת און דער חילוק איז ווי צווישן פופצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט! דאָס ערשטע שטע־טעלע הייסט גאַלוב, אָבער אין אַ צוויי, דריי סטאַנציעס אַרום איז טהאָרן, טאַקע ווירקלעכע אויסלאַנד, אפילו אונדזער ווייסל, אין וועלכער מיר האָבן זיך געבאָדן אין די נאָכמיטאָגן פון ערב שבת און ערב יום־טוב, איז אויך פאַרענדערט געוואָרן לויטן דייטשישן נוסח. געוואָרן טיפער, ברייטער, פאַרשוווּנדן די זאַמד-בענק, ווייל די דייטשן האָבן זי באַצוווּנ־גען און איינגעפּאַסט אין זייערע ראַמען. אין שטאָט איז דאָ אַ קליינע יידישע קהילה, אָבער אָרגאַניזירט ווי אין בערלין, מיט אַ „פאַרשטאַנד", מיט „פאַריינען", אַביסל פרומע, אַביסל פרייע, אָבער אַלץ צירליך־מאַ־ניִרליך און... אויף דייטש.

און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט זיך דאָ גע־קאָנט דערהאַלטן אַ „פון פייער געראַטעוועטע גלאָווניע", אַ ייד פון אַלטן טיפּ פון אַ באַלעבאָס אַ גאון, קלאָר אין ש"ס און רעדט און שרייבט דייטש און לשון קודש, אָפּגעהיטן אין מצוות און באַפריינדעט מיט מענטשן, אַרומגערינגלט מיט אַ משפּחה פון דייטשישע יידן. ווי אַזוי האָט אָט דער וווּנדער מענטש געפונען דעם ריכטיקן וועג, פון די ישיבות פון ליסע און פוזן צו דער יידיש־דייטשישער וועלט, אָנהאַלטנדיק גלייכ־צייטיק זיין אַמאָליקן אייגנאַרט?

איך דערצייל דאָ מיינע דעראינערונגען פון די קינדער יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען נאַאיוו, אינגאַנצן פאַרזונקען אין די באַגרעניצטע אָרטיקע באַגריפן. און איך געדענק, אַז ווען איך בין געווען אַ ישיבה־בחור, האָט מיר ר' הירש קאַלישער אימפּאָנירט ווי אַן אויסטערלישע דערשיינונג. שפּעטער, אויף וויפל מיין האָריזאָנט האָט זיך אויסגע־ברייטערט, איז מיר קלאָרער געוואָרן די פיגור פון דעם באַרימטן זקן. ער איז געווען איינער פון די וויניקע פאַרבליבענע פון דייטשיש־פּוילן, איי־נער פון די לעצטע פרומע תלמודיסטן פון ליסע, וואָס איז צום סוף פון זיינע יאָרן אַריין פולשטענדיק אין דער דייטשיש-יידישער תקופה. ער,

דער רב ר׳ אליהו גוטנמאכער, דער צדיק פון גריידיץ, און אפשר נאך א צוויי־דריי, זענען פארבליבן אין זייערע קאפאטעס, מיט באָרד און פאות אין א סביבה וואס האט אויף זיי געקוקט פארחידושט, און מען דארף צוגעבן, אז אויך מיט א זאנדערבארער פארערונג. זיי האבן זיך נישט געענדערט, זיי זענען געבליבן ווי געווען, אבער ארום זיי איז אלץ אנדערש געווארן.

אין ביכער שראנק פון מיין זיידן ר׳ שמואל האבן זיך געפונען איי־ניקע ספרים פון ר׳ הירש קאלישער. מיין זיידע, וואס האט זיך זייער געגרויסט מיט זיין אמאליקן חבר, האט מיט מיר איינגעטענהט, איך זאל לערנען דעם „אבן בוחן", ווי אויך דעם „מאזנים למשפט", ביידע חבורים איבערן חושן משפט, וואס זענען שוין געווען בארימט אין מיין קינד־הייט. איך געדענק, אז די ספרים האבן מיך גענומען מיט זייער פיי־נעם סטיל און... מיטלמעסיקער חריפות. ר׳ הירש האט זיך געוואלט פלפלען און האט געקאנט די מלאכה, אבער ער איז געווען בטבע א מענטש פון גלייכן פשט און אנדערע חקירה ספרים ווי דער „מורה", דער „כוזרי" און די „עיקרים" האבן אים שוין א ריר געטאן פון פלפול־שטאנדפונקט. געווען ביי אונדז גדולים, וואס האבן געוואלט פילאסא־פירן אין הסכם מיט די רעליגיעזע פרינציפן, אדער פלפלען זיך אין איינ־קלאנג מיט די געזעצן פון דער אנגענומענער לאגיק, און דער רעזולטאט האט אין ביידע פאלן געקאנט זיין נאר א מיטלמעסיקער. ווייל פילא־סאפיע איז נישט קיין רעליגיע, און דער פלפול איז א מין ספעציעלע דענקונגס־ארט וואס לאזט זיך נישט שמידן אין די געזעצן פון דער אנ־גענומענער לאגיק.

ערשט אין יארן ארום, ווען איך האב געקראגן די ערשטע ספרים פון ר׳ הירש קאלישער, דעם „אמונה ישרה" און דעם באור אויף קהלת, האב איך בעסער באגריפן דעם מהות פון פארפאסער.

ער איז געווים געווען א גרויסע אויטאריטעט ווי איינער פון די עלטסטע רבנים, אבער מער ווי א בעל הלכה איז ער געווען א בעל אגדה, א בעל דרשן וואס האט געקאנט אויפפאסן די תורה, זיינע ווערטער

זענען געקומען מער פון הארצן ווי פון מוח. עס איז פאראן א גרויסע ענלעכקייט צווישן „אמונה ישרה" פון ר' הירש קאלישער און די ספרים פון ר' שלמה פלעסנער, מיטן חילוק וואס דער לעצטער איז געווען מער גענייגט צו דידאקטישער פאעטישקייט און איגגאנצן אונטערן איינפלוס פון דער דייטש-יידישער ליטעראַרישער מוזע, בעת ר' הירש איז נאך צו יענער צייט געווען א פולשטענדיקער פוילישער ייד.

דאס זענען אלגעמיינע שטריכן, וואס צייכענען אן די פיגור פון אט דעם גרויסן מאן. און אויב מיר וועלן נאך צוגעבן, אז ער איז פערציק יאר געווען דער אומבאצאלטער רב פון טהארן, אז ער האט זיך פלייסיק און ענטוזיאסטיש אפגעגעבן מיט ארטיקער געזעלשאפטלעכקייט און מיט די עניינים פון די קהילות און ישיבות פון נאענט און ווייט, ברענגענדיק ווירקלעכע קרבנות פון כוחות און געלט און אז ער איז געווען א פאטער פון א גרויסער משפחה, א פיגור פון א יידישן פאטריארך פון אלטן דור און האט געשריבן חבורים כל ימיו, קארעספאנדירט אין שאלות ותשו-בות מיט אלע גאוני הדור, און אפגעלעבט אכציק יאר אין רואיקייט און אין כבוד, אין אן אטמאספער פון אנגענעמלעכקייט, באחנטקייט און חכמה, האבן מיר פאר זיך א פיגור פון אן אלטן תלמיד חכם, אן אומבא-צאלטן רב, א פארפאסער פון חבורים און א געזעלשאפטלעכער פירער, ענליך אויף ר' מתתיהו סטראשון פון ווילנע, אן אויסטערלישע פיגור, וועמען עס קומט דער אויבנאן אין אונדזער כבוד-טעמפל.

איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך וואלט איצט וועגן אים נישט געשריבן, און ווער ווייסט, צי מיר אלע וואלטן אים אפילו געדענקט, ווען ער וואלט נישט פארמאגט א געוויסע אייגנארטיקייט. יא! אט דער אלטער האט געהאט אייגנארטיקייט, אין וועמענס זכות ער וועט אריין אין דער יידישער געשיכטע. נישט געווען אין יענע דורות קיין סך אזעל-כע גייסטיקע ריזן ווי ר' הירש קאלישער, געווען געציילטע אזעלכע און איך אליין האב געקאנט איינציקע פון זיי. איך האב געקאנט ר' חיים יוסף קארא פון וולאצלאוועק. אויך א תלמיד פון ר' עקיבא אייגער, און ענלעך מיט זיינע קענטעניש און אויפפירונג צו ר' צבי הירש קאלי-

שער; איך האָב געקאָנט ר׳ שלמה הלוי, באַקאַנט אונטער דעם פאַמיליען־נאָמען פויזנער פון קויל, אַ צוריקגעצויגענער מענטש, אויך אַ תלמיד פון ר׳ עקיבא אייגער, אַ חשובער באַלעבאָס. זיין פרוי האָט געפירט די געשעפטן און ער האָט זיך געקאָנט גאַנץ ש״ס אויף אויסנווייניק. געווען אַ געהיימער שאַרפער גאון, און זיין פאַמיליע איז שוין פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם נייעם צייט־גייסט, און קאָן מען דען אַלעמען אויסרעכענען?

אָבער ר׳ הירש קאַלישער איז זיך געווען אַ פיגור פאַר זיך, פאַרטאָן אין איין געדאַנק, וואָס האָט אויסגעזעצן ווי אַ קוריאָז וואָס די „קלוגעטשקע״ לצים האָבן באַטראַכט ווי אַ מין טירוף ר״ל; ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געהערט, אַז ער וויל: „אויפבויען דאָס בית המקדש אויף מקריב צו זיין קרבנות״. מיין זיידע פון מוטערס צד, דער דערמאָנטער ר׳ שמואל, פלעגט וועגן דעם רעדן ווי פאַרבייגייענדיק און דער זיידע פון פאָטערס צד, ר׳ איטשע פון ווישעגראַד, אַ גדול בתורה, פון וועמען איך האָב געלערנט מער ווי פון אַלע מיינע רביים, פלעגט וועגן דעם רעדן מיט אַ רמז, אַז שאַטן פון לצנות, אָבער אויך אַן צופיל אינטערעס. איך בין זיך מודה, מיינע גרויסע זיידעס! דאָס וואָס איר האָט באַטראַכט פאַר אַ טפל, האַלט איך פאַרן עיקר, פאַרן עצם טעם אין לעבן, שטרעבונגען, און זעאונגען פון דער דאָזיקער טיף־דענקענדער און אַקטיווער פערזענלעכקייט.

שוין אין יאָר 1830 ווענדט זיך ר׳ הירש צו זיין רבי ר׳ עקיבא אייגער מיט אַ שאלה וועגן מזבח און קרבנות. דאָס איז געווען אַ קוריאָז, און אין די תלמודיסטישע קרייזן האָט עס געמאַכט אַן ענלעכן רושם ווי די אַנטדעקונג פונעם חלזון דורכן ראַדזינער רבי ר׳ גרשון הענעך, מיטן הילוק וואָס בעת דאָס ערשטע איז געווען נאָר טעאָריע, האָט דער אויפטו פון ר׳ גרשון הענעך געבראַכט צו טאָטן און צו קאָנפליקטן. ווי אַ תלמיד צו זיין אָנערקענטן רבין האָט ר׳ הירש אויך געשריבן וועגן דעם זעלבן ענין צום „חתם סופר״. אין דער תלמודישער וועלט האָט דער ענין אַרויסגערופן אַ קליינע אויפרודערונג, קיין שטורעם האָט נישט אויסגעבראָכן, נאָר לייכטע כוואַליעס האָבן אַ שלאָג געטאָן, און שוין. אָבער ר׳ הירש

קאַלישער האָט זיך נישט באַרואיקט. דער ענין איז אים נישט געקומען פון מוח, נאָר עס האָט אויפגעלעבט אין זיין האַרץ און איז אַריין אין זיין בלוט, איינגעשפּינט זיך, איינגעוועבט זיך אין דער טיפער, הייליקער און מאַראַלישער תמימותדיקייט וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

איז עס טאַקע מער נישט געווען ווי אַ פראַגע פון אַ מזבח, אָקסן און שעפּעלעך, „אַ צענטל ווייץ" צו יעדער שעפּעלע? דאָס איז געווען איינע פון די צווייגן, פון די פּאָזיטיווע פּראַקטישע פאָרמען, וואָס די הלכה דאַרף זיך לויט דער טראַדיציע מיט דעם אָפּגעבן. אָבער אין די טיפסטע טיפענישן פון די דאָזיקע פאַרהייליקטע רעליגיעזע פאָרמען איז פאַרבאַהאַלטן אַן אַנדער קערן, אַ קרעפטיק פאַרבאָרגן פינטעלע, דאָס בענקעניש פון דער פאָלקס-נשמה צו איר מקור, יידיש-נאַציאָנאַלער משיחיזם!

אַ פונק וואָס טליעט נאָך אונטערן אַש, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל צעפלאַקערט, עס איז געווען אַ שטילע אינערלעכע פּאָלאַץ-רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו צעשטערן ביזן גרונט די שיטה פון וואַרטן, פון באַנוגענען זיך מיטן גלות און פּאַסיוון אַרויסקוקן אַן פּראַקטישע מעשים. די אַלטע רבנים האָבן ביי זייער גאַנצער גאונישקייט און רוח־הקודש נישט דערפילט, אַז דורך אַזאַ געדאַנק, טראָגט זיין פאַרעלטערטער פאָרעם, דרינגט אַריין אין דער יידישער וועלט אַ נייער כוח, וואָס וועט ברענגען צו גרויסע און וווּנדערבאַרעס.

דער גרונט-געדאַנק איז געווען, אַז די גאולה דאַרף קומען ביסלעכווייז, אַז מיר זענען מחויב צוצוגרייטן און דורכפירן זי, נישט וואַרטנדיק אויף משיחן. אָט דער געדאַנק ווערט אַלץ קלאָרער אין די אַרטיקלען, וואָס ר' הירש קאַלישער האָט געשריבן אין „המגיד" אין פאַרלויף פון פערציק יאָר. פונקט ווי הערצל האָט זיך אין זיין צייט געווענדט פריער צום באַראָן הירש און שפּעטער צום קאָנגרעס, אַזוי האָט זיך ר' הירש קאַלישער געווענדט פריער צום חת"ם סופר און שפּעטער דורכן „המגיד" צו דער יידישער עפנטלעכקייט. ער האָט נישט דערהאַלטן פון זיינע רביים נישט קיין קעגנערשאַפט, נישט קיין דערמוטיקונג. די שאלה איז נישט



הרב צבי הירש קאלישער

פֿאַרענטפֿערט געוואָרן, מען קאָן זאָגן אַי אַזוי, אַי אַזוי. די תורה איז אייביק, און יאָרן שפּילן דאָ קיין ראָלע נישט. מען וואַרט שוין צוויי טויזנט יאָר — אַזוי זאָגן מיר! — אָבער אין דער אמתן פֿילט מען גאָר נישט אַז מען וואַרט. אַלץ איז ווי עס איז שוין באַשטימט געוואָרן און אַלץ וועט אי"ה זיין אַזוי, ביז גאָט וועט זיך דערבאַרימען. מאַכן הכנות צו דער גאולה? נו, יאָ, כולו חיב אָדער כולו זכאי, אויב מען דאַרף עפּעס טאָן, איז עס דאָ אין גלות, דורך אָפּהיטן די מצוות.

אַי וואָס עס דויערט אַביסל צו לאַנג? מילא, זאָל דויערן. דאָס איז געווען אַ וועלט אַנשויאונג, אַ שיטה: זיץ און טו גאָרנישט. מיר האָבן די מאָדערנע באַגריפֿן פֿון דער יידן־פֿראַגע, מיר טענהן, אַז די „איינציקע לייזונג פֿון אָט דער פֿראַגע" איז נאַציאָנאַלע גאולה. זיי האָבן גאָרנישט געוווסט פֿון דעם אַלעמען און ווען מיר וואָלטן זיי עס דערקלערט, וואָלטן זיי געזאָגט: די יידן־פֿראַגע קאָן קיינער נישט לייזן חוץ גאָט אַליין. דאָס איז מעטאַפֿיזיק, און מעטאַפֿיזיק האָט נישט קיין געשיכטע, בעסער געזאָגט, זי איז איבער דער היסטאָריע.

ר' צבי הירש קאַלישער איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטון און באַגרעניצט אין דער אַלטער תלמודישער וועלט, אָן צווייפֿלען און צעגערנישן. און פֿון זיין תלמודיזם איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די גאולה דאַרף האָבן פֿאָרבערייטונגען, נישט נאָר פֿון אָפּהיטן די מצוות אין גלות, נאָר אויך טאָן פּראַקטישע אַרבעט אין ארץ־ישראל. זיין איידעם גרינבערג האָט מיר דערציילט, אַז ער פֿלעגט אָט וואָס זאָגן וועגן די וואָס זיצן און וואַרטן. צו וואָס איז עס געגליכן? צו אַ חולה וואָס קומט צו אַ דאָקטאָר און דער דאָקטאָר זאָגט אים: אָט האָסטו אַ גוטע אויסגעפּרוווטע רפֿואה, נאָר דאַרפֿסט זיך מיט איר היילן אַ טויזנט יאָר. גאַנץ מעגלעך, — פֿלעגט ער צוגעבן, — אַז אין טויזנט יאָר אַרום וואָלט טאַקע דער חולה געזונט געוואָרן, אָבער ווער לעבט עס טויזנט יאָר? אָט דער לייכטער שמועס איז לויט מיין מיינונג דער שליסל צו די שטרעבונגען און מיינונגען פֿון ר' הירש קאַלישער, ער דערקלערט אונדז זיין צענטראַלן געדאַנק, זיין אני־מאמין און דעם וועג אויף וועלכן ער איז געקומען צו

אים. א זון פון אן איבערגאנגס-עפאכע, אן עכטער פויליש-יידישער למדן, וואס איז מיטן בייטן זיך פון די תקופות אריבערגעשטעלט געווארן פון דער אלטער וועלט אין דער מאדערנער, האט ער געזען דעם גייסטיקן חורבן פון ארום און ארום, צוגעקוקט זיך צום צעשטערנדן כוח פון דער אסי־מילאציע און ווי פון נאציאנאלן קערפער הויבן אן אפצופאלן גאנצע אברים.

ער האט געזען ווי די רעפארמע קרימט זיך נאך דעם פראטעס־טאנטיזם, „מאכט צורעכט" אין די סדורים דעם אלטן נוסח פון דאוו־נען, וואס איז איינגעשטעלט נאך פון דער כנסת הגדולה, ער האט א סך וכוחים געהאט מיט זיי, א סך פראטעסטירט אן רעזולטאטן. און אין אים איז אויפגעגאנגען און צייטיק געווארן דער באשלוס, אז מען דארף צוגרייטן די גאולה.

מיט דער צייט האט ער זיך באפרייט פון קחבנות-פראבלעם, און האט זיך אינגאנצן געווידמעט צו פראקטישער גאולה ארבעט מיט די מיטלען, וואס ער האט פארמאגט. וואס זשע האט ער געהאט צו זיין דיספאזיציע? נאר א פעדער פון א שרייבער. און ער האט געשריבן: געשריבן צום „המגיד", געשריבן קיין ארץ־ישראל, וווּ עס איז קעגן אים ארויסגעטראטן הרב ר' מאיר אויערבאך, א בארימטער גאון, געוועזענער קאלישער רב, מחבר פון „אמרי בינה", וואס האט דערפילט די נייקייט פון צוגאנג און האט נישט מסכים געווען. געשריבן צו ר' משהלע מאנ־טעפיארע, צו דער אליאנץ, צו קרעמיע, צו אלבערט כהן, ער האט משפיע געווען אויף משה העס און אויף דעם היסטאריקער גרעץ, האט שטארק דער־מוטיקט און אונטערגעאיילט קארל נעטער ביי דער גרינדונג פון „מקוה ישראל", געגרינדעט חברות פאר ישוב ארץ ישראל אין פראנקפורט אם־מיין און אין אנדערע שטעט. מיט איין ווארט, ער האט זיך אינגאנצן קאנצענטרירט אויף דער גאולה-שטרעבונג דורך מעשים, דורך ערד־אר־בעט, דורך העלפן דעם גלות צוריקבויען ארץ־ישראל. אויף א וווּנדער־בארן אופן האט זיך דער תחיה-געדאנק אריינגעשפונט און אריינגעוועבט אין זיין גאנצן זיין.

אין דער זעלבער צייט האָט ער ווייטער געלערנט, געשריבן ביכער, פאַרפאַסט זיינע פירושים צום תנ"ך, די בעסטע פון זיינע חבורים, ווייל דורך זיי האָט געשטראַמט אין זיין נשמה דער גרויסער שטראָם פון נאַציאָנאַלער האָפענונג. ער איז געווען ווי אַן אינדזל אין מיטן ים, ווי אַן אָאַזיס אין דער מדבר, און די אַרבעט, וואָס ער האָט דורכגעפירט צווישן זיין זיבעציקסטן און אַכציקסטן יאָר, ווען ער איז געווען פאַרוועלקט און געעלטערט, די הויט פון געזיכט ווי פאַרמעט און די הענט ציטערן (כל ימיו געווען אַ חלוש), איז ווירקלעך לעגענדאַריש און איבערנאַטירלעך, עס זענען נאָך דאַן נישט געווען קיין קאָנגרעסן און קיין אָרגאַניזאַציעס, דער אַרבעטס-צימער פונעם אַלטן אין דער פּרייסישער פעסטונג-שטאָט, טהאָרן, איז געוואָרן דער צענטער, צו וועמען אַלע האָבן זיך געווענדט.

צעשטערט איז די פעסטונג פון טהאָרן, די שטאָט איז צוריק אַריבער פון דייטשלאַנד צו פּוילן, אָבער דער פאַקט בלייבט: צווישן די ליכטשטראַלן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם אָנפאַנג פון דער דערלייזונג פאַר אונדזער לאַנד און פאָלק, וועט ביזן סוף פון אַלע דורות לייכטן דער ליכטיקער און מעכטיקער פונק: ר' צבי הירש קאַלישער.

יוסף כהן־צדק

I

א פרומער משכיל פון לעמבערג, פון גרויסן יחוס. געדענקט דעם אינהאלט פון טויזנטער ביכער, קאן צענדליקער טויזנטער מעשיות און אנעקדאטן. פון דער פריער יוגנט באקאנט און באפריינדעט מיט „ר' שלמה לייב" (ראפאפארט), „ר' נחמן" (קראכמאל), „איטשע" (יצחק מיזעס), „שמשון" (בלאך) א. א. וו.

אלץ וואס איך האב אים א פרעג געטאן האט ער געוווסט; נישט גאר פינקטלעך, אבער געוווסט, אלע ביכער, וואס איך האב געזוכט, האט ער געהאט; ס'הייסט, נישט געהאט ממש, נאר געקאנט באקומען. בעיקר האט ער געוווסט דעם יחוס-בריוו פון די פארנעמסטע משפחות, ווי א לאנד-שדכן וואס וואלט געלעבט משותלחס יארן.

אין דער גרויסער וועלט וואלט אזא מענטש געווארן אן ערשט-קלא־סיקער היסטאריאגראף, אדער, לכל הפחות, א בארימטער גענעאלאג, אבער ביי אונדז ווערט פון גענעאלאגן — זשורנאליסטן, וואס האבן צו קאנקורירן מיט אמעראצישע רעפארטערס.

א יידישער אינטעליגענט, וואס האט נישט קיין פרנסה, ווערט א ראבינער אין די ערטער, ווו עס זענען פאראן ראבינערס, מעג ער אפילו זיין פון פאך א דענטיסט; דארט ווו עס זענען קיין ראבינערס נישט פאראן, ווערט אזא איינער — א מטיף; אין זיין פאל אין לאנדאן, צוליב זיין אנגעהעריקייט צו דער קאלאניע פון זיינע לאנדסלייט.

דאס ערשטע מאל האב איך אים געזען אין לאנדאן. א ווארימער ייד, וואס דערווארימט יעדן איינעם וואס קומט מיט אים אין באציאונג;

אַ צוגעלאָזטער, אַ פּקח, ווי אַ מילגרוים אָנגעפּראָפּט מיט אַנעקדאָטן, און אָפּגעהערציקער, וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג; אַ מענטש מיט וועלכן מען קען לייכט אָפּזיצן אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט און שמועסן אָן אַ סוף.

אי, מיין יונגער מאָדערנער הער! דו קאָנסט זיך גאָרנישט פאָר־שטעלן די צוגעלאָזנקייט פון אַן אַמאָליקן פּוילישן ייד. דו, וואָס „ביסט פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך ביזן סאַמע קאָלנער", ווייסט גאָרנישט, וואָס יענע פּריינטשאַפט האָט געמיינט, דו, וואָס דו טרעפסט זיך מיט דיינע חברים אין אַ קאַפע־הויז, האָסט אפילו קיין השגה נישט, וואָס עס האָט געמיינט גאַסטפריינטשאַפט ביי אַמאָליקע משכילים. און נאָך עפּעס. איך האָב נישט ליב די כלי־זמר, אָבער איך האָב ליב דעם נגון; איך האָב נישט איבעריק ליב גבירים, אָבער איך האָב ליב גבירעשאַפט. איך האָב ליב מענטשן, וואָס ווי פּיל אָדער ווי ווייניק זיי זאָלן נישט פאַרמאָגן, פירן זיי זיך נישט קבצנותדיק, נאָר זיי זענען געגליכן צו קהל, אויף וועלכן חכמים האָבן געזאָגט אַז „נישטאָ קיין אָרימער קהל", ווייל אין זייער גאַנצער אָרימקייט זענען זיי דאָך רייך. מען דערקענט טאַטנס־קינדער וואָס זענען נישט אויסגעוואַקסן אויפן מיסט, נישט „געהאַקט קיין טראַסטינעס אין זומפּ", און פאַרמאָגן אַ פונק פון יענער „שליאַכטאַ" וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט, די אַריסטאָקראַטיע פון תורה וגדולה צו־זאַמען.

ווען איך האָב זיך נענטער באַקאַנט מיט יוסף כהן־צדק און היפּש געשמועסט מיט אים, האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט צו זיינע פערציק יאָר איבערגעגעבן זיין מליצהדיקן זשורנאַליזם צו זיין זון און אַליין איז ער אַוועק זוכן אַ פּאַסיקערע פּרנסה.

דער כאַראַקטער פון די צייטשריפטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, שפּיגלט אַזוי ריכטיק אָפּ דעם גייסט פון זייער צייט, פון זייער אָרט און פון זייער רעדאַקטאָר, אַז מען קאָן זיי נישט דורכלאָזן אָן אַן אָפּשאַצונג פון דער אויסגעצייכנטער פּערזאָן וואָס האָט זיי געגרינדעט. די וויכטיקס־טע פון זיי זענען געווען דער „המבשר" מיט דער ליטעראַרישער ביילאַגע

(לוית חן — אויף זיין שפראך) מיטן נאמען „הנשר". דער פראגראם פון „המבשר" איז געווען (אין גראמען):

„אנזאגן גוטע בשורות און ווערטער פון טרייסט
צו א פאלק וואס איז צווישן פעלקער צעזייט,
ליב האבן אמת און פיינט האבן שקר,
ווענדן און פעלקער באהאנדלען מיט יושר,
לויבן מיט פרייד וואס פארדינט געלויבט צו ווערן,
פארדאמען מיט קומער וואס פארדינט פארדאמט צו ווערן,
רעדאקטירן וועט — יוסף כהן-צדק."

צו דעם נאך א קורצע מאטא: „יהי אור" (עס זאל זיין ליכט), אנגעוויזן דעם מקור, בראשית א'. אויפן שער־בלאט פון ערשטן יארגאנג, ווערט די פראגראם נאך קורצער פארמולירט:

„א צייטשריפט וואס באהאנדלט אן פאוואר
אלץ וואס אויף דער וועלט קומט פאר."

די צייטשריפט האט נישט געמאכט קיין חילוק צווישן יידישע און אלוועלטלעכע אינטערעסן. אין די „לייכט-ארטיקלען" האבן די שרייבער באהאנדלט מיטן זעלביקן ענטוזיאזם און היציקייט די מלחמות פון נאפאלעאן, די יידישע לאגע אין גאליציע, אדער רדיפות אויף יידן אין רומעניע. דער רעדאקטאר האט נאך ארויסגעגעבן א באזונדער אויסגאבע אונטערן נאמען „הליכות עולם", ס'הייסט „וועלט-פירונג" וואס איז געווען געווידמעט נאר צו געשיכטע און פאליטיק און צו איר א ביילאגע מיטן נאמען „אור לנתיבה", א וועג-ווייזער פאר די וואס ווילן גיין אויף די וועגן פון „הליכות עולם". אין די דאזיקע בלעטער ווערט באהאנדלט די פרייסישע מלוכה-ארדענונג, די גרויסע נוצן וואס עסטרייך קאן האבן פון דעם, וואס זי וועט זיך שטרענג האלטן ביי איר קאנסטיטוציע און פארוואס האט זיך פוילן אויסגעגליטשט אין איר לעצטער מלחמה... אין דער וואכנשריפט זענען שטענדיק געקומען טעלעגראפישע ידיעות (בשורות הדלוג-רב), א וועכנטלעכער איבערזיכט אונטערן טשיקאווען נאמען „עולת שבת בשבתו", „לייכט-ארטיקלען", קריטיק און „איינזעעניש", עס איז הפנים יא געווען עפעס אזא חשד. א ווארט פון „מעריך" (רעדאק־

טאָר) צו די לייענער. (דאָ איז געפאַלן אַ גראַמאַטיקאַלישער טעות, ווייל „מעריך" מיינט גאָר אַ שאַצער; אַ רעדאַקטאָר איז גאָר „עורך", און דאָך האָט זיך דער טעות געהאַלטן אין משך פון דורות.) אין אָט די „ווערטער" פון רעדאַקטאָר פלעגט שטענדיק זיין אַן אויפרוף וועגן דער נייטיקייט צו אָבאָנירן די צייטשריפט. די „קעפלעך" זענען אַלעמאָל געווען הויך-מליצה-דיק: למשל: מי לד׳ אלי, „ווער עס האָט גאָט אין הארצן — צו מיר!" אָדער „עושו, גושו, חושו", ס'הייסט, „איילט, יאָגט, לויפט", צי „כתר לי זעיר" וואָס טייטש: „פּאַרציט אַ ווײלע", אָבער אין אַ משכילישן ווער-טער־שפּיל קאָן עס אויך מיינען „אַ ביסעלע קראַנען פאַר מיר" (כתר — קאָן הייסן קראַנע), „רחמנים בני רחמנים", „לכו לחמו בלחמי", קומט עסן מיין ברויט (אַ פּראַזע, וואָס פּאַסט זיך בעסער פאַר אַ רעסטאָראַן) „דרשוני וחיו" — קאָנסולטירט מיך און איר וועט לעבן (מער צוגעפּאַסט פאַר אַ דאָקטאָר). אין דער דאָזיקער היימישקייט צווישן רעדאַקטאָר און לעזער האָט זיך געשפּירט די קליינשטעטלדיק-משפּחהדיקע נאַאיוויטעט. אין זעלבן גייסט איז אויך געווען דער נאָמען פאַר דער אָפּטיילונג פון „פראַגן און ענטפערס", עס האָט זיך גערופן „ענטפערס אוים ליבע", הפנים אַ ווונק פאַר די מחברים, וואָס זייערע אַרבעטן זענען נישט אָנ־גענומען געוואָרן, אַז זיי זאָלן עס נישט נעמען פאַר אומגוט, ווייל עס איז געטון געוואָרן נישט אוים שנאה חס־ושלום, נאָר גראָדע אוים ליבע.

II

דער „הנשר" איז געווען געווידמעט צו וויסנשאַפט און ליטעראַ-טור: פּאָעזיע, דערציילונגען, בילדער פון לעבן. איבער נהרדעא און פומפּדיתא האָבן געשריבן אברהם יפה אונטערן פּסעוודאָנים ד"ר היבש. די בעלעטריסטישע טייל האָט זיך גערופן „אמרי נועם" ס'הייסט אַנגע-נעמע רייד, אויף יעדן בלעטל איז געקומען דאָס „מאָטאָ" „חכמים הזהרו בדבריכם", חכמים זייט געהיט מיט אייערע רייד, אַ מין וואָרענונג צו די וואָס פירן פּאָלעמיקעס, אַז זיי זאָלן זיין געהיט פון זינדיקן מיט די רייד...

דער „הנשר" האָט זיך געהאַלטן ביי אַ פּראָגראַם וואָס איז געקו־מען צום אויסדרוק אין אַזאַ מין מליצה:

„צעשפרייט די פליגל צו זאמלען תורה און וויסן,
„פארשפרייט אמת, וואס טוט פון ריכטיקן קוואל פליסן
„טוט קנאת-סופרים אנרעגן
„ביי די וואס ווילן הערן דערוועגן
„זאמלט-אן פארשטאנד,
„אויב נאר מיט אמונה ביינאנד,
און רעדאקטאר איז יוסף כהן צדק.

צווישן די מיטארבעטער פאעטן זענען אויך געווען אייניקע גאַליציאנער רבנים. אין יענער צייט זענען אפילו רבנים נישט פריי געווען פון דער פליכט צו פאעטיזירן. שטענדיקע מיטארבעטער זענען געווען: הלל דע לא טארע דער איטאליענער, יעקב קארן, זעליק לוויטערבאך, אלעקסאנדער הלוי לאנגבאנק, אויך משה ערענטאל, וועמענס שירים האבן אין פארגלייך מיט אנדערע געמאכט אן איינדרוק פון גאנץ מאָדערנע און נישט גאר טאלאנטלאזע. אויך שלמה רובין האט דארט אין זיין מליצהשער עפאכע געשריבן ארטיקלען אונטערן נאמען „למנצח משכיל על מחלת הדת והחיים", ס'הייסט „א משכילישער צוגאנג צו די קרענק פון רעליגיע און לעבן", אלץ לויטן משכילישן ווערטער-שפיל. בכלל זענען די „קעפלעך" אין „הנשר" געווען פיל אייגנארטיקער פון זייער אינהאלט. למשל: „צור פאליטיק חתום דיפלאמאטיע", וואס קאן הייסן אזוי גרויס ווי „געהיימע פאליטיק און פארזיגלטע דיפלאמאטיע", אדער „פוטר-מים", וואס קאן אויך מיינען די צווייטע העלפט פסוק — „אן אנהויב פון א קריג", אדער גאר „בכל זאת אנו ליה ועינינו ליה", ס'הייסט „און טראץ אלעמען, האפן מיר צו גאט". צי אזא מין ווערטער-שפיל ווי „יודען-בגויים" ס'הייסט יידן צווישן די פעלקער. די שפראך איז געווען גאר, גאר מליצהדיק. למשל: „איטאליע איז שוין איבערגעקומען, אבער אנדערע פעלקער האבן נאך געבורט ווייען". די ווערטער „יידנטום", „נאציאנאליזם", „ליטעראטור", זענען נאך דעמאלט נישט געווען באקאנט, מען האט נאך אויך נישט געוווסט פונעם טערמין „חבת ציון", ווען אפילו דער עיקר פון געדאנק איז שוין געווען. אזוי למשל ווערט אין אן ארטיקל אונטערן נאמען „אהבת ציון

ווירושלים" געשריבן אזוי צו זאָגן: „לאַנגע יאָרן זענען דאָס רעשטל יידן וואָס לעבן אין הייליקן לאַנד געווען ווי גרים אויף דער ערד, וואָס גאָט האָט געשוואָרן אָפּגעבן צו זייערע עלטערן, אָבער איצט באַזעצן זיי זיך דאָרט ווי בירגער און דאָס גיט אונדז אַ האָפענונג, אַז אַ טאָג וועט קו־מען, ווען די קינדער וועלן צוריקקערן אין זייער גרעניץ". אָדער גאָר אין גראַמען:

„מיר זענען יידן, און ווען אונדזערע פיינט
„האָבן אונדז פון אונדזערע שטעט פאַרטריבן ווייט,
„„צום הייליקן לאַנד איז אונדזער פּולסטער באַגער,
„מיר לעבן גייסטיק אין איר ביז אהער.

דער עקאָנאָמישער מצב פון דער אויסגאַבע ווערט באַצייכנט אין אַ מליצה פון דעם רעדאַקטאָר: „מועט לאשר מוצק בו", וואָס מיינט פּראָסט פשוט, אַז ער איז שוין מיד פון זיין אַזוי פאַרענגט. אין דער היינטיקער וויסנשאַפטלעכער מליצה וואָלט מען געזאָגט, אַז די לאַגע איז געקומען צו אַ קריזיס, אָדער זי איז גאָר נישט גינסטיק, אין יענע צייטן האָט מען געשריבן מועט לאשר מוצק, די ווערטער זענען פאַרשידן, אָבער דער מיין איז דער זעלבער...

לויט דער רעדאַקטאָר אַליין איז עס מודה, האָט די צאָל אַבאָנענטן פון „המבשר" נישט דערגרייכט אויפן זעקסטן יאָרגאַנג צו דריי הונ־דערט, און דאָ הויבט זיך אָן אַ סדרה פון יידיש, צו וועלכער מען האָט זיך אין שלעכטע צייטן געוואָרפן אויך אין פיל שפּעטערע יאָרן. אויף צו „דערהויבן דעם מזל" פון דער העברעאישער אויסגאַבע האָט כהן־צדק אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ צייטשריפט אויף עברי־טייטש אונטערן נאָ־מען: „נייעסטע נאַכריכטן". דעם מאָטיוו פון אָט דער צווייטער אויס־גאַבע האָט ער דערקלערט דערמיט, וואָס: „תורה אָן מלאכה קאָן קיין קיום נישט האָבן". דערפון איז געדרונגען, אַז די העברעאישע אויסגאַ־בע האָט ער באַטראַכט ווי אַ תורה און די יידישע — ווי אַ מלאכה. אַזוי איז דאָן געווען די באַציאונג צווישן יידיש און העברעאיש.

אויסער די דערמאָנטע אויסגאַבן האָט נאָך כהן-צדק אויך אַרויס־געגעבן דעם „עברי אנכי". אָבער שפּעטער איז די לעצטע צייטשריפט געוואָרן דאָס אייגנטום פון ברוך ווערבער פון בראָדי. און דער ערשטער באַלעבאָס האָט זיך געכעסט אויפן „פאַרכאַפּער" און האָט אויף אים אויסגעגאָסן אַ רעגן מיט זידלערייען. דער פּאָלעמישער סטיל איז נישט געווען איבעריק אויסגעאיידלט. אין אַן אַרטיקל רופט ער אים אָן „גדי בן סוסי", וואָס מיינט לויט אַ ווערטערשפּיל פון פויליש און העברעאיש נישט מער ווי „אַ פּלאַפּלער gadaj דער זון פון אַ פערד". אין אַ צווייטן אַרטיקל שרייבט ער, אַז דער נאָמען ברוך איז נישט מער ווי אַ סאַרקאַזם, און נאָך אַזעלכע קאָמפּלימענטן וואָס פאַר אַ הונדערט חלק פון זיי, וואָלט מען אין ענגלאַנד אַרויפגעלייגט פאַר באַליידיקונג און שאָדנערזאַץ אַ שטראָף וואָס וואָלט געקאָנט רואינירן דעם רייכסטן. פון זיך זעלבסט איז פאַרשטענדלעך, אַז ברוך ווערבער האָט אויך אָפּגעזוכט האַלבע פּסוקים און תלמודישע ווערטלעך אויף צו באַליידיקן כהן־צדק און דער דועל האָט זיך געצויגן אַ היפּשע צייט.

דער „עברי אנכי" איז געבליבן ביי ווערבערן און שפּעטער האָב איך דאָרט געדרוקט מיינע „יוגנט זינד". כהן-צדק האָט עס מיר קיינמאָל נישט מוחל געווען די זינד פון מיטאַרבעטן אין „עברי", איך האָב אין מיין לעבן געהאַט פאַרשידענע „שונאים". אַן אַרויסגעבער און אַ רעדאַק־טאָר פון אַ צייטשריפט האָט די בעסטע געלעגנהייט זיך איינצושאַפן שונאים, בעיקר פון צווישן די שרייבער וואָס ער האָט נישט געדרוקט. דו מעגסט זיך דערקלערן דעם וואָס באָט דיר אָן זיין סחורה, אַז דו קאָנסט זי נישט אָננעמען, אַז דו דאַרפסט זי נישט, אַז זי איז נישט לויט דיין געשמאַק, אָבער דו קאָנסט נישט פּועלן, אַז ער זאָל אָננעמען דיינע דערקלערונגען: ווערט מען שונאים. און אַז דו אַרבעטסט מיט אין איין צייטונג, נישט אין אַ צווייטער; אָדער דו געהערסט צו איין קרייז, נישט צו קיין צווייטן, איז ווידער אַ שנאה וואָס האָט נישט איר גלייכן. מען וועט דיך אפילו פסלען צו עדות זאָגן, אָדער א שבועה אָפּגעבן. אויך די גרעסטע ווערן נכשל אין דער עבירה פון קרייזלעך־אָנגעהעריקייט. מען האָט געדאַרפט זיין אַ שרייבער אין יענע צייטן — און נישט דווקא אין

יענע — אויף צו זיין גרייט צו די אַלע אַפּקומענישן. אָבער מען קאָן דאָך פּאָרט נישט יוצא זיין פֿאַר אַלעמען און געהערן צו אַלע קרייזן.

נאָכן טויט פון ברוך ווערבער, האָט זיין זון יעקב איבערגענומען די צייטשריפט, וואָס האָט געהאַט גאַנצע צוויי נעמען. איין וואָך האָט עס געהייסן: „עברי אנכי" און די צווייטע וואָך — „העברי". עס איז געווען אַ מין מכירת־חמץ־דריידל, ווייל לויט די עסטרייכישע געזעצן האָט אַ רעדאַקטאָר פון אַ וואָכנשריפט באַדאַרפט איינלייגן ביי דער רעגירונג אַ געוויסע קויציע, איז מען דורך צוויי צוויי־וועכנטלעכע שריפטן פּטור געוואָרן פון דער התחיבות.

העכער זעקס יאָר האָט זיך יוסף כהן־צדק געפּלאָגט ביים אַרויסגעבן זיינע צייטשריפטן, און כאָטש זיין האָפענונג איז געווען אַז „כל זמן ער וועט לעבן, וועט ער נישט מיד ווערן און מיט גאָטס הילף נישט אָפּלאָזן זיין אַרבעט", טראָץ דעם דאָזיקן גאַנצן פּאַטאָס, האָט ער דאָך נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אויף זיין פערציקסטן לעבנס־יאָר האָט ער זיך באַפרייט פון די אויסגאַבן און האָט זיי איבערגעגעבן זיין זון דוד, אַ בחורל פון קנאַפּע אכצן יאָר אַלט. דאָס דאָזיקע איבערגעבן די שרייבער־פּעדער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ מליצהדיקן מאמר אונטערן נאָמען „בן ארבעים לבינה", וואָס ער האָט אָנגעשריבן פון זיין אייגענעם כבוד וועגן, ווען ער איז געקומען צום עלטער פון פאַרשטאַנד און האָט זיך אָפּגעזעגנט פון זיינע ליבע לייענער; ווען ער האָט שוין אויסגעזען „ווי אַ זיבעציקער, מיט אַ שוואַכער ראיה און שניי־ווייסע האָר". וואַרף אַראָפּ דיינע קינדער־שיכעלעך! רופט ער אויס צו זיך זעלבסט; פאַר דער עלטער דאַרף מען זיך אָפּשטעלן, ביי דער טיר הויערט דער טויט. איך קער זיך אום צו מיין לערן־חדר; אביסל לערנען יענעם, אַליין לערנען אַ סך; אַ האַלבן טאָג — אַרבעטן און דעם צווייטן האַלבן טאָג און ביינאַכט וועל איך האַלטן משמר, וואכן איבער דער תורה, ווי עס האָבן מיך געלערנט מיינע כשרע, פרומע עלטערן ז"ל. ביי פערציק יאָר דאַרף מען קומען צום שכל. אָט די פראַזע איז געווען אַ מין רעפריין צום גאַנצן מאמר.

נאכהער קומט אַ רעקאָמענדאַציע פון פאָטער פאַרן זון: „אויף מיין

ארט קומט מיין טייערער זון, א יונגער לייב, דוד כהן-צדק, וואס וועט אייך באדינען אין הייליקטום (א כהן, הייסט עס). איך בעט אייך, זייט צו אים אזוי ליבנסווירדיק ווי צו מיר. אויך אייך קריטיקער וויל איך זאגן, ביי אייך טו איך זיך בעטן: האט איינזען מיט מיין זון דוד, זייט נישט צו שטרענג מיט אייער קריטיק. צו וואס זאלט איר אים שטערן אין זיין ארבעט? איר וועט זיך דערמיט איינקויפן כבוד? פונקט פארקערט, אויב איר זענט געוועכט, זענט איר מחויב אים צוציען מיט גוטן, נישט מיט בייטשן. ווייל די „צאן קדשים" זענען נאך גאר יונג און אויב א קריטיקער וועט זיך אויף זיי אנזעצן, קאנען סיי דער „המבשר" סיי דער „הנשר" אומקומען אין איין טאג.

נאכן איינבעטן זיך ביי די קריטיקער ווענדט ער זיך צו זיין זון דוד און ווייזט אים דעם ריכטיקן וועג ווי אויפצופירן זיך ביים רעדאגירן און נעמט מיט אים אויס א תנאי, אז „יעדע שווערע זאך זאל ער ברענגען פאר אים" און „יוסף וועט טאן זיינע אויגן אויף דעם". ער זאגט אים אויך צו, אז אין די שריפטן, וואס ער וועט דרוקן אין „הנשר", וועט ער אים לערנען, אויף וועלכע וועגן טוט רוען „די ליכט פון תורה, אמונה און הלכה".

ביים יונגן רעדאקטאר, וואס איז דערווייל אלט געווארן אכצן יאר, האבן סיי דער „המבשר", סיי דער „הנשר" קיין אריכת ימים נישט געהאט, כאטש אן „עלטערער", ס'הייסט זיין פאטער, האט אויף אים השגחה געגעבן. אין דעם ערשטן העפט, רעדאגירט פון יונגן רעדאקטאר, איז דא א „לייכט-ארטיקל" אונטערן נאמען: „און עס איז אויפגעשטאנען א נייער רעדאקטאר, וואס האט יא געקאנט יוספן", ווי אויך א שיר, „א לויב-געזאנג צו דודן". די באציאונג צווישן פאטער און זון איז געווען א זייער הארציקע, זיי האבן אויך אויסגענומען א צווייעגדיקן תנאי, וואך ביי וואך וועט ער באצאלן פארן פאפיר און דרוק, גלייך ווי יעדער פרעמדער וואס קומט עפעס אפדרוקן, און פארן לעבן פון פאטער וועט דער נישט וואגן צו דרוקן קיין אייגענעם אדער צוגעשיקטן ארטיקל, איידער ער וועט אים ווייזן דעם פאטער און „יוסף וועט טאן זיינע אויגן אויף אים", און ביי א געלעגנהייט וועט דער פאטער פון דער

ברייטער האָט אויך געבן אַרטיקלען, „מיט וואָס גאָט האָט אים גע-בענטשט".

אין קעגנטייל איז זיך משער צו זיין, אַז דער מצב פון די „נייעסטע נאַכריכטן", אין גאַליציאַנער יידיש, איז געווען פיל בעסער; ווי דער רע־דאַקטאָר אַליין זאָגט עדות, האָט ער אין זעקס וואָכן באַוויזן צו באַקומען מער אַבאָנענטן ווי דער „המבשר" מיטן „הנשר" האָבן געהאַט אין זעקס יאָר. אָט דעם דאָזיקן דערפאָלג פון זעקס וואָכן — אָבער נישט פיל מער — דערקלערט דער רעדאַקטאָר זעלבסט דערמיט, וואָס די „נייעסטע נאַכ־ריכטן" זענען אין יידיש, אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל, און די צוגעבונדנקייט פון די אַבאָנענטן איז נישט אָפּהענגיק פון דרוקן זייערע אייגענע אַר-טיקלען און „געדיכטע".

אָט אין די לעצטע ווערטער איז פאַראַן מער פּאָזיטיווער אינהאַלט ווי אין אַלע האַלבע פּסוקים וועגן „יוסף" און „דוד"; זיי אַנטפּלעקן די גאַנצע קליינלעכקייט און בטלנות פון יענעם ערשטן פּרווו אין אונדזער ציייטונג־וועזן. עס האָט זיך נעמלעך געהאַנדלט פון אַ באַגרעניצטן קרייז מענטשן, וואָס כמעט יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט זען אָפּגעדרוקט אַן אייגענעם מאמר אָדער שיר, אַן ענין פון גראַפאָמאַניע אָדער רעקלאַמע־זוכעניש. אַז ווי איז דעם רעדאַקטאָר, וואָס זיינע אַבאָנענטן זענען אויך זיינע מיטאַרבעטער!

צום סוף האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות סיי דער פאָטער, וואָס איז ביי זיין גאַנצער בטלנות דאָך געווען אַן אַקטיווער און וואונדער-באַרער אַרבעטער, סיי פון זון וואָס האָט סתם גאָרנישט באַוויזן אויפצו-טאָן. זיי האָבן זיך נאָך אָפּגעפּלאָגט אַ היפּשע פּאָר יאָר אין גאַליציע, ביז זיי זענען אַוועק קיין לאָנדאָן אָנצוהייבן אַ ניי און זייער שווער לעבן.

III

ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט יוסף כהן־צדק, האָב איך זיך געוואונדערט נישט אויף זיין בקיאות אין ש"ס ווי פון איי-נעם פון די גרעסטע פּוילישע גאונים, נישט אויף זיין קענען דקדוק ווי איינער פון די גרעסטע מדקדקים וועלכער באַהערשט פּונקט דעם קעגנ-שטאַנד, וואָס ער האָט ליב ווי דאָס גאַנצע לעבן, אויך נישט אויף זיין

קענטעניש פון פויליש־יידישער געשיכטע האָב איך זיך געוווּנדערט, נאָר אויף זיין פּקחות.

עס טרעפט, אַ מענטש איז אַ מתמיד און פּוישט זיך אָן מיט ש"ס און פּוסקים; עס טרעפט, אַז אַ צווייטער לערנט מאַטעמאַטיק, מעדיצין, יורי, ער ווערט אַ גרויסער געלערנטער און בלייבט... אַ שוטה: אַ ווינס־שאַפטלער אין באַשטימטע קענגשטאַנדן און אַ שוטה בכלל.

עס איז שווער צו דעפינירן דעם מהות פון אַ שוטה. עפּעס אַ מין נישט צוגעפּאַסטקייט צו דער סביבה, עפּעס אַן אומפּעאיקייט אַפּצושאַצן זאַכן, צו געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, די צוגעפּאַסטע מינע, עפּעס איז איבעריק און עפּעס פעלט, אָבער אַלץ אָן אַ טעם, אָן זאַלץ. און לאָמיך זיך מודה זיין, אַז די גאַנצע זשורנאַליסטיק פון „יוסף וועט טאָן זיינע אויגן אויף דעם", „אַ ליבּ־געזאַנג צו דודן", האָט מיר אויסגעדוכט איין גרויסע נאַרישקייט, אַן אומקלאָרע, פלאַטערנדיקע, אויסגעפּוצטע, אָבער סוף־כל־סוף נאַרישקייט. דערפאַר האָב איך זיך אַזוי געוווּנדערט, ווען איך האָב דערקענט אין יוסף כהן־צדק נישט נאָר אַ גרויסן למדן, נאָר אויך אַ חכם, פול פּקחות און פיינסטן הומאָר. ווי זשע קאָן עס געמאָלט זיין?

די סבה איז, וואָס די מליצה איז נאָר אַ מין מאַסקע, דורך וועלכער מען זעט נישט אַרויס דעם כאַראַקטער פון שרייבער; עס איז פּונקט ווי אַ מענטש זאָל זיך אָנטאָן אַ קרומע און לעכערלעכע פּאַפּירענע מאַסקע, וואָס פאַרשטעלט זיין אמת געזיכט און מען קאָן מיינען, אַז זיין ריכטיקער פּנים זעט אויס אַזוי לעכערלעך. ווען אַ מענטש שרייבט מליצה, גיט ער נישט איבער פּינקטלעך, וואָס ער דענקט און פילט. ער איז פאַרשקלאַפט צו געוויסע פאַרטיקע אויסדריקן, ער איז געבונדן צו האַלבע פּסוקים. ער דריקט נישט אויס, וואָס זיין אייגענער געדאַנק האָט צו זאָגן, נאָר דאָס וואָס דער ווערטער־בוך, וועלכן ער טראָגט אין זיין זכרון, זאָגט אים אונ־טער. אַזוי איז עס געווען אַלעמאָל, אַזוי אויך אין יענעם דור. דער טאַ־לאַנט פון אַזאַ שרייבער איז באַהאַלטן אין אַ שיידל פון אַלטע מליצות און נייע קאָמבינאַציעס. און דאָס איז נישט נאָר אַמאָל און אין מליצה געווען אַזוי, אויך אין היינטיקן דור, וואָס איז באַרייכערט געוואָרן מיט

אַ שלל נייע געקינצלטע ווערטער, מיט גאַנצע בערג פּסעוודאָ־וויסנשאַפט־לעכע דעפיניציעס, טרעפט אַמאָל, אַז מען באַקומט אַ פאַרקערטן, אָפּגענאַרטן איינדרוק; לייענסט אַן אַרבעט, וואָס איז אַזוי רייך אין טערמינען און מיינסט, אַז דער וואָס פאַרמאָגט אַזאַ אוצר איז געווים אַ גרויסער חכם און געלערנטער און ווען דו באַגעגנסט זיך מיט אים און שמועסט מיט אים פּראָסט־פּשוט, ווילסט אים דערגרונטעווען, ציסט אים אַרויס פון שיידל מיט דער רייכער שפּראַך, נעמסט אים אַרויס אין דרויסן, קוקסט זיך גוט איין און... נישטאָ גאָרנישט.

אַזוי האָט זיך אין מיר געהאַט איינגעקריצט די פיגור פון יוסף כהן־צדק ווי אַ גרויסער בקי אין תנ״ך, אַ מייסטער אויף וווּנדערבאַרע איינפאַלן און ווערטער־שפּיל, דערביי אַ גרויסער יחסן וואָס וויל נישט שטאָלצירן מיט זיין יחוס, דערצו אַ פלייסיקער אַרבעטער און פרוכטבאַרער שרייבער, אַ פּאָלעמיסט (דער אויבנדערמאַנטער איינפאַל פון גדי בן סוסי), פון דעם אַלעמען קאָן מען דאָך נישט צונויפשטעלן קיין פול בילד. ווי זאָגט מאַפּאַסאַן אין איינער פון זיינע קליינע דערציילונגען: „מיין העלד טראָגט העניטשקעס פון אַזאַ און אַזאַ נומער און דאָס איז אַלץ", ס׳הייסט, דאָס איז דער גאַנצער מאַטעריאַל, פון וועלכן מען דאַרף אַרויסדרינגען זיין כאַראַקטער.

איך האָב אים שפּעטער דערקענט אין לאָנדאָן אין זיין גאַנצער עכטקייט, אָן מליצות. ער איז דאָרט געווען אַ מטיף אין שול, אין אַ קהילה, אָבער דאָס איז געווען אַ נעבן־זאַך. באמת האָט ער געלעבט אין זיין הויז, צווישן זיינע ספרים, מאַנוסקריפּטן און זכרונות. ער איז געווען פּונקט אַזאַ מטיף ווי אַ שרייבער, נישט מער וואָס די מיטגלידער פון זיין קליינער קהילה אין לאָנדאָן האָבן מיט אים נישט אויסגענומען קיין תנאי, אַז ער זאָל זיי אָננעמען אַלס מיטאַרבעטער... ווי דאָס האָבן פאַרלאַנגט די גאַליציאַנער אָבאָנענטן פון זיינע צייטונגען; זיי האָבן אים אויך געגעבן מער פּרנסה.

איך בין מיט יוסף כהן־צדק אַרומגעגאַנגען אויף וויזיטן און מיר דוכט, אַז ווי איך בין נישט געווען יונג, און ער אַלט, האָבן מיר זיך גוט

פארשטאנען. מיר האבן געפילט, אז עס זענען פאראן זאכן וואס פאר-אייניקן אונדז: העברעאיש, זשורנאליזם, פוילן.

ווער עס געדענקט די דעמאלטיקע לאנדאן! אין א סך ערטער האט מען נאך געדארפט פארן איבער בערג און טאלן, פארן מיט א צוג אויף און אונטער דער ערד, ארויס פון איין טונעל און אריין אין צווייטן, אמאל טאקע טיף־טיף, אייניקע טראמווייען זענען נאך געגאנגען געשפאנט צו פערד, קיין אויטאבוסן זענען נאך נישט געווען, נאר גרויסע „באסן", געשלעפט פון גרויסע פערד און אנשטאט א קארעטע, אונדזערע א וואר-שעווער דראזשקע אדער א ווינער פיאקער, האבן זיי געהאט דעם „הענ-סאם", אויף וועלכן דער אנטרייבער זיצט פון הינטן. און אזוי זענען מיר געפארן מיטן אלטן מטיף נישט איין תחום שבת. פון האטעל „באן", ווו איך בין איינגעשטאנען און ביזן הויז, ווו יוסף כהן-צדק האט געוווינט, האט מען היפש נע־ונדעוועט מיטן צוג ארויף און אראפ, א טראמוויי, א „באס", א „הענסאם" ביז דער אפגעזונדערטער שטיבל, שוין כמעט ביים ברעג שטאט, ווו ער האט געוווינט און געהאט זיין ביבליאטעק.

און ווען איך בין געזעסן מיטן אלטן ארומגערינגלט מיט ביכער, און זיין זון דוד, דער דוד „וואס האט געקאנט יוספן", גייט געהיט פארביי אויף די שפיץ פינגער, א פארקערפערטע מליצה, א גוטער מענטש, און אויף פראסט פשוט — א ביטערער ארימאן און דערצו מיט דער טראגע-דיע פון א קליינעם זון וואס האט א גרויסן פאטער, — זענען מיר געווען אין לעמבערג, קראקע, ווילנע, לובלין, מעזיבוזש, טארנאפאל און אין אונ-טערצי מער פון אלעמען אין ירושלים, און ווייניקער פון אלעמען אין לאנ-דאן, כאטש דאס שטיבל איז געשטאנען אין יענער הויפטשטאט...

ער איז געווען מיין באגלייטער און וועג-ווייזער אין דער יידישער לאנדאן, אפילו אין בריטישן מוזיי האט ער מיך נישט געלאזט פארן אליין, ווייל טאמער וועלן די טויערן זיין פארשלאסן פון איין זייט, וועט ער מיך אריינפירן דורך א צווייטער, און אפשר וועט מען מיר נישט וועלן געבן אזא און אזא מאנוסקריפט, וועט ער זיך שוין פאר מיר משתדל זיין. איך דערמאן זיך, אז דאס ערשטע מאל זענען מיר אהין געפארן כמעט אפיציעל, מיט פולער פאמפע, אויף הוצאות פון דער קהילה. געווען איז

עס אזוי. מיר האָבן באַזוכט דעם הויפּט־רב, פון דאָרט האָבן מיר געזאָלט פאָרן צום בריטישן מוזיי און דער וועג איז ווייט און עס איז אַ סדרה פון אַרויף און אַראָפּ. האָט דער הויפּט-רב באַוויליקט אונדז אָפּצושיקן מיטן קאַטש פון דער קהילה. אויפן וועג האָט מיר כהן-צדק געמאַכט אַ רייזע-וויץ. „אָט די פערד, האָט ער געזאָגט, שלעפּן תמיד אַזוי פיל „רעוור-רענדס", וועט נישט שאַטן, זיי זאָלן איינמאָל פירן פשוטע מענטשן ווי איך מיט אייך"... און ער האָט צוגעגעבן: „פאַר אָט דער קאַרעטע זענען נישטאָ קיין פאַרמאַכטע טויערן."

און איך דערמאָן זיך, אַז אין מוזעאום האָבן מיר באַגעגנט דעם אויסגעצייכנטן ביבליאָטעקאַר וואַן-סטראַאַלן, אַ האָלענדישער ייד, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ פונק פון די אַמסטערדאַמער משכילים פון די צייטן פון דער חברה „שוחרי הטוב", וואָס אין געוויסע צייטן האָבן זיי אויך געשריבן העברעאישע שירים ווי אין גאַליציע, און האָבן אויך אַרויסגע-געבן אַ זאַמל־בוך ווי דער „הנשר" מיטן נאָמען „בכורי תועלת" און זייער כהן-צדק, וווייניקער סטיליסט און מער דיכטער, איז געווען ר' גבריאל פּאָלאַק. זענען מיר געזעסן אין דרייען. אַ יונגער העברעאישער רעדאַקטאָר פון וואַרשע, אַן אַלטער געוועזענער רעדאַקטאָר פון לעמבערג, און אַ „חשובער לעזער", אַ גרויסער העברעאישער ביבליאָטעקאַר פון אַמסטערדאַם, און מיר האָבן פאַרצויגן אַ שמועס אויף שעהען לאַנג, ביז די טיר־היטער זענען געקומען און געזאָגט: הערשאַפטן, שוין צייט...

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, שוין אין וואַרשע, דערהאַלט איך מיטאַמאָל אין אַ גרויסן פּאַקעט פון לאָנדאָן אַ קאָפּיע פון אַן אַלטן כתב-יד. דער פּאַקעט איז געקומען אָן אַ בריוו און איך האָב לכתחילה נישט געוווסט, פון וועמען איך האָב עס באַקומען, איך האָב זיך געפּלאָנטערט אין השערות. אין אַ צייט אַרום איז דאָס רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן. די קאָפּיע האָט פאַר מיר געמאַכט וואַן-סטראַאַלן, ווייל איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ זאָג געטאָן, אַז איך וואָלט וועלן זען דעם כתב־יד, און קיין צייט איז נישט געווען, האָט זיך יענער חשובער זקן מטריח געווען פון מיי-נעטוועגן און אָפּגעקאָפּירט אַ מאַנוסקריפּט פון העכער אַ פּאָר הונדערט

בויגן. אויך דער צדיק איז שוין געשטאָרבן און חוץ אין די מוזעאום־קרייזן האָט אים כמעט קיינער נישט געקאָנט.

מיט יוסף כהן-צדק האָב איך זיך נאָכאַמאָל באַגעגנט בשעתן פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. נאָך מער געבויגן איז געווען זיין געשטאַלט, די געזיכט-קנייטשן נאָך טיפער, אָבער דאָס געזיכט איז נאָך ליכטיקער געווען, עס האָט שוין פון דעם אַרויסגעקוקט אַ רעפלעקס פונעם ליכט וואָס שיינט פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט. די גרויקייט פון זיינע האָר איז שוין מער נישט געווען קיין גוזמא ווי אַמאָל: ער איז טאַקע געווען ווייס ווי שניי. ער האָט מיך געלאַדן ווי אַמאָל קומען צו אים אין הויז, אין זיין ביבליאָטעק, ביי זיין שרייבער־טיש וועלן מיר שמועסן ווי צוויי העברעאישע שרייבער, ווי צוויי פוילישע יידן וואָס האָבן זיך באַגעגנט און וואָס האָבן וואָס אַרומצורעדן, פאַרטרויען איינער דעם צווייטן. אָבער איך בין שוין נישט געווען דאָס פרייע פייגעלע פון אַמאָל, ווען איך האָב מיט אים שפּאַצירט איבער לאָנדאָנער גאַסן און געזעסן מיט אים האַלבע טעג אין בריטישן מוזיי. איך בין שוין דאַן געווען פאָרזיצער פון איין קאָמיסיע, וויצע-פאָרזיצער אין אַ צווייטער, אַ מיטגליד אין אַ דריטער, און כאָטש איך האָב נאָך רעדאַגירט די „הצפירה" און פיל געשריבן אין דער צייטונג, אָבער איך בין שוין געווען ביז איבערן קאָפּ פאַרטאָן אין ציוניזם, אין קאָנגרעס. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן מיט תורה אין מיטן פון יענעם יאַריד. איך האָב געפילט, אַז ער איז גאָרנישט צופרידן מיט דער ענדערונג, וואָס אים האָט זיך געדוכט צו אַנטדעקן אין מיר, אַז איך הויב זיך אָן פירן גרויס, און האַלט זיך פרעמד צו דער אייגענער חבריא. און וויפל איך האָב זיך נישט באַמיט צו דערקלערן אים, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַז נישטאָ ביי מיר קיין שום ענדערונג אין גייסט און כאַראַקטער, נאָר דאָס איז אַן ענדערונג אין דער טעטיקייט, אין דער סביבה, האָט ער זיך אַלץ נישט באַרואיקט. ווייל די אַנטוויקלונג האָט אויסגעזען ווי אַן ענדערונג, ווייל מענטשן קאָנען נישט האַלטן דעם כלל „זאָלסט נישט משפטן דיין חבר, ביז דו וועסט נישט זיין אויף זיין אָרט"; אַ מענטש קאָן גאָרנישט זיין אויף זיין חברס אָרט.

זענען מיר געזעסן אין א ווינקל פון „קווינסהאל", ווו דער קאנגרעס איז געווען. אויף דער טריבונע איז געשטאנען א רעדנער און געקנאקט „ארגאניזיישאן", „פעדערײשאן" און נאך אזעלכע ווערטער. זאגט מיר דער אלטער: „איך האב שוין וועגן דעם געשריבן מיט א סך יארן צוריק, און נעמט ארויס פון זיין טעקע דעם נומער „המבשר"; פינפטער יארגאנג, נומער דרײצן... עס האט זיך מיר מיטאמאל פארגלוסט צו מאכן אן ענדע צו די פלוידערייען פון רעדנער און ארויפשיקן דעם אלטן אויף דער טריבונע און זאל ער פארלייענען זיין העברעאישע מליצה פון פאר פופ־ציק יארן. אבער די „טאג-ארדענונג" האט געשטערט.

דאס איז געווען מיין לעצטע באגעגעניש מיט איינעם פון די לעצטע אלטע משכילים. ער איז געשטארבן אין לאנדאן אין יאר תרס"ד, אין עלטער פון 77 יאר.

אנרי בערגסאָן

בלאָנדזשענדיקע געשטאַלטן, כמעט שאָטנס, אָבער ווײַס און באַפֿלי־גלט, שוועבן און פֿלאַטערן ווי שניי־פֿליטערלעך, שימערן און גלאַנצן מיט דער לויטערקייט פֿון מאָרגנשטערן, פֿון בריליאַנטן, פֿון קרישטאָל־ריינעם ים־ווינט, כמעט גאָרנישט מאַטעריעל, עס דוכט אַ גײַסטיקייט פֿון אַ ניגון, אַן אַקאָרד, אַ שמייכל פֿון אַ קינד, אַ דופֿט פֿון אַ רויז, מיטן אויג נישט אויפֿצונעמען, און דאָך מעכטיק מיט אור־וועלט כוחות.

דורות, פֿיגורן, פּערזאָנען, גרופּן גאַנצע, אַ לאַנגע קייט! פֿאַרבײַ־שוועבנדיק וועט דיר איינער פֿון זיי אַ גלעט טאָן דעם שטערן מיט זײַנע פֿליגל, ווי אין שפּאַס. אַ צווייטער וועט דיר צוטראָגן צום קושן די ספֿר־תּורה, וואָס ער האַלט אין האַנט, און אַלע ווינקען צו דיר ווי אַלטע פֿרײַנט; צײַטנווײַז דוכט זיך דיר, אַז זיי האָבן דיך גערופֿן ביים נאָמען.

נישט אַלעמען פֿון זיי האָסטו געקאָנט, אָבער אַלעמען האָסטו דורכ־געלעבט מיט דײַנע דינסטע נשמה־סטרונעס. דאַרפֿסט זיי נישט אויס־גראָבן פֿון שטויב פֿון דורות, דאַרפֿסט זיי נישט אַנטפּלעקן פֿון שמות, צי פֿון אויפֿשריפֿטן אויף גרויע מצבֿות. זיי זענען אין דיר, זיי לעבן אין דיר, אַ סך פֿון זיי האָסטו פּערזענלעך געקאָנט.

און אויב דו ביסט אַ פּוילישער ייִד, אַ וואַרשעווער דערצו, גע־דענקסטו געוויס אונדזערע אַלטע גבֿירים, די פּרנסים, די למדנים, די בע־לי צדקה. ערנסטע געזיכטער, פּקחתדיקע אויגן, געדיכטע בערד, גלאַנצי־קע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, סויבעלנע ספּאָדקעס, שווערע זילבערנע עטרות

אויף לאַנגע טליתים, אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ: דאָס איז מיין זיידע, דיין זיידע...

ר׳ שמואל זביטקעווער? ווייסטו ווער ער איז געווען? קוקן אין אַן ענציקלאָפּעדיע? חלילה! דאָס לאָז פאַר די דייטשן, זאָלן זיי נישטערן אין ענציקלאָפּעדיעס אויף צו וויסן וואָס מיינט אַ גביר, וואָס טייטש אַ בעל צדקה און וואָס איז זביטקאָוו און ווו איז זביטקאָוו! פאַר זיי פּאַסט אַזאַ אַרבעט! און וואָס פאַר אַ טעם פילן זיי אין דעם? און דו ווייסט דאָך, דו געדענקסט דאָך ר׳ ישעיהן עליו השלום, אָדער יאָסל קרעל, צי אפשר האָסטו גאָר געקאַנט מיין פעטער ר׳ עקיבא פון פלאָצק? פאָרנעמקייט אין דער שטוב־פירונג, גרויסע געשעפטן, האַנדל־וואַנדל, אָנגעזען ביי נאַטשאַלסטוואָ און ביי די פּריצים, אָבער נישט קיין „מה־יפית״, אדרבא! אַנדערע האָבן פאַר זיי געטאַנצט! שטאָט־טאַטעס, פּאַטריאַרכן. מיט פיינע קינדער און איידימלעך, זיידענע יונגעלייטלעך און גאונישע מחותנים, און גרויסע בעלי־צדקה, בסוד־סודות געטראָגן קהל אויף זייערע ברייטע פּלייצעס: גאַנץ קהל — יחסנים און פּראָסטאַקעס. און דרך ארץ געהאַט נאָר פאַר תלמידי חכמים. סתם שקצים, עמי־הארצים, מיט טייסטערס מיט אָדער אָן געלט, אויף זיי האָט מען זיך נישט אומגעקוקט. אַ יידישע דעמאָקראַטיע? אַ יידישע אַריסטאָקראַטיע? ווייס איך וואָס! דאָס איז אַ טיפּאָגראַפיע פון די ריכטיקע מענטשן־טיפּן, מיט אייגנאַרטיקע מעלות און אייגנאַרטיקע חסרונות, מיט אייגענע כוחות און אייגענע יסורים. נישט קיין פּורים־שפּילער, וואָס קרומען זיך עמיצן נאָך. האָסטו זיי געקאַנט? און אויב דו האָסט זיי געקאָנט, האָסטו אויך געקאָנט ר׳ שמואל פונעם צווייטן זייט ווייסל, פון דאָרט, פון פּראַגע.

פּראַגע! אַריינפאָר צו וואַרשע! אַ ריח פון פאָרשטאָט מיט פעלדער, וואָס ציען זיך אין די ווייטקייטן. וויפיל מאָל איז זי שוין חרוב געוואָרן אין מלחמות און שריפות און האָט זיך ווידער אויפגעבויט! סימנים פון טראַנשייען, אַ שלאַכטפעלד און אַ פּי־מאַרק, צו גרויס פאַר אַ פאָרשטאָט, צו קליין פאַר אַ באַזונדערע שטאָט. פאַר אַנדערע — דער טויער פון וואַרשע, פאַר אונדז יידן אַן אַלטע קהילה, צונויפגעפּרעסט און צונויפגעדרענגט, ווו עס האָט זיך באַהאַלטן די אַלטע שול און עס

איז פאַרזונקען דער אַלטער בית־עלמין, מיט גרויסע שפּייכלערס און קליינע האַנדל-שטעלעכלעך, ווו מען האָט שוין געמעגט וווינען אין דער צייט, ווען מען האָט עס נאָך נישט געטאָרט אין וואַרשע גופא, חוץ ספּע־ציעל פּריווילעגירטע אָדער צייטווייליק אויף די ירידים און דאָס אויך נאָר אין באַשטימטע גאַסן ווי אין די פאָרשטעט ביי קעלן און אַנדערע גרויסע שטעט, אַ מין „גרייט זיך צו אין פּאָדערהויז, בכדי צו קענען אַריינקומען אין פּאַלאַץ". האָבן אביסל יידן געוואַרט אין פּאָדערהויז און ביז וואַנען וואָס געכאַפּט קלעפּ.

און ווען דו וועסט אַמאָל פאָרן ווי איך פון וואַרשע קיין סעראָצק, נאַשעלסק, פּולטוסק, מיט אַ פור וואָס טרייסלט אַרויס די אינגעווייד, אויפן אַלטן פּראַגער שאָסיי מיט זיינע אָפּגעשלייפטע שטיינער, און דער וואָגן וועט זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע ביי אַ גרויסער סטאַנציע מיט שטאַלן און שפּייכלערס און אַ גרויס איינפאָר-הויז און אַלטע כאַטקעס האַלב שטאָט-האַלב דאָרף, ווו עס וווינען פּויערים, וואָס טראָגן שוין קאַפּעליושן, ווייל זיי האָבן שוין אַריינגעשמעקט קיין וואַרשע און זענען געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה, און ווו מיין אַלטער פריינט, לייבקע שמיד, זיצט איינדרויסן, ביים טיר פון זיין קוזניע, און קאָוועט-אונטער די „לייבן" פון אַלחנן בעל־עגלה, און פונקען פליען איבערן געמויזעכץ, וואָס טרוקנט נישט אויס אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און אַרום שטייען די יונגע יאַנעקס מיט די מאַרישעס, מיט זייערע פלאַקסענע קעפּלעך האָר; זאָלסטו וויסן, אַז דו ביסט אין שמולעווויזנע.

און אויב דו ביסט נאָר אַ שטיקל וואַרשעווער, ווייסטו געווים וואָס טייטש שמולעווויזנע. דאָס איז דאָס גוט פון שמואל זביטקעווער, דער זון פון יעקב, דערפאַר רופט מען אים יאַקובאָוויטש, פון זביטקאָוו איז ער געקו־מען קיין פּראַגע, תחילת געהאַנדלט מיט שניט, נאָכהער מיט תבואה וואָס ער פלעגט אַנלאָדן אויף פליטן און טרייבן מיטן ווייסל קיין דאַנציק. אַליין רייך געוואָרן, דעם געגנט רייך געמאַכט, געקויפט וועלדער, אויפגעשטעלט טאַרטאַקן, אויסגעאַרבעט בוי־געהילץ, געבויט הייזער, געקויפט גרויסע פאָל־וואַרקעס, באַשעפטיקט אַ סך מענטשן, אַ מין מאיר אנשיל פון פּראַגע. זיין ווילהעלם דער נײַנטער, לאַנדגראַף פון העסן קאַסעל, איז געווען



אנרי בערגסאָן

(האָלץ־שניט פון כוליאָ פריעטאָ)

פרידריך ווילהעלם, דער קעניג פון פרייסן, וועלכער האָט אים געגעבן א „פּריווילעגיע" צו וווינען אין ווארשע, דרום־פרייסן, שלעזיע און „אנ־דערע מקומות", צוליבן האנדל פון וועלכן פרייסן האָט אָפּגעלעקט אַ מארך־ביינדל. אין אויסלאַנד האָט מען עס גערופן „האָף־יודע", „האָף־באנקיר", אָבער אין דעמאָלסדיקן פּוילן האָט עס איינפאַך געהייסן אַ פּריווילעגיע. ר' שמואל, אַ ייד מיט באָרד און פּאות, אַ זיידענע קאַפּאָ־טע, אַ ברייטער גארטל, שטיין־רייך, פאַרוואָרפן מיט געשעפטן און קהלי־שע עסקים פון ק"ק פּראָגע, אַ סך יידן געגעבן פּרנסה, האָט אריינגעגאנגען צום מלכות, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין איין בייטן, און איז אריינגעפלאָכטן און אריינגעוועבט אין געוועב פון די היסטאָרישע דראַ־מעס פון יענע צייטן, אָבער אליין געווען צופרידן מיט דעם, וואָס ער איז באַליבט ביי יידן. „אויף זיינע שמחות פלעגן באַדינען גבאים", אזוי האָב איך געהערט פון אַ תלמיד פון מיין זיידן, ר' אברהמעלע פּראָגער.

ביי דעם אַלעמען וואָלטן מיר פון ר' שמואל זביטקעווער נישט גע־וווסט מער פון דעם, וואָס מיר ווייסן פון טויזנטער אַנדערע גבירים וואָס האָבן געהאַט פּריווילעגיעס, ס'הייסט, מיר וואָלטן אפילו זיין נאָמען ניט געוווסט. און אויב מיר ווייסן יאָ עפּעס וועגן אים, איז עס אין זכות פון יענער לעגענדע, וואָס איז באַקאַנט אין ווארשע אפילו צו אַ קינד אין וויג, וועגן די צוויי פעסלעך גאָלד, וואָס ר' שמואל האָט ארויסגעשטעלט אויף זיין פּראָגער הויף אין 1794, ווען סוואָראָוו האָט איינגענומען די שטאָט: אַ דוקאַט פאַר אַ לעבעדיקן ייד, אַ רובל פאַר אַ טויטן, און די קאָזאַקן האָבן זיך געפּלייסט, געבראַכט „סחורה" און אין איין אויגנבליק זענען די פעסלעך אויסגעליידיקט געוואָרן.

אַ לעגענדע?

און וואָס איז פדיון שבויים? אַ מת־מצווה? דען נישט קיין פעס־לעך פול מיט גאָלד? דעם לעצטן טראָפּן בלוט האָבן יידן אוועקגעגעבן אויף צו ראַטעווען אַ יידישן נפש, אָדער ברענגען אַ בר־מינן צו קבר־ישראל. דאָס איז געווען מעשים בכל יום. פּאַניע נעמט איין ווארשע; אַ קנויל מיט רציחות, קאָזאַצקע נאַגייקעס הוליען, יידיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, און עס איז דאָ נאָר איין וועג צו שטילן די תאווה פון די רויב־

חיות; שטייט אויף ר׳ שמואל זביטקעווער, וואַרפט מיט געלט און ראַטעוועט יידן. ווייל וואָס אַנדערש מיינט יידישע יידישקייט! אָן דעם וואָלטן מיר דאָך נישט געהאַט די ווערט, די ערד זאָל אונדז טראָגן אויף זיך!

פאַראַן אַ דערהויבנקייט, וואָס ווען זי באַווייזט זיך, קומט רו אויף דער וועלט; איר נאָמען איז גוטהאַרציקייט. אָפטמאָל ווען מיר קוקן זיך צו צו אַ נאַציאָנאַלער אָדער אַל-מענטשלעכער שטרעבונג און גרויסע מענטשלעכע טאַטן, ווערט דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט התפעלות און פאַרערונג, אָבער פון ערגעץ־ווו קריכט אַרויס אַ שאָטן פון דערוואַרטונג וואָס פאַרטונקלט אונדזערע געפילן. אָט ווי דאָס פובליקום אין טעאַטער וואָס קומט הנאה צו האָבן פון קונסט און מען ווייזט אים וואָס איר ווילט, נאָר נישט דעם עיקר, מאָנט ער זיין „בלויען פויגל״!

אָט, למשל, אַ בילדער גאַלעריי, אָדער ווידער אַ גרויסער מענטש, אַ פעאיקער, גרעסער צי קלענער, אַ גאון אויף דעם אָדער אויף יענעם געביט, אַלץ פיין, אָבער דאָס בילד בלאַנקט און שימערט, עס ציט פון איר מיט האַרציקער וואַרימקייט; ווען עס דערשיינט, למשל, ר׳ נחומקע האָראַדנער, וואָס גייט זיך מיט זיין לאָמטערן ביינאַכט אין אַ ביטערער קעלט, נאָך אַ תענית, אַ האַלב־פאַרחלשטער, געשליידערט פון שניי־שטורעם און טראָגט זיך צדקה פאַר אַן אָרימען חולה. אָט פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ר׳ נחומקע פרייט זיך דאָס האַרץ. אָט ער האָט געפעלט! און איצט ווען ער איז געקומען, זענען מיר פעסט און זיכער.

און אָט איז די אמתע יידישע דינאַסטיע. ר׳ בער דער זון פון ר׳ שמואל, וועלכן מען האָט גערופן בערעק. ער איז שוין מער וואַרשעווער ווי פראַגער. געבוירן אין 1764, איז ער בשעת דער סוואָראָוו־שחיטה אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק.

ער פאַרגרעסערט די ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון פאָטער. אַ גרויסער גביר, שטיין רייך, דערצו אַ וויל-לערנער, אין 1810 באַקומט ער פון שטאַטהאַלטער, גענעראַל זאַיאָנטשיק אַ פריווילעגיע צו מעגן וווינען אומעטום, קליידן זיך יידיש און באַפרייט ווערן פון גאָלן זיך. זאַיאָנטשיק איז אַ גענעראַל פון קאָשטשיושקאָס צייטן, געקעמפט אין נאַפּאָלעאָנס אַרמייען, אָנגעשמעקט זיך מיטן גייסט פון פרייהייט און געוואָרן



נחום סאקאלאוו יידישער כתב־יד.

אַ שטיקל אַפּיקורס. אַ הויז־פרייגט פון בערעק, איז ער גרייט צו דער־לויבן אַלץ. אָבער ער מוז עס פאַרברענגען פאַרן צאַר, אַ קליינוקייט אַזאַ פּריווילעגיע! און אַלעקסאַנדער דער ערשטער באַשרענקט די פּריווילעגיע מיטן אויסדריקלעכן תנאי, אַז נאָר בערעק און נאָכן טויט זיין עלטסטער זון זאָלן גענוסן פון גרויסן חסד.

געווען אַ פיינער ייד, מיט ליב און לעבן, געגעבן ספרי תורות אין די שולן, אַלע יאָר געווען חתן־תורה, אַ גרויסער בעל־דעה אין קהל זאַכן, און פונדעסטוועגן וואָלט נאָך אים „אַ האָן נישט געקרייעט", ווי מען זאָגט עס, וואָס זשע, קנאַפּ שיינע יידן האָבן מיר געהאַט? קנאַפּ גבירים מופלגים אין תורה? בערעקן וואָלט מען פאַרגעסן ווען נישט זיין ווייב טעמערל.

טעמערל! אויב דו ביסט נאָר אַ שטיקל וואַרשעווער, ווייסטו געוויס דאָס שפּריכוואָרט, וואָס איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן פון וואַרשעווער יידן: „טעמערל איז געווען רייכער".

שיין ווי אַ בלום, שטיל ווי אַ טויב, אַ גאָלדענע נשמה, פּרוכטבאַר ווי אַ ווייַנשטאָק. דריי זין: יעקב, מיכל, לייב (לעאָפּאָלד), געווען דוכט מיר נאָך אַ פערטער, נאָר איך געדענק מער נישט זיין נאָמען, און איין טאָכטער: פּערל־מירל. טעמערל איז אין דער יידישער לעגענדע פון וואַר־שע אַ מין מוטער־רחל. ווענגן בערעקן רעדט מען נישט פיל, בערעק איז געווען דער מאַן פון טעמערל, אַ מין „פּרינץ קאָנסאָרט", און דאָס איז גענוג. ער האָט געלאָזט פינף מיליאָן גילדן, דער גרעסטער טייל פאַר צדקה, קרנות אאַ"וו.

איך זע זיי אַלע ווי לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן, אָבער נאָך קלאָרער זע איך דעם המשך, עס איז שוין מיין קרייז, אייגענע מענטשן, אַלטע וואַרשעווער. ווער האָט זי נישט באַגעגנט אויף נאָוואָליפּקי, דזשעלנע, פּאַוויע, דזשיקע, ווען זי איז געגאַנגען אויף באַזוך צו מאַריאַ בלומבערג, אָדער שרה סלאָנימסקי, צי גאָר צו אונדז, ווען די „הצפירה" איז נאָך געווען אַ וואָכן זשורנאַל? זי איז געווען אָרים, אַלע מיליאָנען און „איי־ביקע פאָנדן" זענען פאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי אַ קעניגין אַן אַלמנה. אין איר הויב מיט די טונקל בלויע בענדער, אין טער־

קישן שאַל, אַ מין אַלטער גאַבעלין, גייט זי זיך טריט ביי טריט ווי אין אַ יום-טוב פּראָצעסיע, אַ גאַנצער דור איז זיך געגאַנגען פון נאָוואָליפּקי דורך דזשיקע, אַ דור פול מיט אַלטן חן, מיט פּרעכטיקער קליידונג און חכמה. וואָלט איר זי באַדאַרפט הערן רעדן יידיש! עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם! מען האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. נאָר צוויי פּערזאָן האָבן גע-רעדט אַזאַ יידיש: פּערל-מירל און מיין באַבע יוטע פון פּלאָצק. און ווי זי האָט געקאָנט דערציילן! וועגן ערשטן מיאַטיעזש, וועגן קאָנסטאַנטין, פּאַסקעוויטש, דער אויפשטאַנד פון 1864, וועגן ר' בעריש מייזילס, מאַ-טיאַס ראָזן, קראַשעוווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ". אַלץ מענטשן וואָס האָבן געלעבט אַ שטורמיש לעבן, פון וווּנדערלעכער טראַ-דיציע, זיי האָבן זיך געפילט ווי די יורשים פון די העלדן, וועגן וועלכע זיי האָבן דערציילט. איך פלעג זי אויפמערקזאַם הערן און נישט ווילנדיק אַראָפּלאָזן די אויגן אין פאַרערונג. אָט דאָס איז עכטע יידישקייט! נישט אויף דער סצענע, נאָר אין לעבן, אין אמתן לעבן.

איר ערשטער מאַן איז געווען אַ גרויסער יחסן, ר' יששכר הורוויץ, דער פאָטער פון אונדזער יששכר בעריש הלוי איש הורוויץ. יששכר בע-ריש פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ צווישן די אַלטע משכילים און שטרענגע בעלי דקדוק, אַ בעל מליצה און אַ פּאָעט, איר האָט אַלע געקענט אַזעלכע, אַ ווונדערבאַרע קאָמבינאַציע! אַן אייניקל פון בערעק, ס'הייסט אַ פּוילישער פון פּוילן און אַליין דווקא אַ ליטוואַק, אַ געבירטיקער פון גראָדנאָ. אַ זון פון אַ מיליאָנערסקער פאַמיליע און אַליין כמעט אַן אָרי-מאַן. פאַרצייטן געפירט אַ סך געשעפטן, אָבער כל ימיו געבליבן אַ פּאָעט, געשריבן שירים אין „המגיד", געמאַכט גוטע איבערזעצונגען אויף אַ ריינעם העברעאיש און געשריבן קלוגע אַפּאָריזמען אינעם סטיל פון אד"ם הכהן און יהושע שטיינבערג. אַ סך יאָרן געווען אַן אָריינגייער צו מיר אין הויז. אויף דער עלטער האָט ער פיל געליטן און וואָס האָט אים גאָר מקצר ימים געווען איז דאָס, וואָס חברה האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ פרייען העברעאיש. נישט ווילנדיק האָב איך אים אויך פאַרשאַפט שברון לב, ווען איך האָב אויך אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן דעם העברעאישן מליציש-אַקאַדעמישן סטיל. פריער איז ער געווען מיינער אַ הייסער חסיד,

אָבער דער נייער סטיל האָט אונדז ביסלעכווייז דערווייטערט, ווען אפילו מיר זענען אין דער ווירקלעכקייט געבליבן פריינט און איך דערמאָן זיין נאָמען מיט פאַרערונג און ליבע. מען וואָלט געקאָנט פיל שרייבן וועגן יששכר בעריש, אָבער איך דערמאָן אים דאָ נאָר ווי איינעם פון די בערג־סאָנס, פון דער מוטערס צד — אַ וואונדערבאַרער גלגול פון ר׳ שמואלן.

דער נאָמען בערגסאָן — ריכטיקער וואָלט געווען בערעקסאָן — קומט פון ר׳ בער, דעם זון פון ר׳ שמואל. איך האָב פריער דערמאָנט די זין פון ר׳ בער: יעקב, לעאָפּאָלד און מיכל. וועגן די ערשטע צוויי האָב איך געהערט אַ סך מעשיות, די אָריגינעלערע פון פערל־מירלען, די ליטע־ראַרישע און ווייניקער אָריגינעלע פון יששכר בערישן. יעקב איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה, אַ וויל־לערנער אַ צוריקגעצויגענער מענטש. מיכלען האָב איך געקענט פּערזענלעך, ווען ער איז שוין געווען אַן אַכצי־קער, ער איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. געבוירן אין 1818 אין וואַרשע. אין 1825 האָבן אַלע ברידער באַקומען אַ פּריווילעגיע צו מעגן וווינען אומע־טום און קליידן זיך יידיש, ס׳הייסט, אַז אין זיין קינדהייט האָט אויך מיכל געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אָבער ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מוזיקער.

פון דער פּריווילעגיע, פון דער קאַפּאָטע, פונעם פאַרמעגן, איז מיכל אַנטלאָפן — ווי פערל־מירל פלעגט עס זאָגן — צו די כלי־זמר. און ער האָט זיך פאַרליבט אין יענעם גאונישן כלי־זמר, וואָס מען האָט גערופן שאָפּען, אין יענער זיסער טרוימערישער מוזיק, אין וועלכער די נשמה פון פּוילן דריקט אויס דאָס האַרמאָנישע געזאַנג פון אירע יסורים און האָפענונגען. דער זון פון טעמערל איז געוואָרן דער פּאָנען־טרעגער פון יענעם גאונישן זון פון אַ פראַנצויזישן פאָטער און אַ פּוילישער מוטער, אין וועמענס נשמה דער מאַמעס איז געווען דער שטאַרקסטער. וואַר־שע איז נאָך נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ ענדערונג און מיכל בר׳ בער פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד. דער וואַרשעווער יונגערמאַנטשיק, אַן אייניקל פון ר׳ שמואל מיט די צוויי פעסלעך גאָלד און אַ זון פון דער רייַ־כער צדקנית — טעמערל, אַ לייבלעכער ברודער פון פערל־מירל, אַ פעטער פון העברעאישן בעל מליצה, „אונדזער״ יששכר־בעריש, איז געווען דער

ערשטער צו פּאָפּולאַריזירן שאַפונגען איבער אייראָפּע. אַליין אַ קאָמפּאָזיטאָר, נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, איז ער אַוועק איבער פראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע, ענגלאַנד און אומעטום געבראַכט מיט זיך די מוזיק פון שאַפּען, אַ טיפע צאַרטע מוזיק, תהלים-געזאַנגען פון פוילישע פידלען, זאַנגען-גרינס פון פוילישע פעלדער, דאָס געזאַנג פון העלדן אין געפאַנגענשאַפט, בענקענישן פון פוילישע עמיגראַנטן, בליענדע, האַרציקע הימנען, געזאַנג פון בלומען און נשמות, סודות פון נשמה־טיפענישן. דער זיידע האָט געוואָרפן מיט געלט אויף פדיון שבויים אין פּראַג, די מאַמע האָט באַפּוצט און באַשיינט שולן אין וואַרשע, די שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ ליטווישן למדן און דער זון שרייבט געזאַנגען פון אַזוי פיל און אַזוי פיל נאַטן אין קאַדענצן און ברענגט אַריין זביטקאָוו מיט שאַפּענען אין דער וועלט־מוזיק.

אַ סך אַרומגערייזט, פיל געאַרבעט, ביז ער האָט דערגרייכט צו פאַר־נעמען דעם אַמט פון קאָנסערוואַטאָריע דירעקטאָר אין בריסל, וווּ ער האָט אַקטואירט אַ סך יאָרן, פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד, געוואָרן באַרימט ווי אַ ווירטואָז, נאָך מער ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר, אָנגעשריבן צוויי גרויסע אָפּעראַס: „לואיז דע מאַנפאַר", און „סאַלוואַטאָרע דע ראַסאַ", אַ סך עטיודן, געזאַנגען, הימנעס, מאַרשן. באַפריינדעט געוואָרן מיט די גרעסטע מוזיקער פון זיין צייט און באַזעצט זיך אויף דער עלטער אין לאָנדאָן. זיין פרוי איז געווען אַן ענגליש־יידיש קינד, די צווייטע טאָכטער פון ד"ר לעווינסאָן, ער האָט געהאַט אַן אייגן הויז אין לאָנדאָן, אין שעפּערדסבוט, דאָרט האָב איך זיך מיט אים באַקענט אין 1896.

ער האָט געבענקט נאָך וואַרשע, נאָכגעפרעגט זיך ווי זעט אויס דער בית-עלמין וואָס הינטער די פיליאַרן, ביים אייזערנעם טויער, אין שיליץ, זיין פויליש איז געווען מליצהדיק אָבער מיט אַ סך גראַמאַטיקאַלישע גרייזן, אויסגעזונגען מיט אַ פראַנצויזישן ניגון, באַהויכט מיט אַ יידישן טאָן, מיט וואַרשעווער געבאָרכלטע רישן, אַן אַריסטאָקראַטישער קינסטלער ביז די שפּיצן נעגל, און ווען ער פלעגט רעדן וועגן שאַפּען, פלעגט ער ווערן ווי אַ בחור פון צוואַנציק יאָר, די בעקלעך האָבן געפלאַמט, די גליענדע,

יידישע, יידיש־פּוילישע אויגן האָבן געגליט ווי קוילן. איך האָב אים אַ סך דערציילט וועגן וואַרשע, ער האָט זיך אַ סך אינטערעסירט מיטן בית־עלמין, וואָס אויף וואָליע־גאַס, ווו זיין פּלימעניק מיכל, דער זון פון גמינע פּרעזעס, האָט פלייסיק און אָרנטלעך געהערשט און מיט די אַרבעטס־הייזער, ווו זיין צווייטער פּלימעניק סאַמועל איז געווען פּרעזידענט, און מיטן פאַרבאַנד פון „האַנדלס אָנגעשטעלטע פון משה־רבינוס גלויבן" אין וועלכן איך האָב אנטיילגענומען אין משך פון יאָרן.

געשטאָרבן איז ער אין לאָנדאָן אין 1898 שטיל, ווי איינער וואָס דרעמלט איין, ווי מען ציט אַרויס אַ האָר פון מילך, זיינע פריינט האָבן מיר דערציילט, אַז נאָך אַ טאָג פריער האָט ער געשפּילט שאַפּענס אַ נאָכטורן. זיין פרוי, קעט האָט מען זי גערופן, האָט אים פיל איבערגעלעבט.

אין 1900 בין איך געקומען אַ צווייטן מאָל קיין לאָנדאָן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. פאָרנדיק פון „סעסיל האָטעל" צו „קווינס האָל" דורך אָקספאָרד גאַס, ווערט מיין קאָטש פאַרהאַלטן צוליב עפּעס אַ טראַפיק־אַקצידענט. און מיטאַמאָל — וועמען זע איך? מיכל בערגסאָן, אונדזער צוקינפטיקן גמינע פּרעזעס, אַן אַלטער פריינט מיינער, ווערט ששון ושמחה, איין קליניקייט, פּאַניע מיכאַליע! וואָס זשע טוסטו דאָ? פרעגט ער מיך. און איך ענטפער מיט אַביסל פאַרדרוס, וואָס איז שייך, אַ ציוניסטישער קאָנגרעס! איז מעגלעך, אַז דו ווייסט גאָר נישט, אַז דאָ קומט זיך צונויף דער קאָנגרעס?! „יאָ", ענטפערט ער מיר אין פּויליש: „צאָש סלישאַלעם" (עפּעס געהערט). און דו? פרעג איך אים, „איך זוך מיין משפּחה, די מומע קומט".

ער איז נישט געווען ר' שמואל זביטקעווער, אפילו נישט ר' בערעק, אָבער אַן אָרנטלעכער מענטש געווען, אָרנטלעך ביזן גרונט, אַ מוסטער־האַפטער כלל טוער. יושר, פּינקטלעכקייט, פיינקייט, אָרנטלעכקייט אין געשעפט און אין כלל אַרבעט. פלעגט גיין אין שול, פאַסטן יום־כּפּור, האָבן פּתיחה צו נעילה. אַ שטאַרקער כאַראַקטער, אַן אַסימילאַטאָר, אָבער טיף אין דער נשמה — אַ פרומער ייד. זיין ברודער, שמואל, עטוואָס אַ קרענקלעכער, ווייניק ענערגיע, אָבער גוטע כוונות און אַ מענטש אַ פאַרשוין. און נאָך איין ברודער, יוזעף, אַ באַנקיר, אַן אַריסטאָקראַט, דיסקאָנטאָ־

באַנק, אַריינגייער צו לורסן, פראַנצויזישע צייטונגען, פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, אַ מפונק, און עסטעט, קיין באַציאונג צו יידישע ענינים.

פון די ייִנגערע בערגסאָנס האָב איך מיטגעאַרבעט אין איינעם קאָמיטעטן מיט גוסטאַוו: אַ הויכער בלאָנדין, קורצזיכטיק, טראָגט אַ בינאָקל, אַ גאַנצער דזשענטלמען לויטן באַגריף פון יענע צייטן, און אַסימילאַטאָר נאָר אויף מערב-אייראָפּעאישן שטייגער, אַ לייטישער מענטש, אָבער זיין פּרוי איז קעגן דעם, אַז דאָס בילד פון זיידן מיט באָרד און פּאות זאָל הענגען אין זאַל, האָט מען בערעקן געבעטן מחילה איז קיך אַריין. דאָ האַקט זיך איבער דער פּאָדים פון דעראינערונגען, איך וויל דאָך אייך נישט דערציילן, וואָס איר ווייסט שוין, נאָר דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס נישט געגנוג דערקלערטע.

לאָמיר זיך אָקאָרשט אומקערן צו אונדזער שאָפען, צו מיכלען. צוויי זין האָט ער געהאַט. איינער, וויניקער באַקאַנט, איז געווען אַן ענגלישער שרייבער, געשריבן אונטער פּסעוודאָנימען, נישט אויפגעטאָן קיין גרויסע זיבן זאַכן, פאַרבליבן אַן אַנאָנים. אַ פיינער באַשיידענער מענטש. דער צווייטער איז דער עיקר, דאָס איז פּראָפעסאָר אַנרי בערגסאָן. ער איז געבוירן געוואָרן, ווען זיינע עלטערן האָבן געלעבט אין פראַנקרייך, איז ער אַ פראַנצויז. זיין מוטער, די טאָכטער פון ד״ר לעווינסאָן, איז אַ יידיש-ענגלישע דאַמע, פון דאַנען זיינע טיפע קענטענישן הן אין דער פראַנצויזישער, הן אין דער ענגלישער שפּראַך. וואָס בערגסאָן באַדייט פאַר אונדזער דור, איז איבעריק צו זאָגן. ער איז דער הערשער פון דער פילאָזאָפיע, דאָס גרויסע ליכט פון דער סאָרבאָן, פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. ער איז אַ וועלט-פאַרזאָרגער, אַ וועגווייזער. אין קעניגרייך פון גייסטיקע וויסנשאַפטן קעניגט טעמערלס און איינציקל.

דער עיקר פון בערגסאָנס לערע איז, אַז דער מענטשלעכער שכל איז בשום אופן נישט די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער שלימות, און אַז מיטן שכל אַליין קאָן דער מענטש דעם אמת נישט באַגרייפן. לויט בערגסאָנען איז דער שכל די מענטשלעכע פעאיקייט צו אויסטיילן און צו קלאַסיפיצירן די אַלע זאַכן וואָס רינגלען אים אַרום, לויט זייערע פאָרמען און

אייגנשאפטן, באצייכענען זיי מיט באזונדערע נעמען און אנטפלעקן די געזעצן וואס באשטימען זייער פארם און דעטערמינירן זייערע פאסירונגען. אט אויף די יסודות איז באגרינדעט די מענטשלעכע פארשונג פון די אלע זאכן און די מעגלעכקייט צו באהערשן זיי און נוצן זיי צו מענטשנס גונסטן. אבער נישט די שפראך און נישט די וויסנשאפט, אויך נישט דער שכל, אויף וועלכן זיי באזירן זיך, איז פעאיק צו דערגרונטעווען דעם אמתן אינערלעכן מהות פון די זאכן. דאס קאן נאר דערגרייכן די פילאזאפיע, וואס איז גרינטלעך פארשידן פון וויסן. די וויסנשאפט איז אויסערלעך און אוטיליטאריסטיש, די פילאזאפיע איז תורה לשמה, זי איז פראקטיש, אבער זוכט נישט קיין שום נוצן. דער כוח, דורך וועלכן מען קאן דערגרייכן אט דעם נוצלעכן תכלית, איז נישט דער געוועגלעכער שכל, וואס גיט זיך אפ נאר מיט דער אויסערלעכקייט פון די קעגנשטאנדן, נאר א גאנץ אנדער כוח, וואס מען רופט אינטואיציע. דורך אינטואיציע קאן דער מענטש תופס זיין דעם טיפן דופק פון וועלט-לעבן. פון נויט און פון יאגעניש צו באפרידיקן די נויטן פון טאג-טעגלעכן לעבן באטראכט זיך דער מענטשלעכער שכל פאר א „כל-יכול", און שטרענגט זיך אן און וואקסט אויפן חשבון פון אויסטערלישן און הויכן כוח פון אינטואיציע. נאר מאמענטנווייז אנטפלעקט זיך פאר אונדז דער אמתער מהות פון אונדזער דאזיין, דאס פלאץ, וואס מיר פארנעמען אין דער נאטור, אונדזער אנטשטייאונג און אפשר אויך אונדזער תכלית. קנאפ איז די ליכט, די לאמטערנע איז כמעט אויסגעלאשן, און פלאקערט אויף נאר צייטנווייז און אויף סעקונדן, אבער זי שניידט דורך די נאכט-פינצטערניש, אין וועלכער מיר זענען פארזונקען צוליבן שכל.

אין איינער פון זיינע ערשטע שאפונגען שרייבט בערגסאן: „עס איז נישטא קיין שום ערנסטע פילאזאפישע שיטה, וואס זאל נישט זיין באלעבט, לכל הפחות טיילווייז, דורך דער אינטואיציע". די לאגיק איז נייטיק אויף צו קאנטראלירן די אינטואיציע, זי איז אויך נייטיק אויף צו דערמעגלעכן, אז די אינטואיציע זאל קומען צום אויסדרוק אין באשטימטע פארמען און קאנען איבערגעגעבן ווערן פון מענטש צו מענטש, אבער זי קאן נאר אנטוויקלען וואס די אינטואיציע, וועלכע שטייט אויף א סך א

טעמערל און בער שמולאוויטש - זאנענבערג
די באבע און זיידע פון אנרי בערגסאָן.

העכערער מדרגה, האָט אַנטדעקט. די דאָזיקע צוויי פונקציעס: לאָגיק און אינטואיציע זענען זיך אין תוך קעגנעריש, און זיי קאָנען נישט ווירקן איינצייטיק און צוזאַמען. דאָרט, וווּ עס הערשט די לאָגיק, האָט די אינטואיציע נישט וואָס צו טאָן... ווען עס וואָלט מעגלעך געווען אָנצוהאַלטן די אינטואיציע מער ווי געציילטע מאָמענטן, וואָלטן מיר געהאַט די זכיה צו זען, נישט נאָר ווי יעדער איינציקער פילאָזאָף דערגענצט גלייך אַלע זיינע געדאַנקען, נאָר ווי אַלע פאַרשידענע פילאָזאָפן קומען צו איינשטימיקייט. אָבער ווי מאָמענטאַן און בליצאַרטיק די אינטואיציע זאָל נישט זיין, איז זי די איינציקע וואָס האָט אַ ווערט אין יעדער פילאָזאָפישער שיטה.

און עס איז קיין ווונדער נישט, וואָס בערגסאָנס טעאָריע וועגן דער אינטואיציע האָט, חוץ איר וויסנשאַפטלעכן ווערט, אויך געווירקט מאַגנעטיש מיט איר אינערלעכער, קוואַלנדיקער פּאָעזיע. פּאַריז האָט געקאָכט. אַלע סאַלאָנען, אַלע קאַטוילישע דאַמען האָבן גערודערט. אין דער אמתן איז בערגסאָנס טעאָריע אַזוי גוט יידיש ווי קריסטלעך. מען קאָן לויט איר נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון רעליגיע, אַ שטריך פון מיסטעריע, אינטואיציע, רוח הקודש, דער שכל איז וואָך „פּאַרלאָז זיך נישט אויפן שכל", „מצוות דאַרפן האָבן כוונה", „גאָט דאַרף הארץ" און ענלעכע מאמרים קומען אַרויף אויפן געדאַנק פון יעדן יודע ספר.

בערגסאָן האָט דאָס אַלעס נישט געוווסט. אַן אומגלויביקער, רעליגיאָנסלאָזער, אַ געלערנטער, אַ מאַטעמאַטיקער און אַ לאָגיקער, האָט ער פון די אַלע מימרות גאָרנישט געהערט, נישט געזוכט קיינעם צו געפעלן, נאָר צופעליק געקומען צו אַן אויספיר וואָס צעשמעטערט דעם ראַציאָנאַליזם. אפשר האָט ער עס געהאַט אין בלוט? לויט טען איז דאָך יעדע גרויסע פערזענלעכקייט אַ פּראָדוקט פון זיין ראַסע, פון זיין סביבה, פון זיין צייט, אָדער פון די אַלע דריי פאַקטאָרן צוזאַמען. קומט דאָך אויס, אַז קיין אָריגינאַליטעט איז גאָר נישטאָ בנמצא. ווייל אויב עס איז אמת, אַז די גרויסע פערזענלעכקייט איז נאָר אַ ווידערהאַלונג פון זיינע אורעלטערן, וווּ זשע איז דער מקור? ווער זשע איז דער אמתער מחדש? אויב „איין צוואַנג איז געמאַכט מיט אַ צווייטער", ווער זשע האָט געמאַכט די

ערשטע צוואַנג? איך האַלט, אַז טענס טעאָריע איז אויך נישט תורת משה, אַ שטיקל אמת, אָבער טאַקע נאָר אַ פּיצעלע, שטעקט אין איר געווים און דאָס איז גאָר קיין חידוש נישט. בעיקר אין באַצוג צו ראַסע... לאָמיר נישט מגזם זיין. ווייל יעדע גוזמא איז סוף כל סוף אַ קאַריקאַטור.

איך דערמאָן זיך, אַז אין 1908 בין איך געווען אין פּאַריז און באַזוכט אונדזער אַלטן לערער, דעם פּאַרשטאָרבענעם מאַקס נאָרדוי. מיר האָבן געשמועסט וועגן ציוניזם און אויך אַביסל ליטעראַטור. בערגסאָן האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אריין אין מאָדע. זיין קאַריערע איז געווען די געוויינלעכע קאַריערע פון אַ דערפאָלגרייכן פראַנצויזישן פּראָפעסאָר. געבוירן אין 1859, צו 22 יאָר אָנגעקומען אין „עקאָל נאָרמאַל סופּעריער", נאָכהער געוואָרן גימנאַזיע־פּראָפעסאָר אין פּאַריז, אין פּראָווינץ. צו פערציק יאָר געוואָרן פּראָפעסאָר אין דער „נאָרמאַל שולע", וווּ ער האָט אַמאָל געלערנט. אין 1900 ווערט ער פּראָפעסאָר אין „קאָלעדזש דע פראַנס", אַ מיטגליד פון „אינסטיטוט דע פראַנס". אין 1908 ווערן זיינע ווערק צום ערשטן מאָל איבערגעזעצט אין ענגליש. דעם זעלבן יאָר ווערט אָפּגעהאַלטן אין היידעלבערג דער דריטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון פילאָזאָפן. עמיל בוטרע רעפערירט דאָרט וועגן דער נייער פראַנצויזישער פילאָזאָפיע, זינט 1867, און באַטאָנט צום ערשטן מאָל דעם גרויסן איינפלוס פון בערגסאָנס געדאַנקען. בערגסאָן אַליין האָט זיך נאָך אין יענעם קאָנגרעס נישט באַטייליקט. ער איז ערשט געקומען צום פערטן קאָנגרעס, אין בריסעל, און האָט דאָרט געהאַלטן אַ קורצן פאָרטראַג, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט פיל בייפאַל. אָבער אין פּאַריז איז ער שוין געווען באַרימט אויך אין 1908. אונדזער נאָרדוי, דער ראַציאָנאַליסט, דער שאַרפער מתנגד, האָט געשאָטן מיט פייער קעגן דער בערגסאָן־עפּידעמיע. דער פאַרפאַסער פון דער „אַנטאַרטונג" האָט זיך געהאַט זיין שיטה און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרטיפן זיך אין די ענינים. עס איז אָבער כדאַי צו פאַרצייכענען איין שטריך: „די פראַגע פון האַסע". נאָרדוי האָט מיר אין יענעם געשפּרעך געזאָגט מיט זיין סטיל, וואָס איז געווען ווי אַ האַמער וואָס צעברעקלט אַ שטיין, אַז זיינע שווערמערייען האָט בערגסאָן געירשנט פון זיינע אבות אבותיו, וואָס זענען געווען פאַנאַטישע רביים, טרוימערס.

איך האב אים דערקלערט, אז ער מאכט א טעות. איך האב מיר אבער נישט געקאנט דערקלערן, פון וואנען קומט צו אים אט דער טעות. ערשט אין א צייט ארום איז מיר געקומען צום האנט דער אמעריקאנער זשורנאל „די זשואיש עקספאנענט" מיט אן ארטיקל פון איזאק הוסיק, וועלכער זאגט ארויס די מיינונג, אז ר' שמואל זביטקעווער איז געווען א פלאמפייערדיקער חסיד; ער באזירט זיך אויף דער מיינונג פון באקאנטן יידישן זשורנאליסט פיטער ווערניק, וועלכער האט וועגן דעם ענין פארעפנטלעכט אן ארטיקל אין זשורנאל „דער אמעריקאנער" און האט אגב פארביטן ר' בער בר' שמואל מיטן בארימטן יידישן העלד בערעק יאסעלעוויטש. איך ווייס נישט וועגן קיין שום דאקומענט, וואס זאל באשטעטיקן, אז בערגסאנס אורעלטערן זאלן האבן געווען רביים אדער חסידים, ווי אויך נישט אז ר' שמואל זאל האבן געווען א הייסער חסיד. ר' שמואל איז געווים געווען א פרומער ייד. אפשר האט ער געדאוונט „נוסח ספרד" אדער אונטערגעשטיצט וועלכן ס'איז נישט רבין, אבער פון דעם אלעמען קאן מען נישט ציען קיין שלוסן וועגן זיין חסידות. איין זאך ווייס איך יא פון די דערציילונגען פון פערל־מירל: אירע עלטערן ר' בער און טעמערל האבן זייער געהאלטן פון ר' יצחק, דעם בארימטן ווארקער צדיק, וועלכער איז אויך געווען איינער פון דער קאמיסיע, וואס האט אפגעהיט די פארוועודונג פון די צדקה־פאנדן, וואס ר' בער און טעמערל האבן געלאזט בירושה. דערפון קאן מען משער זיין, אז זיי האבן אים ביי זייער לעבן שטארק פארערט, אבער עס איז נאך נישט געדרונגען, אז ר' בער זאל האבן געווען א הייסער ווארקער חסיד. ווי אין אלע גרויסע משפחות פון יענער צייט זענען אויך צווישן די בערגסאנס געווען פרומע און פרייע, און דער רים צווישן די טיילן איז געווען אזא, אז זיי האבן כמעט זיך נישט אנגעקערט איינע מיט דער צווייטער, און עס זענען געווים פאראן אין ווארשע ווי אין דער פראווינץ א סך פרומע יידן וואס שטאמען פון דער פאמיליע בערגסאן. איינעם פון זיי געדענק איך — א משכיל, נאר מיט א לאנגער קאפאטע, פלעגט שרייבן אין „הצופה להמגיד" און האט אויך פארעפנטלעכט אן ארטיקל איבער „די היסטאריע פון דער פאמיליע בערעקזאן". סיי ווי סיי, דאס חסידות פון בערעקן גופא איז אין ספק. זיין

זון מיכל, דער פֿאָטער פֿון אַנרי בערגסאָן, איז געווען גאָר אַ פֿרייער, אַזוי אַז זיין שוועסטער פּערל־מירל פֿלעגט זיך באַקלאָגן, אַז „ער איז צו ווייט אַוועק...״

נישט אין אויסגעטראַכטע רביים אָדער אין איבערטרייבונגען פֿון הייסער חסידות איז דער שליסל צו פֿאַרשטיין די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע פֿון בערגסאָנען. מיכל איז נישט געווען קיין חסיד פֿון ווארקע, נאָר פֿון שאָפּען, איינער פֿון די ערשטע חסידים שאָפּענס אין אייראָפּע. שאָפּען איז געווען פֿון געבורט אַ וווּנדערבאַרער ראַסן־מישלינג. מיכל, לויט זיין פֿאַמיליע, לויט זיין שטורעמדיקער יוגנט אין געטאָ, לויט זיינע וואַנדערונגען און פֿילפֿאַרביקע קינסטלערישע וואַקלעניש, לויט זיין פֿרייגייסט און זייער פֿרוכטבאַרער קינסטלער־נאַטור איז געווען אַן אָריגינעלער מישלינג, און אַנרי, ביי וועלכן עס זענען נאָך צוגעקומען די ענגלישע השפּעה דורך דער מוטערס צד און דער איינפֿלוס פֿון פֿראַנצויזישער קולטור און דער־ציאונג, איז נאָך אַ מער קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. און עס איז נייטיק אַ זייער גרויסע אינטואיציע אויף צו באַגרייפֿן די דינסטע שאַטי־רונגען. אָבער נישטאָ קיין ברירה, אָן דעם קאָן מען דאָס פּראָבלעם נישט באַגרייפֿן. און טראָץ אַלעמען איז די גרונד־פֿאַרב פֿון די אַלע פֿאַרשידענע קאָלירן — אונטער־באַוווּסטזיניק ווי ביי שפּינאָזאַ דעם „מאַראַן״ — אַ ספּעציעלער מין פֿון וואַרשעווער יידיש־גבירישער אַריסטאָקראַטישקייט, אַ רייך־געוועבטער, מיוחסדיקער גאַבעלין, וואָס האָט זיך זיין אייגענע אַטמאָספֿער. פֿעסלעך מיט מטבעות אַרויסגעשטעלט אין דער עפֿנטלעכ־קייט. ביי ר׳ שמואל זביטקעווער — פּשוטע מטבעות; ביי זיין אור־אייניקל אַנרי בערגסאָן — מטבעות פֿון געדאַנקען, און אַלץ באַשיידן, מיט אַריסטאָ־קראַטישער איינפֿאַכקייט, וואָס קיין שום אויפֿגעקומענער גביר, סיי אַ מאַטעריעלער, סיי אַ גייסטיקער, סיי אַ פּאָליטישער, קאָן נישט נאָכאַמען.

צווישן די אַלע פֿאַקטאָרן, אינערלעכע און אויסערלעכע, וואָס האָבן באַוויגן אַמעריקע אַריינצוטרעטן אין ערשטן וועלט־קריג אויפֿן צד פֿון די פֿאַרבינדעטע, זענען עס געווען צוויי מענטשן, איינער געשיקט פֿון ענגלאַנד, דער צווייטער פֿון פֿראַנקרייך, וואָס האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף פּרעזידענט ווילסאָן: באַלפֿור און בערגסאָן. דער ערשטער,



פראַגמענט פון דער מצבה אויפן קבר פון אַנרי בערגסאָנס זיידע. די מצבה געפינט זיך אויפן וואַרשעווער בית-עולם. די גאַנצע מצבה איז געגאָסן פון אייזן און איז דאָס ווערק פון דוד פרידלענדער.

(פאָטאָגראַפירט דורך ש. זייטשיק)

דער פאָרנעמסטער און רעספּעקטפולסטער פון אַלע שטאַטסלייט אין דער וועלט, אַ פאַרליבטער אין פילאַנטראָפּיע, אַ הויכער אוניווערזיטאַריער, אַן אַריסטאָקראַטישער אידעאַליסט פון ד׳איזראַעליס חדר, צו דעם אַלעמען אַ רעאַל־פּאָליטיקער פון דער בריטישער אימפּעריע, דער ערשטער גרויסער ציוניסט ביי קריסטן; דער צווייטער — אַ שעפער פון אַ נייער פילאָזאָפישער שיטה, וואָס האָט דערעפנט אַ נייע עפּאָכע, אַ טיפער אומפאַרגלייכלעכער דענקער, וואָס זיין פילאָזאָפישער סטיל און רייכע מליצה גיסן זיך ווי אַ מיסטישע מוזיק. אָט די צוויי פּערזאָן האָבן געקאָנט אַמבעסטן באַאיינפלוסן דעם דעמאָלטדיקן אַמעריקאַנער פּרעזידענט ווילסאָן, וואָס איז אַליין געווען מער פּראָפעסאָר ווי פּאָליטיקער, אַ הומאַניסט און פילאָזאָף. די מיניסטעריומס מיט זייערע געזאַנדטע, דער גאַנצער דיפּלאָמאַטישער אָרקעסטער און נאָך וויניקער דאָס קנאַלן פון קאַנאָנען און שווערדן־געקלימפּער, האָבן נישט געקאָנט באַווייזן דאָס, וואָס אָט די צוויי דענקער האָבן דערגרייכט. ווער ווייסט, צי אָן זיי וואָלט זיך דער ערשטער וועלט־קריג נישט געווען נאָך לענגער פאַרצויגן, און נאָך שרעקלעכער וואָלט געווען דער חורבן פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

נאָך פאַר זיין באַזוך איז בערגסאָן געווען באַקאַנט און באַליבט אין דער וויסנשאַפט־וועלט צווישן פּראָפעסאָרן און סטודענטן אין צפון־אַמעריקע. דער גרעסטער אַמעריקאַנער פילאָזאָף און פּסיכאָלאָג, וויליאַם דזשיימס, איז געווען דער ערשטער צו ברענגען פאַרן ענגלישן לייענער בערגסאָנס טעאָריעס. די פּראַגמאַטישע שיטה, אַ ריין אַמעריקאַנישע שאַפונג, האָט אים באַטראַכט פאַר איינעם פון אירע באַגרינדער. אין 1913 איז בערגסאָן איינגעלאַדן געוואָרן פון צוויי אוניווערזיטעטן: קאָלומביע אין ניו־יאָרק און האַרוואַרד אין באָסטאָן, אויף צו געבן פאָרטראַגן. די קאָלומביע־אוניווערזיטעט האָט אים באַערט מיטן טיטל „ד״ר אין ליטעראַטור״.

מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט אַ לאַנגן, זייער האַרציקן שמועס מיט אַנרי בערגסאָן, וואָס צייטונגען האָבן דאַן צעליגנערט און צעבלאָזט. מען כאַפּט אויף אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, מען מאַכט דערפון אַ שרייענדיק קעפּל און שוין! זאָלט איר מיר אַלע אַנטשולדיקן! דער ריינער אמת איז,

אַז פּראָפעסאָר בערגסאָן איז נישט געוואָרן קיין אַנדער זאַך ווי דאָס, וואָס ער איז פון געבורט. ער איז אַ ייִד, זיין פרוי איז אַ ייִדישע, און ער האָט גרויסע און טיפע אַלמענטשלעכע אידעאַלן. ער שטייט כמעט איבער אָרט און צייט, ער זוכט דעם עצם-תוך. ער איז אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט ווי זיין פאָטער, מיט מוזיקאַלישער איידלקייט דרינגט ער אַריין אין די טיפסטע סודותפולסטע נשמה־קעמערלעך. זיין פילאָזאָפיע איז אַן אוצר פון פּאָעזיע. זיין נשמה איז דערהויבן און באַשיידן. ער איז נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, עס איז צו וואָכעדיק פאַר אים. און זאָל ער זיין ווי ער איז און וו ער איז, צי ער פּאַרט יאָ, אָדער ער פּאָרט נישט קיין ירושלים; עס איז נישט אויסגעשלאָסן, ער זאָל אין אַ געוויסן טאָג אַהין אָנקומען, דער כוח פון ירושלים קאָן משפיע זיין.

אָבער איך ווער אויפגערעגט, ווען אַן ענציקלאָפּעדיע אָדער אַ ביאָגראַף וונקען שעמעוודיק אָן אַז: „לויט איך האָב געהערט, לויט מען זאָגט, איז פּראָפעסאָר בערגסאָן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג“, אָדער ווען עמיצער פרעגט מיך: „איז עס אמת וואָס מען זאָגט, אַז פּראָפעסאָר בערגסאָן האָט עפּעס אַ שייכות מיט ייִדן?“, „ייִדישע אָפּשטאַמונג“, „מען דענקט“. מיינע בייזע חלומות אויף זייער קאָפּ! וואָס הייסט „מען איז זיך משער“, „אָפּשטאַם“? אוודאי איז ער אַ ייִד! און נאָך אַ פּוילישער דערצו! ווי דען זשע אַנדערש? דער אייניקל פון אונדזער ר׳ בער מיט אונדזער טעמערל, אַ טיפּ פון אַ פּראַגע־וואַרשעווער משפחה, ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אויף ר׳ בער, און די צניעות פון דער באַבען, און די גרויסע, טיפע אויגן פון פערל־מירל און דער שטערן פון יוזעף (דער באַרימטער דיריגענט), וואָס קען ער דען אַנדערש זיין? צי ער וויל, צי ער וויל נישט, אַ ברירה האָט ער? צעפלויגן זיך וואַרשעווער ייִדן איבער אַ וועלט, ווי די פייגעלעך! פון „פּריווילעגיעס“ ביז „אַקאַדעמי דע פראַנס“. אין פרעמדע נעסטן: גאָלד פאַר קאַזאַקן, פּיאַנערן פאַר מוזיק, פילאָסאָפיע פאַר אַ וועלט.

אי וואַרשע! אַלט־וואַרשע!

צוגאָב־קאַפּיטל וועגן י. ל. פּרץ*)

אין דעם פּרץ־נומער פון די „ייוואָ־בלעטער", צוועלפטער באַנד, (ווילנע, אויגוסט־דעצעמבער 1937) שרייבט נחמן מייזיל אין זיין אַרבעט „נחום סאָקאָלאָוו וועגן י. ל. פּרץ" צוו. אַנד., אַז די סעריע אַרטיקלען, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט פאַרעפנטלעכט וועגן י. ל. פּרצן אין „הצפירה" (יוני־יולי 1915) זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין צווייטן באַנד „אישים", וואָס איז אַרויס אין תל־אביב אין יאָר תרצ"ה (1935). די אַרטיקלען זענען דורך סאָקאָלאָוון באַאַרבעט געוואָרן סטיליסטיש און עס זענען דאָ און דאָרט געבראַכט געוואָרן גרעסערע צוגאָבן. אָבער איינער פון די קאַפּיטלען (קאַפּיטל דריי), וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „הצפירה" נומער 139 פון 29טן יוני 1915, איז אין „אישים" נישט אַריין, ווייל סיי נחום סאָקאָלאָוו און סיי דער פאַרלאַג האָבן דעם נומער נישט געהאַט. היות ווי ביי נחמן מייזלען האָט זיך אויפגעהיט דער דאָזיקער נומער „הצפירה", האָט ער דעם גאַנצן קאַפּיטל איבערגעדרוקט אין אַ יידישער איבערזעצונג אין זיין פריער־דערמאָנטער אַרבעט.

מיר ברענגען דאָ דעם דאָזיקן קאַפּיטל אין דע ריידישער איבערזעצונג פון נחמן מייזיל אַלס אַ דערגענצונג צום קאַפּיטל וועגן י. ל. פּרץ.

*) זע זייט 38.

„אין צוויי מאָמענטן פון פרצעס לעבנס-געשיכטע האָב איך געוומען אַ נאָענטן אַנטייל: ווען ער האָט באַקומען זיין שטעלע אין דער וואַרשעווער גמינע און ווען ער האָט געגרינדעט די „פאָלקס-ביבליאָטעק" (נ. סאָקאָלאָוו מאַכט דאָ אַ טעות: „די יודישע פאָלקס-ביבליאָטהעק" האָבן געהייסן שלום-עליכמס זאַמלביכער, פרצעס — די „יידישע ביבליאָטעק". ווי באַקאַנט, איז שלום עליכם געווען אויפגעבראַכט אויף פרצן, הלמאי ער האָט אָנגערופן זיינע זאַמלביכער מיט אַ נאָמען, וואָס איז נאָענט צום נאָמען פון זיינע זאַמלביכער*) — נ. מ.). דאָס זענען געווען צוויי וויכטיקע געשעענישן: דורך דער ערשטער איז ער אַריינגעטראָטן אין דעם וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכן לעבן און דורך דער צווייטער — איז ער נישט אַריין אין דער ליטעראַטור, — ווייל ער איז שוין לאַנג געווען אַ שרייבער, — נאָר אין דעם קרייז אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן. די וואָס האָבן געקלאָגט אויף אָט דער „טראַגעדיע": פרץ ווי באַאַמטער, פרץ געבונדן ווי אַ פּראָמעטיי — איז זייער קלאָגן מער נישט ווי סתם מליצה. פרץ האָט געפונען נישט נאָר אַן אַנשטענדיקע פרנסה, נאָר אויך אַ ברייט פעלד פאַר אָבסערווירן, פאַר באַטראַכטונג, פאַר אַ מגע-ומשא מיט דער געזעלשאַפט — אַ זאַך, וואָס האָט אים געבראַכט נישט קיין קליינעם גייסטיקן נוצן. פרץ איז געווען פון די גאָר ווייניקע שרייבער, וואָס האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער יידישער וואַרשע פון אַלע זייטן און קאַלירן. דאָס רוב שרייבערס פאַר אים און פון זיין צייט האָבן בלויז געקענט די אייגענע ד' אמות, וו זיי האָבן כסדר זיך געדרייט, און ערשט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אַרום. און דאָס אָרט, דער אַרום איז אויך אַ זאַך, וואָס מ'דאַרף וויסן. וואַרשע איז אַ גרויסע מסכתא, אפשר אַ גאַנצער ש"ס מיט פיל מפרשים. דאַרף מען זיך ערשט פאָרשטעלן פרצן ווי אַ קרבן, ווי אַ מאַרטירער אין דער וואַרשעווער גמינע. אַ ביסל אמת איז פאַראַן אין דעם, אָבער פיל מער איז דאָ גוזמא, איבערגעטריבנקייט. אז עס איז געוואָרן דער וואַל-קאַמף און דער פּירוד איז געווען גרויס, איז ביי אַ

*) זע מיין אַרטיקל „פרץ און שלום עליכם" אין מיין בוך „פרץ", ז' 179. (נ. מ.)

באשטימטער גרופע געווען א ווילן צו באזייטיקן פרצן און דאן איז גע־ווים די לופט ארום אים געווען פול מיט פארביטערונג און צארן און פרץ איז געווען אויפגערעגט און אויפגעטרייסלט. אבער דאס האט אים נישט געשאדט און ביי אים גארנישט אפגענומען. אדרבא, זיין נאטור איז געווען א קעמפנדיקע און אזעלכע אויפטרייסלונגען האבן אים וויל באקומען. א חוץ דעם איז עס געווען פון די אוממעגלעכע זאכן: מען וואלט אים נישט באזייטיקט; אפילו די, וואס זענען געווען אויף אים אנגעשטויסן, האבן נישט נאר זיך געשראקן דערפאר, נאר האבן געהאט דרך-ארץ פאר אים, און אייניקע — האבן אים אפילו ליב געהאט. און נישט שטענדיק איז דאך געווען קאמף. מען דארף וויסן, אז פרץ איז אויך געווען א פלייסיקער באאמטער, נישט קיין טרוקענער און געפאלמעסטער ביוראקראט, נאר א שנעלער טוער, ער האט אפטמאל אפגעטאן פאר איין שעה, וואס אנדערע וואלטן נישט באוויזן צו טאן אין משך פון עטלעכע טעג. דארט, אויף זיין טיש, איבער דעם באריער, פלעגט ער מאכן זיינע נאטיצן. דער בלויער פויגל פון פאעזיע פלעגט אזוי פליען ארום אים, פלעגט אים באזוכן, זיך טוליען צו אים און ווארעמען זיין הארץ. עס איז געווען א ווונדערלעכע און קאמישע זאך, וואס דארט אין דער גמינע, וואס איז געווען די פעסטונג פון דער אסימילאציע, איז זיך געזעסן איין אנגעשטעלטער, וואס האט געטאן זיינע פליכטן, געשריבן אין די גמינע־ביכער, אויסגעשטעלט קוויטאריוסן, רעכענונגען און אין צווישן, צווישן איין ארבעט און דער צווייטער, האט זיין פעדער געגרייט דינאמיט אויפצורייסן די אסימילאציע. אז עמעץ א ייד מיט א שוואכ־קייט פאר ליטעראטור איז געקומען אין דער גמינע, האט ער געוווסט, אז ער האט דארט „א צד". אז א ייד האט געוואלט רעדן יידיש, האט ער זיך געווענדט צו פרצן. אז עמעץ האט געוואלט עפעס א זאך, וואס דער געזעץ שטייט פאר דעם ווי א מויער, און מען דארף דעם ענין באטראכטן על פי שכל און על פי יושר, נישט מעשה אויטאמאט, איז ער געקומען צו פרצן. און עס האט געטראפן, ווען דער אדער יענער מיטגליד פון די פרנסים האט געוואלט הערן אביסל שיחת חולין פון א תלמיד־חכם. א ווערטל, שמועסן מכוח א העכערן ענין, האט ער זיך אפגעשטעלט ביי אט

דעם טיש, ביים פּרץ-טיש, וואָס איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, אַ באַזונ־דער מלכות אין דעם קיניגרייך פון דער גמינע.

אויב עמעץ איז שולדיק אין דעם, וואָס פּרץ האָט געדינט אין דער גמינע, בין איך עס, און איך בין גרייט צו טראָגן די שולד. איך בין אויך געווען איינער פון די וואָס האָבן עס צוגעהאָלפן. אונדזער צווייטע באַ־געגעניש — איך רעכן נישט די קורצע באַגעגענישן בינתיים — איז גע־ווען אַנדערש פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין קראַשינסקי־גאָרטן מיט פערציק יאָר צוריק. דאַן איז ער שוין געווען אַ פרייער פויגל, וואָס האָט שוין אויסגעשפּרייט זיינע פליגל צו לאָזן זיך פליען, און איך בין נאָך געווען אַ פריי פייגעלע. און מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, אַז ער איז געקומען קיין ווארשע, בין איך שוין געווען אַ תושב, און ער — אַ גר. איך בין שוין דאַן געווען אריינגעצויגן אין שטאַט-ענינים, זיך גע־פונען אין צענטער פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און געהאַט פּערזענלעכע באַציאונגען מיט די אַלע טוער אינעם צענטער פון דער העברעאישער און פוילישער פּובליציסטיק. די העברעאישע משכילים פון פערציק יאָר צו־ריק זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט, פאַראָרימט געוואָרן און צע־קראָכן. דער אָנהייב פון פּרצעס לעבן אין ווארשע איז געווען פאַר אים זייער אַ שווערער. אין דער אַדוואָקאַטור האָט ער נישט געהאַט קיין פּלאַץ. זיין יידיש וויסן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ שרייבער אָדער פאַר אַ העברעאישן לערער — ביידע די זאַכן, וואָס האָבן נישט געקענט באַפרידיקן זיין געשמאַק, זיינע פעאיקייטן, זיינע באַדער־פענישן; און יידישע ליטעראַטור איז נאָך כמעט ווי נישט געווען, יעדנ־פאַלס נישט געקענט מפרנס זיין דעם שרייבער. פּרץ איז אויך געווען אַ מענטש מיט גרויסע פּראַקטישע פעאיקייטן, און ס'איז קיין ספק נישט, אַז ער וואָלט געקענט פירן אַ גרויסע אונטערנעמונג אָדער פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין אַ געשעפט, און וואָס ער האָט נישט געוווסט, וואָלט ער זיך גיך דערוואָרבן דורך זיין תפיסה און חריפות. אָבער דאַן וואָלט אים אַזאַ מין אַרבעט אינגאַנצן פאַרשלונגען, און ווער ווייסט, צי עס וואָלט אים פאַרבליבן אָרט און צייט צו פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַ־רישע אַרבעטן. דערקעגן, אַ שטעלע אין דער גמינע האָט אַ שייכות און

אַ פֿאַרבינדונג מיטן יידישן לעבן און זי רויבט נישט צו די גאַנצע צייט פֿונעם באַאַמטן, זי גיט דעם מענטשן, אויב נישט קיין איבערפֿלוס פֿון פּרנסה, איז על כל פּנים אַ פֿעסטן יסוד און זיכערן קוואַל פֿאַר די נייטיקע באַדערפֿענישן און רויבט נישט אַוועק זיין גייסטיקע וועלט און סביבה*). דאָס איז איינס, און צווייטנס: די גמינע האָט זיך געניייטיקט אין אַזאַ מין מענטש. מער ווי די גמינע האָט געגעבן פּרצן, האָט פּרץ געגעבן דער גמינע: אַ פֿונק פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט, די באַהאַוונטקייט אין דעם איצטיקן יידישן לעבן, די פֿעאיקייט צו פֿאַרקערן מיט מענטשן און פֿאַרשטיין זיי.

איך געדענק איינעם אַ וויזיט, וואָס איך און דער פֿאַרשטאָרבענער יענקל קאָרנגאָלד האָבן געמאַכט ביי זיין ברודער — דעם פֿאַרשטאָרבענעם ליבער קאָרנגאָלד, וואָס איז דאַן געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער אין דער גמינע... יענקל קאָרנגאָלד איז געווען דער איידעם פֿון ר' אליעזר מרגליות און נאָך דער חתונה האָט ער געגעסן קעסט ביים שווער אין זאַמאָשטש און האָט אַזוי אַרום געקענט פּרצן. יענקל קאָרנגאָלד איז אַמאָל געווען אַ משׂכּיל און מיט דער צייט איז ער געוואָרן „פּאָרגעשריטן” (postepowiec), אַ יידישפּאָליאַק, גלייך ווי אַסאָך, אַן אַריסטאָקראַט און ווילדער פּעדאַנט, אָבער אַן אָנשטענדיקער מאַן און אָפֿנהיט געוואַלדיק מיט זיין רעדן, פֿירעכצער, גדאַנקען, וואָס זענען געווען גאַנץ באַגרעניצט, אָבער דערפֿאַר זייער קלאָר און לויטער. ער איז געווען מיינער אַ פֿריינד און חבר אין דער ערשטער תּקופֿה מיינער, פֿון דער זעלבער גרופּע, צו וועלכער עס האָבן געהערט די איבערגעבליבענע וואַרשעווער משׂכּילים און פֿון יענע „אויפֿגעקלערטע”, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט יידישקייט: משה מאָשקאָווסקי, שמואל צבי פּעלטין, ד״ר יצחק צילקאָוו, וואָלף אשכּנזי, יוסף קירשראָט, זאָרגנשטיין, יוסף דאָבראָזשינסקי, ד״ר שלמה מינץ, שמואל שיינהאַק, לעאָן גראָס-

---

*) אַז פּרצעס אַרבעט אין דער גמינע איז נישט געווען אַזאַ לייכטע און איידילישע, קען מען זען פֿון די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס איך האָב געבראַכט אין מיין אַרטיקל „אין דער גמינע” (ו„פּרץ” ז״ז 124-143. (נ. מ.)

גליק, מרגליות, ד"ר גרינבוים, ד"ר י. פרענקעל, י. יאסינאוואסקי (אין איין צייט אויך יצחק קראמשטיק און הלל נוסבוים), א. פאדלישעווסקי, ז. פרומקין און זעלטענער אויך י. ח. בארנשטיין. איך בין געווען פון די גרינדער פון אט דעם קרייז, דער ערשטער און איינציקער אין יענער צייט פאר פארטראגן, שמועסן, פאר אונטערהאנדלונגען מכוח די אלע פראגעס, וואס זענען געשטאנען אויפן סדר היום. מיר פלעגן זיך צונויפ־קומען איין מאל א וואך יעדן דאנערשטיק ביי יעדן איינעם אין הויז. יענקל קארנגאלד איז געווען א שטענדיקער באזוכער די גאנצע צייט, וואס אט דער „קלוב" האט עקזיסטירט, און דארט, אונטער פרצעס אויגן און אויך אן זיין וויסן, איז דערוועקט געווארן דער געדאנק איינצולאדן פרצן אין דער גמינע. איינע פון די „הקדמות" צו אט דעם געדאנק איז געווען א זאך, וואס מ'האט דאן געהאלטן פאר א סוד, נאר מ'קען עס איצט דערמאנען, היינו: י. בלאך, וואס האט זיך פארנומען מיט דער יידן־פראגע און וואס אייניקע פון אונדז האבן געהאט מיט אים נאענטע פארבינדונגען אין אט דעם געביט, איז אמאל געקומען פון פעטערבורג — וווּ ער האט זיך דאן שטענדיק געפונען — און גערופן אייניקע פון אונדזערע עסקנים און פארגעלייגט פאר זיי אויפצוקלויבן סטאטיסטישע ידיעות וועגן די יידן אין פוילן, זייער מאטעריעלן און גייסטיקן מצב, זייערע באשעפטיקונגען, מלאכות און פרנסות אאז"וו — צוליב א פאר־טיידיקונגס־אויפגאבע. ער האט געשאפן אלע נייטיקע מיטלען געעפנט ביי זיך אין הויז א שטענדיק ביורא, אנגעשטעלט סעקרעטארן און באאמ־טע און ארגאניזירט א גאנצן ארבעטס־פלאן. אויף מיין חלק איז געפאלן די אויספארשונג פון ערד־ארבעט צווישן יידן אין פוילן, די געשיכטע און איר צושטאנד צו יענער צייט, — אן ענין, וואס איך האב וועגן דעם געדרוקט אויף פויליש און שפעטער צוגעשטעלט דער ייקא אין פאריז. מיר האבן דאן באשעפטיקט א סך שרייבערס אויך אין לאנד און אייניקע האבן אויך געהאט די מיסיע ארומצופארן איבער שטעטלעך און דערפער און אויפזאמלען דירעקטע ידיעות. צווישן זיי אלע איז אויך געווען פרץ און איך געדענק, אז ווען ס'פלעגן אנקומען זיינע ענטפערס און באמער־קונגען, זענען אייניקע פון די ביורא־מיטארבעטער געווען צופרידן און

אנדערע זענען געווען אויפגעבראכט. צופרידן זענען געווען די, וואָס האָבן גוט געקענט די יידישע מאַסן, די וואָס האָבן ליב געהאַט אַ לעבע־דיק און אָריגינעל וואָרט, אַ שאַרפן שטריך; אומצופרידן זענען געווען די, וואָס האָבן פאַרלאַנגט דורכאויס טרוקענע ציפערן, טרוקענע ידיעות. אין פּרצעס מיטטיילונגען איז געווען אַ געמיש: ליטעראַטור און ציפערן, סטאַטיסטיק, — אָבער מער פון אַלץ באַהאַרצטע איינדריקן פון אַ פּראָ־ווינצער ייִד, וועלכער קען און פילט גוט די פּראָווינץ. די „פּראָווינץ־ביל־דער", וואָס האָבן זיך געדרוקט אינעם ערשטן באַנד פון פּרצעס „פאָלקס־ביבליאָטעק"*), זענען עס אַ רעזולטאַט פון דער רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט אין שליחות פון דעם בלאָך-קאָמיטעט. איך שרייב די שורות ווייט פון מיין ביבליאָטעק און מיינע פאַרצייכענישן, איך שרייב על-פּי זכרון. אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט, איז דאָרט דאָ אַ ווידמונג צו „די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט, נאָר נישט געקענט"**). דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף די טוער וואָס האָבן געוואָלט אויף אַזאַ דרך ברענגען די ישועה פאַר יידן און עס האָט זיי זיך נישט איינגעגעבן. נישט געקוקט אויף דעם אַפּוטרופּסות בלאָכס, וואָס איז געווען כמעט אַ כל-יכול, האָט מען נישט געקענט דערפירן די אַרבעט ביז אַ גמר מחמת פאַרשידענע שטערונגען און פאַרדרייעניש. דאָס רוב מאַטעריאַלן איז פאַרבליבן נישט פאַרענדיקט — בלויז פּרץ האָט אָפּגעראַטעוועט זיינע שילדערונגען, און איך — מיין ערד־אַרבעט. ווער עס וועט נאָך לייענען די פּרץ-בילדער און הנאה האָבן פון זיי, זאָל וויסן, אַז מיר האָבן עס צו פאַרדאַנקען דעם וווּנדערלעכן משומד י. בלאָך, וואָס איז אַוועק פון יידיש־קייט, האָט אָבער נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן יידן און זיין פּאַטער־

*) פּרצעס „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט" זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 2טן באַנד פון „דער יידישער ביבליאָטעק". (נ. מ.)

**) דאָס מאָטאָ איז אַזאַ: „געווידמעט די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט, נאָר, ליידער נישט געקענט העלפן". (נ. מ.)

לאנד, — אַט דאָס געשטאַלט פון „אַן אַלטן ייד", וואָס מסתמא געדענ־קען אים נאָך מיינע לייענער...

און פון איין ענין צום צווייטן, — און טאַקע ווידער צום אייגענעם: אין אונזערע צונויפקומען יעדן דאָנערשטיק (Czwartki), וואָס אין זייער פּראָגראַם זענען אריין פּראַגעס פון פאָלק און געזעלשאַפט, לויטן באַגריף פון יענער צייט, איז אַט די סטאַטיסטישע ארבעט געווען אַ זייער וויכ־טיקע טעמע צום שמועסן און פּרצעס ארבעט איז פיל מאָל דערמאַנט געוואָרן צום גוטן. אין אַט דעם גאַנצן קרייז האָבן בלויז מיר, איך און קאָרנגאָלד, געקענט פּרצן, — איך — פון ווארשע און פון זיינע ווערק, און קאָרנגאָלד — פון זאַמאָשטש. פּרץ איז נאָך דאַן כּלל נישט געווען באַקאַנט און דער קרייז, דאַרף מען מודה זיין, איז נאָך געווען אַביסל געשטרויכלט מיט אַריסטאָקראַטיזם, וואָס ווייכט פון „זייטיקע". אָבער אַלץ איז געווען רעלאַטיוו. לגבי דער גמינע, וואָס איז געווען די רעפּרע־זענטאַנץ פון אַט דעם אַריסטאָקראַטיזם, איז דער קרייז געווען פאָלקס־טימלעך, פריי, און אַזוי ווי עס האָבן אין אים אַנטיילגענומען אייניקע מיטגלידער פון דער גמינע און אויך צוויי סעקרעטאַרן, דער גמינע-סע־קרעטאַר און דער סעקרעטאַר פונעם ראַבינאַט, און אַלע זיי זענען געווען נאָענט צו די פירער פון דער גמינע, זענען אייניקע געדאַנקען און פאָר־שלאָגן, וואָס זענען אויפגעקומען אין דעם קרייז, דערנאָך אריבער אין דער גמינע. אין דעם־אַ קרייז איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק מכוח באַשטימען פּרצן פאַר אַ באַאַמטן אין דער גמינע."

רעגיסטער פון נעמען

— א —

אייכענבוים 22.
אלטענבערג 22, 23.
אדעלבערג ש. 31.
אטלאס א. 35, 156.
אלבערג 156.
אלטשילער 156.
אפענהיימער (יוריסט) 188, 191.
אייגער ר' עקיבא 202, 203, 206, 207.
אויערבאך ר' מאיר 210.
אשכנזי וואלף 251.

— ב —

בראנפמאן 26.
בערענשטיין אהרן 44.
ברויטמאן מיקאלאי 50.
באראווסקי א. 50.
באדלער 54.
בערענשטיין איגנאץ 117, 155, 156, 172.
בן מאיר 139, 144.
בערענשטיין אהרן 147.
ביכאווסקי ד"ר 156, 172.
בוימאן פרוי 169.
בערטאלד פייוועל 175.
בובער מארטין 175.
בן־ציון רפאל 193, 195.
ביכלער ד"ר 199.
בלאך שמשון 102, 212.
בלאך י. 252, 253.
בערגסאן יעקב 234, 236.
בערגסאן מיכל 234, 236, 237, 239, 244.
בערגסאן לעאפאלד 234, 236.
בלומבערג מאריא 234.
בערגסאן גוסטאוו 239.
בוטרע עמיל 242.
באלפור לארד 244.
בארנשטיין י. ח. 252.

— ג —

גינאט 18.
גאטלאבער א. ב. 19, 71.
געליבטער 22.
גרעץ פראפ' 33. 210.
גראסגליק ל. 39, 50, 157, 251.
גרויבארט דוד 69.
גינזבורג ח. 156.
גארדאן מ. 156.
גרינבוים יצחק 182, 252.
גאסטער משה ד"ר 195, 199.
גוטנמאכער ר' אליהו 205.

— ד —

דיגאשינסקי אדאלף 40.
דאבראזשענסקי יוסף 69, 157, 158, 160, 162, 251.
דאבראזשענסקי א. 158, 159.
דעלאטארע הלל 216.
ד'איזראעלי 245.
דזיישמס וויליאם 245.

— ה —
האַכמאַן 17, 19.
האַלפּערין פּ. מ. 18, 139.
הויפּטמאַן 49.
הירשבערג שמואל 73.
הערשפעלד א. 156.
האָפמאַן ד"ר 195.
הילדעסהיימער ד"ר 197.
הערצל 208.
העם משה 210.
היבש ד"ר 215.
הורוויץ ר' יששכר 235, 236.
הורוויץ י. ב. 235.
הוסיק איזאַק 243.

— ו —
וויינבערג 17, 19.
וואָלף אנדזשיי 31.
ווילדער 34.
ווייזעלס נפתלי הערץ 41.
ווערלען 54.
וועבער מיכל 120.
וויטקינד ח. 156.
ווייצמאַן חיים 175.
ווערבער ברוך 218, 219.
ווערבער יעקב 219.
וואַן־סטראַאל 225.
ווערניק פּיטער 243.
ווילסאָן וו. 244, 245.

— ז —
זאַמאָשץ ר' דוד 22.
זאַק ר' חיים 23.
זשעלינסקי דאָמיניק 31.
זייבערלינג 101.
זאַבלודאָווסקי י. מ. 101.
זאַבלודאָווסקי לייזער 101.
זאָסניץ 156.
זיבענבערג 156.
זימל פּראָפ' 173, 175.
זביטקיווער ר' שמואל 229, 230, 231, 232, 236, 238, 243, 244.
זביטקיווער ר' בער (יאַקובאָוויטש) 232, 234, 235, 236, 238, 243, 246.
זאַיאָנטשיק גענעראַל 232.
זביטקיווער טעמערל 234, 236, 239, 243, 246.
זארגשטיין 251.

— ח —
חיות הירש 102.
חבר מאָטקע 194.

— ט —
טשערנאָוויטש ר' נחמיה 18.
טשעסלאַווא פּרוי 187.

— י —
יל"ג 44, 132.
יאַשינאָווקער ר' לייזער 101.
ייש"ר 102.
יעבץ ז. 139, 156.
יפה ד. ה. 156.
יפה אברהם 215.
יאַסעלעוויטש בערעק 243.
יאַסינאָווסקי י. 252.

— כ —
כהן א. י. 116.
כהן משה 116, 129.
כהן טוביה 116.
כאַלובינסקי פּראָפ' 148.
כמעליעווסקי פּיאָטער 148.
כהן שמואל 202.
כהן אַלבערט 210.

— ל —
ליכטענפעלד ג. י. 19, 20, 21, 22, 27, 31, 34, 57, 70, 156.

ליבערמאַן ש. ל. 156.
לעווין גרשון ד"ר 171.
לעהמאַן רב 195.
לויטערבאַך זעליק 216.
לאַנגבאַנק אַלעקסאַנדער 216.
לעווינסאָן ד"ר 237, 238, 239.

— מ —

מענדעלסאָן משה 22, 92.
מרגליות ל. 22, 23, 157, 251, 252.
מינץ ישראל לייזער 26.
מיצקעוויטש אדאַם 33, 40.
מענדעלע מוכר ספרים 44.
מעטערלינג 53.
מיימאָן ש. 92.
מאַנדעלשטאַם 101.
מאַטאַלקאָווסקי 148, 149.
מאַשקאָווסקי משה 153, 157, 251.
מענדעלזאָן יחיאל 156.
מארמארעק א. ד"ר 181.
מאָנטעפיאָרע משה 210.
מיזעס יצחק 212.
מייזעלס בעריש 235.
מינץ שלמה ד"ר 251.
מאנזין א. 156.
משורר ד"ר 171.

— נ —

ניימאַנאָוויטש 71.
נעכעס מאיר 94, 102.
נוסבוים ה. 157, 174, 175, 252.
נעטער קארל 210.
נאַרדוי מאַקס 242.

— ס —

סמאָלענסקין פרץ 18, 36, 71.
סלאָוואַצקי י. 40.
סלאָנימסקי ח. ז. 71, 126, 128.
סאַטאַנאָוו 92.
סגלימירסקי 128.
סאָקאָלאָוו מרים 176.
סטראשון מתתיהו 206.
סוואָראָוו, גענעראל 231.
סלאָנימסקי שרה 234.

— ע —

עטינגער איטשעלע 17, 54.
עטינגער ד"ר 25, 57.
עליאַשעוו ד"ר 171.
עטינגער יעקב יוסף 189, 192, 196.
ערענטאַל משה 216.

— פֿ —

פריילך מרדכילע 19.
פאלאטין 19.
פרידבערג א. ש. 35.
פרומקין ז. 50, 252.
פעלטין שמואל הערש 70, 157, 251.
פאסלאָווער ר' אבעלע 96.
פלונגיאן מרדכי 139.
פורייל 156.
פראנקעל י. 156.
פארבשטיין העשל 182.
פאלק יהושע 190.
פלעסנער שלמה 206.
פרענקעל י. ד"ר 252.

— פּ —

פרץ לוציאן 39.
פולמאן 79.
פינעלעס רצ"מ 12, 128.
פינעס י. 139.
פאָזנאַנסקי 153.
פראָם מ. מ. 156.
פאָדלישעווסקי א. 156, 182, 252.
פאָפירנאָ א. י. 156.
פערלא א. 156.
פאָזנאַנסקי ד"ר 160, 161.
פרץ י. ל. 171.

פאָלאַק גבריאל 225.
פאַסקעוויטש 235.

— צ —

צוקערמאַן אברהם 18, 71.
צילקאָוו משה אהרן 19, 70.
צילקאָוו איזאַק ד"ר 19, 155, 157, 251.
צעדערבוים אַלעקסאַנדער 23, 26.
צווייפל 71.

— ק —

קאשר 34.
קראָנענגאָלד ל. 38, 39.
קאָנאָפּניצקא מ. 40.
קומפּערט 45.
קירשראָט יוסף 50, 52, 251.
קראמשטיק סטאַניסלאוו 52.
קאַנטאָר י. ל. 78.
קאַפּלאַן אליעזר 84.
קליאַטשקאָ 101.
קאָנסטאַנטין, גרויספירשט 101, 235.
קראָכמאַל נחמן 102, 111, 212.
קליינערמאַן א. 156.
קלוגער ד"ר 156.
קראמשטיק י. 157, 252.
קאָרנגאָלד יעקב 157, 251, 252, 254.
קלארמאַן 192.
קאָראָ חיים יוסף 206.
קרעמיע 210.
קאָרן יעקב 216.
קרעל יאָסל 229.
קראשעווסקי 235.
קאָרנגאָלד ליבער 251.

— ר —

ראָטוואַנד. שמואל 17, 18.
רויפמאַן 22.
ראָזענבלאַט איטשעלע 31.
ראָזענטאַל יוסף 31, 101, 114, 156.
רייטער 49.
ראַקאָווסקי אבטשע 69, 156.
ראַפּאָפּאָרט ש. ל. 102, 212.
ראָזענשטיין פּראָפ' 188, 189, 191, 192, 194, 196, 197, 200.
רובין שלמה 216.
ראָזען מאַטיאַס 235.

— ש —

שטיין א. ש. 18.
שאַפּירא א. י. 18, 71, 80.
שאַצקעס מ. א. 19.
שאַפּירא נטעלע 22.
שיפער פייוול 22.
שווענטאָכאָווסקי 40.
שעראָשעווסקי 40.
שיינהאַק שמואל 56, 157, 251.
שטערן אברהם יעקב 101.
שד"ל 102.
שוואַרץ 128, 156.
שפ"ר 156.
שווייצער 156.
שאַפּירא הערמאַן 175.
שטיינבערג יהושע 235.
שאָפּען 236, 238, 239, 244.
שפּינאָזא 248.
שלום עליכם 248.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פּרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן ־ נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
עוזר ווארשאַווסקי: שמוגלארס
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
ד"ר ז. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
לייב ראָכמאַן: מענטשן אין קברים
מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע.

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאַך: מאַטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: ארישע פּאַפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאַזאָוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאַמף (דאָקומענטן)
מ. קאַסטרינסקי: פּינסק
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
ד"ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
ל. שפּיזמאַן: די חלוצישע באַוועגונג אין פּויקן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאַדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאס פוילישע יידנטום

יעקב מעסטל שרייבט וועגן „חורבן ווארשע" פון יאנאס טורקאוו („יידישע קולטור", ניו-יארק, אויגוסט, 1948):

אין פארגלייך מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז די יידישע מעמוארן־ליטעראטור פון דער היטלער־מלחמה א ריזיקע. די מחברים פון דער דאזיקער ליטעראטור ציילן זיך ממש אין די הונדערטער. דא קאן מען פאראזירן ד"ר ח. זשיטלאווסקיס זאג: מ'נעמט שרייבן זכרונות, ווען מען פארלירט (נישט דעם זכרון — נאר) די האפענונג נאך ווייטער אליין זיי איבערצולעבן. בלויז אין דער ביכער־סעריע „דאס פוילישע יידנטום" פון צענטראל־פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע געפינען זיך ביז איצט 27 בענד, און א צוויי טוץ ווערן צוגעגרייט צום דרוק. אין אט דער שפע געטא־ליטעראטור, בפרט פון חורבן ווארשע, איז יאנאס טורקאווס „אזוי איז עס געוועזן" — אן אוניקום.

יאנאס טורקאוו איז נישט קיין פנים־חדשות ווי א שרייבער. ער האט פארפאסט און אויך איבערזעצט א היפשע צאל קאמעדיעס, פיעסעס און איינאקטערס, האט פארעפנטלעכט א סך ארטיקלען — בעיקר אין די „ליטערארישע בלעטער" — וועגן טעאטער און פילם, איז געוועזן אין רעדאקציע־קאלעגיע פון ארטיסטן־ארגאן אין פוילן „יידישע בינע" און ארויסגעגעבן אן אייגענע בראשור „וועגווייזער פאר דראמאטישע קרייזן" (ווארשע, 1924). ער איז א באוווסטער יידישער שוישפילער און רעזשיסאר (ווי כמעט זיין גאנצע משפחה). ער איז געווען אקטיוו אין קולטור־געזעלשאפטלעכן לעבן און פארנומען אן אנגעזעענעם ארט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין פוילן. דאס אלץ האט געלייגט א חותם סיי אויפן אינהאלט, סיי אויף דער פארם פון זיין איצטיקן בוך „אזוי איז עס געוועזן".

כדי צו האבן א באגריף וועגן די פארשידנארטיקע טעטיקייטן פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין היטלעריסטישן ווארשע, איז גענוג בלויז אויסצורעכענען די אומצאליקע פונקציעס, וואס ס'איז יאנאס טורקאוון אליין אויסגעקומען דארט צו דערפילן. ער איז געווען טעטיק אין סאניטאר־דינסט, אין דער נשרפים־סעקציע און קיכן, שפעטער געארבעט אין דער „אליינהילף" און אין א געטא־„שאפ"; האט אנגעפירט מיט דער

„צענטראַלער אימפּרעזעס־קאָמיטע", וואָס האָט קאָנטראָלירט די קינסט־לערישע טעטיקייט אין וואַרשע און אַפילו אַרויסגעגעבן געלט־פּרעמיעס (צו 100 און 200 זלאָטעס. פאַרשטייט זיך: ווי נישטיק אַזאַ סומע איז געווען, קאָן מען דרינגען פון דעם פאַקט, וואָס אַ קילאָ ברויט האָט שפּעטער געקאָסט פון 10 ביז 50 זלאָטעס, אַ פונט פוטער — ביז 300 זלאָטעס; פאַר איבערגעבן אַ בריוו, אָדער אַ פּעקל — 50 ביז 100 זלאָטעס; און טורקאָוו אַליין האָט געמוזט צאָלן אַ פּוילישער פרוי פאַר האַלטן זייער טעכטערל, מאַרגאַריטקע, אויף דער „אַרישער זייט" — 40 זלאָטעס אַ טאָג. אָבער אַ מאָראַלישער כוח איז דאָס געווען אַ גרויסער). טורקאָוו אַליין האָט באַקומען פונעם „ייקאָר" אַ פּרעמיע פאַר דער בעסטער שאַפונג אויף דער טעמע „געטאָ". ער האָט „באַאַרבעט" די שפּיל־טעקסטן פאַר דער דייטשער צענזור, איז געווען דער פאָרזיצער פונעם רעטונגס־פאָנד פאַר אַרטיסטן, האָט רעזשיסירט און מיטגעשפּילט (מיט דיאַנאַ בלומענפעלד) אין דער פּיעסע „פרוידס טעאָריע פון חלומות" — און אין דער זעלבער צייט „געאַרבעט" אין דייטשישן „ווערט־ערפאַסונג" (אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן פּשוט מיט באַרויבן די ציווילע באַפעלקערונג), ווו ער האָט אין געהיים געזאַמלט מעבל און מכ־שירים פאַר יידישע „בונקערס", וואָס ער האָט געהאָלפן אויסבויען (אַפילו מיט עלעקטריק, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און גרויסע זאַפּאַסן פּראָוויאַנט), און דאָרט געלאָזט קאָפּירן וויכטיקע געהיימע דאָקומענטן פון די דייטשע אָפיצירן, בעת ער איז געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג („פּאַרטיי"), זאַמלענדיק געווער און אַמוניציע.

ווי מיר זעען — אַן אומגעווענלעך־לעבעדיקע טעטיקייט, ווי אין אַ כמעט הערמעטיש פאַרמאַכטן בינענשטאָק, וואָס האָט זיך גערופן „וואַרשעווער געטאָ".

די אַלע צרות און פורעניותן פון געטאָ־לעבן זענען אונדז באַקאַנט אויך פון אַנדערע געטאָ־שילדערונגען. אויך אין טורקאָווס בוך זענען פאַראַן אויפשיטערנדיקע בילדער פון יענער צייט, ווי טורקאָווס אָפּגעזעגענען זיך מיטן אייגן קינד (ז"ז 368-367) און די צוויי קינדער מיטן וויגעלע (ז"ז 472-475); סצענעס פון דער זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע (ז"ז 378-377), אָדער פון דער „סעלעקציע און מאַרש אויפן אומשלאַגפּלאַץ" (ז"ז 335-344), וואָס קלינגען ממש ווי נסים.

און וויפל מ'זאָל נישט דערציילן, קו־
מען אַלץ צו נייע פּרטים, — ווי
למשל, די וויסטע פּרנסות פון „ריק־
שעס" אין געטאָ און דאָס אַרויפשי־
טן לייז אויף גוט־געקליידטע פאַרביי־
גייער, כדי אויף דעם אופן אַרויס־
צווינגען פון זיי אַ נדבה; מיר דער־
וויסן זיך, אַז „ביזן אויסברוך פונעם
קריג מיט סאָוועט־רוסלאַנד, פלעגן פון
דאָרט אָנקומען אין געטאָ מאַסנווייז
גוטע שפּייז־פּעקלעך" (ז. 124); אַז
מ'פלעגט אָפּט זיך אַנטקעגנשטעלן
דער יידישער פּאָליציי, און אַז „בעת
די פאַרפאָלגונגען אויף פּאָליאַקן, פלע־
גן אַ סך פון זיי אַריבערשפּרינגען די
געטאָ־מויער פון דער אַרישער זייט צו
אונז אויף מילנע גאַס, ווו מיר פלעגן
זיי אויסבאַהאַלטן, ביז דאָס „געיעג"
אויף זיי איז אַריבער" (ז. 425). אפשר
צום ערשטן מאָל ווערט דאָ געבראַכט
אַן אָפּיציעלע אַמטלעכע באַשטעטי־
קונג, אַז אַ יידישע מאַמע האָט „אויפ־
געגעסן די הינטערטייל פון איר טויט
קינד" (ז. 129). און נאָכאַמאָל די
גרויזאַמע אָנקלאַגע קעגן אונדז, אַמע־
ריקאַנער יידן: מיר וואָלטן פאָרט גע־
וועז געקאָנט — פשוט מיט דאָלאַרן
— אויסקויפן און אָפּראַטעווען פון
טויט אַ גרויסן טייל פון דעם האַלבן
מיליאָן יידן, וואָס זיינען בלויז ביז
סעפּטעמבער 1942 אַרויסגעפירט גע־
וואָרן צו די גאַז־אויוונס אין טרעב־
לינקע. מען האָט „געקאָנט פאַר גראָב
געלט באַפרייען מענטשן פון די „אַק־
ציעס" און אַפילו פונעם אומשלאַג־
פּלאַץ (פאַר 1.000 ביז 50.000 זלאָ־
טעס פּראָ קאָפּ)... בימער איז אָבער
געווען דעם, וואָס האָט נישט געהאַט
קיין אויסקויף־געלט... זיינען טאַקע
די אַרבעטס־מענטשן... און אויך די
אַרימעלייט די ערשטע אַריינגעפאַלן"
(ז"ז 284־285). איז דאָך אויף דעם
אופן אויך געפאַלן אַ קרבן ד"ר יצחק
שיפּער (ז"ז 439־440). מיר דאָ, אין
אַמעריקע, האָבן „נישט געגלויבט" —
די „דעמאָקראַטישע דיפּלאָמאַטיע"
האָט עס פאַרקאַמופלאַזשירט פאַר
אונדז. אַז די אומגליקלעכע קרבנות
אַליין „האָבן דאָך דעמאָלט (אין יאָר
1941) אויך נישט געוואָלט גלויבן"
(ז. 384)...

דאָס נייע אין דעם בוך באַשטייט
אין אויספירלעכן שילדערן די פאַר־
העלטענישן פון דער יידישער א י נ־
ט ע ל י ג ע נ צ אין יענער צייט.
„...מיטן „אַריינוואָרפן" אין געטאָ
טויזנטער משומדים און צענדליקער
טויזנטער אַסימילירטע יידן... איז
אויך אַריינגעבראַכט געוואָרן אין גע־
טאָ דער „פּוילישער גייסט"... די פּוי־
לישע שפּראַך איז געוואָרן די דאָמי־
נירנדיקע... ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ
שטאַרקע אַסימילאַציע־באַוועגונג,
וואָס האָט געדראָט צו פאַרפלייצן דאָס
יידישע לעבן אין געטאָ; געווען אַפּי־
לו פאַלן פון שמד!" (ז. 247). און
דאָך האָט די יידישע קולטור־אָרגאַני־
זאַציע („ייקאָר"), וועלכע האָט גע־
מוזט פונקציאָנירן אומלעגאַל, באַוויזן
צו באַקעמפן די אַסימילאַציע. אונ־
טערן לאָזונג „ייד — רעד יידיש!",
האָט מען געגרינדעט אַ נעץ שולן,
קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, בי־
בליאָטעקן, אַראַנזשירט לעקציעס, רע־
פעראַטן, קינסטלערישע און ליטעראַ־
רישע פאַראַנשטאַלטונגען — „און
דער עולם האָט זיך טאַקע געשמאַק
אָנגעהויבן צו לערנען יידיש" — אויף
אַזוי ווייט, אַז יידישע אַרטיסטן פון
דער פּוילישער בינע „האָבן זיך גע־

מוזט אויסלערנען יידישע רעציטאַ־
ציעס", און „אַזוי לאַנג, ווי עס האָט
נאָר וווּ געלעבט אַן עדה יידן, האָט
פּולסירט אַ יידישע קולטור־אַרבעט".
דער „ייקאָר" האָט אויך פּאַקטיש גע־
לייגט דעם פונדאַמענט פאַרן צענ־
טראַלן יידישן רינגעלבלום־אַרכיוו.

דאָס גרעסטע קאַפּיטל אין בוך איז
געווידמעט דעם „טעאַטער און פאַר־
ווײַלונג" (איבער 50 זייטן). „אין
דעם גרויסן מלחמה־קעסל... שפּילט
מען נאָך אַלץ יידיש טעאַטער... יידי־
שע אַקטיאָרן האָבן... די לעצטע פאַר־
לאָזט זייערע פּאָסטנס" — „קיין איי־
נער פון זיי איז נישט אַריינגעטראָטן
אין דער יידישער פּאָליציי... דאָס
דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן
ווערן" — וואָרום „די יידישע פּאָליציי
איז איינע פון די טרויעריקסטע
בלעטלעך אין דער געשיכטע פונעם
וואַרשעווער געטאָ" (ז"ז 19, 20, 91
און 133). „אַז אין דעם אַלטן גרויסן
קהילה־זאַל... זאָלן יידישע קינסטלער
קאָנען איינאָרדענען זייער בילדער־
אויסשטעלונג און יידישע אַקטיאָרן
אַרויסטרעטן מיט אַ יידיש וואָרט —
דערצו האָט געקאָנט קומען ערשט בעת
דער היטלער־אָקופּאַציע!" (ז. 59). די
צאָל יידישע אַרטיסטן און שרייבער
איז דערגאַנגען אין געטאָ ביז איבער
500 (אין בוך, אויף ז"ז 240־246, איז
פאַראַן אַן אויספירלעכע רשימה).
אייגנטלעך האָט מען ווידער „אָנגע־
הויבן פון אָנהויב" — ווי פּ אָ ט ע ר
גּ אָ ל ד פ אַ ד ע ן: ווען ס'איז „די
פּאָליציי־שעה באַשטימט געוואָרן אויף
7 אַזייגער אָוונט... זענען זיך די
שכנים צונויפגעקומען אין די גרעסע־
רע דירות, „פּאָליטיקירט", דיסקו־
טירט... ביז שפּעט ביינאַכט. אַנדערע
ווידער — אויף אַ „קערטל"... ערשט
5 אַזייגער פאַרטאָג, ווען ס'האָט זיך
געענדיקט די פּאָליציי־שעה... האָבן
זיי געקאָנט אַהיימגיין. אַזוי איז אַמאָל
געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו פאַר־
בעטן אַ יידישן אַקטיאָר, ער זאָל דעם
עולם אַביסל משמח זיין... ווען אין
אַנדערע הייזער האָט מען זיך דערפון
דערוווּסט, האָט מען נאָכגעטאָן דעם
ביישפּיל" (ז"ז 195־196) — ביז קלו־
גע געשעפטסלייט, אַריינגעמענדיק ווי
שותּפים מיטגלידער פון יידנראַט און
פון דער פּאָליציי, האָבן איינגעפירט
רעווי־פּראָגראַמען אין צענדליקער קאַ־
פע־הייזער און פּריוואַטע לאָקאַלן, און
„מען האָט זיך פּשוט געשלאָגן פאַר
בילעטן"! עס זענען אויך אויסגעוואַק־
סן ווי שוואָמען פאַרשידענע אַמאַ־
טאָרן־קרייזן. שפּעטער איז צוגעקומען
אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער, קאָנצערט־
און גאַסן־אָרקעסטערס, כאָרן און באַ־
לעט־סטודיעס; געווען אויך אַרטיסטן,
וועלכע האָבן געזונגען אין די הייף
— אַזוי, אַז ביז סעפּטעמבער 1941
זענען געווען גאַנצע 1814 „אימפּרע־
זעס".

שוין אין געטאָ זענען געווען (אַ־
דאַנק די „פאַרבינדונגען", בפרט פון
אַ געווויסער פרוי יודט, וועלכע מ'האָט
חושד געווען, אַז זי אַרבעט מיט דער
געשטאַפּאָ) 5 סטאַבילע פּראָפעסיאָ־
נעלע טעאַטערס — צוויי אין דער
יידישער שפּראַך און דריי אויף פּוי־
ליש. אָבער אויך דאָ האָט דער „קול־
טור־מצב" געשטאָכן די אויגן: בעת
דער רעפּערטואַר אין די יידיש־פּויל־
שע טעאַטערס איז געשטאַנען אויף אַ
גאַנץ הויפּשן ליטעראַרישן ניוואָ, האָט
מען אין די טעאַטערס אויף יידיש גע־
שפּילט מייסטנס „ציפּקע פייער", „די
שוואַרצע חופּה", „די גרינע כלה" און
ענלעכע מאַכעריקעס, הגם דאָס „ניי־

אַזאַזעל"־טעאַטער האָט אויך גע־
שפּילט „דער דיבוק", „שלמהקע שאַר־
לאַטאַן", „מאָטקע גנב", „שולמית"
א. א. (זע ז"ז 195־232).

ס'איז יאָנאַס טורקאָוום גרויסער
פאַרדינסט, וואָס ער האָט פאַרצייכנט
אין זיין בוך אַ סך פון די נ ע ג אַ־
ט י וו ע כאַראַקטערס און באַגעבנ־
הייטן. וועגן העלדן־טאַטן פון די גע־
טאָ־קדושים האָט מען שוין פריער פיל
פאַרצייכנט. אויך אין טורקאָוום בוך
זענען פאַראייביקט די איבערמענטש־
לעכע אויפטועו פון נחום רעמבאַ און
אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג, פון דער
„האַלבער יידין" גינאַ פאָן אָפּענבאַך
און פון אַנדערע יידישע און נישט־
יידישע מענער און פרויען; די גע־
וואַגטע אַרויסטריטן פון אורקע נאַ־
כאַלניק, פון דעם 70־יאָריקן חסידישן
ייד פאַסטערנאַק (ז"ז 26 און 351־
354) און אַ סך אַנדערע. אינטערע־
סאַנט איז די כאַראַקטעריסטיק פונעם
אינזשעניער אַדאַם טשערניאַקאָוו,
וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד
(קאַפּיטל XVII). נאָר די מעשים־תע־
תועים פון אַ מענטשלעך באַשעפעניש,
וואָס קאָן ווערן ערגער פון אַ חיה,
בפרט פון די יידישע דעגענעראַטן,
דאַרף פאַרצייכנט ווערן, ווי אַ שאַנד־
פלעק פון מענטשלעכן מין און ווי אַ
גרויזאַמע וואָרענונג פאַר די איבער־
געבליבענע. „אַ געטאָ־מענטש, וואָס
האָט נאָר געהאַט איין ציל, איין פאַר־
לאַנג: דורכהאַלטן... ווען די שטאַרק־
סטע מענטשן, די פלאַמענדיקסטע גע־
זעלשאַפטלעכע טוער האָבן זיך איינ־
געבראָכן, פאַרטעמפּט געוואָרן" (ז"ז
360־361) — אַט די שווער־געפּרווו־
טע דאַרף מען אַ סך מוחל זיין. י.
טורקאָוו האָט איינזעניש מיט די
אַכזריותדיקע נישט־יידן, אָנווייזנדיק
ווי אַזוי „דער באָדן פאַר דעם איז
צוגעגרייט געוואָרן" נאָך אַ סך פריער
(וועגן דעם איז כדאי זיך צו באַקענען
גענויער מיט זיינע באַמערקונגען און
שילדערונגען אויף אַ סך זייטן פון
בוך) — פונקט ווי ער קלערט־אויף
זייער לאָגיש ווי אַזוי די אינערלעכע
דיסציפּלין פון די געטאָ־אָרגאַניזאַ־
ציעס האָט דערמעגלעכט דעם העלדי־
שן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער גע־
טאָ (ז. 65). אָבער אין דער זעלבער
צייט האָבן יי ד ן — אַ „חברה
קאַריעריסטן אָן סקרופּעלן געבאַלע־
באַטעוועט אויף אַ שמוציקן שטייגער,
געמאַכט קאַפּיטאַל און געהוליעט
אויפן חשבון פון אונדזער אומגליק"
(ז. 57), צווישן זיי ראַטמענער פון
יידן־ראַט, פון דער יידישער פּאָ־
ליציי, יידישע געשטאַפּאָ־אַגענטן
און מיטאַרבעטער פון דעם טרויע־
ריק־באַרימטן „13טל"; דער רע־
נעגאַט פּראָפ. ד"ר אַלפרעד נאָ־
סיג, דער לידער־שרייבער און הו־
מאָריסט ליפּסקי, די משומדים פּאָל־
קאָווניק שערינסקי און דער פּאָליציי־
אָפיציר שמערלינג, די דייטשע יידן
זאַקסענהיים און פאַסטעל, דער „פּרו־
מאַק" חזן גרשון סיראָטאַ מיט זיין
כנופיא און גאַנצער משפחטע, און —
צו אונדזער גרויסן בזיון — צענדלי־
קער און הונדערטער אַנדערע, וואָס
האָבן „געשאַברעוועט" (פשוט גע־
רויבט און געפּלינדערט); ביי די צו
גאַז־אויוונס געפירטע גענומען צו 300
און 500 זלאָטעס פאַר אַ פלעשל וואַ־
סער; וועלכע האָבן, מיטן כוח פון
זייערע טעכטערס „פריינטלען זיך"
מיט די דייטשן, אויסגעפּרעסט צענד־
ליקער טויזנטער פאַר אַרויסגעבן אַ

„נומער“ (אַז מען איז אַן אַרבעטער אין אַ „שאָפּ“, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן אויף אַ שטיקל צייט...) און פאַר אַ באַהעלטעניש אין אַ „בונקער“ — 15 ביז 25 טויזנט פאַר אַ פּערזאָן... געווען אַפילו „אָרגאַניזירטע“ באַוואָפנטע באַנדעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פּשוטן רויב און קידנעפּן — די שפּיאָן־אינטריגעס פון דער טענצערין מאַנוונאַ־ראָזענבערג און פון דעם פּראָוואָקאַטאָר־קאַריעריסט אבֿרהם גאַנצווייך — אַ מנוול־טיפּ פון דעם מין „דאָקטאָר דזשעקיל און מיסטער הייד“; אַ געוועזענער לערער פון העברעאיש, אַ מיטאַרבעטער פון דער „זאַגלעמביער צייטונג“ און רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער „פרייהייט“ אין לאָדזש — און אַ פאַרבינדעטער פון דעם דייטשן מיניסטער־פּראָוואָקאַטאָר אין „באַרימטן“ פראַנקס „קאַבינעט“ אין קראָקע; מאַכט פאַרמעגנס פון געשמוגלטער סחורה אויפן חשבון פון יידישן שוויים, נויט און פּיין, און איז צוגלייך דער „מעצענאַט“ פון יידישע קינסטלער און העלפט „ביד רחבה“ אַנדערע, איבערהויפּט דער אָרימקייט“ (ז. 159) — דאָס אַלץ לייענט זיך ווי אַן אומגלויבלעכער דעטעקטיוו־ראָמאַן, וואָס קאָן צושטעלן טיפן פאַר דער סענסאַציאָנעלסטער מעלאָדראַמע.

אַ טייל פון זיי האָט געפונען דעם פאַרדינטן טויט דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב“, און פון רעשט איז לסוף אויך נישט געבליבן קיין שריד־ופּליט — דורך דייטשע „ווייסנשאַפטלעכע“ מעטאָדן.

אָט די אַלע האָט יאָנאַס טורקאָוו געשטעלט צום משפּט פאַרן געוויסן פון דער וועלט, בפרט פאַרן יידישן געוויסן.

זיין בוך „אַזוי איז עס געווען“ איז געבויט אויף אויטענטישע דאָקומענטן און אויף זיין טאָג־בוך, וואָס ער האָט באַגראָבן אין אַ צינק־בלעך, און נאָך העכער צוויי יאָר עס אַרויסגעגראָבן, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט וואַרשע (פאַרענדיקט האָט ער דאָס בוך שוין זייענדיק אין איטאַליע, אין 1947). עס איז געשריבן אין גוטן יידיש, מייסטנס אין סטאַקאַטאָ־טעמפּאָ (לויט דער געשווינדקייט פון די געשעענישן), פּשוט, אָן „ליטעראַרישע“ פּרעטענזיעס, און דער עיקר — מיט דער פּינקטלעכקייט און גענויקייט פון אַ היסטאָריקער.

אין דעם באַשטייט דער הויפּטווערט פון בוך. זכרונות־שרייבער „היטן זיך“ געוויינלעך אָנצוגעבן נעמען און דאַטעס. ביי טורקאָוון פאַרקערט: זיין נעמען־רעגיסטער אַנטהאַלט א י בער ט וי ז נ ט נ ו מ ע ר ן! פון זיי, ווי פון די אָנגעגעבענע ערטער, דאַטעס, שילדערונגען (ער באַשרייבט אַפילו מונדירן, מעבל, הייף א. אז. וו.) לאָזט זיך אויפשטעלן גאַנצע סטאַטיסטישע טאַבעלעס — אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַרן היסטאָריקער פון דער וואַרשעווער געטאָ. פון נישט קיין קלענערן ווערט זענען די פאָטאָגראַפיעס, פאַקסימילען, מאַפּעס און די אויטענטישע געטאָ־צייכענונגען פון טעאָפילאַ רייך (געצייכנט טאַקע בעת דער געטאָ־בהלה אין וואַרשע), וואָס גרייכן ביז אַנדערטהאַלבן הונדערט. וויפל פּנימער פון אייגענע און באַקאַנטע, וויפל טראַגיק אין די „סצענעס“ פון די געפּלאָגטע!...

„די בלעטלעך האָבן אויך שאָטן־זייטן און זענען פול מיט קאָנטראַסטן" (פון י. טורקאָוו אריינפיר־ווערטער) — בפרט ווען מען פאַרגלייכט די הוליאַנקעס פון יידישע בלוט-פראָפּיטידער מיט די נאַצי־אכזריותן איבער דער אָרימשאַפט פון די ברייטע יידישע מאַסן (געשילדערט אין די קאַפּיטלען 8־17). זיי געהערן צו די ווערטפולסטע פון יידישע געטאָ־ביכער.

י. ל. גרוזמאַן שרייבט אין זיין איבערזיכט „ביכער צום לייענען און לערנען" וועגן דעם בוך „דאָס לעבן און שאַפן פון יצחק קאַצענעלסאָן" געשריבן דורך זיין שוועסטער צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו („דער שפּיגל", בוענאָס־איירעס, יולי 1948):

יצחק קאַצענעלסאָן...

די האַנט הייבט אָן ציטערן ביים אויפשרייבן בלויז דעם נאָמען זיינעם.

ער איז דאָך געווען דאָס וווּנדער־קינד, דער ליבלינג פון דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. האָבן דאָך אַלע גרעסטע שרייבער און דיכטער פון זיין צייט אַזוי פיל האָפענונג געלייגט אויף אים. אים מקרב געווען, געצערטלט, געמוטיקט און ליב געקראָגן טאַקע ווי אַן אמת וווּנדער-קינד!

סיי פרץ, סיי פרישמאַן האָבן אים געטוליעט צום האַרצן, געדרוקט זיינע ערשטע זאַכן און זיך געפרייט מיט יעדער נייער שאַפונג זיינער!

ער איז געווען די צאַפּלדיקע פרייד אין דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור און ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז ער, דער אייביק לוסטיקער און פריילעכער יצחקל, וועט זיין דער, וואָס וועט אָנשרייבן מיט אייגענעם בלוט, יאָ, מיטן בלוט פון זיין צעפייניקטן לעבן, די שטאַרקסטע קלאָג-פּאָעמע פונעם „אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, וואָס וועט ווי אַ פינצטערע קללה הענגען איבער דער רשעותדיקער וועלט און אירע יידן־רוצחים און מאָנען, פאָדערן נקמה, אייביקע נקמה?!...

יצחק קאַצענעלסאָנען איז באַשערט געווען דורכצומאַכן דעם לאַנגן בלוטיקן גאָלגאָטאַ-וועג פון די מיליאָנען אומגעקומענע ברידער און שוועסטער אונדזערע און זיין זינגנדיק-שעפעריש לעבן איז פאַרשטומט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין „אויסגעהרגעטן פאָלק", וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און צו וועמען ער האָט זיך געטוליעט מיט גרויס רחמים ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן...

האָט גוט געטאָן דער היגער פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", וואָס האָט באַווירקט זיין שוועסטער צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו, אַז זי זאָל אָנשרייבן אַ ביאָגראַפיע וועגן איר גרויסן ברודער, וועלכער וועט אייביק לעבן אין זכרון פון אונדזער פאָלק אַדאַנק זיין איבערגעבליבענער ווערטפולער ליטעראַרישער ירושה.

צפורה קאַצענעלסאָן-נאַכומאָוו האָט אָנגעשריבן די ביאָגראַפיע „יצחק קאַצענעלסאָן" מיט טרערן און בלוט פון אַן אויסגעווייטיקט שוועסטערס האַרץ. זי האָט די ביאָגראַפיע געשרי-

בן מיט ווירדע און א סך טאקט, געשריבן אביעקטיוו און מיט א סך ליבשאפט און דערפאר באקומט זיך אזא פרעכטיק בילד, וואס טיילט נישט אוים בלויז די ליכטיקע פיגור פון איר ברודער־קדוש קאצענעלסאן, נאר שילדערט אויף א בולטן אופן די גאנצע סביבה און דעם פרוכטבארן שיינעם משפחה־באדן פון וואנען עס איז ארויסגעוואקסן דער אזוי בליענדיקער בוים — יצחק קאצענעלסאן. דער טאטע, די מאמע, ווי די אנדערע מיטגלידער פון דער משפחה קאצענעלסאן ווערן זייער נעט און אויפריכטיק געשילדערט. נישטא קיין שמץ פון בארימעריי און יחוס־שטאלץ. אלץ ווערט קארעקט פארצייכנט און געמאלן און ס'באקומט זיך א הערלעך בילד וועגן דער סביבה און עפאכע אין וועלכער יצחק קאצענעלסאן האט געלעבט און געשאפן. די ביאגראפיע נעמט ארום דאס לעבן און שאפן פון יצחק קאצענעלסאן ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יצחק איז אריינגעטראטן אין א נייער תקופה, וואס האט זיך געצויגן דריי צענדליק יאר ביז זיין טראגישן סוף אין די גאזקאמערן, ווען ער איז אומגעקומען על קידוש השם צוזאמען מיט זיין „אויסגעהרגעטן יידישן פאלק”, וועמען ער האט אין די פינצטערע געטא־טעג געווידמעט זיין לעצטע גרויסע פאעמע.

לויט דער אביעקטיווער שילדערונג פון דער שוועסטער פון גרויסן יידישן דיכטער, ווערט פאר אונדז פונאנדערגעוויקלט דאס פארביקע לעבן פון יצחק קאצענעלסאן וועלכער האט שוין צו 10 יאר געשריבן און אויך פארעפנטלעכט שירים און לידער אויף אונדזערעביידע שפראכן: יידיש און העבראיש. מיר זעען קאצענעלסאנען פון זיין פריסטער יוגנט אן, באקענען זיך מיט אלע זיינע שיינע און טראגישע ליבעס, באוונדערן זיין „ווילדקייט”, זיין פירן מלחמות מיט די יוגנט־באנדעס פון זיין שטעטל ביז... ער ווערט פארכאפט פון די רעוואלוציאנערע אידייען אלס אקטיוויסט אין דער פאליטישער ארבעט. געלונגען שילדערט אינעם בוך צפורה ק. דעם שעפערישן גייסט פון איר ברודער, וואס האט אין אים געברויזט פון דער פריסטער יוגנט אן. מיר באקענען זיך מיט די ערשטע שאפונגען זיינע, וועלכע זענען ביז איצט נישט געווען באקאנט דער ברייטער עפנטלעכקייט, מיט זיין רעזשיסארישן טאלאנט און מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן אלס לערער און דערציער. ער איז געווען א מושלם בכל המעלות, אן אמת וואונדער־קינד און נישט אומזיסט איז ער אזוי באליבט געווען אין אלע געזעלשאפטלעכע און

ליטעראַרישע קרייזן ווו ער האָט אַק־
טואירט, געווירקט און געשאַפן.

ביאַליקס שטוב אין אָדעס איז פאַר
אים געווען אַזאַ פריינטלעכע און
היימישע ווי פּרצעס אין ווארשע און
די יידישע שרייבער אין פּוילן, ווי די
העברעאישע אין רוסלאַנד — אַלע,
אַלע האָבן זיך געגרויסט מיט אים און
אים אָנגערופן דער „ילד שעשועים",
אָדער דער לוסטיקער און „צעוויל־
דעטער משורר".

אינעם בוך זענען פאַראַן פּרעכטי־
קע קאַפּיטלען, וואָס פאַרדינען אַ באַ־
זונדערע אויפמערקזאַמקייט. ווען מען
לייענט די ביאָגראַפיע פאַרגעסט מען
לגמרי, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ
שרייבערין — אַן אָנפאַנגערין. די
קאַפּיטלעך זענען זייער פיין און גוט
געסדרט, די שפּראַך אַ קלאָרע, אַ
זאַפטיקע און די גאַנצע ביאָגראַפיע
איז זייער אַ געראָטענע.

ד״ר יעקב צינעמאַן שרייבט וועגן דעם בוך „געברענטע טריט" פון ז. סעגאַלאָוויטש („די ציוניסטישע שטימע", פּאַריז, 1טער יולי 1948):

מיטן חורבן פון גרויסן פּויליש־
יידישן ישוב איז אויך חרוב געוואָרן
אַן ערנסטער פאַקטאָר אינעם יידישן
פאַרלאַגס־וועזן. ס'איז נישט לייכט
אַרויסצוגעבן היינט אַ יידיש בוך. און
צוליב דעם קומט דעם צענטראַל־
פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין
אַרגענטינע אַ גרויסער יישר כוח, וואָס
ער באַמיט זיך, אין אַ קליינעם אָבער
געלונגענעם מאַסשטאַב, ממשיך צו
זיין די גאָלדענע קייט פון אַמאָליקן
יידיש־פּוילישן פאַרלאַגס־וועזן. דאָס
איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנ־
קען דעם באַוווסטן יידישן זשורנאַ־
ליסט און שרייבער מ אַ ר ק ט ו ר־
ק אָ ו, וועמען דער קריגס־גורל
האָט פאַרטריבן מעבר לאוקינוס קיין
אַרגענטינע. די פּאָר צענדליק ביכער,
וועלכע דער יידיש־פּוילישער פאַר־
באַנד אין אַרגענטינע האָט ביז איצט
אַרויסגעגעבן, זענען באמת אַ גרוי־
סער אויפטו, בפרט, אַז דאָס איז
נישט בלויז קוואַנטיטעט נאָר אויך
קוואַליטעט. צווישן די פאַרשידענע
ביכער זענען דאָ ווירקלעך ווערטפ־
לע און אינטערעסאַנטע פּובליקאַ־
ציעס, אויף וועלכע ס'איז כדאי זיך
אָפּצושטעלן.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע גע־
הערט אויך דאָס בוך פון ז. ס ע־
ג אַ ל אָ ו ו י ט ש: „ג ע ב ר ע נ ט ע
ט ר י ט". אייגנטלעך זענען דאָס
נישט מער ווי „איינדריקן און אי־
בערלעבונגען פון אַ פּליטים־וואַנדע־
רונג" (ווי ס'איז אויפגעדרוקט אויף
דעם שער־בלאַט פון בוך), וועלכע
מיליאָנען יידישע מענטשן האָבן
דורכגעמאַכט אין דער ערשט פאַר־
גאַנגענער היטלער־מלחמה. קיין סענ־
סאַציעס אָדער ספּעציעל וויכטיקע
ענינים וועט איר אין סעגאַלאָווי־
טשעס בוך נישט געפינען. זיכער האָ־
בן די צענדליקער טויזנטער יידן אין
די דייטשע מאָרד־לאַגערן איבערגע־
לעבט אַ סך מער גרויזאַמע און שווי־
דערלעכע דערלעבענישן ווי דער אוי־
טאָר פון „געברענטע טריט". אָבער
סעגאַלאָוויטש האָט זיין גורל־וואַנדע־
רונג בעת דעם בלוטיקן וועלט שטור־
דעם פון ווארשע, אין [illegible] 1939

ביז תל־אביב 1940, געקליידט אין אַן עכט קינסטלערישן לבוש, פול מיט געפיל, טאַלאַנט און פילאָזאָפישער רעפלעקסיע. סעגאַלאָוויטש איז אין דער יידישער ליטעראַטור, זייט יאָר צענטער, אַ באַקאַנטער נאָוועליסט און ראָמאַן־שרייבער. אָבער די שווע־רע מלחמה־יאָרן, די מוראדיקע טראַ־געדיע פון פוילישן יידנטום, צרת־יחיד און צרת־הכלל, האָבן געהאַט אַ טיפע און ערנסטע ווירקונג אויף סעגאַלאָוויטשן. כמעט אויף יעדן זייטל פון זיין בוך געפינט איר פי־לאָזאָפישע רעפלעקסיעס, סקעפטישע ...אַרטיפונג און אַ מעלאַנכאָליש־עלע־גישן טאָן. נישט וויכטיק זענען די געשעענישן און פאַסירונגען פון דיכ־טער אויף זיין קריגס־וואַנדערונג פון וואַרשע קיין תל־אביב, דורך די פאַר־שיידענע לענדער און רעזשימען, וואָס דריקן אויס די נשמה־ליידן און די מיסטיקע ראַנגלענישן פון מיליאָנען יידישע פּליטים אויף די פאַרשידנס־טע וועגן און אומוועגן פון זייער קאַמף, אומקום און רעטונג. אין דער הינזיכט וועט דאָס בוך „געברענטע טריט" בלייבן אַ דאָקומענט פון אונ־זער דור, אַ מין פראַגמענט פון דער גראַנדיעזער פּליטים־עפּאָפּיע, וועל־כע וואַרט נאָך אויף איר גרויסן און געניאַלן שילדערער.

אַז די דאָזיקע יידישע עפּאָפּיע פון אונדזער דור האָט אַ טיף־מענטש־לעכע און קינסטלערישע טעמאַטיק, דאָס באַווייזט בולט סעגאַלאָוויטשעס בוך, וואָס איז געשריבן אָן פּרעטענ־זיעס, אָן וועלכן ס'איז ליטעראַרישן פּאַטאָס, אָט אַזוי ווי מ'דערציילט פּשוט אינעם קרייז פון נאָענטע באַ־קאַנטע. גראַד צוליב דעם איז זיין ווירקונג אויף די לייענער אַ זייער שטאַרקע. אָט נעמט גלייך אין אָנ־הייב פון בוך דאָס בילדל: דאָנער־שטיק אָוונט, שפּעט אין דער נאַכט, דער לעצטער נאַכט פאַר דעם קריגס־אויסברוך. אין באַקאַנטן יידישן רעס־טאָראַן אין וואַרשע, אויף ביעלאַנס־קע גאַס „פּיקאַדילי", וווּ אַ גרעסערע גרופּע יידישער שרייבער האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף די לעצטע ידיעות.

„די לעצטע געסט פון רעסטאָראַן האָבן שטאַרק געקוקט צו אונדז, גע־מיינט, אַז מיר ווייסן עפּעס. מיר האָ־בן אָבער גאָרנישט געוווּסט. מען האָט גערעדט און פון רעדן געדענק איך אַ פראַזע: אַ מלחמה אין די געדיכטע יידישע ישובים וועט זיין דאָס גרעס־טע אומגליק פאַר אונדז יידן." שפּע־טער איז אַריינגעפאַלן בערנאַרד זינ־גער. ער איז געקומען פון די פּוילישע זשורנאַליסטן. ער האָט אָפּגערופן שוואַלבען (דעם רעדאַקטאָר פון יידיש־פּוילישן טאָג־בלאַט „נאַש פּזשע־

גלאָנד") און עפּעס גערעדט מיט אים. שוואַלבע איז געקומען צוריק צו אונדזער טיש מיט איין פּראַזע בלויז: „נישטאָ שוין קיין האָפענונג". ס'איז שטיל געוואָרן. אין דער שטילקייט האָט ער זיך אַרויסגערוקט פון רעסטאָראַן. שפּעטער האָבן מיר זיך אויך אויפגעהויבן. שווער איז געווען אויפן האַרצן, אַזוי שווער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. אויף דער גאַס זענען מיר געווען אַ גרעסערע גרופּע: פּנחס קיפּנים, ד"ר גאָטליב, די צוויי באַרימטע אַרטיסטן פון קליין-טעאַטער — דזשיגאַן און שומאַכער, דער סעקרעטאַר פון „מאָמענט" פּראָפּוס. עס זענען געווען נאָך עטלעכע פּערזאָן. שטייענדיק אין אַזאַ אָוונט האָט מען זיך געזעגנט, היינט האָבן אַלע געשוויגן. בקויז דזשיגאַן האָט אַקראָבאַטיש אַ שפּרונג געטאָן און אַרויסגעשריגן צו דער נאַכט: „און איך וועל זיך וועטן מיט דער גאַנצער וועלט, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין!" — „הלוואי" — האָט קיפּנים אונטערגעכאַפּט. אין דעם איז אַ קאַץ דורכגעפלויגן, די קאַץ איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַן אויטאָמאָביל. נישט דערהרגעט געוואָרן, נאָר געבליבן ליגן אויפן מיטן פון דער גאַס. די קאַץ האָט שרעקלעך געקרעכצט. איך וואָלט נישט געגלויבט, אַז אַ קאַץ קאָן אַזוי האַרצרייסנדיק קרעכצן. „נישט קיין גוטער סימן", האָט קיפּנים ווידער אַ ברום געטאָן"...

מיר האָבן בכיוון דאָ געברענגט אַ גרעסערן ציטאַט פון סעגאַלאָוויטשעס בוך. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער גייסטיקער אַראָמאַט פון דעם בוך. פּאָליטיק געמישט מיט פּאָעזיע און האַרץ-געפיל מיט ברוטאַלער ווירקלעכקייט — שאַפן דעם מיליע, אין וועלכן סעגאַלאָוויטש דערציילט, און פיינער און אינטערעסאַנטער פאָרם דאָס אַלץ, וואָס מיר אַלע, יידישע פּליטים, האָבן איבערגעליטן. מיט דעם דיכטער וואַנדערן מיר אין טויטגעפאַר צווישן שלאַכטן און באָמבעס איבער יידישע שטעטלעך און גויאישע דערפלעך, ביז מיר קומען צו דער פרידלעכער ווילנע, דער נייער הויפּטשטאָט פון ליטע. די גלגולים פון דיכטער איבער סאָוויעטישע אמטן, איבער קאָוונע, מאָסקווע און אָדעס. זענען אַן אָדיסייע, פאַרבנרייך און פאַרכאַפּנדיק. די נסיעה איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ימים, דערמאַנט כמעט אין די „נסיעות פון בנימין השלישי". ענדלעך איז סעגאַלאָוויטש אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

דער דיכטער מיט לאַנגע בונדישע טראַדיציעס און אַנטי-ציוניסטישע סברות איז באַגייסטערט מיט דעם יידישן לאַנד און מיט דער הערלעכער יידישער שטאָט. „אָבער די נשמה איז איבערגעלאָדן מיט דעם נעכטן". מיט דעם נעכטן וואָס שטייט פאַר דעם חורבן.

סעגאַלאָוויטש איז נישט געוואָרן קיין ציוניסט, הגם ער איז אַ ספּעציפישער חובב-ציון. צווישן עבר, וואָס איז אַוועק און דעם עתיד, וואָס בויט זיך אין קאַמף און אַרבעט אין ארץ ישראל, געפינט ער נישט קיין בריק. זיין נשמה איז צעריסן און זיין האַרץ איז צעוויטיקט. אָבער אונדזער יידישער צער האָט גענוג געריסן קריעה און געוויטיקט אויף פרעמדער ערד. מיר בויען דעם יידישן עתיד אין אַן אייגענער יידישער מלוכה און אונדזערע דיכטער האָבן אַ נייע אויפגאַבע: די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלער אַרבעט און נאַציאָנאַלן קאַמף.

1123